STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00433

SHMUESN MIT SHRAYBER IN YISROEL

Jacob Pat

Permanent preservation of this book was made possible by
Morris I. Stein
in memory of
his parents, Lena & Sam

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
קוואל

דער קוואַל

יעקבֿ פּאַט / שמועסן מיט שרײַבער אין ישׂראל

יעקב פּאַט

שמועסן מיט שרײַבער אין ישׂראל

תש״ך — ניו־יאָרק — 1960

JACOB PAT

SHMUESN MIT SHRAYBER IN YISROEL

CHATS WITH WRITERS IN ISRAEL

איבערדרוקן, אַפילו קאַפּיטלעכ-
ווייַז, איז שטרענג פאַרווערט
— אַחוץ פאַר „דער גאָלדענער
קייט" און פאַר „דער צוקונפט"

COPYRIGHT 1960,
BY ISRAEL LONDON

All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form without the permission of "Kval" Publishers

Published by
DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

MANUFACTURED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

מיט דעם בוך, וואָס מיר טראָגן איצט צו דעם יידישן לייענער, טרעט דער פֿאַרלאַג „דער קוואַל" בשום אופֿן נישט אָפּ פֿון זײַן פּרינציפּיעלער אײַנשטעלונג וואָס ער האָט צוגעזאָגט דער יידישער עפֿנטלעכקייט בײַם באַגײַען די פֿאַרלעגערישע אַרבעט דאָ אין אַמעריקע.

¶ די כּוונה פֿון פֿאַרלאַג „דער קוואַל" איז געווען און איז אַרויסצוגעבן שיינע ליטעראַטור (פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמע) פֿון דער ערשטער מדרגה — און אַזוי, האָף איך, וועט דאָס בלײַבן אויך ווײַטער.

¶ מיר ווילן און וועלן, אָבער, פֿון צײַט צו צײַט, אויך אַרויסגעבן ביכער, וואָס האָבן אַן אומדירעקט שייכות צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור: ברענגען נעענטער צום לייענער די גאַנצע שעפֿערישע משפּחה אָדער דערציילן וועגן גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן — באַזונדערס אין ישׂראל און אין אַמעריקע.

¶ לייגן מיר אַנידער פֿאַר דעם לייענער דאָס ערשטע בוך פֿון דעם מין: די „שמועסן מיט שרײַבער אין ישׂראל" פֿון יעקבֿ פּאַט.

¶ מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך האַלטן מיר זיך ווײַטער בײַם גרויסן געדאַנק פֿון בעל־מחשבֿותן: איין ליטעראַטור אין צוויי לשונות, אַ געדאַנק וואָס אויך שמואל ניגער האָט אים פּאַרפּעסטיקט און פֿאַראייביקט אין אַ סך פֿון זײַנע עסייען.

¶ דאָס בוך טראָגט אין זיך דערנעענטערונג פֿון שרײַבער צום לייענער און פֿון לייענער צום שרײַבער. און דאָס — האַלטן מיר — איז זייער וויכטיק.

¶ מיר זענען טיף פֿאַרגלייבט, אַז ביכער פֿון עסייִסטישן זשאַנער וועלן נאָר פֿאַרשטאַרקן די ליניע פֿונעם פֿאַרלאַג, אַרויסצוגעבן ריינע קינסטלערישע ליטעראַטור, ווי ער האָט דאָס אויף זיך גענומען בײַם אָנהייב פֿון זײַן באַנײַטער אַרבעט אין אַמעריקע.

¶ היות דאָס בוך פֿון יעקבֿ פּאַט איז דאָס ערשטע פֿון דעם מין, געפֿינען מיר פֿאַר נייטיק צו זאָגן די פּאָר ווערטער.

ישראל לאַנדאָן

אינהאַלט

י.־ד. בערקאָוויטש, 17

לאה גאָלדבערג, 31

אורי־צבֿי גרינבערג, 43

חיים הזז, 61

יצחק בן־צבֿי, 77

שמשון מעלצער, 91

יעקבֿ כהן, 109

דבֿ סדן, 123

משה סטאַווסקי, 143

אַבֿרהם סוצקעווער, 157

שמואל־יוסף עגנון, 179

יוסף פּאַפּערניקאָוו, 199

ש. צמח, 211

אַבֿרהם קריבֿ, 223

ר׳ בנימין, 235

אַבֿרהם שלאָנסקי, 247

משה שמיר, 263

נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט פֿאַרענדיקט מיט פֿינף יאָר צוריק מײַנע „שמועסן מיט יידישע שרײַבער" אין אַמעריקע, האָב איך געוווּסט און געפֿילט, אַז איך האָב דערציילט מער וועגן איין זײַט פֿון דער מטבע — וועגן די שרײַבער אויף יידיש אין אַמעריקע; מען מוז אָבער זען אויך די צווייטע זײַט פֿון דער מטבע — די העברעיִשע שרײַבער אין ישׂראל. זיי מוזן דאָך זײַן אַזוי אַנדערש: אַנדערש די מדינה, זייער סביבה פֿון יידן פֿון אַלע שבֿטים, לשונות און שטייגערס, אַנדערש זײַנען דאָך זייערע פּראָבלעמען, זייער שפּראַך־אינסטרומענט, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט און דאַרפֿן נאָך באַהערשן דורך ראַנגלענישן.

ווער איז דער שרײַבער אין ישׂראל? וואָס איז דער אינהאַלט און תּמצית פֿון זײַנע ווערק? ווי לעבט ער און ווי אַרבעט ער? וואָס זײַנען זײַנע מחשבֿות, דמיונות וועגן זיך, וועגן פֿאָלק, מדינה און גאָט? וואָס איז זײַן באַציִונג צום יידישן עבֿר, צו דער וועלט בכלל, צו די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, צו זײַנע אַראַבישע שכנים, צו דער מזרח־וועלט און צו דער מערבֿ־וועלט?

עס ווילט זיך קענען זײַנע קינסטלערישע דערגרייכונגען, וויסן זײַנע השפּעות אויפֿן פֿאָלק, די קעגנזײַטיקע שרײַבער־באַציִונגען — ותיקים, סאַברעס און יונגע.

ווער איז זײַן לייענער?

בין איך געגאַנגען קיין מדינת-ישׂראל דאָס צו לערנען: הערן, זען, געוואָר ווערן. איך קלײַב זיך אין דער הקדמה אַפֿילו ניט צו באַרירן די ענטפֿערס, צו וועלכע איך האָב זיך דערשלאָגן. איך וויל דעם לייענער ניט פֿאַרלויפֿן דעם וועג. איך האָף, אַז ער וועט לייענען די „שמועסן" און אַליין אויסגעפֿינען.

איך וויל אָבער מאַכן אַן אויסנאַם פֿאַר איין צענטראַלן ענין אין דער הקדמה: ווי הויך איז די מחיצה צווישן אונדזערע בײדע ליטעראַטורן און לשונות? ווי שטאַרק איז בײַ די שרײַבער אין ישׂראל די שלילת-הגלות? און אפֿשר איז זי גאָרניט שטאַרק? ווי האַלט עס איצט מיט אונדזער ריבֿ-הלשונות?

אויף אָט דער קאַרדינאַלער פֿראַגע, וואָס איז ממש אַ קיום-פֿראַגע פֿון אונדזער קולטור, דערשלאָגן מיר זיך — ווי עס דוכט מיר — צו אַ קלאָרן ענטפֿער דורך די „שמועסן". וויל איך אין דער הקדמה נאָר אַרויסכאַפּן אייניקע אָנ-ווונקען אויף דעם פֿון די „שמועסן" גופֿא.

◆

דריקט זיך אויס חיים הזז אַזוי: „די השגחה זאָגט ניט: איך האָב דײַטשע ייִדן, פֿראַנצייזישע ייִדן, אי-טאַליענישע, פּוילישע. אַלע זײַנען פֿאַר איר איין ייִד." ארץ-ישׂראל איז, לויט זײַן מיינונג, דער איינציקער אַנקער פֿאַר אַ צעבראָכענער שיף אויף די ימים פֿון דער וועלט ... מיר האָבן געמאַכט אַ טעות און געמיינט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק באַשטייט פֿון ייִדן פֿון רוסלאַנד און פֿון פּוילן, הײַנט זײַנען מיר אין ישׂראל צענדלינגער ייִדישע שבֿטים, תּימנער, באַגדאַדער, קורדישע, פּערסישע, טער-קישע, כאַלאַמייער — ניט מיר אַליין זײַנען דאָס פֿאָלק.

י.-ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט געגעבן ישׂראל דעם העברעיִשן שלום-עליכם, האַלט שלום-עליכמען פֿאַר דעם ר׳ יהודה הנשׂיא פֿון דער ייִדישער שפּראַך. פֿאַר אים איז מענדעלע דער מײַסטער און גוטער דימענט-שלײַפֿער פֿון ייִדישן לשון; וואָס דער תּלמוד האָט געגעבן דעם פֿאָלק

אין אַנדערט האַלבן טויזנט יאָר, האָט יידיש געגעבן דעם פֿאָלק שפּעטער.

אורי־צבֿי גרינבערג, דער מײַסטער פֿון דער העברעישער שירה, זאָגט, אַז „יידיש מאַמע־לשון האָט געלעבט אין יידישן פֿלייש און בלוט” און דער יידישער שרײַבער „דאַרף זײַן אַ כּלי־נגינה, וואָס אירע סטרונעס זײַנען געשפּאַנט צום באַנעם און באַדאַרף פֿון יידישן פֿאָלק” אומעטום.

דער פּאָעט און מײַסטער־איבערזעצער פֿון יידיש אויף העברעיש ש. מעלצער זאָגט, אַז ער וויל ניט שרײַבן קיין קאַריקאַטורן פֿון יידישן שטעטל, ווי דאָס האָבן אַנדערע געטאָן, ווײַל דאָס שטעטל איז דאָך געווען אַ קוואַל צו שעפּן פֿון אים, אַ רײַכע גײַסטיקע וועלט.

וואָס מיינט אַהבֿת ישׂראל? — פֿרעגט אַבֿרהם שלאָנסקי, און ענטפֿערט — ליב האָבן דעם יידן וואָס לעבט. מען קען ניט נעגירן דעם לעבעדיקן יידן, ווי ער זאָל ניט זײַן. מען טאָר ניט שרײַבן קיין רעצעפּט פֿון אונטערגאַנג פֿון יידיש. שלילת־הגלות איז ניט היסטאָריש, איז לעבערלעך! — מיר האָבן צוויי שפּראַכן, טאָ זאָלן אונדז מקנא זײַן די ענגלענדער, וואָס האָבן נאָר איין שפּראַך.

דער זקן־הפּאָעטן יעקבֿ כּהן האַלט, אַז מען קען ניט שרײַבן שירה בלויז צוליב שירה, מען איז אין דער זעלבער צײַט אַ שליח־ציבור, אַ מורה־דרך. אַ פּאָעט דאַרף ניט זײַן בלויז אַ זינגער וואָס שטייט פֿון דער זײַט און זינגט זיך.

דער פּרעזידענט פֿון ישׂראל און העברעישער שרײַבער יצחק בן־צבֿי זאָגט: „ניט פֿון הימל זײַנען געקומען די כּוחות צו בויען” ארץ־ישׂראל. זיי „זײַנען געקומען אַהער פֿון גלות . . . היטלער האָט דאָס יידישע לשון פֿאַרברענט. סטאַלין האָט עס ליקווידירט . . . שאַפֿט זיך אַ באַציִונג צום יידישן לשון ווי צו אַ לשון־הקודשים.” עס זײַנען דאָ יידן, וואָס פֿאַרשטייען ניט קיין פּירוש־המלות פֿון דאַווענען און פֿאַר זיי איז ריידן יידיש אַ מין דאַווענען.

זאָגט דער דערציילער און קריטיקער ש. צמח: „געווען אַ מאָל אַ קאַמף צווישן יידישיסטן און העבראיסטן”. ער

„איז מער ניטאָ". קולטור איז אריכת־ימים. „ייִדיש און העברעיִש איז ניט עפּעס אַ צוזאַמענקום פֿון צוויי ייִדן", נאָר — „פֿון צוויי ייִדישע וועלטן. דער קאָנפֿליקט צווישן אונדזערע לשונות איז פֿאַרשוווּנדן." „ביאַליק! ביאַליק!.. ווי קומען מיר צו אים?.. עפר תחת רגליו — שטויב אונטער זײַנע פֿיס."

קעגנערשאַפֿט צו ייִדיש? — האָט געזאָגט דער ריז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור שמואל־יוסף עגנון, וועלכער האָט אַליין אָנגעהויבן מיט ייִדיש — חס־ושלום! איך האָב ניט קיין קעגנערשאַפֿט צו ייִדיש, ווי קען עס גאָר זײַן!..

דער ייִדישער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס האָט זיך גרינטלעך אײַנגעבירגערט אין ארץ־ישׂראל, האָט דאָרט געוואָגט צו חלומען וועגן דער ייִדישער „גאָלדענער קייט" אין ישׂראל און דעם חלום רעאַליזירט, האָט געזאָגט אַזוי: „מיר האָבן ניט צוליב וואָס אַזוי מקנא צו זײַן די העברעיִשע פּאָעזיע. מיר קאָנען זיך מיט אונדזער ייִדישער פּאָעזיע אויסגלײַכן." מען לייענט הײַנט אין ישׂראל מער ייִדיש ווי אין אַ סך אַנדערע ניט־העברעיִשע לענדער. ייִדיש און העברעיִש זײַנען ווי ווײַסע און שוואַרצע ציגן, אָבער זייערע שאָטנס זײַנען די זעלבע. „העברעיִש און ייִדיש זײַנען ווי צוויי אויגן אויפֿן ייִדישן פּנים." פֿון ירושלים וועט זיך לאָזן הערן דאָס קול פֿון דער אויפֿגייענדיקער ייִדישער ליטעראַטור. מען דאַרף זיך באַפֿרײַען פֿון געפֿיל, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז דאָ פֿאַריתומט. אין דער צײַט פֿון אויפֿקום פֿון ייִדישן לעבן זאָל דאָ זײַן ייִדיש פֿאַרמישפּט אויף אומקום?..

משה סטאַווסקי, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל אין 1911 אַ ייִדישער שרײַבער און געוואָרן אַ העברעיִשער, באַקומען די פּרעמיע פֿאַר העברעיִשער ליטעראַטור פֿון דער שטאָט רמת־גן, דער מחבר פֿון די באַרימטע געוואָרענע „אַראַבישע מעשׂהלעך", זאָגט: „די געוועזענע גרעסטע קעגנערס פֿון ייִדיש קוקן איצט אויף ייִדיש מיט בעסערע אויגן." קיינער וויל מער נישט אַרויסטרײַבן ייִדיש!

אַבֿרהם קריבֿ, דער פּאָעט, קריטיקער און עסעיִסט, זאָגט אַזוי: מען מוז נעמען אונדזער ליטעראַטור ניט שטיקלעכווײַז, נאָר ווי אַ סך־הכּל פֿון פֿאָלק. „מיר האָבן

צווישן זיך אַ סך טאַלאַנטן. טאַלאַנט ווי בלאָטע, ווי גאָלד... אין שלמה המלכס צײַטן. טאַלאַנט אַליין איז אָבער ניט גענוג." „בײַ מיר איז העברעיִש אַ נאַטירלעכע סטיכיע"; עס דאַרף אָבער זײַן אַ פֿאַרבינדונג צווישן די יישובֿים, מען דאַרף אַרבעטן בשותּפֿות.

דבֿ סדן, דער שרײַבער, פֿאַרשער, פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש אין ירושלימער אוניווערסיטעט, זאָגט אַזוי: „די געשיכטע פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור מוז אָרומנעמען די טאָטאַלע ליטעראַטור" — אָן דעם שפּראַכלעכן אָפּ־שייד... „אַנדערע הייבן אָן די נײַע ייִדישע ליטעראַטור מיט אײַזיק־מאיר דיקן. דאָס איז אַ טעות." מיר האָבן אַ פּלוראַלע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור וואָס איז געשאַפֿן גע־וואָרן דורך אַלע שיטות און דורך אַלע כּוחות... וואָס אַנדערע ליטעראַטורן האָבן דורכגעמאַכט אין דרײַ־פֿיר דורות, האָבן מיר דורכגעמאַכט אין איין דור: אליקום צונזער און — משה־לייב האַלפּערן. — מען קען נישט מקצר זײַן די ייִדישע געשיכטע. משה שמיר האָט אָנגעהויבן מיט זיך, מיט זײַן אייגענער ביאָגראַפֿיע, אַ שפּרונג געטאָן צו מלך בשׂר ודם, צו דער צײַט פֿון מלך ינאי. — סאַבראַס זײַנען תּלמידים פֿון דער קאַ־טעדרע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האַלט, אַז מען דאַרף לערנען ייִדיש אין די זעקסטע, זיבעטע און אַכטע קלאַסן. עס מוז קומען אַ דערנעענטערונג צווישןביידע ליטעראַטורן, מען מוז אָנהייבן אַרויסגעבן אַ פֿערטל־יאָר־שריפֿט מיט איבערזעצונגען פֿון ייִדיש אויף העברעיִש.

◆

ווי געזאָגט, האָב איך געזוכט צו זען די צווייטע זײַט פֿון אונדזער מטבע — די העברעיִשע. דעריבער זײַנען מײַנע „שמועסן" געווען דער עיקר מיט די העברעיִשע שרײַבער. דאָך גיב איך אַרײַן אין בוך אויך איינציקע שמועסן מיט ייִדישע שרײַבער למען דעת, אַז עס איז דאָ אַ ייִדישער שרײַבער אין ישׂראל, עס איז דאָ אַ יונגע ייִדישע שרײַבער־גרופּע. אָבער דער ייִדישער שרײַבער און די ייִדישע ליטע־ראַטור אין ישׂראל זײַנען אַ טעמע פֿאַר זיך אַליין.

מאַכנדיק אַ סך־הכּל בקיצור נמרץ פֿון די מחשבֿות פֿון די שרײַבער אין ישׂראל וועגן די היסטאָרישע פֿאָלקס־פֿאַר־בינדונגען, וועגן דער ראָלע פֿון ייִדישן שטעטל, וויל איך ציטירן אַ פּאָר שורות פֿון אַ רעדע וואָס עס האָט געהאַלטן

אין ווילנער געטאָ דער קדוש ז. קלמנאָוויטש וועגן שלום עליכמען:

> די וועלט וואָס איז פֿאַראייביקט אין שלום־עליכמען — האָט ער געזאָגט — וועט נאָך שמייכלען מיט אַלע אירע חנען צו אונדזערע קינדס־קינדער און זיי ווייַזן זייער אָפּשטאַם און ייחוס־אָבות, זייער טיף מענטשלעכע שיינקייט.

עס איז אַ שטאַרקע דערמוטיקונג צו הערן און צו זען, אַז שלום־עליכמס וועלט און לשון שמייכלט צו אונדז אויך פֿון מדינת־ישׂראל.

◆

אין משך פֿון צען וואָכן האָב איך אויף דער ערד פֿון ישׂראל, אין די היימען פֿון די שרייַבער, געפֿירט קאָנצענטרירטע שמועסן מיט די שרייַבער, אָפֿט אייניקע טעג מיט איין שרייַבער ביז טיף אין די נעכט. איך האָב די שמועסן געמוזט באַגלייטן מיט די ווערק פֿון די שרייַבער, מיט זייערע אַרויסזאָגונגען אויף פֿאַרזאַמלונגען, אויך מיט אַרטיקלען, מיט ווערק געשריבן וועגן זיי.* עס איז געווען פֿאַר מיר אַ פֿאַרגעניגן און אַ כּבֿוד זייער גרייטקייט צו פֿירן פֿיל־שעהעדיקע שמועסן. איך דאַנק זיי טאַקע פֿאַר דעם. צום באַדויערן האָב איך נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט צו פֿירן שמועסן מיט אַלע וויכטיקע שרייַבער פֿון ישׂראל. דאָס וועט נאָך דאַרפֿן געטאָן ווערן. די גאַלעריע פֿון די שרייַבער פֿון ישׂראל מיט וועלכע איך האָב געפֿירט שמועסן איז אַ גרויסע, אַ פֿאַרשידנאַרטיקע — פֿון די זקנים שמואל־יוסף עגנון, יעקבֿ כּהן און יצחק בן־צבֿי, ביז חיים הזז, שמיר און לאה גאָלדבערג.

דאָס פֿירן די שמועסן, זאַמלען מאַטעריאַלן, שרייַבן די שמועסן איז פֿאַר מיר געווען אין משך פֿון אַ לאַנגער צייַט אַ שטאַרקע איבערלעבונג. איצט גיב איך איבער די שמועסן מיט די שרייַבער פֿון ישׂראל צו די לייענער דורכן פֿאַרלאַג „דער קוואַל", וואָס האָט באַנייַט זייַן פֿאַרלעגע־רישע אַרבעט אין ניו־יאָרק אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ישׂראל לאָנדאָן.

* נישט קענענדיק געפֿינען אין די היגע ביבליאָטעקן די גאַנצע דערמאָנטע ליטעראַטור, איז אַ טייל פֿון די ציטאַטן געבליבן נישט קאָנטראָלירט.

דער פֿאַרלאַג

שמועסן מיט שרײַבער אין ישׂראל

י. ד. בערקאָוויטש

איך האָב שוין י.־ד. בערקאָוויטשן

ניט געזען אוודאי פופציק יאָר, — האָב איך געזאָגט צו חיים הזז, ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט מבקר חולה געווען בערקאָוויטשן אין הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים. און איך געדענק אים נאָך אַלץ זייער גוט ווי אַ יונגן העברעיִשן לערער אין סלוצק, מינסקער גובערניע.

י.־ד. בערקאָוויטש איז געלעגן נאָך אַן אויגן־אָפּעראַציע אין הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים. איך האָב אָפּגעמאַכט צו גיין צו אים אין שפּיטאָל אַריַין. דער דאָקטער האָט שוין דערלויבט אים צו באַזוכן.

מיט פופציק יאָר צוריק!.. איך בין דעמאָלט געווען אַ יונג בחורל. געלערנט אין סלוצקער מוסר־ישיבה. מיַין ראש־ישיבה איז געווען דער גרויסער גאון, דער מחבר פון אַ פּירוש אויף ירושלמי, ר׳ יעקב־דוד סלוצקער, וועלכער איז אַ סך יאָרן שפּעטער נפטר געוואָרן אין ירושלים. איך פלעג זיך דעמאָלט אויפכאַפּן שטילערהייט פון דער גמרא, פון שטענדער, אין אַסטראָווער קלויז און אַוועקלויפן אין דער ציוניסטישער „טשאַינע", צו לייענען אַ העברעיִשע ציַיטונג. דער וויכטיקסטער יונגער מענטש איז דאָרטן געווען י.־ד. בערקאָוויטש. אַ משכיל, גערעדט נאָר העברעיִש. אַ שיינער יונג מיט אַ שוואַרצן קאָפּ. אַ ברענענדיקער ציוניסט. מען האָט שוין דעמאָלט געזאָגט, אַז ער „שריַיבט".

איך דערמאָן זיך דעם דרך־ארץ, מיט וועלכן איך האָב אַרויפגעקוקט צו אים. ער האָט דעמאָלט ניט געקאָנט ווּיסן, אַז אָט דער שוואַרצער יִינגל מיטן סמוגלען פּנים האָט זיך אָפּגעריסן פון שטענדער און געלאָפן אַזש פון דער וויַיטער אַסטראָוואָער גאַס, אין אַ ווינטערדיקן שנייוויַיסן אָוונט, ווען דער פראָסטשניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, צו הערן די העברעיִשע רייד פון דעם העברעיִשן לערער בערקאָוויטש.

איך זע אים פאַר מיַינע אויגן, ווי ער האָט דעמאָלט אויסגעזען: אין אַ טונקעלן מאַנטל, אַריבערגעוואָרפן איבערן האַלדז אַ גרויסע וואָלענעם שאַל אָדער אַ באַשליק. ער האָט גערעדט מיט אַ שאַרפער אויסשפּראַך, מיט שאַרפע רייזן, וועגן העברעיִש, וועגן ארץ־ישראל, וואָס וועט אין גיכן זיַין אַ יִידישע מלוכה, וועגן טעאָדאָר הערצלען, וואָס אָט־אָט וועט ער באַקומען דעם טשאַרטער פון טערקישן סולטאַן...

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך זיך מיט אים ניט באַגעגנט. איך האָב אים „געזען" אין זײַנע דערציילונגען, שפּעטער אין זײַנע ביכער, „געזען" אים אין די צײַטונגען, אין זײַנע דראַמעס, וואָס עס האָט געשפּילט דער ייִדישער טעאַטער, אין זײַן העברעיִשן שלום־עליכם, אָבער ניט פּנים אל פּנים. איצט גיי איך אים מבֿקר חולה זײַן אין אַ ירושלימער שפּיטאָל.

ניט נאָר יוגנט־סענטימענטן, נאָסטאַלגיע טראָגן מיך צו אים, האָב איך געזאָגט, נאָר אויך זײַן אייגנאַרטיקייט — ווײַל ער איז אַ שרײַבער סײַ אויף ייִדיש און סײַ אויף העברעיִש, ווײַל ער איז סײַ אַ דאָקער און סײַ אַ דאַרטיקער.

עס איז געווען אַ טאָג אין תּמוז. מײַן געמיט איז געווען מלא וגדוש מיט ישׂראל. שעה נאָך שעה בין איך אַן עדות פֿון אַ גרויסן ספּעקטאַקל אין דער ייִדישער געשיכטע — דאָס אַלטע היסטאָרישע לאַנד ווערט אויפֿגעבויט. אַן אורפֿאָלק ווערט באַנײַט. דאָס וואָרט, דער בוך, די ליטעראַטור האָבן צו שפּילן אַ געוואַלדיקע ראָלע בײַ דער נײַער יצירה פֿון פֿאָלק. איך גיי שמועסן מיט איינעם פֿון די סופֿרי־ישׂראל.

מאי קא משמע לן י.־ד. בערקאָוויטש, מחבר פֿון „משהקעלע חזיר" און פֿאַרהעברעיִשער פֿון שלום־עליכמען?

מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך געווען אין חיפֿהער פּאָרט, צו זען אַ שיף מיט עולים, נײַ אָנגעקומענע ייִדן פֿון אַלע פּנות העולם. יונגע, מיטל־יאָריקע, עלטערע. מענער, פֿרויען און קינדער. גויִשע ווײַבער, וואָס האָבן זיך מגייר געווען. ייִדישע קינדער פֿון גויִשע לענדער, וואָס זײַנען ווי שקצימלעך, ניט קיין געמלטע. ייִדן, וואָס קומען צו לויפֿן, אַנטלויפֿן אין בהלה. ייִדן, וואָס ווילן רו, ווילן זיכערקייט, פּרנסה און ווייסן נאָך גאָרניט, וויפֿל שוועריקייטן, וויפֿל פּראָבלעמען עס וועלן זיי אַנטקעגנקומען. ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן און ציוויליזאַציעס — פֿון פּוילן, פֿון ליטע, פֿון רוסלאַנד, פֿון מאַראָקאָ, פֿון טערקײַ, פֿון מצרים, פֿון רומעניע, פֿון אינדיע. ייִדישע פֿרויען וואָס ריידן אַראַביש. גויִשע מאַמעס פֿון ייִדישע קינדער, וואָס צלמען זיך קאַטויליש. ייִדישע קינדער וואָס ריידן רוסיש. ייִדן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַלע מינים גלגולים, ביז זיי זײַנען געקומען צו די ברעגן פֿון ישׂראל, און צווישן זיי אַזעלכע וואָס ווי נאָר זיי האָבן אַ קוק געטאָן, געפֿעלט זיי ניט, זיי זײַנען שוין גרייט תּיכּף־ומיד צו זוכן אַן אַנדער לאַנד. זיי האָבן געהערט וועגן אויסטראַליע, וועגן קאַנאַדע, וועגן בראַזיליע. זיי ווילן שוין פֿאָרן אַהין צו. „ווי אַזוי קריגט מען אַ וויזע, אַ שיפֿסקאַרטע? זיי האָבן דאָרט אַ קרובֿ."

„פֿאַר וואָס זע איך ניט בײַם אָנקום פֿון שיפֿן קיין שרײַבער פֿון ישׂראל? אַזאַ שיף מיט טויזנט ייִדן איז דאָך אַ קוואַל צו שעפּן פֿון אים."

אַזעלכע זײַנען מײַנע דמיונות ווען איך גיי בחוצות ירושלים מבֿקר חולה זײַן דעם העברעיִש־ייִדישן שרײַבער, וועמען עס קענען גוט די אשכּנזישע ייִדן, קענען אים און קענען זײַן גרויסן שווער שלום־עליכם. אָבער ווייסן

פֿון אים די גרויסע מחנות נײַ־געקומענע ייִדן פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער? וואָס ווייס ער וועגן זיי? וואָס טראַכט ער? וואָס פֿילט ער? וואָס זאָגט ער? וואָס שרײַבט ער? צי געדענקט ער נאָך זײַן סלוצק, מינסקער גובערניע? צי געדענקט ער די שטאָט לאָדזש, וווּ ער האָט זיך אין זײַן יוגנט, נאָך סלוצק, געחבֿרט מיטן שפּעטערדיקן קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, און דאָרטן איז ער אויפֿגעקומען ווי אַ ייִדישער שרײַבער?

ער האָט אויך געלעבט אין ניו־יאָרק, אין בראָנקס; אין ניו־יאָרקער ייִדישן טעאַטער האָט מען געשפּילט זײַנע פּיעסעס. צי געדענקט ער נאָך ניו־יאָרק? די ייִדן פֿון ניו־יאָרק? וואָס טראַכט ער וועגן זיי?

די גאַסן, וואָס איך גיי פֿאַרבײַ אויפֿן וועג צום שפּיטאָל, טראָגן די נעמען פֿון די גאונים און גדולים פֿון דער ייִדישער געשיכטע, פֿון דער שפּאַנישער „גאָלדענער תּקופֿה", פֿון די ערשטע יאָרן פֿון חיבת־ציון און ציוניזם, פֿון העברעיִשע שרײַבער... וואָס ווייסן וועגן זיי די קליינע, דראָבנע, טונקעלע ייִדעלעך, וואָס די שיף האָט מיט צוויי טעג צוריק געבראַכט אין פּאָרט אַרײַן? וואָס ווייסן פֿון זיי, וואָס פֿילן וועגן זיי די נעכטיקע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך אַקערשט געראַטעוועט פֿון יענער זײַט אײַזערנע פֿאָרהאַנגען און געקומען צו לויפֿן אַהער צו?

באַלד וועל איך זײַן בײַ דער בעט פֿון שלום־עליכמס איידעם... די נײַ־געקומענע קליינע, דראָבנע ייִדעלעך האָבן נאָך קיין מאָל ניט געהערט דעם נאָמען פֿון אַ ייִדן שלום־עליכם. און געוויס האָבן זיי ניט געהערט פֿון זײַן איידעם, י.־ד. בערקאָוויטש. — אַ ווײַטער שבֿט, פֿרעמדע ייִדן. וועלן די נעמען און אַנדערע נעמען, וועלן שלום־עליכמס ווערק ווען עס איז דערגרייכן צו זיי? צי וועלן זיי זײַן גוטע ייִדן אויך אָן דעם?

האָט זיך גאָר אַ תּימנער ייִד געפֿרעגט אויף אַ ספֿר פֿון ר' סעדיה גאון.

אָט בין איך שוין אין שפּיטאָל. דאָרטן ווימלט מיט חולאים. איך זע זיי דורך די אָפֿענע טירן אויף בעטן אין די שפּיטאָלזאָלן. איך זע די קליינע, טונקעלע ייִדעלעך מיט לאַנגע פּאות און יאַרמלקעס אין די פֿאַרביקע, בלומיקע שפּיטאָל־כאַלאַטן אין די קאָרידאָרן פֿון שפּיטאָל. זיי קוקן מיר אויס בשעת מעשׂה זייער ווײַט, פֿרעמד. זײַנען זיי ייִדן?.. מײַנע ברידער?.. שלום צו מיר, שלום צו דיר, צו דעם און צו יענעם. שלום, שלום לרחוק ולקרובֿ. עס פֿליִען אַרום לשון־קודשדיקע ווערטער, באַגעגענען זיך, שלאָגן זיך אָן: „ברוך השם, ברוך השם..." אַהין און צוריק, רירן זיך אָן, באַטאַפּן זיך. ייִדן, ייִדן, ייִדן — בני־ישׂראל!..איך הער דאָ פּויליש, איך הער דײַטש, הער ייִדיש, הער ספֿרדישן, האָרטן העברעיִש, איך הער רומעניש...קיבוץ גלויות.

— שלום־עליכם, י.־ד. בערקאָוויטש!

— שלום! — ענטפֿערט ער שוואַך.

ער ליגט אויף דער שפּיטאָלבעט. זײַן אויג איז נאָך באַנדאַזשירט. דער דאָקטער זאָגט, אַז ער וועט האָפֿן זײַן אין שפּיטאָל נאָך אַ צען טעג. הכּל

יבֿא עד מקומו בשלום. לעבן זײַן בעט שטייט נאָך אַ בעט, מיט נאָך אַ חולה. איך הער פֿון יענעם בעט, ווי מען רופֿט מיך אַן בײַם נאָמען.

— שלום־עליכם, חבֿר יאַרבלום. ווי קומט איר פֿון פּאַריז אַהער צו?

— געקומען אַהער, קראַנק געוואָרן און אַרײַן אין שפּיטאָל, געלייגט זיך אין בעט, ווי די דאָקטוירים האָבן געהייסן.

ער, מ. יאַרבלום, איז ניט אַליין אַ חולה. עס זעט דאָ צו מאָל אויס, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל ליגט אין שפּיטאָל, וווּ כירורגן מאַכן אָפּעראַציעס. שמועסן מיר גאַנץ קורץ וועגן ירושלים, וועגן ניו־יאָרק, וועגן פּאַריז, וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע. מען טאָר דאָ לאַנג ניט זיצן. אַזוי איז די פֿאָראָרדענונג פֿון שפּיטאָל. איך רייד אָפּ מיט בערקאָוויטשן אים צו באַזוכן אין זײַן הויז אין תּל־אָבֿיבֿ אין אַ פּאָר וואָכן אַרום.

— רחובֿ באַלפֿור 18.

— זיך צו זען געזונטערהייט.

איך האָב געוווּסט פֿון פֿריִער, אַז י.־ד. בערקאָוויטש איז שוין אַריבער שבֿעים. אַזוי זאָגט דער חשבון פֿון די יאָרן. פֿאַר מײַנע אויגן זײַנען אָבער געווען צוויי קעפּ, צוויי פּנימער. איינער אַ שוואַרצער קאָפּ, דער צווייטער — אַ גרויער; איינער אַ יונגער, דער צווייטער — אַ זקן. סלוצק און ירושלים. דעמאָלט, אין סלוצק — דער קאָפּ פֿון אַ יונגן בחור, אַ העברעיִשן לערער. הײַנט — דער קאָפּ פֿון סופֿר בישׂראל י.־ד. בערקאָוויטש. דעמאָלט איז געווען אַ גרויסער שטח צווישן אונדז ביידן. הײַנט האָט ער זיך דערנעענטערט.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אַנגעקלונגען בײַ זײַן טיר אין תּל־אָבֿיבֿ. ער האָט מיר נאָך פֿריִער געזאָגט אין טעלעפֿאָן, אַז ער פֿילט זיך בעסער, הגם זײַן אויג איז נאָך אַרומגעבונדן. איך קאָן קומען צו אים, ווען מיר איז באַקוועם. ער איז סײַ ווי סײַ אַ גאַנצן טאָג אין שטוב.

— ער וווינט אין שכנות פֿון ביאַליקס אַלמנה — אויב איך וועל בלאָנדזשען און דאַרפֿן נאָכפֿרעגן זיך.

י.־ד. בערקאָוויטש האָט פֿאַר מיר געעפֿנט זײַן טיר.

— שוין באַלד אויס חולה, — האָט ער מיר געזאָגט — איך קוק דערווײַל מיט איין אויג, אָבער איך זע.

זײַן שטוב איז ניט גרויס — דרײַ־פֿיר צימערן. אַ גרויסער אַרבעטסטיש. אַ סך העברעיִשע, ייִדישע, רוסישע ביכער, פּאַפּירן אויף די טישן. אַ באַנד שלום־עליכם אויף רוסיש. מאָלערישע בילדער אויף די ווענט, משפּחה־פּאָרטרעטן. אַ טיר עפֿנט זיך צום באַלקאָן, קוקט אַרויס אין סאַמע מיטן תּל־אָבֿיבֿ. ער וווינט שוין אַ לאַנגע צײַט אין דער זעלבער דירה. ער לעבט דאָ אַליין. איך הער, אַז זײַן טאָכטער דאַרף באַלד קומען. זי קומט צו איר טאַטן צוויי מאָל אַ טאָג — אין דער פֿרי און פֿאַר נאַכט. וועלן מיר זײַן זאַלבע דריט. כּיבֿוד דערלאַנגט ער אַליין:

— פֿאַרזוכט אונדזערע ווײַנטרויבן. מיר האָבן זיי אַ שפּע. זיי זײַנען גוט.

„אונדזערע ווינטערווינבן", „מיר האָבן זיי אַ שפּע". „אונדזערע" מיינט ארץ־ישׂראלדיקע. „מיר" — די ייִדן פֿון דער מדינה. וואָס איך זע דאָ אַרום און אַרום — זאָל איך וויסן — זײַנען „מיר" און אַלץ, אַלץ איז „אונדזערע".

י.־ד. בערקאָוויטש וויל וויסן, וואָס עס הערט זיך אין ניו־יאָרק. ער האָט דאָך דאָרטן אַ סך באַקאַנטע, פֿרײַנד, משפּחה־מענטשן. ער איז געווען אַ מאָל פֿאַרבונדן מיטן „פֿאָרווערטס", ווו ער האָט געשריבן. ער האָט אויך געשריבן אין „טאָג". וואָס מאַכן זיי? ווי לעבן זיי? לייענען ייִדן ייִדישע צײַטונגען? ריידן ייִדן אין אַמעריקע ייִדיש? לייענען ייִדן אַ ייִדישן בוך? און וואָס איז מיט דער יוגנט? מיטן צווייטן דור, מיטן דריטן דור?

— איך וועל אײַך בײַ אַ געלעגנהייט דערציילן, אָבער איך בין געקומען הײַנט הערן פֿון אײַך.

— דאָ בײַ אונדז איז בכלל העברעיִש. דאָ רעדט מען העברעיִש. דאָ לערנט מען אין די שולן העברעיִש. אָבער ניט אַלץ וואָס מען רעדט דאָ „אויף העברעיִש" איז טאַקע העברעיִש. ניט ריידן אַליין מאַכט אַ לשון, מאַכט לשון־קודש. ער דערמאָנט זיך, אַז ביאַליק האָט אַ מאָל געהאָט געזאָגט:

— גאָט צו דאַנקען, וואָס העברעיִש איז ניט געווען קיין גערעדטע שפּראַך און איז געווען פֿאַרשלאָסן אין ספֿרים.

דערמאָן איך זיך, וואָס ש. ניגער האָט אַ מאָל געזאָגט:

— עס זײַנען דאָ ייִדן, וואָס ריידן שבת נאָר לשון־קודש. אָבער „גוט שבת" זאָגן זיי אויף ייִדיש.

י.־ד. בערקאָוויטש שרײַבט הײַנט כּמעט ניט קיין ייִדיש. ער שרײַבט נאָר העברעיִש. איך ווער דערבײַ געוואָר, וויפֿל ער האָט געאַרבעט אין משך פֿון זײַן לעבן — געאַרבעט אויף לשון, געאַרבעט צו דערגרייכן וואָס מער וויסן: „ווען אַנדערע זײַנען געזעסן אין די קאַפֿעען, בין איך געזעסן אַכצן שעה אַ מעת־לעת על התורה ועל העבודה." עס זײַנען דערשינען אַ היפּש ביסל זײַנע העברעיִשע ספֿרים. אַט שטייען אויף זײַנע פּאָליצעס צען בענדער זײַנע שריפֿטן, פֿאַרלאַג „דביר", מנחם־מנדל בארץ־ישׂראל, מחזות, ימי המשיח. אַט שטייט דער לשון־קודשדיקער פֿופֿצנבענדיקער שלום־עליכם.

— ווען איר וואָלט בלויז געווען באַוויזן איבערצוגעבן דעם פֿאָלק, איבערצוגעבן צו דער אייביקייט אַ העברעיִשן שלום־עליכם, וואָלט אויך שוין געווען דיינו פֿאַר אַ לעבן פֿון אַ מענטשן.

דאָס איז דאָך אַ מאָנומענטאַל ווערק!

מענדעלעס העברעיִשע ספֿרים, וואָס ער אַליין האָט איבערגעזעצט פֿון זײַן ייִדיש, און אײַער איבערזעצונג אויף העברעיִש פֿון אונדזער שלום־עליכמען האָבן דאָך געלייגט דעם יסוד פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון העברעיִש.

— איבערזעצן שלום־עליכמען אויף העברעיִש איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. עס איז כּמעט אוממעגלעך איבערצוזעצן שלום־עליכמען אין וועלכער עס איז שפּראַך.

שלום־עליכם איז דאָך געווען די שפּרודלדיקסטע, לעבעדיקסטע, זאַפטיקסטע צונג פֿון פֿאָלק. ווי קאָנען גאָר — האָט מען געמוזט טראַכטן — טביה און מנחם־מענדל אַנדערש רײדן, חוץ ייִדיש? ווי אַזוי זאָל שיינה־שיינדל שרײַבן אירע בריוו צו מנחם־מענדלען, אויב ניט אויף ייִדיש?

ער איז איצט באַשעפֿטיקט, שטאַרק באַשעפֿטיקט, ער זאָגט — מיט אַ „רעוויזיאָניסטישער" אַרבעט. ער רעווידירט אַלע זײַנע אַרבעטן פֿון דער יוגנט אָן, שרײַבט זיי איבער.

— האָט איר געדולד פֿאַר דעם? כּוח?

— זאָלן נאָר זײַן יאָרן.

גייען מיר צו דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט. מיר דערמאָנען דאָ, בײַ זײַן טיש, זײַן טריומפֿאַלן אַרײַנפֿאַר אין דער העברעיִשער ליטעראַטור מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

— אײַער פּרעמירטע דערציילונג „משהקעלע חזיר".

מען האָט דעמאָלט אַנגעמאָלדן צום ערשטן מאָל אַ פּרעמיע פֿאַר דער בעסטער דערציילונג אין העברעיִש. עס האָבן גענומען (?) זײַן דרײַ פּרעמיעס פֿאַר דרײַ דערציילונגען. „משהקעלע חזיר" האָט באַקומען די ערשטע פּרעמיע פֿון דרײַ גרויסע ליטעראַטור־שופֿטים.

ער איז דעמאָלט געווען אַ העברעיִש־לערער אין אַ ייִדישער „פּאָסעסיע" ניט ווײַט פֿון לאָדזש. ער פֿלעגט אָפֿט קומען פֿון דער „פּאָסעסיע" אין שטאָט. ער האָט זיך דעמאָלט באַפֿרײַנדעט מיט יצחק קאַצענעלסאָנען.

— ער, יצחק, — זאָגט י.־ד. בערקאָוויטש — איז שוין דעמאָלט געווען אַ „געדרוקטער".

דאָס הייסט, אַז אין יענער צײַט איז ער געווען מיט אַ שטאַפּל העכער, און אַ גאַנץ היפּשן. אַ „געדרוקטער". זײַנע שירים זײַנען שוין געווען גוט באַקאַנט. יצחק קאַצענעלסאָן איז שנעל אָנערקענט געוואָרן.

— יענע אָנהייבצײַט איז גאַנץ ווײַט פֿון דער צײַט, ווען יצחק קאַצענעלסאָן איז געוואָרן דער גרויסער פּאָעט פֿון געטאָ.

ווען יצחק קאַצענעלסאָן האָט דערזען די ערשטע דערציילונגען פֿון י.־ד. בערקאָוויטשן, אין מאַנוסקריפּט, האָט ער אָנגעהויבן זאָרגן, זיי זאָלן באַלד געדרוקט ווערן. די ערשטע דערציילונג איז געווען „ערב יום־הכּפּורים". ער האָט זי אָפּגעשיקט צו דער צײַטונג „הצפֿה". און זי איז דאָרטן טאַקע באַלד געדרוקט געוואָרן.

— געדרוקט צום ערשטן מאָל. איך בין געווען דער גליקלעכסטער מענטש.

— גאַנץ לאָדזש האָט זיך געטראָגן.

— ניט נאָר לאָדזש.

„גאַנץ לאָדזש" האָט דעמאָלט געמיינט דאָס הויז פֿון יצחק קאַצענעלסאָנען, וווּ מען פֿלעגט עסן היימישע מיטאָגן. קומען פֿלעגן העברעיִשע

לערערס, חבֿרים פֿון יצחקס פֿעטער, און עטלעכע משׂכּילים־גראַפֿאָמאַנען. זיי פֿלעגן דאָרטן אַרײַנקומען, אָפּזיצן שעהען, שמועסן וועגן ליטעראַטור, וועגן ייִדישן פֿאָלק. מען פֿלעגט דיסקוטירן וועגן שרײַבער.

ער דערמאָנט זיך אַן זײַנער אַ דערציילונג פֿון יענער צײַט, אַ מעשׂה וועגן אַ ייִנגל, וואָס פֿאַרקויפֿט הושענות. ער דערמאָנט אויך זײַן דערציילונג „מלקות" — וועגן אַ ייִדן אַ מלמד וואָס האָט הנאה געהאַט פֿון שמײַסן תּלמידים. אַז ער האָט ניט געהאַט וועמען צו שמײַסן, האָט ער קיין ברירה ניט געהאַט און געשמיסן, מחמת הנאה, זײַן אייגענעם אייניקל. די גרויסע אויסצייכענונג פֿון „משהקעלע חזיר" איז פֿאַר אים געווען גאַנץ אומגעריכט. עס האָבן זיך דעמאָלט אָפּגערופֿן ביאַליק און פּרץ. דערמאָנט ער זיך יענע ווײַט פֿאַרלאָפֿענע, אָבער גוט געדענקטע צײַט פֿון זײַן שרײַבערישער יוגנט. ניט איין מאָל מפֿורסם געוואָרן בײַ אַלע משׂכּילים.

— איך האָב דעמאָלט מורא געהאַט, געווען שטאַרק אומרויִק. איך האָב געגעבן מיט מײַן „משהקעלע" אַ וועקסל דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכן מען וועט מוזן צאָלן.

גייען מיר אַריבער צו זײַנע אַנדערע ווערק פֿון דער שפּעטערדיקער צײַט.

— דער ערשטער אַקט פֿון מײַן דראַמע „לאַנדסלײַט" איז געווען גע־דרוקט אין „צוקונפֿט" מיט פֿערציק יאָר צוריק. מען האָט „לאַנדסלײַט" געשפּילט אין ייִדישן טעאַטער אין ניו־יאָרק.

ווען ער האָט אָנגעהויבן איבערזעצן שלום־עליכמען פֿון ייִדיש אויף העברעיִש, האָט שלום־עליכם נאָך געלעבט. ער האָט זיך שטאַרק מיט דעם אינטערעסירט און ער האָט געוואָלט לכתּחילה אַליין עס זען און לייענען. שלום־עליכם האָט געזאָגט, אַז ווען ער אַליין זאָל שרײַבן העברעיִש, וואָלט ער עס אַזוי געשריבן ווי בערקאָוויטשעס איבערזעצונג. עס איז ניט געווען קיין איבערזעצונג, עס איז אַן אָריגינעלע שאַפֿונג. ער דערמאָנט זיך שעהען, ווען שלום־עליכם פֿלעגט זיצן און הערן. הערן אויפֿמערקזאַם, הערן יעדער וואָרט פֿון דער איבערזעצונג, און זײַן אַליין כּולו שפּאַנונג, אַזוי ווי ער וואָלט עס אַליין געשריבן אויף העברעיִש.

וויל איך וויסן:

— לייענט מען אין ארץ־ישׂראל שלום־עליכמען? סטײַטש, פֿון וואַנען וויים די יוגנט, פֿון וואַנען ווייסן די קינדער, די היגע סאַברעס, וועגן יעהופּעץ און קאַסרילעווקע? פֿאַר זיי מוזן דאָך זײַן טבֿיה דער מילכיקער, מנחם־מענדל, שיינה־שיינדל, טאַפּעלע־טוטאַריטו, פֿרעמדע, ווײַטע, אומבאַ־קאַנטע פֿאַרשוינען.

— אין פֿלוג, על־פּי שׂכל, דאַרפֿט איר זײַן גערעכט. טאַקע אין דער אמתן. אָבער עס שטימט ניט מיט דערווירקלעכקייט. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן גאַנץ אַנדערש.

וואָס דערציילט די ווירקלעכקייט?

— אין העברעיִש זײַנען דערשינען פֿופֿצן בענדער שלום־עליכם. גאַנץ שלום־עליכם. עס איז געווען אַ גרויסע אויפֿגאַבע אַריבערצוטראָגן אין העברעיִש די זאַפֿטיקייט פֿון שלום־עליכמס ייִדיש. דאָ ערשט ניט לאַנג איז דערשינען אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון גאַנץ שלום־עליכם אין זעקס בענדער. אַ קאָמפּלעט שלום־עליכם האָט געקאָסט 31 פֿונט, און עלף טויזנט זאַץ זײַנען ניט לאַנג צוריק אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן.

אַ ביליקערע אויסגאַבע פֿון שלום־עליכמען אין העברעיִש איז אויס־פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין פֿיל טויזנטער עקזעמפּלאַרן דורך דער טאָגצײַטונג „ידיעות אחרונות".

י.־ד. בערקאָוויטש דערציילט מיר:

— שלום־עליכם ווערט געלערנט און געלייענט אין דער העברעיִשער שול. שלום־עליכם לעבט צווישן די ייִדישע קינדער אין ישׂראל.

אַבֿרהם שלאָנסקי, דער באַקאַנטער העברעיִשער פּאָעט, האָט אים דער־ציילט, אַז ער האָט געגעבן זײַן 15יאָריקער טאָכטער לייענען שלום־עליכמען, איז זי צו אים געוואָרן צוגעזאָטן.

— טרעפֿט מיך אַ פֿרעמדער ייִד אין דער גאַס און דערציילט מיר מיט גרויס הנאה, ווי זײַנע קינדער לייענען שלום־עליכמען.

שלום־עליכם אויף העברעיִש!

— זיצט אַ תּלמיד אין דער 6טער כּיתּה אין שול און קאָן זיך ניט אָפּ־רײַסן פֿון „מאָטל פּייסי דעם חזנס".

איך פֿרעג: סטײַטש, ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס דאַרף דאָך זײַן פֿאַר זיי אַ פֿרעמד לעבן? שטימט ניט די גאַנצע „פֿילאָסאָפֿיע". ווי אַזוי האָבן מיר אין אונדזער יוגנט געלייענט דיקענסן? עס האָט דאָך געדאַרפֿט זײַן פֿאַר אונדז פֿרעמד דאָס לעבן, פֿרעמד די לענדער, פֿרעמד די שטעט, ווײַטע, פֿרעמדע מענטשן. דאָך זײַנען מיר פֿאַרכאַפּט געוואָרן. אונדז האָט פֿאַרנומען די באַשרײַבונג, די שילדערונג, די דערציילונגס־קונסט פֿון דעם מײַסטער. אַזוי איז אויך מיט די ייִדישע קינדער אין ישׂראל. זיי ווערן דורך שלום־עליכמען אַרײַנגעצויגן אין קאַסרילעווקע.

און עס באַקומט זיך אַזאַ סך־הכּל:

— שלום־עליכם לעבט צווישן די ייִדישע קינדער אין ישׂראל.

ווײַל איך שפּעטער וויסן פֿון אים, ווער עס זײַנען, לויט זײַן מיינונג, הײַנט צו טאָג, די העברעיִשע שרײַבער, וואָס זײַנען ממשיך די העברעיִשע ליטעראַטור. ווער זײַנען די, וועגן וועלכע מען קאָן זאָגן, ווי וועגן שלום־עליכמען, אַז זיי לעבן צווישן די ייִדן אין ארץ־ישׂראל?

— זייער ווייניק. — איז זײַן ענטפֿער.

ער דערמאָנט זיך אַז זײַן אייגענער יוגנט, ווען נײַע יונגע שרײַבער זײַנען אַרײַנגעקומען אין דער ליטעראַטור. אין יענער צײַט האָבן יונגע שרײַבער

איבערגענומען די פּאַן פֿון דער ליטעראַטור, וואָס ביז זיי האָט הויך געטראָגן דער עלטערער דור שרײַבער. די שרײַבער האָבן זיך געפֿילט ווי שלוחים פֿון פֿאָלק, זײַנען געווען אַ ליכט פֿאַרן פֿאָלק. אַט האָט ביאַליק באַצוווּנגען דאָס האַרץ פֿון דער אומה.

— און הײַנט? — פֿרעג איך.

— הײַנט?.. קוקן מיר זיך אַרום און פֿרעגן: וועמען וועלן מיר איבערגעבן די ירושה? וועמען? מיר זעען דערווײַל ניט וועמען. אַ פּאָר, אַפֿילו טאַלענטירטע, שרײַבער איז נאָך ניט די העברעיִשע ליטעראַטור.

ברענג איך פֿאַר אים די טענות (וואָס איך האָב געהערט און געלייענט) צו דער העברעיִשער ליטעראַטור, צו די העברעיִשע שרײַבער, ביטערע פֿאַרוווּרפֿן, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אויף שרײַבער־צוזאַמענפֿאָרן, אין אַרטיקלען פֿון אַבֿרהם קריב, חיים הזז, ש. שלום, אורי־צבֿי גרינבערג און אַנדערע.

מען שרײַבט און מען זאָגט, אַז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז אַ ירידה; אַז עס זײַנען ניטאָ קיין וואַגיקע, ווערטפֿולע ביכער; אַז מען גייט אַריבער צום „גײַסט" פֿון די אויסלענדישע בעסטסעלערס; אַז דער יונגער דור לייענט ניט די העברעיִשע ליטעראַטור.

— סטייטש! — טענה איך — דער בנין פֿון לאַנד גייט באַרג־אַרויף. מען איז פֿול מיט פּראָבלעמען ווי מילגרוימען. אָבער אויף די בלעטער פֿון די ביכער זעט מען אַ לײַדיקייט. איר דערמאָנט זיך דאָך די צײַטן אין גלות. מיר האָבן דאָרטן געהאַט די שירים פֿון ביאַליקן, די דערציילונגען פֿון ברענערן, די מאמרים פֿון אחד־העמען.

ער וויים און פֿילט עס. עס טוט אים וויי. אים איז שווער צו דערקלערן די סיבה פֿון איצטיקן מצבֿ אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. אפֿשר איז עס אַ רעזולטאַט פֿון דער איבערגאַנגס־צײַט? אפֿשר וועט אַנדערש ווערן, בעסער ווערן?

— עס זײַנען דאָ שרײַבער, וואָס שרײַבן, ווי זיי וואָלטן אָנגענומען וואַסער מיט אַ זיפּ... עס ווירקן די איבערזעצונגען פֿון דער ביליקער ליטעראַטור, פֿון די אַמעריקאַנער בעסטסעלערס, דער ליטעראַטור וואָס קוקט מיטן פּנים צום פֿילם — אין אַמעריקע צו טעלעוויזיע. דאָס נעמט צו דעם חן פֿון דער ליטעראַטור אַפֿילו אין מדינת־ישׂראל, וווּ קיין „טי־ווי" איז נאָך דערווײַל, גאָט צו דאַנקען, ניטאָ. מען ווערט נאָכמאַכערס, נאָכקרימערס.

דערמאָנט ער זיך די שווערע פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען אין אַמעריקע פֿאַר דער ליטעראַטור, ווען ער איז דאָרטן געווען:

— מיר זײַנען געווען יונג, ניט צופֿרידן. מיר האָבן געבענקט און האָבן געוואָלט דאָרטן זען דעם פּנים און דעם גײַסט פֿון דער אַלטער היים. מיר האָבן עס אָבער ניט געקאָנט זען אין דער ליטעראַטור.

ייִדיש איז געווען באַזירט אויפֿן שטעטל — זאָגט ער. דאָס שטעטל איז געווען דער קוואַל, דער ברונעם. איז דאָס שטעטל פֿאַרלאָרן

געגאנגען, איז ניטא מער דער קוואַל. אויף וואָס זשע קאָן זיך ייִדיש האַלטן ווייטער?

אַזוי זיינען מיר אַריבער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור צו דער ייִדי־שער, צו דער ייִדישער שפּראַך, צו איר גורל אין אַמעריקע, צו איר מצב אין ישׂראל. ער איז אַ חסיד פון ייִדיש. ער האָט ליב ייִדיש. ווי קאָן אַנדערש זיין מיט דעם וואָס האָט אין זיך אַריינגעקנאַטן אַזוי טיף שלום־עליכמען? רעדט ער וועגן היינטיקן מצב פון ייִדיש אַזוי:

— אין ייִדיש זיינען דאָך דאָ אוצרות. אַז אַ זיכערן באָדן, אַז אַ קלאָרן הימל איבערן קאָפּ, האָט דאָס פֿאָלק געשאַפֿן זיין ייִדיש. שלום־עליכם איז דאָך געווען דער ר׳ יהודה הנשׂיא פון דער ייִדישער שפּראַך. מענדעלע האָט געמייסטערעוועט ייִדיש ווי אַ גוטער דימענט־שלייפער. שלום־עליכם איז געווען דער שפּילפויגל פון ייִדיש. ער איז געווען אַ חסיד פון יעדן ייִדישן וואָרט, פון יעדן ייִדישן אות. ער איז געווען אויפגעבראַכט, ווען מען איז געגאַנגען איינפירן אַ נייע אָרטאָגראַפיע, אַרויסוואַרפן אותיות פון ייִדיש. ער האָט זיך פשוט געפילט אומגליקלעך פון דעם.

ייִדיש איז געווען די גרעסטע פֿאָלקסשפּראַך אונדזערע. די נאַרישע גרויסקייט און די גרויסע נאַרישקייט. ייִדיש מיטן מודה אני זיינען דאָך געוואָרן איינס. און איצט...

וועגן איצט דריקט ער זיך אויס אין איין זאַץ, וואָס טרעפט זייער טיף:

— איכה ישבה בדד ייִדיש?..

וואָס דער תּלמוד האָט געגעבן דעם פֿאָלק אין פֿאַרלויף פון אַנדערט האַלבן טויזנט יאָר, איז געווען ייִדיש בכּוח אים צו געבן שפּעטער.

— וואָס זשע אָבער האָט מען געטאָן מיט ייִדיש אין ישׂראל? פֿאַרטריבן?

קאָן מען דערלאָזן, אַז די נייע דורות ייִדישע קינדער זאָלן ניט קענען קיין שייטל עבֿרי אויף ייִדיש?

זאָלן ניט קאָנען לייענען שלום־עליכמען אין אָריגינאַל?

דאָס זיינען שווערע פֿראַגן, אויף וועלכע איך קאָן ניט באַקומען קיין ריכטיקן ענטפֿער, חוץ:

— דאַרף מען טאַקע וועגן דעם טראַכטן.

קערט זיך צוריק דער שמועס צו ליטעראַטור בכלל. ליטעראַטור דאַרף זיין עכט, מקורדיק, אמתדיק, דאַרף זיין היסטאָריש באַרעכטיקט, דאַרף האָבן אין זיך אמתע שיינקייט און טיפע עטיק. קומען מיר צו, אַגבֿ־אורחא, צו שלום אַש.

— וואָס וועט בלייבן פֿאַר די קומענדיקע דורות פון שלום אַשס לעצטע שאַפֿונגען?

זאָגט י.־ד. בערקאָוויטש:

— ער האָט געלעבט, בעת ער איז געווען אויף דער ערד. מיט זיין טויט איז ער גרינטלעך אָוועקגעגאַנגען.

— וואָס שרייבט איר היינט? — פֿרעג איך אים.

ער שרײַבט „יום אתמול כּי יעבר" — ווי אַזוי איך האָב געזען ישׂראל מיט 30 יאָר צוריק. בית־לחם, בית־הכּרם . . . וואָס האָבן גויִים פֿון דעם געמאַכט? אַ קלײן שטעטעל מיט צעלעכערטע צלמים, ווײַבער מיט שוואַרצע געהילן. און וואָס איז געווען בית־לחם בײַ אונדז? בועז, רות, נעמי. זײַן „ימות המשיח", 500 זײַטן, איז וועגן דעם ווי אַזוי אַמעריקאַנער ייִדן קומען בויען ארץ־ישׂראל, קומען זיך דאָ באַזעצן. אַ ציוניסט, אַ ייִדישיסט. דער ייִדישיסט וויל אין ארץ־ישׂראל אַנטוויקלען ייִדיש. ער שטעלט אים אַרויס, ווי ער זאָגט, פֿאַר אַ געזונטן טיפּ.

איך קום צו דער פֿראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן דאָ און דאָרטן, צווישן ייִדיש און העברעיִש, צווישן בײדע ליטעראַטורן, בײדע ייִדישע לעבנס.

— לאָמיר, זאָגט ער, ייִדיש איבערזעצן אויף העברעיִש און העברעיִש איבערזעצן אויף ייִדיש.

מיר וועלן לײענען אײַער ייִדיש אויף אונדזער העברעיִש, אָבער צי וועט מען בײַ אײַך לײענען אונדזער העברעיִש איבערגעזעצט אויף ייִדיש?

מיר רײדן וועגן די ערשטע התחלות, וואָס זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט, און —

לא עליך המלאכה לגמר . . . דו דאַרפֿסט נאָר טאָן. ער האָט געשריבן אַ ווערק „מנחם־מענדל אין ארץ־ישׂראל". ער דערמאָנט זיך אָן דעם און זאָגט מיר אַזוי:

— תּל־אָביב ווערט מיר אָפּגעפֿרעמדט. מיר דאַרפֿן ניט קײן גרויסע שטעט. מיר דאַרפֿן איצט ווײניקער קיבוצים און מער מושבֿות. קיבוצים זײַנען געווען אַ גוטע שול. אָבער, סוף־כּל־סוף, וויל אַ מענטש האָבן זײַן אײגענעם ווינקל. אַ מענטש דאַרף טאַקע ניט לעבן פֿון יענעמס פּראַצע. ער וויל לעבן פֿרײַ אין זײַן ווינקל, מיט זײַנע אײגענע מחשבֿות, ניט מיט די מחשבֿות פֿון אַלעמען, ניט מיט די מחשבֿות פֿון גאַנצן קיבוץ.

ער דערמאָנט זיך אין דגניה. מען האָט געזונגען אין דגניה לידער וועגן כּנרת. אויך אַנדערע לידער. עס איז געווען אַ גוטע צײַט, אַ ראָמאַנטישע. ער מײנט, אַז מען טאָר ניט גײן אויפֿן וועג פֿון „נהיה ככּל הגויים", נאָכגײן די גויִים. עס וועט ניט טויגן. עס איז דאָ אײן ריכטיקער אַלטער, אָבער אמתדיקער וועג:

— מציון תּצא תּורה ודבר ד' מירושלים.

אונדזערע דײַטשע יעקעס האָבן אַהער געבראַכט אַן אַנדער ייִדישקײט, ניט די אמתע. אַ מאָל דערגײ איך צו דעם, אַז איך טראַכט, צי זײַנען ניט, סוף־כּל־סוף, גערעכט די נטורי־קרתּא.

אים האָט געצויגן — דערמאָנט ער זיך — נאָך פֿון די קינדער־יאָרן צו גײן קײן ארץ־ישׂראל. זײַענדיק אַ 10יאָריקער ייִנגל, האָט ער געוויינט בײַ די קינות תּשעה־באָבֿ.

— מײַן טאַטע איז געקומען קײן ארץ־ישׂראל נאָר צו זײַן דאָ אַ גאַסט. זי איז אָבער געבליבן. זי האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אַוועקפֿאָרן.

דערמאָנט ער זיך אָן דער סיני־אַקציע.

— מיר זײַנען געווען רויק. עס איז ניט געווען קיין שרעק. עס איז ניט געווען דער באַקאַנטער פּאָגראָם־גײַפּיל אַפּילו אין די ביטערסטע שעהען. ניין, ניט קיין פּאָגראָם. דאָ קאָן שוין דאָס ניט זײַן.

דערמאָנט ער זיך דעם יאָר 1929. ער איז דעמאָלט געקומען פון ארץ־ישׂראל קיין אַמעריקע, אַ גאַסט. אין די ייִדישע צײַטונגען אין אַמעריקע זײַנען געווען אויף די ערשטע זײַטן אין שוואַרצן שריפט ידיעות וועגן פּאָגראָמען אין ארץ־ישׂראל. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק בײַ די ייִדן אין אַמעריקע. שמריהו לעווין האָט געזען די פּאַניק, געזען די צײַטונגען, און ער האָט גע־טענהט: „סטײַטש! אויך אין ארץ־ישׂראל פּאָגראָמען! מען דאַרף עפּעס טאָן קעגן דעם. מען טאָר ניט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט!" י.־ד. בער־קאָוויטש האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אין ניו־יאָרק אַ סעריע אַרטיקלען אין „טאָג" — „מאורעות". ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק זייער שאַרף און זייער קלאָר און איבערצײַגנדיק, אַז אין ישׂראל זײַנען ניט געווען קיין פּאָגראָמען. עס איז ניט געווען קיין פּאָגראָם־שטימונג. דעמאָלט איז דערשינען אין ניו־יאָרק דאָס וואָכנבלאַט „די וואָך". האָט מען דאָרטן מיט אים פּאָלע־מיזירט. ער האָט צוריק געענטפערט:

— אין אַ פּאָגראָם באַהאַלט מען זיך. אין ארץ־ישׂראל האָט זיך קיינער ניט באַהאַלטן.

זײַנער אַ באַקאַנטער, אַ קנעווער, האָט אין קנעוו, ווען אַזאַ זאַך איז געשען דאָרטן, געטריבן זײַן זון זיך צו באַהאַלטן. אָבער אין ארץ־ישׂראל האָט ער געשיקט זײַן זון אין הגנה.

לויפן פאַרבײַ פאַר זײַנע אויגן, פאַר זײַן דמיון בילדער פון ארץ־ישׂראל און ער זאָגט מיר אַזוי:

— איר האָט געדאַרפט זען אונדזערע מאַמעס, וואָס שטייען אין די מלחמה־טעג פאַרן פענצטער און וואַרטן אָפּ, זייערע קינדער זאָלן קומען צוריק פון דער מלחמה.

און אָט אַזוי וועבט זיך אונדזער שמועס און נאָך אַ מאָל — גלות און ארץ־ישׂראל, ייִדיש און העברעיִש.

— מיר וועלן אויסגלײַכן אונדזערע מחלוקות. איר טוט די אַרבעט אין אַמעריקע און מיר וועלן טאָן אין ארץ־ישׂראל. סוף־כּל־סוף וועלן מיר דאָך טאָן איין אַרבעט. עס איז דאָך אַ ייִדישע גאָלדענע קייט, אַ היסטאָרישע קייט.

ער נעמט אַראָפּ פון זײַן פּאָליצע אַ ספר, דעם ספר אבן־עזרא, וואָס ביאַליק און ראַווניצקי האָבן אים געגעבן אַ מתּנה און אָנגעשריבן אויפן ספר אַ ווידמונג צו בערקאָוויטשן אויף העברעיִש:

— צו דעם וואָס האָט ייִדישיזירט העברעיִש און העברעיִזירט ייִדיש. אונטערגעשריבן פון „זײַנע פרײַנד, פון די וואָס האָבן אים ליב — ח.־נ. ביאַליק און י.־ח. ראַווניצקי, איר תרפ"ד."

— אַט דאָ קענגן איבער — זאָגט מיר י.־ד. בערקאָוויטש — וווינט ביאַליקס אַלמנה. זי איז שוין אַלט 82 יאָר.

— פּריִיטיק צו נאַכטס — דערציילט מיר בערקאָוויטש — גייען מיר אין ביאַליקס הויז, פאַרברענגען דאָרטן מיט ביאַליקס אַלמנה.

— און אַט איז די משפּחה ראַווניצקי . . .

זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין הויז.

— שלום!

— שלום־עליכם!

אין שטוב איז אויך אַרײַנגעקומען בערקאָוויטשעס טאָכטער. מען רעדט דרײַ לשונות: העברעיִש, ענגליש, רוסיש. דערציילט ער מיר, אַז עס איז געווען בײַ זיי דאָ ניט לאַנג דער פּראָפעסאָר זעליג פּערלמאַן פון וויסקאָנסין, זײַן אַלטער באַקאַנטער. האָט מען אָנגעהויבן ריידן אויף רוסיש און אַריבער צו ייִדיש.

און דאָס אַלץ מישט זיך צונויף, פלעכט זיך צוזאַמען. י.־ד. בערקאָוויטש, ביאַליקס אַלמנה, די משפּחה ראַווניצקי, שלום־עליכם. דער אַלטער, גרויסער ייִדישער געזעמל: ביאַליק, שלום־עליכם און ראַווניצקי. און אין דעם איז אַרײַנגעפלאָכטן י.־ד. בערקאָוויטש. אַ געמיש פון אַלע פיר לשונות — העברעיִש, ענגליש, רוסיש און ייִדיש.

◆

איך געזעגן זיך מיט י.־ד. בערקאָוויטשן. אין שטוב זײַנען מיר שוין דעמאָלט געווען זאַלבע צווייט. „אויף דער עלטער איז שווער זיך אַן עצה צו געבן מיט די יאָרן," זאָגט ער. איך קוק אויף זײַן גרויסן קאָפּ. איך זע דעם שטח פון סלוצק ביז תּל־אָבֿיבֿ, די פאַרבינדונג פון העברעיִש און ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. איך זעגן זיך מיט איינעם פון די בעסטע מײַסטערס פון העברעיִשן לשון — מיט דעם וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור; וואָס איז דורכגענומען מיט טיפער ליבשאַפט צו ייִדיש, מיט בענקשאַפט פאַר אַ ריכטיקער פאַרבינדונג צווישן די תּפוצות ישׂראל און ארץ־ישׂראל. זאָגט ער מיר פאַרן אַוועקגיין אַזוי:

— געדענקט, ליבער פרײַנד, ניטאָ נאָך אַזאַ ווינקל אויף דער ערד ווי אַט דאָס קליינע געטלעכע לאַנד.

לאה גאָלדבערג

לאה גאָלדבערג איז אַ ליריקערין.

זי איז די געלייענטסטע דיכטערין פֿון דער יוגנט. אירס אַ לידערבוך פֿאַרקויפֿט זיך אין ישׂראל אין שיינע עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן. איר ליריק איז אַלט און יונג, אַלט מיט אירע מאָטיוון: ליבע, בענקשאַפֿט, פֿאַרצווייפֿלונג, האָפֿענונג, און יונג מיט אירע אויסדרוקן, מיט דער פֿאָרם, מיט איר נוסח און מיט אירע בילדער.

— „לאה גאָלדבערג איז אונדזער ליריקערין. מיר לייענען זי מער מיטן האַרצן ווי מיט די אויגן...״ האָט מיר געזאָגט אַ סטודענטין אין דער ביבליאָטעק פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט. איר חבֿרטע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט מסכּים געווען.

אָט זײַנען אירע ווערק: „טבעות עשן״, „שבלת ירוקת העין״, „שיר בכּפרים״, „מביתי הישן״, „על הפּריחה״, „ברק בבקר״, „מכתבים מנסיעה מדומה״, „והוא האור״.

— „בעלת הארמון״ איז איר דראַמע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן 120 מאָל אין קאַמער־טעאַטער.

לאה גאָלדבערג איז אַ למדנית אין דער וועלט־ליטעראַטור. זי איז אַ לערערין פֿון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערסיטעט. איר נאָמען איז געקניפּט און געבונדן מיט דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. צו אירע פֿאָרטראָגן וועגן ליטעראַטור אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון לאַנד קומט אַ גרויסער עולם. זי איז אויך אַ באַקאַנטע רעדנערין.

בין איך געגאַנגען צו איר אַהיים מיט איר זיך דורכשמועסן. זי וווינט אין ירושלים.

◆

איך בין געגאַנגען צו איר דורך רחובֿ מלך געורג החמישי צו רחובֿ לינקולן. פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם מיניסטעריום פֿאַר דערציִונג און קולטור. געכאַפּט דערווײַל אַ שמועס מיט מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַ דער אויטאָבוס־סטאַנציע 4 און 13. נאָכגעפֿרעגט זיך אויף דעם הויז, וווּ עס דאַרף וווינען לאה גאָלדבערג די דיכטערין. פֿרעג איך אַ מיטליאָריקן דאָרן

בעל־מלאכה מיט אַ קעסטל געציַיג אונטערן אָרעם, מיט אַ גרוילעך בערדל, פאַר וואָס עס זיַינען ניטאָ קיין געהעריקע שילדן אויף די גאַסן, ענטפערט ער מיר:

— אויף ישׂראל דאַרף מען ניט פרעגן קיין קשיות. דאַנקען גאָט פאַר דעם וואָס ס׳איז דאָ.

נאָכדעם זאָגט ער מיר:

קומט אַהער, אַמעריקאַנער, וועל איך אײַך וויַיזן, אַז עס איז יאָ דאָ אַן אויפשריפט. מען דאַרף נאָר קאָנען גוט קוקן און רעכט לייענען. דאָס 4טע ניַיע הויז רעכטס אויפן בערגל, דאָרטן וווינט לאה גאָלדבערג מיט איר מוטער. קומט צוזאַמען מיט מיר, וועט איר ניט בלאָנדזשען, איך וועל אײַך וויַיזן.

דאָס הויז איז אַ ניַיס. עס שטייט אויף אַ בערגל. מען דאַרף גיין אַרום און אַרום ביז מען קומט אַריַין. די טיר האָט געעפנט אַן עלטערע פרוי, אַ שטיל ריידנדיקע, אַ שעמעוודיקע — די מאַמע.

— מיַין טאָכטער לאה איז איצט אין חיפה. זי וועט קומען אין ירושלים אין צוויי טעג אַרום, מיטוואָך. קומט אַריַין מיטוואָך.

— וועל איך איַיך לאָזן אַ בריוול פאַר איַיער טאָכטער.

— איר קענט זי? — איז נײַגעריק די מאַמע, וועמעס טאָכטער עס דאַרף קומען פון חיפה קיין ירושלים.

— איך ווייס פון איר, ענטפער איך, איך קום פון ניו־יאָרק און איך ווייס פון איַיער טאָכטער דער פּאָעטין.

די מאַמע איז צופרידן.

פאַר וואָס זאָל זי, די מאַמע, אַן אַלמנה, אַ שטילע ליטוואַטשקע פון קאָוונע, זיך ניט גרייסן אַ ביסל מיט איר טאָכטער, מיט וועלכער זי וווינט צוזאַמען און וועגן וועלכער מען ווייס אַזש אין ניו־יאָרק?

— זי דאַרף זיַין מיטוואָך אין אוניווערסיטעט. זי לערנט דאָרטן אַלגעמיינע ליטעראַטור. העברעיִשע ליטעראַטור לערנט דער שריַיבער האַלקין.

ווער איך שוין געוואָר ביַי דער געלעגנהייט פון דער מאַמען נאָך עפּעס:

— לאה האָט שטודירט אין דיַיטשלאַנד און זי באַהערשט פיר אייראָפעיִשע שפּראַכן. — די מאַמע איז שטאָלץ.

וועל איך קומען מיטוואָך נאָך אַ מאָל. אויב לאה גאָלדבערג וועט ניט קאָנען מיך אויפנעמען מיטוואָך, בעט איך, זי זאָל עס מיר לאָזן וויסן דורכן טעלעפאָן.

גיי איך צוריק. דרויסן בויט מען אַ ניַי הויז. מען זאָגט אַז דורך אַ גרויסן שילד, אַז מען קאָן באַקומען אין דעם ניַיעם הויז דירות פון 2½ צימער ביז 4½. דאָ איז די געגנט פון בן־מימון־אַלעע. גייען דורך צוויי קאַטוילישע מאָנאַכן אין שוואַרצע טאָגעס און גרויע היטלעך. מיר באַגריסן

זיך. זיי ריידן ענגליש. דאָ אין שכינות איז דאָ אַ גרויסע קאַטוילישע אינסטי־טוציע. אַ מאָל, פאַר דער ייִדישער מדינה, איז אין דעם גרויסן אַלטן הויז געווען אַ קאַטוילישער קלויסטער, אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט, אַ לערנהויז. הײַנט איז דאָרטן די ביבליאָטעק פון העברעיִשן אוניווערסיטעט. אַ פליגל פון דעם גרויסן הויז געהערט נאָך אַלץ צו די קאַטוילישע מאָנאַכן. ייִדן און קאַטאָליקן לעבן דאָ אין שלום.

אָפּגעשמועסט מיט די מאָנאַכן, קאָן מען זיך צוזעצן אויף אַ באַנק אויף דער בן־מימון־אַלעע. איך קוק זיך צו צו סצענעס אויף דער אַלעע. קינדער שפּילן זיך, רײַטן אויף וועגעלער. פרויען שפּאַצירן. עלטערע מענטשן זיצן אויף די בענק. איך פיל ניט, ווי די צײַט גייט. לאָמיר אַרײַנקוקן דערבײַ אין לאה גאָלדבערגס אַ ליד.

עס איז אַ ליד וועגן אַ פויגל, וואָס דאַרף טראָגן אויף זײַנע שוואַכינקע פליגלען אַלע הימלען. ער דאַרף זיי, די הימלען, טראָגן, צעשפּרייט אויף די פליגלען, ווײַט־ווײַט, העט איבער דער ווידטעניש — אָט די גרויסע, אָט די בלויע הימלען. לייענט זיך דער סוף פון איר ליד, אין איבערזעצונג, אַזוי:

> אַזוי האָט מײַן האַרץ ווען געטראָגן זײַן ליבע,
> געווען איז די רחבֿותדיק, הימלבלאָ.
> העכער פון הויז,
> איבער דער ווידטעניש,
> חורבֿות
> און תּהומען פון טרויער.

ביז דער געזאַנג פון איר האַרץ איז פאַרשטומט געוואָרן. עס איז פאַר־שוווּנדן איר כּוח. עס איז געוואָרן אַ שטיין און — אַרונטערגעפאַלן. ענדיקט זי אַזוי:

> מײַן שטום פאַרוווּנדיקטע ליבע,
> ווי קאָן זשע איין פויגל
> טראָגן אויף שוואַכינקע פליגלען
> דעם גאַנצן הימל ?

דאָס איז אַ טייל פון אירן אַ ליד, וואָס הייסט „אין די בערג פון ירושלים".
— „אַ ווינטל קומט און צערטלט דעם שפּיץ פון אַ סאָסנע, די שטיינער פאַרשטומטע, און מאַכט איבער אַלעמען אַ ברכה..."

אין צוויי טעג אַרום, טאַקע מיטוואָך, בין איך ווידער געווען בײַ לאה גאָלדבערגס טיר. זי איז דאָס מאָל געווען אין שטוב. געוווּסט פון מײַן בריוול צו איר, אַז איך וועל קומען, און זי האָט מיך פרײַנטלעך אַרײַנגעבעטן אינעווייניק. אַרײַנגעפירט אין איר אַרבעטס־צימער. אָנגעטאָן שטוביק, היימיש, פּשוט. זי זעט אויס מיטליעריק. דאַר און שלאַנק. די אויגן, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרטאָן אין עפּעס אַנדערש, וואָס איך זע ניט אַרום אונדז.

זי זעט אבער מסתמא יאָ. איך האָב שוין אַזאַ לאָה גאָלדבערג, אַ פאַרטראַכטע, אַ ביסל צעטומלט, אַ ייִדישע אינטעליגענטין, געזען אין וואַרשע, אין ווילנע, אין פּאַריז. זי איז אָבער דאָך אַנדערש. ניטאָ אַ סך אַזעלכע ייִדישע פרויען. זי איז דאָך די העברעיִשע פּאָעטין פון ירושלים. אַט ערשט ניט לאַנג איז דאָך דערשינען איר בוך:

— „לוח האוהבים", „דער קאַלענדאַר פון די פאַרליבטע". עס איז צע־כאַפּט געוואָרן. מען קאָן עס מער ניט קריגן צו קויפן. ניטאָ אין די בוכ־האַנדלונגען. מען מוז וואַרטן אויף דער נייער אויפלאַגע, וואָס דרוקט זיך.

גלייך אין אַנהייב פון אונדזער שמועס האָב איך געקאָנט זען, ווי זי איז אויסגעבונדן אין דער אַלטער און נייער העברעיִשער ליטעראַטור. זי איז קאָנ־צענטרירט און איר קאָפּ איז גוט געאָרדנט.

קען זי די ייִדישע פּאָעזיע?

— גאַנץ ווייניק.

זי לייענט ווייניק ייִדיש. אייניקע פון אירע העברעיִשע לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ייִדיש פון אַברהם סוצקעווער און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

ווייל איך עפּעס הערן וועגן איר פּיעסע „בעלת הארמון", „די פרוי פון פּאַלאַץ", וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג אין ישׂראל. און גראָד אין יענער צייט איז זי געשפּילט געוואָרן אויף ייִדיש אין אויסטראַליע, אין טעאַטער פון יעקב ווייסליץ.

אין דער פּיעסע נעמען אַנטייל נאָר פיר אַקטיאָרן.

וואָס איז דער אינהאַלט? — שווער איבערצוגעבן דעם אינהאַלט. די באַדייטונג פון דער פּיעסע ליגט מער אין דער שטימונג, אין דער אַטמאָספער. מען דאַרף עס זען מיט די אויגן.

דאָך וואָס איז די מעשה?

— אַ שטורעם אין דער נאַכט. דונערן און בליצן. אַ וואַנטזייגער מיט אַ קוקוק. אַן אַלטער פאַרשטעלטער דינער, וואָס איז דער בעל־הבית פון פּאַלאַץ. אַ ייִדישע מיידל ווערט דאָרטן אויסבאַהאַלטן. זי ווייס ניט, אַז עס איז שוין צוויי יאָר נאָך דער מלחמה, אַז די מלחמה איז שוין לאַנג פאַרענדיקט. דאָס ווערט געהאַלטן פון איר בסוד.

פאַר וואָס?

— ווייל דער בעל־הבית פון פּאַלאַץ — אַ דייטש, אַ מיסטיקער, אַ פאַרליבטער אין מיידל, וואָס ער האָט זי אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון די נאַציס — ווייל איר האַלטן וואָס לענגער אין פּאַלאַץ, זי זאָל זיין זיין געליבטע. זאָל זי ניט וויסן, אַז עס איז שוין נאָך דער מלחמה. זאָל זיך איר דוכטן, אַז זי טאָר ניט אַרויסגיין פון טיר, זי מוז אויסבאַהאַלטן ווערן, און ער, דער פאַרשטעלטער דינער, דער בעל־הבית, וואָס איז פאַרליבט אין איר, באַהאַלט

זי אוים, שטעלט איין זײַן לעבן. זי מוז אים דאנקבאר זײַן. זי האָט ניט קיין ברירה און מוז זײַן מיט אים.

— וואָס פּאַרלויפט ווײַטער?

— זײַנען אין פּאַלאַץ געקומען צוויי ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל, א מאַן און א פֿרוי. די פֿרוי זוכט פֿארשטעקטע ייִדישע קינדער, דער מאַן זוכט פֿאַר־שטעקטע ייִדישע ספֿרים. ווען זיי זײַנען אין פּאַלאַץ אין אָוונט, ברעכט אויס א שטורעם. זיי קאָנען פֿון פּאַלאַץ ניט אַוועק. דער „בעל־הבית־דינער" וויל פֿון זיי פּטור ווערן, עס זאָל ניט אויפֿגעדעקט ווערן זײַן סוד וועגן דער ייִדישער מיידל, אָבער זיי גייען ניט אַוועק, זיי מוזן בלײַבן. אַזוי ציט זיך געשפּאַנט און אַנגעשטרענגט די שעה. געשעט עס, אַז די מיידל ווערט אויפֿגעוואַכט פֿון דעם שרעקלעכן שטורעם. זי לויפֿט אַרוים אין דעם צימער, וווּ עס זיצן די צוויי יונגע ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל. זי דערזעט פֿרעמדע מענטשן — ייִדן. ווער זײַנען זיי? און ווער איז זי? ווערט זי געוואָר, אַז די מלחמה איז געענדיקט, זי קאָן זײַן פֿרײַ. זי הערט, אַז די צוויי ייִדן קומען פֿון ארץ־ישׂראל און זי קאָן אויך גיין אַהין.

— און דער סוף?

— די דרײַ ייִדן גייען אַוועק און דער דײַטש־סלאַווישער גראַף, דער „דינער־בעל־הבית", בלײַבט אַליין אין אַלטן פּאַלאַץ, און דער אַלטער וואַנט־זייגער קלינגט אוים האַלבע נאַכט. זיי גייען זיך פֿונאַנדער — די צוויי קולטורן קאָנען ניט זײַן צוזאַמען. בלײַבט דער אַלטער גראַף אַליין אין ליידיקן שלאָס.

דאָס איז איר דראַמע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר פֿון איר שאַפֿונג. דער עיקר, איר סטיכיע, איז פּאָעזיע.

וואָס זײַנען די טעמעס פֿון אירע לידער?

— אייגנטלעך ניט טעמעס, נאָר איין טעמע — ליבע און בענקשאַפֿט. אַלט און שטענדיק נײַ.

עס איז מערקווירדיק דער דערפֿאָלג פֿון איר לעצטן בוך „לוח האוהבים". זי האָט אין דעם בוך צונויפֿגעזאַמלט ליבעלידער פֿון די פֿאַרשיידנסטע פּאָעטן פֿון דער וועלט, פֿון „שיר השירים" ביז לאה גאָלדבערג; אײַנגעטיילט די לידער לויט די חדשים פֿון יאָר, ווײַל אין מײַ — זאָגט זי — איז אַנדערש די ליבע ווי אין דעצעמבער. אין סוף דבֿר פֿון איר ליבעבוך זאָגט זי אַזוי:

— אַז אַלטע לעגענדע דערציילט, אַז אַ געליבטער האָט געזען דעם שאָטן פֿון זײַן געליבטער אויף דער וואַנט. האָט ער גענומען קרייד און אַנגעצייכנט שטריכן לויטן שאָטן. און אַזוי איז געבאָרן געוואָרן די קונסט.

זי זאָגט אויך אַזוי:

— די ליבע איז דער גרויסער באַוועגלעכער כּוח אין דער קונסט, און געוויס אין דער לירישער פּאָעזיע. „פֿאַר וואָס מאָלסטו?.." — פֿרעגט עמעצער דעם מאָלער אין ראָמאַן פֿון אַנדרע מאַלראָ „דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן" און דער מאָלער ענטפֿערט:

— ווײַל איך האָב ליב מײַן פֿרוי.

— „איך האָב דיך ליב...״ — דאָס איז דער אייביקער אינהאַלט, מיט פֿאַרשיידנסטע וואַריאַציעס, שוין טויזנטער יאָרן, אין ליד און דערציילונג.

ליבעלידער זײַנען דער אינטימסטער ווינקל אין דער ליטעראַטור, און קיין פּאָעזיע איז ניט אינטימער ווי די פּאָעזיע פֿון אַ פֿרוי. זינגט לאה גאָלדבערג אין אירן אַ ליד וועגן ליבע־בענקשאַפֿט אַזוי:

אויב עס וועט זיך עפֿענען דער טויער
און מײַן גאַנצער קערפּער וועט רופֿן:
אַט איז ער... אַט איז...
וועל איך זײַן ווי אַ בוים אין דער פֿינצטערניש פֿון וואַלד,
וואָס ליכט האָט אין אים אַרײַנגעשאָסן, אים אומצובערענגען.

און וועגן בענקשאַפֿט נאָך ליבע זאָגט זי אַזוי:

ווידער זײַן.
ווידער נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר,
נאָך אַ דור, צוויי, דורות דרײַ,
נאָך אַן אייביקייט...

זי איז די פּאָעטעסע פֿון ישׂראל, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ געבאָרן געוואָרן.
זי איז אָבער געקומען אין ארץ־ישׂראל ערשט אין 1935. דערציילט זי אַזוי:

— געלערנט אין קאָוונער העברעיִשער גימנאַזיע „גמנסיון עברי״. שוין דאָרטן, אין גימנאַזיע, געשריבן לירישע לידער. געענדיקט די העברעיִשע גימנאַזיע אין קאָוונע און אָוועק שטודירן אין דײַטשלאַנד, אין באָן. דאָרטן שטודירט סעמיטישע שפּראַכן, געשיכטע. געענדיקט דעם שטודיום אין באָן און אַוועק אין ארץ־ישׂראל. געקומען אין ארץ־ישׂראל, געאַרבעט, געלערנט, געשריבן לידער, געדרוקט לידער. נאָכדעם געהאַלטן פֿאַרלעזונגען וועגן ליטעראַטור, דער עיקר וועגן דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

— האָב איך איין מאָל באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט מיטן פֿאָרשלאָג צו קומען אין אוניווערסיטעט פֿאַרטרעטן דעם ליטעראַטור־לערער שטראוס. איך האָב עס אָנגענומען, און שוין פֿאַרבליבן אין אוניווערסיטעט.

— אַט אַזוי לעב איך דאָ, אין ארץ־ישׂראל, און אַרבעט שוין יאָרן.

— ווי פֿילט איר זיך אין דער מדינה?

— עס איז דאָס איינציקע לאַנד, וווּ איך קאָן זײַן און קאָן לעבן.

— דאָס איינציקע לאַנד? לעבן דאָך מיליאָנען ייִדן אויך אין אַנדערע לענדער. האָבן דאָך ייִדן געלעבט אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגע דורות אין לענדער פֿון גאָר דער וועלט. קאָן מען דאָס אויסמעקן, איגנאָרירן, אויסשטרײַכן פֿון חשבון?

זי זאָגט, אַז זי ווייס גאַנץ גוט, אַז דער ייִדישער מענטש פֿון היינט איז צונויפֿגעשטעלט פֿון אַלץ וואָס ייִדן האָבן דורכגעמאַכט ביז היינט: דאָס אַמאָליקע, דאָס אַלטע, דאָס נייע. זי זעט ניט אין ארץ־ישׂראל קיין באמתע טענדענץ זיך אָפּצורייסן לחלוטין פֿון גלות. זאָל איך איבערלייענען איר ליד „ביתי הישן״ — דאָס אַלטע הויז, דאָס אַלטע לעבן. דאָס וואָס איז געווען קאָן מען ניט אַרויסשלײַדערן, מען קאָן זיך פֿון דעם ניט אָפּרייסן, אָבער עס ציט איר ניט צוריק צום שטעטל. געווען אַ שטעטל און מער ניטאָ. איר אייגן ייִדיש לעבן איז אויך געווען אַנדערש — זי האָט ניט געלעבט אין שטעטל.

— אין צאַריצין, אין סאַראַטאָוו, אין רוסישע שטעט.

ריידן מיר וועגן דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור. איך דערמאָן איר די שאַרפֿע קריטיק, וואָס איך האָב געהערט און געלייענט וועגן דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל.

— איך האַלט ניט פֿון די — זאָגט זי — וואָס שאַצן גרינג די העברעיִשע ליטעראַטור, באַזונדערס פֿון די וואָס שאַצן גרינג די העברעיִשע פּאָעזיע פֿון ארץ־ישׂראל.

די העברעיִשע פּאָעזיע — איז איר מיינונג — שפּילט שוין איצט אַ וויכטיקע ראָלע אין ייִדישן לעבן פֿון לאַנד. שוין דאָ, גאָט צו דאַנקען, אַ יוגנט. אויב אַ לידערבוך ווערט שוין היינט פֿאַרקויפֿט אין דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן, איז דאָס אַ גוטער סימן פֿאַר דער יוגנט.

— איך טרעף כּמעט יעדן טאָג ייִדן לייענען לידער. מען קאָן קומען אין קיבוצים און האַלטן פֿאָרטראָגן וועגן פּאָעזיע. מענטשן קומען און הערן נײַגעריק.

— אָט איז געווען אַ פּאָעזיע־אָוונט אין ירושלים. עס איז דעמאָלט גראָד געווען אַ גרויסער שניי. דאָך זײַנען געקומען אַ סך מענטשן הערן פּאָעזיע.

פֿרעג איך איר:

— פֿאַר וואָס איר לידערבוך „לוח האוהבים״, וווּ זי האָט צונויפֿגעזאַמלט לידער פֿון פּאָעטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, איבערגעזעצט לידער פֿון ענגליש, פֿראַנצייזיש, פֿאַר וואָס איז דאָרטן גאָרניט ניטאָ פֿון דער פּאָעזיע אויף דער ייִדישער שפּראַך?

זי קען די ייִדישע פּאָעזיע גאַנץ ווייניק. זי לייענט ניט גענוג גוט ייִדיש. זי ווייס למשל פֿון פּאָעט משה־לייב האַלפּערן.

— און מאַני לייב? — פֿרעג איך.

געהערט, אָבער ווייס גאַנץ ווייניק.

דערציילט זי מיר אַ מעשׂה, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט אַ ייִדישן פּאָעט פֿון אַמעריקע און מיט אַ תּימנער ייִד אין ראַטשילדס יקב־ווײַנקעלער. פֿרעגט דער תּימנער ייִד וועגן דעם פּאָעט, ווער עס איז דער גאַסט אין ווײַנקעלער. זאָגט מען אים: „אַ ייִדישער דיכטער״. פֿרעגט דער תּימנער: „אַ גוטער דיכטער?״

ענטפֿערט מען אים: „יאָ, אַ גוטער דיכטער". זאָגט דער תּימנער: „ברוך יהיה".

— זאָל ער זײַן געבענטשט.

אַלע זײַנען געווען גערירט פֿון דער ברכה פֿון דעם תּימנער צו דעם „גוטן דיכטער". אָבער אויף דעם ייִדישן דיכטער האָט עס ניט געמאַכט קיין אײַנדרוק.

— פֿאַר וואָס? — פֿרעג איך.

— ווײַל דער תּימנער קען ניט קיין ייִדיש.

זי איז ניט מקנא — זאָגט זי — די ייִדישע דיכטער וואָס לעבן אפֿשר בעסער, באַקוועמער, ווי מען לעבט אין ארץ־ישׂראל.

— ניט אין ליטע, ניט אין דײַטשלאַנד, ניט אין רוסלאַנד — זאָגט זי — האָב איך ניט געהאַט אַזאַ געפֿיל, ווי איך האָב דאָ — אַז איך האָב אַ היים. דאָ ערשט האָב איך באַקומען אַ היים. דער דיכטער האָט אַ היים, די ליטעראַטור האָט אַ היים.

וועגן דער צוקונפֿט? „שווער פֿאָרויסצוזאָגן די צוקונפֿט בכלל און אונדזער צוקונפֿט בפֿרט." דאָס לעבן איז דאָ שווער? „מיר זײַנען געקומען אַהער צו האָבן אַ שווער לעבן. איך האָף, עס וועט זײַן בעסער, עס וועט זײַן גוט."

זי רעדט וועגן דעם לויט איר אויסדרוק „ממש מיסטעריעזן" בילד וואָס מען זעט אין ארץ־ישׂראל. עס קומען ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. אַט קומען איצט ווידער ייִדן פֿון פּוילן, פֿון אונגערן, פֿון ליטע. עס גייען ייִדן אויך אַוועק, אָבער די צאָל פֿון די אַוועקגייערס איז אַ קליינע. די מערהייט נײַ געקומענע בלײַבן.

— קינדער האָבן מיר. דאָס איז אונדזער פֿאַרגעניגן. די קינדער וועלן דאָ שוין בלײַבן און אויסוואַקסן. זיי האָבן דאָ אַ היים. זיי האָבן דאָ די איינציקע מעגלעכקייט צו לעבן און וואַקסן, ניט נאָר פֿיזיש. גייט ווער אַוועק פֿון דאַנען, מוז ער קומען צוריק. עס ציט צוריק. עס קאָן ניט אויסגעלאָשן ווערן די בענקשאַפֿט נאָך ארץ־ישׂראל.

— געווען אַ צײַט, — טענהט זי — ווען מיליאָנען ייִדן האָבן גערעדט ייִדיש. געווען אַ מאָל אַ צײַט, ווען ייִדן האָבן גערעדט שפּאַניש. עס ריידן הײַנט מיליאָנען ייִדן ענגליש. ייִדן ריידן פֿאַרשיידענע שפּראַכן. אָבער וואָס איז הײַנט צו טאָג די שפּראַך פֿון ייִדן?

העברעיִש איז לויט איר מיינונג ניט נאָר די געוועזענע שפּראַך פֿון די געוועזענע ייִדן, פֿון דער געוועזענער ייִדישער געשיכטע, נאָר די לעבעדיקע שפּראַך פֿון די לעבעדיקע ייִדן, און זי וועט ווערן, אַזוי גלייבט זי, די שפּראַך פֿון אַלע ייִדן.

— פֿון אַלע ייִדן? — פֿרעג איך איבער.

אויף דעם וויל זי ניט ענטפֿערן. מען קאָן ניט געבן קיין באַווײַזן. זי איז אינערלעך זיכער, זי גלייבט אַזוי.

זי ווייס, — זאָגט זי — אַז אין יידיש זיינען געשאַפֿן געוואָרן גרויסע קולטורווערטן. זי קלייבט זיך ניט דאָס צו איגנאָרירן, אַרויסוואַרפֿן, חס־ושלום. זי גלייבט אָבער ניט אין דער צוקונפֿט פֿון דער יידישער שפּראַד. צוקונפֿט זעט זי פֿאַר דער העברעישער שפּראַד. אויב די יידן אין ארץ־ישׂראל וועלן גייסטיק שטאַרקער ווערן, וועלן געשאַפֿן ווערן גרעסערע ווערק. וועט אַזוי זיין, וועלן זיין אַזעלכע וויכטיקע ווערק, וועלן יידן לערנען העברעיש און זיי לייענען.

מען האָט זיך צוגעווינט צו ריידן שלעכטס וועגן די סאַברעס, וועגן דער יוגנט פֿון ישׂראל. מען איז ניט גערעכט! דער יונגער ייד פֿון ישׂראל איז על־פּי רובֿ פֿאַרשלאָסן אין זיך. ער האָט מורא צו ווערן סענטימענטאַל. זיין סענטימענטאַל איז ביי דער יוגנט ניט קיין גוטער סימן. מען וויל אַפֿילו זיין ברוטאַל. דאָס איז מסתּמא אַן אַלגעמיינע דערשיינונג ביי דער יוגנט ניט נאָר אין ארץ־ישׂראל. מען דאַרף צוגיין צו דעם אַ ביסל טיפֿער, אַ ביסל גרינט־לעכער. זי קען זי גוט, די יוגנט פֿון ארץ־ישׂראל. זי זאָגט אַזוי:

— ניין שעה יעדע וואָך לערן איך ליטעראַטור מיט אַכציק פּראָצענט הי געבאָרענע.

זי זאָגט מיר, אַז זיי, די יונגע יידן, ווילן וויסן. עס איז דאָ ביי זיי אַ בענקשאַפֿט נאָך קולטור. זיי האָבן אַ געהעריקע באַציונג צו מענטשן. זיי נעמען טיף דורך ליריק, פֿאַנטאַזיע, ליבע און בענקשאַפֿט.

— אונדזער יוגנט לייענט אַ סך די פֿאַרשפּרייטע ראָמאַנען? טאָ איז וואָס? אַזוי איז דאָך די יוגנט אין דער גאַנצער וועלט.

די יוגנטלעכע האָבן געבראַכט פֿון גימנאַזיע אַ ניט־געהעריקע באַציונג צו דער פּאָעזיע פֿון די קלאַסיקער. מען האָט מיט זיי למשל געלערנט ביאַליקן, האָט מען געטייטשט און אויסגעטייטשט, געפּשטלט די ווערטער, די זאַצן, ביז ביאַליק איז פֿאַר זיי געוואָרן לאַנגווייליק.

— פֿאַרגעסט וואָס דער לערער האָט אייך געזאָגט וועגן דעם ליד, — רעדט זי צו די תּלמידים — לייענט ביאַליקן פֿון דאָס ניי, אָן טייטשן.

מען האָט מיט זיי געלערנט ביאַליקס אידעען, ביאַליקס ציוניזם. דער דיכטער ביאַליק איז אָבער דערביי אין דעם לימוד ניט געווען.

— שלעכט איז דער גורל פֿון אַ דיכטער, ווען ער פֿאַלט אַריין אין די הענט פֿון די לערער.

איך פֿרעג איר, אַגבֿ־אורחא, פֿאַר וואָס זי, אַ דיכטערין פֿון נייעם דור שרייבער, פֿאַר וואָס זי האָט ניט פֿאַרהעברעיִזירט איר נאָמען?

— איך בין געבליבן — זאָגט זי — ביי מיין נאָמען לאה גאָלדבערג, ווייל איך האָב אַ באַציונג צו מיין אָפּשטאַם, צום גלות.

איך וויל האָבן אירס אַ פֿאָטאָגראַפֿיש בילד.

— אַ בילד... אַ בילד... — זאָגט זי און ווענדט זיך צו איר מאַמען — איז דאָ ערגעץ מיינס אַ בילד? יאָ, איך האָב איין בילד. עס איז אַ שלעכט בילד. איך דאַרף גיין צום פֿאָטאָגראַפֿטשיק מאַכן אַ ניי בילד.

מאַמע און טאָכטער ריידן צווישן זיך רוסיש.

זי האָט בײַ זיך אויך ניט אירע ביכער — אויספּאַרקויפט.

— איך בין געגאַנגען — זאָגט זי — אין בוכהאַנדלונגען, געוואָלט אַליין קויפן מײַנס אַ בוך. געמיינט עס האָבן בײַ זיך. ניט באַקומען, ניטאָ. דרוקט זיך איצט אַ צווייטע אויפלאַגע.

— קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — דערמאָנט זי זיך — האָט איבערגעזעצט אייניקע מײַנע לידער אויף יידיש. אויך אַבֿרהם סוצקעווער.

◆

איר לידערבוך „לוח האוהבים" איז גאָר פֿײַן אַרויסגעגעבן. באַצירט מיט מאָלערישע צייכענונגען פֿון אריה נבֿון. זי הייבט אָן איר בוך מיט אַ פּאָר שורות פֿון „שיר השירים":

דער ווינטער איז אַריבער,
דער רעגן איז פֿאַרגאַנגען, אַוועק.
די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד.
די צײַט פֿון געזאַנג איז געקומען
און דער קול פֿון טורטלטויב
לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.
דער פֿײַגנבוים צײַטיקט זײַנע פֿרי־פֿײַגן
און די ווײַנשטאָקן אין בליִונג גיבן אַ ריח.
שטיי דיר אויף, מײַן געליבטע,
מײַן שיינע, און קום . . .

אין סוף פֿון איר בוך זאָגט זי צו אירע יונגע לייענער:

— אַ ברכה צו די פֿאַרליבטע, וואָס וועלן דאָ געפֿינען אַ ביסל פֿון זייערע הערצער.

פֿון בוך, פֿון די געפֿילן און מחשבֿות, פֿון די לידער שמעקט מיט יוגנט און פֿאַרליבטקייט.

אורי־צבֿי גרינבערג

— שנייד מיין לייב מיט אייזערנע קאמען

און איך וועל ניט אויפהערן פרעגן: ווי אזוי קאן עס א ייִדישער פאעט שרייבן היינט סאנעטן און אידיליעס?..

— שטיי איך אנטקעגן דעם פעלדז פון ייִדישן אומגליק און האס אין אים מיטן האמער פון שיר...

— וואס בין איך דען, מער ווי גאטס ארעמאן?..

— די קרוין פון ישראל וועט זיך אומקערן ליושנה איבערן קאפ פון ישראל און גאטס גייסט וועט דא שוועבן...

אזוי האט אורי־צבי גרינבערג ארייַנגעהאמערט אין מיר מיט אימפעט אין פארלויף פון צוויי תמוז־נעכט אונטערן הימל פון ארץ־ישראל. דאס זיינען געווען: אן אויפטויכונג פון זכרונות, אן אויפבליץ פון בילדער, אויסגעשרייען פון וויטאג, שעפטשעניש פון חלומות. עס זיינען שוין אוועק וואכן נאך אונדזערע שמועסן, אבער איך זע אים נאך אלץ שווימען אין ים פון יסורים צוזאמען מיט די פייערדיקע ימים פון די קרעמאטאריעס. איבער דעם ים דערהייבט זיך די מנורה פון מלכות־ישראל.

◆

לאמיר צונויפנעמען בקיצור אלץ וואס איך האב געהערט און געזאמלט וועגן אורי־צבי גרינבערגס ביאגראפיע. ער איז געבארן געווארן אין יאר 1896 אין בילקאמען ביי זלאטשעוו, מזרח־גאליציע. ער שטאמט פון גרויסן חסידישן ייחוס. פון טאטנס צד — פון ר׳ מאירל פרעמישליאנער, פון דער מאמעס צד — פון ר׳ אורי דער „שרף" פון סטרעליסק. אין עלטער פון אנדערט האלבן יאר איז ער געקומען מיט די עלטערן קיין לעמבערג; באקומען תורה־דערציִונג ביז 19 יאר. געווען ביז דעמאלט חסידיש געקליידט, אויפן גאליציאנער אופן.

זיינע ערשטע לידער האט ער פארעפנטלעכט אין לעמבערגער „דער יודישער ארבייטער". דערנאך אנגעהויבן שרייבן און פארעפנטלעכן אין העברעיִש, אין „השלח", „העולם", „רביבים", „הפועל הצעיר", „אחדות".

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען מאָביליזירט אין דער עסטרײַכישער אַרמיי און איז געשיקט געוואָרן קיין אונגערן. פֿון דאָרטן האָט מען אים געשיקט צום פֿראָנט סערביע־מאָנטענעגראָ. אַנטלאָפֿן פֿון פֿראָנט, זיך דערשלאָגן קיין לעמבערג, זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן און דורכגעמאַכט דעם פּאָגראָם אין לעמבערג פֿון נאָוועמבער 1918.

זײַן ערשטער בוך אויף ייִדיש, אין 1915, איז געווען „ערגעץ אויף פעלדער". דערנאָך איז דערשינען, אין 1921, זײַן „קריג אויף דער ערד" און זײַנער אַ בוך „פאַרנאַכטנגאָלד". נאָכדעם — „מעפֿיסטאָ". אין דער זעלבער צײַט האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע העברעיִשע שאַפֿונגען אין „התּקופֿה". געווען אין וואַרשע אין נאָענטער חבֿרשאַפֿט מיט פּרץ מאַרקיש און מלך ראַוויטש. געפֿאָרן קיין בערלין און פּאַריז. אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „אַלבאַטראָס". דעמאָלט זײַנען זײַנע פּאָעמעס און אַרטיקלען קאָנפֿיסקירט געוואָרן צוליב יעזוס־לעסטערונג.

ווי געזאָגט, האָט ער לכתּחילה געשריבן אויף ביידע לשונות — ייִדיש און העברעיִש. מיט יאָרן צוריק איז ער אַוועק פֿון ייִדיש און געבליבן נאָר בײַ העברעיִש. לעצטנס איז ער צוריקגעקומען אויך צו ייִדיש — צו ייִדיש, וואָס איז בײַ אים געוואָרן לשון־הקודשים.

מיט יאָרן צוריק האָב איך אים געזען אין וואַרשע, אויף טלאָמאַצקע 13, אין דער „כאַליאַסטרע" פֿון פּרץ מאַרקיש, מיט זײַן „מעפֿיסטאָ" אין האַנט. דעמאָלט זײַנען מיר געוואָרן פֿרײַנד. ערשט אין תּמוז תּשי"ז (1957) האָב איך אים געזען אַרומגערינגלט מיט זײַנע פֿינף קליינע קינדער (דאָס ייִנגסטע ייִנגל איז אַלט געווען נאָר אַ פּאָר וואָכן, אָקערשט נאָכן ברית) צוזאַמען מיט זייער מאַמען, אורי־צבֿים יונגער, שלאַנקער, חנעוודיקער פֿרוי.

פֿון יענער צײַט אָן, ווען אין אים האָט געברענט דער לעמבערגער פּאָגראָם, ביז הײַנט, ווען עס שטורעמען אין אים זײַנע „ברחובות הנהר" און זײַנע „זעונגען בײַם מאַנדלבוים־טויער" — דער שטורמישער פּײַן פֿון דער ייִדישער שחיטה אין אייראָפּע און דער וויטאָג צוליב דעם צעפֿליקטן ארץ־ישׂראל, איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג.

פֿירן אַ שמועס מיט אורי־צבֿי גרינבערגן, האָב איך געמיינט, וועט זײַן אַ שווערע זאַך. אונדז טיילט דאָך פֿונאַנדער זײַן עקסטרעמער חרותיזם, זײַן נקמה־דאָרשט אָן דער גאַנצער גויִשער וועלט. עס איז געשטאַנען פֿאַר מײַנע אויגן זײַן ווייזיע:

„אייראָפּע ברענט אַז ייִדן; קריסטן קוילענען קריסטן; תּשעה־באָבֿ בײַ גויִים, פּגרים, פּוילונג, מיסט..." איך האָב געטראַכט, אַז ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען, וועלן מיר ניט שמועסן, נאָר שרײַען, אפֿשר זיך קריגן. איך האָב עס ניט געוואָלט. צוליב פּאַרזיכטיקייט האָב איך אים געשריבן אַ בריוו, זײַענדיק אין ארץ־ישׂראל, אַז איך וויל אים זען, אויב ער איז גרייט. האָט ער מיר געענטפֿערט:

„חשובֿער ר׳ יעקב פּאַט, ברוך הבא! דערהאַלטן אײַער ליבן בריוו און, אוי, וויפֿל מרחק יאָרן פֿון זײַט מיר האָבן אונדז געזען! געלויבט דער פֿאָטער אין הימל, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט די גרויסע אומגליקן און סע סטײַעט כּוחות איבערצוטראָגן די ווייטאָגן אין הארץ. איך ווייס איצט נישט דערווײַל צו באַשטימען אַ טאָג ווען מיר זאָלן זיך קאָנען טרעפֿן, ווײַל מײַן פֿרוי האָט אָט ערשט מיר געבוירן אַ זון, און די טרדות מײַנע און די דאגות זײַנען מבֿלבל. איך ווייס נישט, וואָס פֿריִער צוצוגרייטן. על־כּן וועל איך אײַך נאָך שרײַבן אַ בריוול. אין די „לעצטע נײַעס" וועט, חוץ אין דער טאָגפּרעסע, זײַן אָנגעגעבן דער טאָג און די געננויע שעה פֿונעם ברית. ווערט איר שוין איצט אײַנגעלאָדן צו קומען. זײַט געזונט און לאָזט אײַך ווויל באַקומען דאָס פֿאַרברענגען אין ארץ־ישׂראל. שלום! — אורי־צבֿי גרינבערג, כ״ב תּמוז תּשי״ז."

איך האָב, צום באַדויערן, ניט געקאָנט זײַן אַ גאַסט אויפֿן ברית פֿון זײַן זון — דאָס פֿינפֿטע קינד, ווען שטאָט איז געקומען צו אים אין הויף אַרײַן. איך האָב דעמאָלט געמוזט זײַן אין ירושלים. ביז איך געווען זײַן גאַסט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער.

אורי־צבֿי גרינבערג האָט אַן אייגן באַשיידן הײַזל אויף רחוב המרגנית 13 אין רמת־גן, ניט ווײַט פֿון תּל־אָבֿיבֿ. אַרום דעם הײַזל, אַרום די פּאָר ביימער, אַרום דעם זאַמד און אין הײַזל קערן אַ וועלט פֿיר אורי־צבֿיס יורשים. דער פֿינפֿטער יורש, דאָס יִנגל, דער בעל־ברית, קלאָגט שטיל אונטער אין זײַן וויגל.

ניטאָ קיין סימן פֿון ווויל־אײַנגעאָרדנטקייט. איך פֿאַרשטיי, אַז אורי־צבֿי מוז גוט אַרײַנאַרבעטן, כּדי אַרײַנצוברענגען פּרנסה אין זײַן גרויסער משפּחה, קיין עין־הרע. מען מעג זײַן אַ גרויסער פּאָעט, אַ פּאָפּולערער פּאָעט, אָבער אַז מען איז דערצו אַ בונטאָווטשיק, אַז קאָמפּראָמיסן, ווערט אויך אין ישׂראל מיט פּרנסה אַ גאַנץ האַרבע שאלה. עס איז אָבער לעבעדיק אין הויז — אַ שטוב פֿול מיט נחת.

די בני־בית, די ווײַסע־חבֿרהניקעס, ווייסן, אַז אויב דער טאַטע זייערער איז פֿאַרנומען, מוז מען זײַן סטאַטיקעס. ווייסן זיי עס ניט געננוג, ווייס עס די יונגע מאַמע. דער טאַטע דערמאָנט זיך אָבער אין מיטן דערינען אַ שפּיל צו טאָן מיט איינעם פֿון די זינדלעך, וועלכער קלעפּט זיך אײַן אין אים, טרעט ניט אָפּ פֿון אים און הערט זיך צו צו די הייסע רייד פֿון זײַן גרויסן פֿאָטער אורי־צבֿי, טור־מלכּא.

— טאַטע, ווער איז משה רבינו?

— דײַן פֿעטער.

ער האָט אַן אייגענע דירה — אַ בעל־הבית אין ארץ־ישׂראל. דרויסן קלאַפּן בעלי־מלאכות. מען דאַרף אַ ביסל אונטערשפּאַרן אַ וואַנט פֿון הויז, וואָס קרימט זיך אויס. מען דאַרף צובויען אַ נײַ צימער, ווײַל דאָס הויז איז געוואָרן צו קליין, ווען אַ נײַער אורי־צבֿיניק איז אַראָפּגעקומען.

זיצט מען בײַם טיש, דאַרף מען עפּעס טרינקען, פֿאַרזוכן אַ פּרי, און אַט אַזוי הייבן מיר אָן אונדזער שמועס. ווענן וואָס צו ריידן איז דאָ אַ סך. איך זע אָבער באַלד פֿון אָנהייב, אַז מיט אים איז ניט שייך צו שמועסן, פֿירן אַ דיאַלאָג. ער רעדט אין גאַנצן אַליין. ער פֿלאַקערט זיך פֿונאַנדער. איך קאָן ניט באַוויַיזן אַרײַנצושטעלן אַ וואָרט, אַפֿילו קוים־קוים אַ קירעווע טאָן מיטן שמועס.

איך בין אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ פֿון ייִדישע מראות. ער איז געקומען צו זײַן „ברחובות הנהר", צו די געשאַכטענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, און געפֿלאַמט, געפֿלאַקערט. ער האָט „געשניטן פֿון ייִדישן לאַבן פֿון ווייטאָג פּענעצער און מיר דערלאַנגט צו עסן". מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. עס איז געווען אַ געמיש פֿון פּשוטע רייד און דיכטונג, פּאָליטישע אויסגעשרייען און פּאָעטישע בילדער.

איך האָב געמוזט צונויפֿמישן בעת אונדזער שמועס סײַ וואָס איך האָב געהערט, סײַ וואָס איך האָב געזען אַרײַנגקוקנדיק אין זײַנע ביכער, סײַ וואָס אַנדערע האָבן מיר דערציילט, סײַ דאָס גוטע און סײַ דאָס בייזע, וואָס איז ווענן אים געשריבן געוואָרן. אַט פֿאַרגלײַכט מען אים צו אַ ברענענדיקן סנה, זײַנע בילדער — צו פֿײַערדיקן פּאַרמעט. מען שרײַבט און מען זאָגט, אַז ער איז אַ נבֿיא פֿון חורבן, אַ נבֿיא פֿון גאולה, אַז ער איז געווען דער משורר פֿון מלכות־ישׂראל אַ שטיק צײַט איידער עס איז אויפֿגעקומען די מדינה. דאָס איז פֿון איין זײַט. און פֿון דער צווייטער זײַט — שאַרפֿע טענות קעגן אים, בייזע קריטיק. מען באַשולדיקט אים אין שאָוויניזם, אין ייִדישן פֿאַשיזם, אין שרײַבן פּאָליטישע פּאַמפֿלעטן, אין פּאַרטיי־פֿאַרבלענדטקייט, אַז ער איז געווען דער באַגײַסטערער פֿון די בייזע מעשׂים פֿון חרות.

איך האָב אַרויסגעטראָגן פֿון אונדזער שמועס דרײַ נאָטיצביכער מיט היעראָגליפֿישע פֿאַרצייכענונגען. איך זיץ איצט בײַ מײַן אַרבעטסטיש, בלעטער מײַנע נאָטיצן, דעק אויף מײַנע זכרונות. איך זע נאָך אַ מאָל זײַנע בליציקע פֿאַרגלײַכונגען. עס גיסן זיך צונויף בילדער, מחשבֿות, חזיונות, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפֿן, און זיי טראָגן זיך איינע איבער די אַנדערע.

— וואָרט אַ ווײַלע, לאָמיר אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

וואָס האָט איר דורכגעמאַכט, אורי־צבֿי גרינבערג, פֿאַר די אַלע יאָרן? — פֿרעג איך אים.

— דורכגעמאַכט? נאָך ניט דורכגעמאַכט. זיבעציק מדורי־גיהנום. דורכ־געגאַנגען די „ברחובות הנהר".

אַ מאָל־אַ מאָל האָט אַזוי ווענן אים געזאָגט חיים־נחמן ביאַליק:

— איך האַלט פֿון אים שטאַרק. כ'האָב אים ליב. מען דאַרף אים נאָר געבן צײַט. ער מוז נאָך אַליין געפֿינען דעם וואָרצל פֿון זײַן נשמה. ער קומט פֿון אַ קאַשמאַר. ווען ער וועט רײַפֿער ווערן, וועט ער זיך לערנען שרײַבן.

ער געפֿינט זיך אָבער אויך איצט אין אַ קאַשמאַר, אין די זיבעציק מדורי־גיהנום, אין היטלערס קאַלכאָוויונגס. עס דוכט זיך אים, אַז ערשט

ניט לאנג איז ער געווען אַן אומלעגאַלער עולה קיין ארץ־ישראל, ערשט ניט לאנג האָט ער געשלאָפן די נעכט אויף די בענק אין שדרות ראָטשילד. ערשט ניט לאנג פלעגט ער איין מאָל אַ וואָך, וואָך אין וואָך, זיין אַן עולה־רגל, טאָקע צו פוס, פון תל־אביב קיין ירושלים.

— איר זייט געווען אַ דעפּוטאַט אין דער ערשטער כנסת און געהאַלטן דאָרטן איין איינציקע רעדע, וועגן וועלכער מען האָט מיר דערציילט, אַז איר זאָלט האָבן דעמאָלט אַנגעצונדן די כנסת... — זאָג איך אים.

— איך האָב באַקומען אַ מתנה פון יוסף שפּרינצאַקן — זאָגט ער — אַ שמעקעדיקן האַוואַנע־סיגאַר.

ריידן מיר וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט געשטורעמט די רעגירונג צוליב פאַרלאָזן סיני. איך פרעג אים איינצלהייטן.

— זייט איר געוואָרן פאַרצווייפלט? — פרעג איך אים.

— קוקט אַריין אין מיין ליד.

און אָט לייענען מיר:

כיהאָב תמיד געגלייבט און איך גלייב אַלץ נאָך תמיד,
אַז נצח־האמת־ליד לא ישקר
בתנאי אַז דאָס ליד איז ווי אַ תפילה ביים עמוד
פון אַן ערלעכן ייִדן מיט אַ בוזעם־געפּלאַקער.

דער ייִד מיטן „בוזעם־געפּלאַקער" ברענט איצט, ווען ער שטייט מיט מיר אין זיין שמועס ממש ביי די קאַלכאַוויונס אין פּוילן. „עס איז דאָך נאָר אַ צופאַל, וואָס מיר זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די טאַטעס און די גאַנצע משפחות."

ער שפּרינגט פון טעמע צו טעמע, פון לאַנד צו לאַנד, פון יאָר צו יאָר. און אָט דערציילט ער מיר:

צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין ארץ־ישראל. ער האָט געדרוקט אין „הפועל הצעיר", אין „דבר", אין זשורנאַלן, זאַמלהעפטן און ביכער. אין אַ צייט אַרום האָט ער איבערגעריסן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך אַנגעשלאָסן אַן די רעוויזיאָניסטן, געוואָרן איינער פון זייערע גייסטיקע פירער, געוואָרן עטלעכע מאָל געוויילט צו ציוניסטישע קאָנגרעסן. אַ קורצע צייט שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין פּוילן. ווידער געפאָרן אין ארץ־ישראל און ווידער געפאָרן צוריק קיין פּוילן.

— איך בין געווען אין וואַרשע, דאָרטן רעדאַגירט אַ וואָכנבלאַט „די וועלט" אין אויפטראַג פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. אָבער עס איז איינגנטלעך געווען מיין צייטונג, מיין אייגענע צייטונג, אַן פּאַרטייגעלט און אָן פּאַרטיי־קאָנטראָל, לויט מיין נעאָפּאָליטישן באַנעם.

עס איז געווען אין יאָר פון אַרלאָזאָראָווס אומגליק. אַ יאָר פון געשפּאַנטע באַציִונגען צווישן די רעוויזיאָניסטן און דער הסתדרות. שטרייק־

ברעבער מצד די רעוויזיאָניסטן און דער איבערפֿאַל פֿון „הפּועל" אויף אַ ביתר־דעמאָנסטראַציע. „עס האָט זיך געזרודערט מיט קעגנערשאַפֿט פֿון אַלע פּאַרטייען קעגן מיר." — זאָגט מיר אורי־צבֿי גרינבערג.

איך בין אין יאָר 1939 ווידער געקומען קיין וואַרשע און איבערגענומען אַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון „מאָמענט". איך בין געווען אין וואַרשע ביז צוויי וואָכן נאָכן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווען זײַנע וואָכן אין פּוילן ערבֿ און אין אָנהייב מלחמה זאָגט ער אַזוי:

— עס איז מיר געווען באַשערט, איך זאָל אין זיך אַרײַנזאַפּן דאָס לעבן פֿון מײַנע ייִדן אין זייער לעצטן זומער — זייערע פּנימער, זייערע בליקן, זייערע קולות. עס איז אַן אײַנגעבאַקענע ליבשאַפֿט און ווייטאָג, וואָס וועט זיך אפֿשר אין טויט ניט שטילן, וועט זיך רייכערן פֿון קבֿר. ווי קאָן זיך גאָר אַזאַ ליבשאַפֿט און אַזאַ ווייטאָג שטילן?

ווען די מלחמה איז שוין אָנגעגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזט צוריק פֿון פּוילן קיין ארץ־ישׂראל. געגאַנגען פֿון וואַרשע קיין לעמבערג, קיין סניאַטין. געשלעפּט זיך וואָכן, געשלעפּט זיך צו דער רומענישער גרענעץ, געווען צווישן טויט און לעבן.

קומען מיר צום חורבן פּוילן, צו דער שׂריפֿה פֿון שטעט, צו דער שחיטה פֿון קהילות, צום אומקום פֿון זײַן טאַטן אין קעלער.

— פֿאַר מײַנע אויגן ליגן טויטע ייִדן, ייִדן קדושים, גרויסע ייִדן. ווי קאָן איך זינגען וועגן פֿייגל?

— איך האָב געהאַט אַ משפּחה. איך האָב געהאַט אַ שטאָט. וווּ זײַנען זיי? מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט. איך לעב און זיי זײַנען אַלע טויט!

— דאָס וואָס מיר האָט געטראָפֿן, וואָס דיר האָט געטראָפֿן, איז דאָך טיף אינעווייניק אין אונדז. מען האָט געהרגעט מײַנע ייִדן. האָט מען דאָך מיך געהרגעט. בײַ אונדז איז דאָ אַ באַגריף וועגן אדם השלם, וועגן טאָטאַלן מענטש, וועגן צוקונפֿטסמענטש. מיר זײַנען טיף מענטשלעך. זיי, די גויִים, זײַנען גאָר איבערמענטשלעך. זיי, וואָס האָבן אונדז געשאָכטן, געברענט, זײַנען איבערמענטשלעך.

— איר האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער סכּנה, וואָס קען קומען אויף גויִים פֿון מײַנס אַ ליד. — ער ווערט סאַרקאַסטיש. — איר האָט זיך פֿאַר זיי אָנגענער־מען. איר האָט רחמנות אויף די גויִים נעבעך: אורי־צבֿי גרינבערג וועט זיי נאָך אומברענגען, חס ושלום אויסקוילעגען. ווייסט איר ניט, פֿאַרשטייט איר ניט, אַז דאָס איז דער אויסדרוק פֿון מײַן ווייטאָג, פֿון מײַן פֿאַרשעמטקייט, פֿון מײַן טענה? צו וועמען? יעדער איינער טענהט צו זיך. זײַן טאַטע, חיים־אליעזר, האָט געלעבט אין אַ בונקער, זײַן מאַמע, בת־שבֿע, זײַנע שוועסטער רבֿקה, חבֿצלת, יוכבֿד, רחל און דוד־יהונתן — אַ גויִישע וועלט האָט זיי אומגעבראַכט, געקוילעט, פֿאַרברענט. אייראָפּע האָט זיי דערוואָרגן.

— און מיר האָבן יאָרן געשריִען: לאָמיר עפֿענען די פֿענצטער צו אייראָפּע! נאָט אײַך אָפֿענע פֿענצטער און זעט דאָס גרויסע שחיטה־הויז!

מיר זיַינען ארויס פֿון יעדן גדר פֿון אַ שמועס צווישן מענטש און מענטש. ער וואַרפֿט ארויס פֿון זיַין מאַרך און בלוט פֿיַיערדיקע בילדער פֿון יִדישן חורבן און צוזאַמען מיט דעם — געדאַנקען וועגן יִדישער גיַיסטיקער התרוממות, וועגן יִדן גרויסע בעלי־יסורים, וועגן עלוויִשע שאַרפֿע קעפּ מיט לאַנגע בערד, וואָס זיַינען צעשפּאָלטן געוואָרן מיט דרענגענער פֿון רוצחים.

ער רעדט וועגן די יִדן אין די יִדנראַטן, וועגן די יִדן „קאַפּאָס" אין די דיַיטשע לאַגערן. ער רעדט וועגן יִדן קידוש־השמניקעס אין מיטן פֿון זייער גאַנג צו די פֿיַיערן פֿון די קרעמאַטאָריעס.

ער צאַרנט קעגן די יִדן, וואָס זאָגן, אַז מען קאָן ניט באַשולדיקן אַלע דיַיטשן, מחמת ניט יעדער דיַיטש איז דאָך אַן עמלק.

— אורי־צבֿי, — זאָג איך צו אים — אָבער אַט דאָס איז דאָך אמתדיק יִדיש.

שלאָגט ער צוריק:

— איך זוך מיַין טאַטן און ניט די דיַיטשע צדיקים. איך זוך מיַין זיידן. ווּ זיַינען זיי? ווּ ביסטו, טאַטע?

דערמאָנט ער זיך אָן די שלומים־געלטן:

— ווער האָט וועמען געמאַכט פֿאַר אַ יורש פֿון מיַין זיידן? פֿון מיַין גאַנצער משפּחה? ווער?

מען טאָר ניט שוויַיגן. נאָר ניט פֿאַרשוויַיגן. אונדזער מויל דאַרף ריידן פֿאַר יענע יִדן, וואָס קאָנען שוין ניט ריידן. און אויב שריַיבן, טאָר מען ניט „ליטעראַטעווען".

יִדן כּולו שׂריפֿה. יִדן ווי שטורקאַצן. אַט איז אַריַין זיַין טאַטע מיט דער גאַנצער עדה אין קרעמאַטאָריע, אַז עדה מיט שחריתן, מנחות און מעריבֿס, מיט שבתים און יום־טובֿים.

...און שטייסט אין טלית מיט אַ זילבערנער עטרה.
דאַוונסט זינגענדיק, און תּמוזדיקע האָניקבינען זשומען אַ געזשום...

זיַין פֿאַנטאַסטישע באַגעגעניש מיט זיַין טויטן טאַטן פֿלאַמט אויף אין אַ פֿאַרכאַפּנדיקן בילד. ער האָט אים דערזען צווישן אַלע אושפּיזין. ער וועקט זיַין טאַטנס קול:

זון, האָסט מיך דערקענט?
מען האָט דאָך מיַין פּנים פֿאַרברענט...

ער וויל וויינען צוזאַמען מיט זיַין טאַטן. אָבער דער טאַטע וויל ניט וויינען. „לאָמיר זינגען צוזאַמען לא אָמות כּי אחיה פֿון הלל."

שטייט זיַין טאַטע מיט אים אין אַן ארומנעם ווי אַז עמוד־ענן מיטן עמוד־אש, און זיי זינגען צוזאַמען.

מישט זיך אַרײַן אין זיי די פּאָעטישע זעונג „בײַם מאַנדלבוים־טויער" אין ירושלים, די זעונג פֿון ייִדישע קינדער: „ייִנגעלעך מײַנע, מײדעלעך מײַנע, לעמעלעך, לעמער; געבוירן אויף ערדן פֿון ריין ביז דער וואָלגע; קינדער פֿון לומדים יחסנים, בעלי־מלאכות און קרעמער. גוטסקייט פֿאַר אַלע וועלטן און קרעפֿטן צו וואַקסן חב"דער, בעל־שמער, שפּינאָזעס, איינשטיינס, יהושוע בן־נונס, שטחים־דעראָבערער, מדבר־באַלעבער, תּהומות־באַבריקער; גרעסערע פֿון געטעס, בעטהאָווענס... איז געקומען דער גוי פֿון די גויִים און האָט זיי אַלע דערטרונקען... זייער מאַמע, די גויִישע מאַמע, איז די מאַדאָנע פֿון אױשוויץ. און אונדזער מאַמע איז די שכינה פֿון בענטשן ליכט."

עס יאָגט אין אים די סטיכיע פֿון דער ייִדישער שׂריפֿה אין אייראָפּע. צו איר קומט צו דער שטראָם פֿון ווייטאָג און חרפּה צוליב דער צעטיילטער ארץ־ישׂראל. אַנשטאָט מלכות־ישׂראל, ייִדישע סוווערעניטעט, איז גאָר געוואָרן בײַם „מאַנדלבוים־טויער" צעטיילט ירושלים.

שטייט דער „מאַנדלבוים־טויער" אונדז צו שאַנד — אַ פֿרײַער צום דורכגאַנג פֿאַר אַלע פֿרעמדלענדער, אָבער ניט פֿאַר אונדז, פֿאַר שבת־יום־טובֿדיק געקליידטע, אין זײַד און אין סאַמעט, נאָר פֿאַר די מיט צלמים אויף ברוסטער, און גויִמס געווענדער. דאָרט, אויף יענער זײַט, שטייען איצט קלויסטערס און ווײַסע מעטשעטן, אָבער עס שטייט ניט דער מאַרמאָר־געבויטער ייִדישער היכל.

— די רעגירונג פֿון ישׂראל האָט געפֿאָלגט גויִישע דיפּלאָמאַטן און צוריק אָפּגעריסן די ייִדן פֿון באַרג סיני.

ער ציט אויס זײַנע פֿלאַטערנדיקע, דאַרע הענט, ווי צום באַרג סיני, ווי צו מתּן־תּורה, צו משה רבינו, און שרײַט אַרויס:

— אַבֿרהם אָבֿינו איז ניט קיין מיטאָס. משה רבינו איז ניט קיין מיטאָס. ער איז מײַן עלטער־זיידע, מײַן זיידע. זיי זײַנען מײַנע, אונדזערע.

און ער דערזעט אַ בילד:

— עס זײַנען אויפֿגעשטאַנען די ייִדן פֿון די אַשן, פֿון די ערדן, פֿון די פֿײַערן. האָבן זיך אויפֿגעהויבן די באַבערדטע און באַפּאותטע ייִדן פֿון פּוילן און ליטע שמײַסן אין פּנים אַרײַן די אַפּראָזירטע חכמים און טענהן: „מילא, מיר האָבן ניט געקאָנט קומען אַהער מיט שטעט און שטעטלעך אויף די פּלייצעס און געבן אײַך סטראַטעגישע עצות. מיר זײַנען געווען אָרעם. מיר האָבן געוואָרט אין די געטאָס, בײַ די קאַלכאויוונס, אַז דער דערלייזער זאָל קומען צו די ייִדן קיין פּוילן און ליטע און אַנדערע לענדער פֿון ייִדישן גלות, ווו עשׂו האָט אַ שליטה, און אונדז אַלע דערלייזן. אין צווישן איז געקומען די צײַט פֿון שחיטה. אָבער איר, איר זײַט דאָך געווען אויפֿן אָרט, איר קאָנט ריידן בלשונות הגויים, איר זײַט בקי בחכמות הגויים. אײַער געמיט איז דאָ ניט געווען ווי אונדזערס. טאָ פֿאַר וואָס האָט עס אַזוי מיט ייִדישער קרוינשטאָט געטראָפֿן? פֿאַר וואָס אַזוי מיטן סיני? מיר האָבן אין ערדן רוען ניט געקאָנט. ווי זשע קאָנט איר, די לעבעדיקע, שלאָפֿן?"

גייט איבער זייַן פלאַם פון צאָרן צו דער שטילקייט פון נבואה:

— עס וועט זיך נאָך הערן דער לעצטער געוויין, נאָך זיבעציק גלותן און גרוילן. און עס וועלן זיך ווילדער צערוישן מיט צוויַיגן דורות געהרגעטע ייִדן. און עס וועלן זיך בייגן די בערג און די טאָלן, און ווייַס וועלן ווערן די פעלדזן ווי צווייַגן. מיר וועלן פרייַנד מקבל פנים זייַן פון גאָר דער וועלט מיט ברויט און זאַלץ.

◆

קאָנען מיר איצט אָפּטרעטן, נאָכן אָפּרוען זיך אַ ביסל, פון די גרויסע ייִדישע דראַמעס און איבערגיין צו אונדזערע ליטעראַטורן — צו דער העברעיִשער און צו דער ייִדישער. און אויך צו דעם וואָס ער האָט אָנגעהויבן ווידער שרייַבן ייִדיש נאָך אַ לאַנגער הפסקה.

— עס קומען צו מיר די גאַלפּשטראָמען, — זאָגט מיר אורי־צבי גרינבערג — די מראות און זכרונות פון אונדזערע ייִדן, וואָס מיר האָבן זיי ערשט נעכטן געהאַט, די בני־אברהם, יצחק און יעקב פון נעכטן ערשט, מיט זייערע גאַנגען און תנועות, און זייערע קולות, און זייער גערייד. האָט עס מיך אַ קער געטאָן מיטן פנים צו זייער נאָענטקייט, צו זייער מהות און זייערע מקומות, וואָס זייַנען געווען אָנגעוואָרעמטע נעסטן. טריַי צו אָט דער זעונג, האָט זיך געעפנט מייַן מויל, וואָס האָט געשוויגן יאָרן לאַנג אויף ייִדיש, און איך האָב געוואָלט און איך האָב געמוזט זאָגן די שירה, וואָס איז פון מיר לעצטנס געזאָגט געוואָרן, אויך אויף ייִדיש. איך דרוק זי אין דער צייַטונג „לעצטע נייַעס". איך באַקום ניט קיין צייַטונגען פון חוץ־לאָרץ און איך ווייס ניט דעם אייַנדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אין די תפוצות מייַן שיר. איך מיין ניט פון ליטעראַטן־שטאַנדפונקט, איך מיין פון ייִדישן פאָלקס־שטאַנדפונקט. — וואָס אַזוינס זאָגן האַרציִדן צו אָט דער שירה איבער אַלע פאַרטייען אַריבער?

ער זאָגט נאָך עפּעס:

— איך בין ניט אַן אינטעגראַלער בירגער פון אַ „ליטעראַטור" בייַ ייִדן. דאָס וואָס מען רופט מיטן נאָמען „ליטעראַטור" בייַ „מאָדערנע" ייִדן איז ניט מייַן באַגער און ניט מייַן שטח. דאָרטן איז ניט מייַן אַקערפעלד. איך האָב מיט דער דאָזיקער „ליטעראַטור" בלויז אַ „בלייַענע" שייכות: איך שרייַב אין די זעלבע כ"ב אותיות, בלית־ברירה. אינהאַלטלעך וויל איך, אַז מייַנע שריפטן זאָלן געהערן צום ייִדישן שריפטטום פון נאָכן אָפּשלוס פון די כתבֿי־הקודש. ספרים און ניט ביכלעך! שירה און ניט פּאָעטיק!

— וואָס טראַכט איר וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור? — פרעג איך.

— איך האַלט ניט פון דעם וואָס מען רופט הייַנט די „העברעיִשע ישׂראל־ליטעראַטור", ווייַל זי איז „ליטעראַטן־פאַר־זיך־ליטעראַטור". זי האָט ניט קיין שייכות אינהאַלטלעך מיט דעם מקור פון גרויסן ייִדישן פאָלק אין

דער פֿאַרגאַנגענהייט, אין דער געגנוואַרט און אין דער צוקונפֿט. ניטאָ אונדזער ווײַ און אונדזער רעוואָלט, און ניט אונדזער כּוחות־פֿאַרמעסט צו דערלייזונג. נאָר אַ נאָכשלעפּ נאָכן פֿרעמדן וואָגן. אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן ממשיך געווען די גאָלדענע קייט פֿון בענקשאַפֿט אין לויטערע, קאָנקרעטע פֿאַרמולעס: פֿולע דערלייזונג, החזרת עטרה ליושנה, די גאַנצע ארץ־ישׂראל. אָט די אַזוי־ליטעראַטור דאָ, זי איז העברעיִש בלויז אויסערלעך. זי איז ענלעך דערפֿאַר צו די ספֿרים חיצוניים: זי איז פֿאָלקספֿרעמד. זי איז פֿרעמד צו אונדזער געוואָלטיקן גורל־געראַנגל. זי איז אַן ייִדנס גאָט, אַן יעדן חוק, אַ קוק צום בלוט. זי איז אָן ירושלים, אָן השגחה, וואָס איז אַזוינס ייִדן־רענעסאַנס. זי איז פּלאַגיאַטאָריש, זי איז ניט אור־העברעיִש. מײַן טאַטע און מײַן מאַמע זײַנען געווען העברעיִש ווי אַבֿרהם מיט שׂרהן, כאָטש זיי האָבן גערעדט ייִדיש. זיי זײַנען געווען אין בילקאַמען און לעמבערג, אָבער דאָך געלעבט אין ירושלים און טבֿריה. אונדזערע ייִדן אין די תּשעה־באָבֿס אין גלות זײַנען געווען די גולי־ציון און די על־נהרות־בבֿל־זיצערס. זיי איז חרובֿ געוואָרן דאָס מלכות, און זיי האָבן געהאָפֿט און געגלייבט אויף זיכער אין צוריקקער פֿון מלכות בית־דוד. אין העברעיִש שרײַבט דער ישׂראל־העברעער פּאָלקלאָז, תּרגום־גויים־העברעיִש. וואָס איך שרײַב אין די כ״ב אותיות איז דאָס וואָס די ייִדן פֿון אַלע דורות האָבן געוואָלט. געווים מעג אויפֿשטיין אַ דור און זיך וועלן רעפֿאָרמירן און וועלן זײַן חיצוניש העברעיִש און אַנאַרכיש אינהאַלטלעך: פֿרעמד צו דער לאַנד־מסורה, פֿרעמד צום פֿאָלק, אַנטי־היסטאָריש אויפֿן באָדן פֿון היסטאָרישן העברעערטום, אָבער דאָס דאַרף זיך רופֿן שמד־ייִדנטום אין אַנטי־רעליגיעזן זין. אַ מאָדערנער פּאָליאַק צי פֿראַנצויז, הײַנט צו טאָג, איז דער מסורה־טרײַער אייגנשאַפֿטס־פּאָליאַק צי ־פֿראַנצויז. און אַזוי בין אויך איך דער אייגנשאַפֿטס־ייִד פֿון אַלע דורות. איך האָב ליב ווי אַ ייִד, מיך ווייטאָגט ווי אַ ייִד און איך האָב פֿײַנט ווי אַ דורות־ייִד. דאָס לעצטע אין דער מחשבֿה פֿון דער וועלט איז אַטאָם־באָמבע. אָבער מיר ייִדן האָבן אין דער פּאַטענץ נאָך עפּעס גרויס צו זאָגן וועגן תּוד־מענטש און תּוד־וועלט. מיר האָבן נאָך וואָס מבֿשׂר צו זײַן, אַ תּנאַי — מען זאָל אונדז דערווײַל לאָזן לעבן בגוף, און דער עיקר — מיר גופֿא זאָלן זיך גופֿא דערקענען און באַקענען עד השורש. ניט קיין אַתּה־בחרתּנו, לויטן פּסוק סתּם, און באמת אינהאַלטלעך אידעיִשע און ליטעראַרישע נאָכשלעפּערס, מעלה־גירהניקעס, נאָר טאַקע גרויס און טיף אין אונדזער מהות ווי אין אונדזער היסטאָרישן בלוט־ און פֿײַער־מהלך דורך די צײַטן: פֿון כּבֿשן־אַבֿרהם ביזן כּבֿשן־גערמאַניע, ביז ארץ־ישׂראל צום דריטן מאָל.

— און די ייִדישע ליטעראַטור? — פֿרעג איך אים.

— איר אויפֿגאַבע, אין פֿאָלקישן זין, געפֿינענדיק זיך אין אַן עקסטע־ריטאָריאַלן מצבֿ, אין זיבעציק לענדער, האָט זי בערך אויסגעפֿילט דורך אירע גוטע טאַלאַנטן, איז טרײַ געווען דער רעאַליטעט. זי האָט מאָלעריש געשטאַל־טיקט דעם ייִדישן גלות־ייִד אַזוי ווי ער איז געווען. זי האָט אָפּגעשפּיגלט חסידות, לעבנס־שטייגער, געפֿילן, רעוואָלט, חיבת־ציון, ביזן קעמפֿערישן

קאמוניזם ביי ייִדן. זי האט אבער ניט געקאנט ווערן א ליטעראטור פאר אן אנקומענדיקער ייִדיש־מלכות.

— איך קאן ניט האבן קיין טענות — זאגט ער — צו דער ייִדישער ליטעראטור, הלמאי זי איז אזוי און ניט אנדערש, אבער צום העברעיִשן שרייבער־געשרייבטום איז יא דא א באשולדיגונגס־טענה — פאר וואס איז זי, די העברעיִשע ליטעראטור, ניט פארגאנגענהייט, ניט געגנווארט און ניט צוקונפט? זי האט דאך א באדן. זיי האבן פאר זיך א גרויס שריפטטום און כתבֿי־הקודש ביז צום סידור און מחזור. עס איז דא פון וואס צו לערנען געדאנקען, באשרייבונגען, וועלטבאנעם און מענטשבאגריף. וואס זשע טוען זיי אבער? זיי זויגן ביי העמינגוועי און נאזים ביכמעט, און אפילו ביי די וואסער־גראפאמאנען פון קליינע פרעמדע פעלקער. זיי זיינען געווארן טרינקער פון אלע לאקריצן אין די באנקראט געווארענע זשורנאלן און פון קאפע־ליטעראטן ביי געלעסטערטע פעלקער און פארטייען.

מיר קומען נאך א מאל צו דער ייִדישער ליטעראטור. זאגט אורי־צבֿי גרינבערג:

— איך האלט אז אז ערד וויכטיקער די שאפונג אין דער ייִדישער ליטעראטור ווי אין דער היינטצייטיקער העברעיִשער ליטעראטור. איך האלט בכלל, אז די ייִדישע דיכטונג האט מער באדייטונג פון דער דיכטונג פון געוויסע פעלקער, וואס האבן א היים און א לאנד, מיט אלע אטריבוטן און באדינגונגען פון פרייע פעלקער. די ייִדישע דיכטונג אין אמעריקע, למשל, האט זיך ניט צו פילן מיט א שטאפל נידעריקער פון דער נייִצייטיקער דיכטונג אין אמעריקאנישן ענגליש, לויט מיינע באשיידענע ידיעות, וואס געהערן צו מיין פאך.

— אונדזער ייִדיש מאמע־לשון האט געלעבט אין ייִדישן פלייש און בלוט, — זאגט ער. עס זיינען אבער פארלענדט געווארן ייִדישע גופים. איז דער גורל פון ייִדישן לשון דער זעלבער ווי פון נעהרגעטן ייִדישן פאלק. אויב עס לעבן נאך רעשטלעך פון יענע גופים, טראגן נאך מיט זיך די ריחות, זכרונות און טעמים פון אונדזער היים, פון אונדזערע טאטע־מאמע, ענדערט עס אבער ניט דעם מצבֿ פון ייִדישן לשון. חורבן ייִדיש לשון איז א טייל פון יענעם אומקום. זיינען יענע ייִדן ניטא, איז ניטא קיין יסוד פאר א האפערדיקן המשך.

קאטעדרע פאר ייִדיש וועט ניט העלפן. ליטעראטן אן בערד און פאות האבן ניט אויסגעטראגן דעם ייִדישן לשון. דאס האבן ניט געטאן דאס בעסטע ליד, די קרעפטיקסטע דערציילונג, נאר די לעבעדיקע ייִדן. זיי זיינען מער ניטא.

מיין טיפסטע באוונדערונג, ליבשאפט צו מיין מאמען איז ניט משנה דעם גרויליקן פאקט, אז זי איז אומגעקומען, און עס איז שוין ניטא קיין מיטל אנדערש צו מאכן דעם פאקט.

— דארף מען וויַטער שאפן אין ייִדיש? דארף מען שרייבן? וואס איז די אויפגאבע פון די היינטצייטיקע שרייבער? אוודאי דארף מען. מען

דאַרף זײַן אַ כּלי־נגינה, וואָס אירע סטרונעס זײַנען געשפּאַנט צום באַנעם און באַדאַרף פֿון ייִדישן פֿאָלקישן גוף, ווי נאָר ער געפֿינט זיך.

מיינט עס דינען דער פּאָליטיק? מיינט עס פּאָליטיזאַציע? אויב דאָס גרויסע, אומגעוויינלעכע וווּנדער פֿון מיליאָנען ייִדן־באַפֿרײַונג הייסט אויך פּאָליטיזאַציע, איז הייליק די דאָזיקע פּאָליטיק.

פֿאַראַן שרײַבער, וואָס מיינען, אַז דער עיקר איז אַרויסגעבן ביכער. ליטעראַטן זײַנען אָפּט געגליכן צו פֿייגל, וואָס לייגן אייער אין נעסטן און נאָכדעם פֿליִען זיי אַוועק זוכן נײַע נעסטן.

עס זײַנען דאָ ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן נאָר איין איינציקן באַגער, איין חלום: „דרוקט מיר אַ ביכל!" זיי ריידן, זיי שרײַבן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל, וועגן דער ייִדישער קולטור, וועגן ייִדישן קיום. אָבער מיינען מיינען זיי: „דרוקט מיר אַ ביכל!" ווען עס קומט איינער אַ ראָטשילד און קויפֿט אָפּ בײַ זיי אַלע מאַנוסקריפּטן און דרוקט זיי אַלע אָפּ אין ביכער, וואָלט דאָך דעמאָלט געווען אַ גרויס גליק אויף זייערע קעפּ.

נאָך עפּעס חלומט אַ ייִדישער שרײַבער: „זעצט מיך איבער אויף העברעיִש!"

מיר זײַנען אַ פֿאָלק מיט כּתבֿי־הקודש, מיט שריפֿטונג, ניט סתּם ליטעראַטור, ניט סתּם אַ מעשׂה, אַ ליד. מען האָט געדרוקט „סיפּורי־המקרא" פֿאַר קינדער — מעשׂהלעך פֿון חומש. עס זײַנען ניטאָ קיין סיפּורי־המקרא. עס איז דאָ מקרא. עס איז דאָ חומש, תּנ"ך. ניט סיפּורי־המקרא. מיר בעצם ליטעראַטעווען. אַז מיר לאָזן אַראָפּ איין אַקסל, מיינען מיר, אַז עס פֿאַלן אײַן די ווענט פֿון דער וועלט. אַזאַ גאַווהדיקע מיינונג וועגן דער אייגענער וויכטיקייט.

◆

פֿון ליטעראַטור צום לעבן. טענהט אורי־צבֿי גרינבערג קעגן יענע וואָס האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז מיר דאַרפֿן אויסלייזן די גאַנצע וועלט. און דעריבער — דאָס טאָר מען ניט, דאָס דאַרף מען ניט. די גויִים מעגן, אָבער מיר טאָרן ניט. פֿאַר וואָס איוואַן יאָ און מיר ניט? מען האָט געוואָלט אײַנשמועסן, אַז פֿאַר די ייִדן איז נאָר דער הימל, ניט די ערד, בלויז יענע וועלט און ניט די וועלט, אַז ייִדן האָבן בכלל גאַרניט קיין חוש פֿאַרן לעבן אויף דער ערד. דאָס איז ניט ריכטיק.

— מײַן זיידע איז געווען אַ רבֿ, אַ רומענישער ייִד, אָבער אַ דעמבענער ייִד. מײַן מאַמע איז געווען אַ לײַדנשאַפֿטלעכע שווימערין. פֿון איר האָב איך ליב באַקומען דעם טײַך.

עס איז אויך ניט אמת די מעשׂה וועגן דער שוואַכקייט פֿון ייִדן. מיר האָבן געהאַט געזונטע ייִדן. מיר האָבן זיי היינט, גאָט צו דאַנקען.

מען שרײַבט בײַ אונדז וועגן עם־הארץ, וועגן ייִדן עם־הארצים!.. ניט געווען קיין עם־הארצים בײַ ייִדן. גויִים מאַכן אַ רעוואָלוציע מיטן לאָזונג

אַפּצושאַפֿן אַנאַלפֿאַבעטיזם. מיר נייטיקן זיך ניט אין אַזעלכע רעוואָלוציעס. פֿאַר דעם האָבן שוין געזאָרגט די זיידעס, די טאַטעס און מאַמעס.

ער דערמאָנט זיך אָן ביאַליקס „מתמיד״. אורי־צבֿי האָט צו ביאַליקן גערעדט גאַנץ אָפֿט. ביאַליק קלאָגט אין זײַן „מתמיד״ אויף דעם וואָס דעם מתמידס כּוחות ווערן אומזיסט פֿאַרלאָרן. „וואָס האָסטו געמיינט מיט דעם, ביאַליק? וועלכע כּוחות זײַנען ווערן עס גאָר פֿאַרלאָרן? מיינסטו, אַז אַ גוייִשער סטודענט איז אַ מוסטער אַנטקעגנצושטעלן דעם מתמיד אין בית־מדרש?״

— דערמאָנט איר זיך, אורי־צבֿי, אַז מען האָט וועגן אײַך אַ מאָל געשריבן, אַז איר ווילט ניט ריידן אויף ייִדיש, ווײַל עס איז געוואָרן פֿאַר אײַך אַ שפּראַך פֿון גאַלעווקעס, פֿון עם־הארצים?

— עס איז געווען אַ ליגן. עס האָט מיר זייער וויי געטאָן.

אַז מען דאַרף ניט זאָגן אויף העברעיִש „לדבר ביהודית״, נאָר „לדבר בייִדיש״ שטאַמט פֿון אים. אגבֿ, אַ מאָל ווען אין ארץ־ישׂראל זײַנען געקומען פּרץ הירשביין און שלום אַש און זיי האָבן געדאַרפֿט אַרויסטרעטן אויף ייִדיש, האָט גדוד־מגיני־השׂפה געסטראַשעט, אַז עס וועלן זײַן סקאַנדאַלן, מען וועט ניט דערלאָזן, זיי זאָלן ריידן ייִדיש — ער, אורי־צבֿי גרינבערג, האָט גע־שלעפּט בערל קאַצנעלסאָנען אויף דער בינע פֿון פּרץ הירשביינען און שלום אַשן. ער אַליין איז אויך געווען דאָרטן און געזאָגט צו זיי: „רעדט ייִדיש, רעדט!״ און זיי האָבן גערעדט.

ער האַלט ניט, אַז מען טאָר ניט זאָגן עפּעס שאַרפֿס צום פֿאָלק, אויב עס איז אַפֿילו אמתדיק, אַז מען טאָר ניט שטראָפֿן ביטער דאָס פֿאָלק. ניין! אָט האָט ביאַליק געשריבן „אכן חציר העם!״ ער האָט געזאָגט, אַז דאָס פֿאָלק איז פֿאַרוויאַנעט געוואָרן, טרוקן געוואָרן ווי אַ פֿאַרטריקנטער בוים, אויסגעטריקנט זײַן זאַפֿט. ביאַליק האָט אויסגעשריִען אין פֿאַרצווייפֿלונג: „התעורר המת? הזדעזע המת?״ עס איז געווען אַ געשריי מיטן ווילן, אַז דאָס פֿאָלק, דער מת, זאָל זיך אויפֿכאַפּן. די מעשׂה איז נאָר, וואָס יעדער לעזער פֿון ביאַליקס ליד „אכן חציר העם״ איז געווען בײַ זיך זיכער, אַז ניט אים האָט ביאַליק געמיינט.

◆

ווײַל איך הערן פֿון אים פּרטים וועגן זײַן לעצטן גאַנג פֿון פּוילן קיין ארץ־ישׂראל, ווען ער האָט זיך מעשׂה נס געראַטעוועט.

עס איז געווען אין סעפּטעמבער 1939. די מלחמה האָט זיך צעבראָכן. ער איז געווען אין פּוילן. ער איז געלאָפֿן פֿון וואַרשע און אַרײַנגעלאָפֿן אין לובלין. אַרײַנגעקומען אין מיטן דער נאַכט אין אַ פֿינצטערער שטאָט. איבער יעדער שטוב לויערט סכּנה. אין אַ גוייִשן הויז טאָר מען ניט אַנקלאַפּן — טויט־סכּנה.

— האָב איך דערזען אַ מזוזה בײַ אַ טיר...

אַ מזוזה איז גוט, איז אַ פֿרייד. דאָ וווינט געוויס אַ ייִד. אויב אַ מזוזה, איז מען דאָך אַזוי ווי בײַם טאַטן אין הויז, מען איז בײַ אַ ייִדן.

דער ייִד האָט ניט געוואָגט צו נעמען בײַ דיר, דעם פּליט, קיין געלט פֿאַרן ברויט. געטיילט זיך מיטן ביסן. ער דערמאָנט זיך די שיינקייט און הארציקייט פֿון קליינע ייִדישע קינדער בײַם העלפֿן אַ פּליט. ער האָט געוואָלט אַ ייִנגל געבן געלט, האָט ער ניט געוואָלט נעמען. „פֿאַר וואָס זאָל איך נעמען געלט?" פֿרעגט דאָס ייִדישע קינד און קוקט מיט זײַנע גרויסע אויגן.

מען גייט אין וועג. מען זוכט ווידער שוץ, אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואַסער זיך אָפּצוּוואַשן. זוכט מען ווידער אַ מזוזה. און אַז מען געפֿינט, איז אַ גליק. אַ מזוזה? דאָס מיינט דאָך אַ ייִד. ייִד און מזוזה איז איינס. „וויפֿל קומט אײַך, ר' ייִד?" ענטפֿערט דער ייִד: „גאָרנישט. בײַ מיר איז דען אַ האָטעל?"

אָנגעטראָפֿן צו אַ ייִדן מיט אַ קאַפּל און אַ בערדל. פֿרעגט זײַן ווײַב: „ווער זײַנען די ייִדן?" — „געקומען פֿון וועג. זיי גייען קיין ארץ־ישׂראל".

— גאָט זאָל אײַך העלפֿן. קומט בשלום.

גוטסקייט און ברכה אין שטוב. גיט די פֿרוי צו טרינקען שמעקעדיקע קאַווע. יענער קאַווע־ריח דערטראָגט זיך צו אונדזער טיש, אַזוי ווי דער ייִד אין קאַפּל מיט זײַן ווײַב וואָלטן שטיין פֿאַר אונדז אין דעם ישׂראלדיקן אָוונט. „איר מעגט טרינקען," זאָגט דער ייִד. „טרינקט, טרינקט, און זאָל אײַך זײַן צו געזונט."

אַזוי איז געגאַנגען אורי־צבֿי גרינבערג אין די ערשטע מלחמה־חדשים איבער פּוילן, ווען דאָס לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר.

באַגעגנט ער אַ ייִדן, וואָס האָט צו אים אַ בקשה:

— איר גייט קיין ארץ־ישׂראל? זייט מצליח. איך האָב דאָרטן אַ זון אין בית־אַלפֿאַ. אַז איר וועט קומען בשלום אין ארץ־ישׂראל און זען מײַן זון, זאָגט אים, אַז איר זײַט דורכגעגאַנגען סניטין און געזען זײַן טאַטן.

ער האָט אים געגעבן זײַן נאָמען און זײַן זונס נאָמען.

— איך זאָג אײַך צו.

ער האָט עס, פֿאַרשטייט זיך, מקיים געווען.

זײַן אָנקום אין ארץ־ישׂראל מיט אַ שיף איז ניט געווען אַזוי איינפֿאַך, געווען פֿאַרבונדן מיט סכּנה. בײַם אַראָפּגיין פֿון שיף האָט מען אים געשטעלט אָן אַ זײַט, איבערגעגעבן צו דער פּאָליציי, ווײַל ער איז כּלומרשט ניט קיין זיכערער עלעמענט.

— איך האָב אַ בקשה פֿון אַ ייִדן פֿון סניטין צו גריסן זײַן זון אין בית־אַלפֿאַ.

ער דערמאָנט זיך איצט יענע צײַט. אַוועק זײַנען נאָכדעם טעג און נעכט, וואָכן און חדשים מיט ייִדישער שׂריפֿה אין אייראָפּע. אין אים האָט געברענט דאָס ייִדישע אומגליק, די ייִדישע טראַגעדיע אין פּוילן.

— שלאָנסקי האָט דעמאָלט געזאָגט: „מה הפלא? הוא כולו שם...",
„וואָס איז דער וווּנדער? ער איז אין גאַנצן דאָרטן".

וואָס האָט ער צו זאָגן וועגן די אַמעריקאַנער ייִדן? ער מיינט, אַז אין אַמעריקע איז דאָ אַ וווּנדערלעכע ייִדישע מחנה. אַז מען רעדט דאָ וועגן אַמעריקאַנער ייִדן, מיינט מען דאָך, וויפֿל געלט מען קאָן פֿון זיי באַקומען פֿאַר ארץ־ישׂראל? אין דער אמתן נוצן מיר ניט אויס זייער גרויסן כּוח, דעם גרויסן פֿאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאַר דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום.

ייִדן, ייִדישקייט זײַנען דאָך געוואַלדיקע זאַכן. מענטשן מיינען, אַז מען שרײַבט העברעיִש, הייסט דאָס אַליין שוין ייִדישקייט. מען קאָן אויך אויף העברעיִש זײַן אַ גוי.

מען חזרט אָפּט איבער דעם פּסוק „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח". עס שטייט דאָך אָבער ברוחי. וואָס הייסט עס — רוח? מיט וועלכן רוח? מיט וועלכן גײַסט? רוחי — מיט מײַן גײַסט. וועמעס גײַסט איז דאָס? אַזוי האָט דאָך געזאָגט ניט אַ פּאָעט, אַ שרײַבערל, נאָר השם אלהי צבאות.

עמעצער האָט אים אַ מאָל געזאָגט, אַז זײַן בוך איז אַ תּהילים־בוך. יענער ווייס ניט פֿון זײַן קאָפּ צו זאָגן. תּהילים איז ניט קיין ליטעראַטור. עס איז תּהילים!

„וואָס בין איך אַהער געקומען?" האָט ער צו זיך גערעדט מיט יאָרן צוריק. „קאָנקורירן מיט גראַפֿאָמאַנען? יעדער העברעיִשער לערער איז דאָך אַ פּאָעט. וואָס בין איך געקומען אַהער? נאָכצוטאַנצן? נאָכצובאָמקען?"

אַ טייל פֿון אונדזער שמועס האָבן מיר געפֿירט ניט בײַ אים אין הויז, ניט אין דער זעלביקער נאַכט, נאָר אַ צווייטע נאַכט, אין האָטעל־צימער, אין וועלכן איך האָב געוווינט. אין מלון גת־רימון. אויפֿן ים, קעגנאיבער אונדזער באַלקאָן, זײַנען געשטאַנען צוויי ענגלישע קריגסשיפֿן. אַן ענגלישע קריגסשיף צינדט אָן אורי־צבֿיס צאָרן. עס קאָכט אויף זײַן בלוט. ענגלאַנד, אָקופּאַציע, בעווין, פֿאַרמאַכטע טירן פֿאַר ייִדן, יד־אחת מיט אַראַבער. „אונדזער אויפֿגאַבע איז אַ גרויסע — מלכות־ישׂראל. ייִדישע סוווערעניטעט."

מאַך איך אַ באַמערקונג:

— ניטאָ הײַנט קיין סוווערעניטעט פֿון פֿעלקער און נעווים ניט פֿון קליינע פֿעלקער. פֿעלקער־פּאָליטיק — מזרח און מערבֿ, וואַשינגטאָן און מאָסקווע: מיר זײַנען דאָך אַלע אַ טייל פֿון דער וועלט, אַן אבֿר פֿון אַ גוף.

ער וויל דאָס ניט הערן און קאָן דאָס ניט הערן. מלכות־ישׂראל, ייִדישע סוווערעניטעט איז זײַן זאָרג בײַ טאָג און בײַ נאַכט, איז זײַן אָנגעצונדענער חלום. ער איז כּסדר גרייט, ווי ער זאָגט, צו אַ „רעוואָלוציאָנערן פֿאַרווירקלעכונגס־פּראָצעס" פֿון אונדזער פֿאָלק. די הײַנטיקע קליינע מדינה אויפֿן קליינעם שטח איז פֿאַר אים נאָר אַ באַוויַז פֿאַר אַ קומענדיקער גרעסערער פֿאָלקס־טעריטאָריע, וואָס געפֿינט זיך נאָך הײַנט אין פֿרעמדע הענט.

לאָמיר אַראָפּפירן דעם שמועס צו אַ מער אינטימען, שעפערישן ווינקל.

— וואָס זײַנען, אורי־צבי, אײַערע נאָענטסטע שעפערישע פּלענער?

— איך וויל זוכה זײַן ווײַטער צו לעבן און שרײַבן, ביז דער ענדגילטיקער דערלייזונג, ביז דער ייִדישער דערהייבונג, ווי עס שטייט געשריבן.

ער וויל דערלעבן צו קאָנען אָטעמען מיט דער לופט פון אַבֿרהם ביז בעל־שם־טובֿ און בראַצלעווער, פון די נבֿיאים ביז דעם הימלהויכן געזאַנג פון דער פּלעיאַדע שרײַבער אין שפּאַניע, ביז אונדזערע שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן אויף סלאַווישע ערדן.

זײַן פרוי, עליזה גרינבערג, איז די גאַנצע צײַט פון אונדזער שמועס געווען פאַרנומען מיט איר הויז, מיט די קינדער, און זיך ניט אַרײַנגעמישט. פּרוביר איך כאַפּן אַ וואָרט, אַ טענה. זי איז אַ שווײַגנדיקע, וויל גאָרניט ריידן וועגן איר לעבן, ביז זי האָט זיך באַגעגנט מיט אורי־צבֿי גרינבערגן. „דאָס איז געווען פאַר דעם מבול."

געבאָרן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל, אין ירושלים. אין דער יוגנט אַרײַן אין לח"י. געווען אין אונטערגרונט. אורי־צבֿי גרינבערג איז דער נבֿיא פון דור. זי, עליזה, האָט געשריבן קינדער־דערציילונגען און לידער. ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען אורי־צבֿין, איז ער שוין געווען אַן 51יאָריקער בחור. און ער האָט געזאָגט צו זײַן פרײַנד ייבֿין: „אָט דאָס איז די פרוי. איך האָב עס דערפילט צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן."

דעמאָלט האָבן זיי חתונה געהאַט.

— לאָמיר — זאָג איך צו אורי־צבֿין — פאַרשרײַבן, צום געדענקען, די נעמען פון אײַערע קינדער.

ענטפערט ער מיר בכּתבֿ, אָנגעשריבענערהייט:

— מײַן בכור הייסט חיים־אליעזר. נאָך אים קומט די שורה: בת־שבֿע, שלום־ציון, רבֿקהלע, יוכבֿד, און לפּי־שעה דער מוזיניק: דוד־יהונתן — אַלע צו לאַנגע יאָרן.

עס איז ניט גרינג צו האָדעווען אַ דור אין אַ הויז פון אַ פּאָעט. עליזה האָט באַקומען אַן אָנזאָג צו פירן די הויז אָן חובֿות. קאָכט זי אויף אַ ברען־מאַשינקע. קאָכט אויף אַ פּרימוס וואַסער צו וואַשן די וועש. זי האָט אַ העלפערין אין שטוב נאָר דרײַ מאָל אַ וואָך. ווען זי וויל אײַנלאָדן אַ שטענדיקע העלפערין, זאָגט זיך יענע אָפּ. און געוויינלעך איז איר טענה: פינף קינדער, מען קאָן דאָך משוגע ווערן.

בײַ איר גאַנצער אַרבעט און מידקייט איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אין איר די יוגנט־התלהבֿות. זי געפינט נאָך צײַט אין די אָוונטן — אַ שעה אָדער צוויי — צו לייענען אַ גוטן בוך. בײַ נאַכט קומט אַ ביסל רו. זי הערט די רויִקייט. געענדיקט די אַרבעט, וויל זי לייענען אַ גוטן בוך.

זי האָט נאָר איין ווינקל — אַ באַזונדערן פאַר זיך אַליין. דאָס איז — ווען זי שטייט און וואַשט די כּלים, קומט צו איר די שירה. זי קוקט זיך אַ ביסל

צו צום אָרום, הערט זיך אײַן אין גערויש פֿון דעם וואַסער, וואָס פּליסט צום וואַשן די כּלים, און — פּלוצלונג קומט אַ געדאַנק, אַ שורה פֿון אַ ליד. און זי האַלט אין זיך די מחשבה אָדער דאָס בילד אַפֿילו אַ גאַנץ יאָר. עס טרעפֿט אַ מאָל, שפּעט אין דער נאַכט, 11 אָדער 12 אַ זייגער, איז זי נאָך אין קיך בײַ אירע כּלים, און עס קומען איר אין זכּרון קאַפּיטלעך פֿון ליריק. ברומט זי זיי אָרויס, זאָגט זי זיי אַרויס. אָבער אָנשרײַבן לייגט זי אָפּ אויף מאָרגן, אויף שפּעטער, און דער שפּעטער פֿאַררוקט זיך גאַנץ אָפֿט.

— ווי אַזוי — זאָגט זי — קאָן עס אַ מאַמע פֿון פֿינף זיך זעצן שרײַבן לידער און צונעמען די צײַט פֿון אירע קינדער?

לייגט זי עס אָפּ אויף שפּעטער.

◆

שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר זיך געזעגנט. ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון מײַן האָטעל צו זײַן היים, צו זײַן משפּחה, זײַן פֿרוי און פֿינף קינדער, אין רמת־גן.

איך בין אַרויס אויפֿן באַלקאָן, וואָס איז געהאַנגען איבערן מיטללענדישן ים, און איבערן ים — דער אויסגעשטערנטער הימל פֿון ארץ־ישׂראל, אויף וועלכן עס שפּילן זיך שטערן־ווּנדער, לבֿנה־צויבער שוין מיליאָנען יאָרן.

„ער איז אַ שטורעמווינט,‟ — האָט מיר געהאַט געזאָגט זײַנער אַ פֿרײַנד — „זײַן סטיל דערמאָנט דעם נבֿיא יחזקאל בן בוזי הכּהן.‟

איך האָב גענומען דעם תּנ״ך, אויפֿגעמישט דעם ערשטן קאַפּיטל פֿון יחזקאל און פֿון דאָרטן אַרויסגעלייענט:

— און איך האָב געזען, ערשט אַ שטורעמווינט איז אָנגעקומען פֿון צפֿון, אַ גרויסער וואָלקן מיט אַ פֿלאַקעריקן פֿײַער, און אַ שײַן רונד אַרום אים.

חיים הזו

קריטיק, זעלבסטקריטיק,

וואָס דערגייט צו „זעלבסט־שמײַסעריי", ווי די רוסן זאָגן, איז די לעצטע צײַט אַן אַנגענומענער דרך בײַ אַ צאָל העברעיִשע שרײַבער אין ישׂראל. מען איז ניט צופֿרידן מיט די פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, וואָס זײַנען אַוועק „זיך פּאַשען אויף פֿרעמדע פֿעלדער און איגנאָרירן דעם נס פֿון דעם אייגענעם רענעסאַנס". דער פּאָעט ש. שלום מוסרט דעם ניהיליזם פֿון די מאָדערניסטן און כּנענים. ער פֿאָדערט אַ „נײַע דיכטונג פֿון נבֿיאישן געבאָט". משה שמיר האָט אויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון שרײַבער געזאָגט, אַז דער יונגער שרײַבער־דור האָט ניט קיין פֿאַרבינדונג מיטן פֿריִערדיקן און עס מערקט זיך בײַ אים אַ ירידה. ער האָט אויך גערעדט וועגן דער ירידה פֿון העברעיִשן לשון, וואָס איז „אַראָפּ פֿון די הויכקייטן פֿון הזז און עגנונס שאַפֿונגען צו דער נידעריקסטער מדריגה און איז אַ 'סלענג' אָן אַ פֿאָרם". דער שרײַבער זהר־סמיליאַנסקי האָט בײַ אַ געלעגנהייט אויפֿגעוואָרפֿן, אַז דער ישׂראל־מענטש, ווען ער הערט וועגן ייִדנטום אין גלות, זעט ער דעם דאָרטיקן ייִדישן שטייגער ווי אַן עניו, וואָס ענדיקט זיך אין ישׂראל.

חיים הזז האָט גערעדט אויפֿן קאָנגרעס פֿון די אינטעלעקטועלע אין אויגוסט 1957 און ער האָט געזאָגט : „דער דור שרײַבער פֿאַר אונדז איז געווען אַ גרויסער דור, אַ דור ראשונים. אַלץ וואָס איז דאָ פֿאַראַן פֿאַר אונדז, אַלץ איז צו אונדז געקומען פֿון זיי — די העברעיִשע ליטעראַטור, דאָס העברעיִשע רײדן און, אומדירעקט, אויך — דער יישובֿ ארץ־ישׂראל . . . אין לעצטן דור איז אָבער געפֿאַלן דער ווערט פֿון דער ליטעראַטור און אויפֿגעהערט באַווירקן אוממיטלבאַר די לעבנס־געשעענישן."

חיים הזז ווערט פֿאַררעכנט איצט פֿאַר איינעם פֿון די באַדײַטנדיקסטע העברעיִשע שרײַבער אין ישׂראל.

חיים הזזס ראָמאַנען ווערן גוט געלייענט. איך האָב געפֿרעגט סטודענטן פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט וועגן זייערע באַליבטע שרײַבער, האָט זיך דער נאָמען פֿון חיים הזז געפֿונען אין סאַמע מזרח. זײַנע דראַמעס שפּילט דאָס העברעיִשע טעאַטער. דערציילט מען מיר וועגן שטאַרקן אײַנדרוק פֿון זײַן דראַמע „אין סוף פֿון אונדזערע טעג", וווּ עס איז געקומען צום אויסדרוק זײַן קעגנערישע באַציִונג צו רעליגיע. זײַן דראַמע, וווּ עס רעדט זיך וועגן

„פֿאַרברענען דעם גלות", האָט געהאַט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס און אַ היפּש ביסל מחלוקתן. זײַנע באַרימטע ראָמאַנען זײַנען: „ריחיים שבורים", „היושבת בגנים", „אבנים רותחות", „בקץ הימים", „דלתות נחשת" (פֿיר בענדער). אין אויסלאַנד האָט מען אַ מאָל געהאַט געמיינט, אַז ער שטאַמט פֿון ספֿרדישע ייִדן, צוליב זײַנע ווערק וועגן די תּימנער „יעיש", „היושבת בגנים". פֿאַר זײַן ראָמאַן „דלתות נחשת" איז ער פּרעמירט געוואָרן.

ער שטאַמט פֿון רוסלאַנד. ער לעבט אין ישׂראל דרײַ צענדליגער יאָר. די וואָס האָבן מיט מיר גערעדט וועגן אים האָבן אים באַצייכנט מיט אַ סך דרך־ארץ פֿאַר אַ וועגזוכער, אַ גורל־מאַנער. אין זײַן דערציילונג „הדרשה" איז ער געווען עקסטרעם אַנטי־טראַדיציאָנעל, געהאַט אַ קריטישע באַציִונג צו רעליגיע. אָבער ער האָט נאָך דעם געקערט מאָגען כּלל־ישׂראלדיקייט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

לעבעדיק, ווי אויסגעשניצט, זײַנען די מענטשן פֿון זײַנע ראָמאַנען. פֿרעגט ר' בערישל ר' זונדעלען אין זײַנע „דורות ראשונים", פֿאַר וואָס ער וויל זיך לאָזן אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן: דיר איז ענג געוואָרן דאָס אָרט?

— ענג, רביניו, זייער ענג... — זיפֿצט ר' זונדעלע מיט אַ גרויסן זיפֿץ.

הערט ר' בערישל און ער זאָגט צו זיך אַליין: ווער עס שרײַט פֿון נויט, שרײַט פֿון דער טיפֿעניש.

טרערן גיסן זיך פֿון ר' זונדעלעס אויגן: איך שרײַ פֿון דער טיפֿעניש, ווײַל עס איז מיר ענג. איך האָף אַרויסצופֿאָרן, מחיה זײַן אַ ביסל מײַן נשמה. איך וועל פֿאָרן, פֿאָרן, פֿאָרן, און גאָט וועט מיר העלפֿן צום גוטן.

— ווּהין ווילסטו פֿאָרן? — פֿרעגט אים ר' בערישל.

— איך ווייס ניט, רבי. אפֿשר קיין אַמעריקע, אפֿשר קיין אַפֿריקע.

— איז דאָרטן, אין אַמעריקע, אין אַפֿריקע, דאָ דער הקדוש־ברוך־הוא?

— אויב דער הקדוש־ברוך־הוא איז דאָרטן ניטאָ, וועל איך אויך פֿאָרן.

אומעטום איז וועלט, אומעטום זײַנען דאָ ייִדן, אומעטום איז געוויס דאָ דער הקדוש־ברוך־הוא. ער איז דאָ צווישן די אשכּנזים און צווישן די תּימנער. אויב ער איז ערגעץ ווּ ניטאָ, איז גרייט דער רבי ר' בערישל פֿאָרן אַהין צו.

אין אַ תּמוז־טאָג בין איך צוועק אויף אַ שמועס מיט חיים הזז.

◆

חיים הזז וווינט אין ירושלים. רעכטס פֿון די שדרות בן־מימון ליגט, באַרג־אַראָפּ, אַ שטילע גאַס, רחוב עזה. זי ענדיקט זיך אין אַן אָפֿענעם שטח, פּנים אל פּנים — שטיינערנע בערג, וואָס ווערן איצט אײַנגענומען דורך ייִדן, מערסטנס תּימנער ייִדן, ייִדן מיט בערד, צעאַקערן זיי, זײען אַרויס גרינס, זעצן דאָרטן אַרײַןביימער, בויען בנינים, בויען הײַזער פֿון שטיינער.

ציט זיך, ציט זיך דער שטח ביז צום ירושלימער אוניווערסיטעט. דאָ, אויף דער גאַס עזה 53, וווינט דער שרײַבער חיים הזז.

— שלום, הזז.

די שטוב איז פֿון פֿיר צימערן. דאָרטן איז שטיל, מנוחהדיק. פּאָליצעס מיט ספֿרים. אין איינעם פֿון די צימערן זיצט איבער ביכער הזזס יונגע פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט מיט איניקע יאָר צוריק, זי שטודירט אין אוניווערסיטעט פֿילאָסאָפֿיע און ליטעראַטור. מיר זעצן זיך אין אַ צווייטן צימער, בײַ חיים הזזס אַרבעטסטיש.

איך קוק אויף אַ פּאָרטרעט פֿון אַ יונגן־מאַן, וואָס שטייט אויף הזזס טיש.

— דאָס איז דאָס בילד פֿון מײַן איינציקן זון, נחום. ער האָט געהערט צום פּלמ״ח, איז געפֿאַלן אין דער מלחמה אין ירושלים. זײַן קבֿר איז אויף הר הערצל, צווישן די קבֿרים פֿון די געפֿאַלענע.

— יעדער איינער ברענגט זײַן קרבן.

דער אומגעקומענער 19יאָריקער נחום קוקט אַראָפּ פֿון שרײַבטיש צו זײַן טאַטן, קוקט מיטן שוואַרצן קאָפּ דורך שוואַרצע ברילן איבער זײַנע אויגן.

— ער האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיקט גימנאַזיע.

איך זע גלײַך אין אָנהייב פֿון אונדזער שמועס, אַז חיים הזז האָט אַ גוט אָרגאַניזירטן קאָפּ. זײַנע ענטפֿערס זײַנען פּינקטלעכע, זאַכלעכע, פֿאַר־טיפֿטע. גײַסט, שׂכל און טאַלאַנט זײַנען אין דעם מענטשן אַ מזומן.

— לאָמיר אָנהייבן — לייג איך פֿאָר — פֿון בראשית. פֿון וואַנען קומט אַ ייִד קיין ירושלים?

— איך בין געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, אין יאָר 1898. אַוועק פֿון רוסלאַנד אין 1921. דורכגעגאַנגען פּאָגראָמען אין אוקראַינע, דעניקין, וורענגעל.

פֿון רוסלאַנד איז דעמאָלט געגאַנגען די אומלעגאַלע עמיגראַציע אויף דרײַ וועגן: דורך רומעניע, דורך פּוילן און דורך קרים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרטן, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסע ייִדישע עמיגראַציע. פֿון דאָרטן זײַנען געגאַנגען ייִדן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע.

— איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין קעסל פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ניט געהאַט קיין חשק צו גיין קיין אַמעריקע. דערצו די קוואָטע. אַלע ייִדן האָבן זיך געריסן, געשטופּט, מען איז געקראָכן דורך יעדער שפּאַרונע. איך האָב געהאַט בדעה צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. עס איז אָבער געווען אין דער זעלבער צײַט דער חלום פֿון אַ ייִדישן בחור צו זען אַ ביסל אייראָפּע.

ער איז נאָכדעם געווען נײַן יאָר אין פּאַריז. עקאָנאָמיש איז דאָרטן געווען גאַנץ שלעכט. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן, דרוקן אין „התקופה״, שטיבל־פֿאַרלאַג. שטיבל איז שוין דעמאָלט געווען פֿינאַנציעל אַ יורד. ער האָט אים אָבער באַצאָלט פֿאַר זײַן אַרבעט.

— וואָס האָט איר געשריבן?

— בעלעטריסטיק. געשריבן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, אַרויס־געגעבן אַ בוך אין צוויי טײלן „בישוב של יער".

ער האָט ניט פֿאַרענדיקט דרוקן זײַן בוך צוליב אַ סכסוך מיטן פֿאַרלאַג, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן קיין ארץ־ישׂראל. מען האָט געדרוקט זײַן בוך אָן זײַן קאָרעקטור.

— אין גמרא איז דאָ אַ כּלל, אַז מען טאָר ניט לייענען אַ ספֿר, וואָס איז ניט קאָריגירט געוואָרן. „אסור לקרא בספר שאינו מוגה".

ער נעמט אַרויס זײַן דערמאָנטן ניט קאָריגירטן בוך. ער ווײַזט מיר אים און זאָגט:

— עס זײַנען געווען אין בוך 300 טעותן. איך קאָן אים גאָרניט לייענען. ער איז געווען פֿאַר מיר אַ פּסול ספֿר. איך האָב דעם שטיבל־פֿאַרלאַג מער ניט געגעבן צו דרוקן מײַנעם אַ בוך. מיר זײַנען ברוגז געוואָרן.

אין פּאַריז איז דעמאָלט געווען אַ בידנע לעבן. ער האָט זיך דאָרטן געמאַטערט, ווי נאָך אַנדערע ייִדישע יונגע־לייט אין יענער צײַט. אין 1931 איז ער אַוועק פֿון פּאַריז קיין ארץ־ישׂראל.

— מיר זײַנען איבערגעשפּרונגען אײַערע קינדער־יאָרן. לאָמיר גיין צוריק.

— רעכט. זאָל זײַן אַזוי.

איך בין געבוירן געוואָרן אין דאָרף סידראַוויטש, קיִעווער געגנט, אוקראַינע. דאָס דאָרף האָט געהייסן סידראַוויטש צוליב אַ דאָרטיקן גוי, וואָס האָט געהייסן סידראַ. אין דעם דאָרף האָבן געלעבט 50־60 ייִדישע משפּחות. זײַן טאַטע איז געווען אַ וואַלד־סוחר, אַ בן־תּורה. ער, חיים, איז געווען זײַן טאַטנס בכור פֿון זיבן קינדער. דער טאַטע האָט געהייסן ר' לייב — לייבל הזז.

דערמאָנט ער זיך און צעשמייכלט זיך:

— עס איז געווען געדרוקט אין ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס", אַז איך שטאַם גאָר פֿון אַ טאַטער. ניין, מײַן טאַטע ר' לייב איז ניט געווען קיין טאַטער, ער איז געווען אַ ייִד.

ביז דער רעוואָלוציע האָט ער, לויט זײַן אויסדרוק, „עקסטערניטשאַיעט", געלערנט וועלטלעכע תּורה בײַ אַ לערער, און בײַ אַ מלמד געלערנט גמרא. דערווײַל איז אויסגעקומען די רוסישע רעוואָלוציע.

— איך האָב געעפֿנט ברייט די אויגן און דערזען, אַז איך געפֿין זיך אין דער רעוואָלוציע. אַרום און אַרום אַ גרויסער טומל. געקוקט, געזען און זיך געוווּנדערט.

בעת דער רעוואָלוציע האָט ער זיך געוואַלגערט אין אוקראַינע, אין מאָסקווע, אין קרים.

— א ייִד פֿון סידראַוויטש הינטער קיִעוו, א ייִד פֿון אוקראַינע, פֿון מאַסקווע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווערט נאָר א העברעיִשער שרײַבער? העברעיִש ווערט זײַן נשמה־לשון? ווו האָט ער זיך געלערנט העברעיִש?

געלערנט, געלערנט, אליין געלערנט, א סך געלערנט — פֿאַרטראַכט זיך חיים הזז אין ענין לשון און ער רעדט אַזוי:

— בכלל איז א מענטש א שטומער, א שטום באַשעפֿעניש. ווי קומט דער שטומער מענטש צום לשון? וויפֿל מאַטערט זיך א מענטש אין זיך, וויפֿל קנייטשן מאַכט ער אין זיך, ביז ער קאָן עפּעס זאָגן? ווי קומט א מענטש צו א ריכטיקן לשון? א שווערער וועג. א ווײַטער וועג. מײַן העברעיִש לשון? מיט לשון מאַטערט מען זיך אַזוי לאַנג, אַזוי טיף. מען לעבט איבער א בראָד נאָך א בראָד בײַם לשון. מען ראַנגלט זיך, מען האַלט מלחמה, מען דערשלאָגט זיך, מען דערגרייכט עפּעס, ביז מען פֿאַרליבט זיך אין אים.

עס קומט אַן שווער, זייער שווער. מען ווערט אַנגעווייטיקט, און וואָס מער אַנגעווייטיקט, אַלץ מער פֿאַרליבט מען זיך אין אים, אין דעם לשון.

אַזוי קאָן מען באַגרײַפֿן, פֿאַרשטיין, ווי אַזוי א מענטש ווערט פֿאַר־ליבט אין זײַן שפּראַך.

— אַזוי איז געווען פֿאַרליבט טורגעניעוו אין רוסיש, פּרץ אין ייִדיש. אַזוי איז אונדזער דור פֿאַרליבט אין העברעיִש.

חיים הזז דערציילט מיר, אַז העברעיִש איז געווען פֿאַר אים א שווערע שפּראַך. זי האָט אים בשום אופֿן ניט געוואָלט פֿאָלגן. ער ווײַזט מיר דורך זײַן פֿענצטער:

— איר זעט אַרום מײַן שטוב די שטיינערנע בערג? שטענדיק דאַרף מען זיי אויפֿרײַסן, ברעכן, שלעפּן מיט אַלע כוחות, מיט די ציינער ממש.

מען קאָן נאָך שרײַבן, זינגען אין העברעיִש וועגן גרויסע, דער־הויבענע זאַכן. אָבער זאָגן א פּשוטע זאַך פֿון לעבן, א קליינע זאַך? זאָג עס אין העברעיִש... כּדי צו שרײַבן וועגן פּשוטן לעבן, וועגן מעשׂים און מחשבֿות פֿון פּשוטע מענטשן, האָט מען געמוזט האָרעווען מיט ביטערן שווייס.

— אַז דו האָסט זיך אָנגעהאָרעוועט, האָסט דערגרייכט, האָסטו געהאַט א געפֿיל, אַז אַט האָסטו. איז דוכט זיך גוט? לאָזט זיך אויס, אַז ניט. האָסטו אָנגעשריבן, האָסט איבערגעלייענט און דערשפּירט, ווי ווײַט דאָס איז פֿון דעם וואָס דו האָסט געוואָלט. מיט מיר איז עס כּסדר געשען.

דאָס העברעיִשע לשון פֿון חיים הזזן האָט זײַן בולטן ייִדישן אָפּ־שטאַם, איז דורכגעפֿלאָכטן מיט ייִדישע מקורים. עס איז אַן אמתער זיווג פֿון ביידע לשונות — זאָגט מען וועגן אים. חיים הזז האָט אַרײַנגעפֿלאָכטן אין זײַן העברעיִשן לשון גאַנצע זאַצן ייִדיש מיט דער כּוונה צו מאַכן פֿול־בלוטיקער, עכטער, אמתדיקער זײַנע העלדן פֿון ייִדישן שטעטל אין רוסלאַנד. ער האָט געמוזט פֿון מאָל צו מאָל געבן זיי אין מויל אַרײַן מאַמע־לשון — ניט נאָר איינצלנע ווערטער, נאָר גאַנצע זאַצן. ווי קאָן מען זאָגן אויף

העברעיִש „אַ פֿאַרזשאַווערטער חסיד"? ווי קאָן מען זאָגן אויף לשון־קודש „דראַפּע זיך און האַלט זיך!"? ווי קאָן מען זאָגן ניט אויף ייִדיש אַזאַ אויסדרוק: „ער מאַכט פֿון אים אַ גאַנצן צימעס"? אַפֿילו ווען ער שרײַבט זאָגט וואָס זײַנען אַ געמיש פֿון ייִדיש און העברעיִש, ווי למשל „הוא כפּרתו של הפּריסטאַוו" (ער איז דעם פּריסטאַווס כּפּרה), קלינגט עס מיטן עכאָ פֿון ייִדישן לעבן אין שטעטל. אָדער אַזאַ זאַץ: „לא אמכּר מזלנו בעבור שק בצלים" (איך וועל ניט פֿאַרקויפֿן אונדזער מזל פֿאַר אַ זאַק ציבעלעס). הגם אַלע ווערטער זײַנען העברעיִשע, אָבער דער זאַץ גופֿא איז אַ ייִדישער.

ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין דער צײַט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז געווען, לויט זײַן אויסדרוק, פֿאַרשיכּורט פֿון דער רעוואָלוציע.

— פֿאַרשיכּורט פֿון דער סכּנה, פֿאַרשיכּורט אַפֿילו פֿון דעם שלעכטס פֿון דער רעוואָלוציע, פֿאַרשיכּורט פֿון תּהום, וואָס האָט זיך פֿאַר דיר באַוויזן. מכּל־שכּן פֿון דער גרויסקייט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר די אויגן נײַע האָריזאָנטן, נײַע האָפֿענונגען. עס זײַנען געווען יונגע יאָרן. מען איז אַליין געווען יונג.

איך בין אויך געווען פֿאַרשיכּורט פֿון דעם וואָס איך שרײַב וועגן דער רעוואָלוציע אין העברעיִש. דער ערשטער, דער איינציקער, וואָס טוט עס אין העברעיִש.

— פֿאַר וואָס אין העברעיִש? — פֿרעג איך.

— פֿאַר וואָס? איך אַליין האָב ניט געוווּסט פֿאַר וואָס, און איך ווייס ניט. עס איז כּמעט איראַציאָנאַל. פֿאַר וואָס האָב איך דעמאָלט ניט געשריבן אויף רוסיש? מײַן גאַנצע ליטעראַרישע דערציִונג איז דאָך דעמאָלט געווען נאָר אין רוסיש. דאָך שרײַב איך אויף העברעיִש. איך קאָן עס אַליין ניט פֿאַרשטיין, קאָן זיך ניט אַרײַנגראָבן אין זיך, „אַרײַנקאָפּען". עס איז עפּעס ניט קיין פּערזענלעכע זאַך. עס איז עפּעס טיפֿער, וויכטיקער.

ער איז געקומען אין ארץ־ישׂראל. ער האָט דורכגעקוקט, וואָס ער האָט געשריבן, און דערזען, אַז עס איז ניט דאָס וואָס ער האָט באמת געזען. ער האָט ניט געזאָגט, וואָס ער האָט אייגנטלעך געוואָלט זאָגן. דאַרף מען שרײַבן פֿון דאָס נײַ. ניט איבערשרײַבן, אויסבעסערן, מתקן זײַן — נאָר שרײַבן פֿון דאָס נײַ. דו אַליין מאַכסט זיך אַ נײַעם וועג. שלאָגסט אויס פֿאַר זיך אַ נײַעם דרך אין דער שפּראַך, קנעטעסט מיט די אייגענע הענט דאָס לשון.

דער מרחק צווישן דיר און יענער צײַט איז איצט זייער ווײַט.

— נעמט מענדעלען און שלום־עליכמען. — זאָגט ער — מענדעלע האָט זיך געמאַטערט מיט שפּראַך־שוועריקייטן און שלום־עליכם — ניט. פֿאַר וואָס? פּרץ האָט זיך אויך ניט געמאַטערט ווי מענדעלע. פֿאַר וואָס? ווײַל מענדעלע איז געווען דער אָנהייבער. ער האָט געדאַרפֿט בויען מדעת אָדער שלא מדעת — צי ער האָט יאָ געוווּסט צי ער האָט ניט געוווּסט, אַז אויף אים ליגט די אויפֿגאַבע צו בויען דאָס ליטעראַרישע ייִדיש. ענלעכס איז געווען אויך בײַ

די העברעיִשע שרײַבערס. נאָך מענדעלען איז נאָך אַלץ געווען יעדער העברעיִשער שרײַבער אַן אָנהייבער. יידיש האָט געהאַט טאָג־טעגלעכן לשון, געהאַט אַ טיפֿן פֿאָלקסברונעם — נעם און שעפּ!

די העברעיִשע שרייבערס שאַפֿמאַן און גנעסין זײַנען אַוועק מיט אַן אַנדער וועג ווי מענדעלע, מיט אַן אייגענעם וועג. אַוועק אויך אין ווינקל־דרכים. די העברעיִשע שרײַבערס פֿון פֿאַריקן דור האָבן זיך אַלע געמאַטערט, ווײַל אַלע זײַנען זיי געווען אָנהייבערס. איצט איז שוין אַ סך אַנדערש, אָבער דאָך האָט נאָך דער הײַנטיקער דור ניט געפֿונען זײַן קאַראַן, ניט געפֿונען זײַן סטיל, וואָס זאָל בלײַבן. עס האָבן געפֿונען אַ סטיל מענדעלע און ביאַליק. דאָס האָט געטאָן יענער דור און ניט דער הײַנטיקער.

— דער גלות־דור? — פֿרעג איך שטיל.

ער גייט אָבער אַן ווײַטער.

— הײַנט איז נאָך דער טומל גרויס. דער תּוהו־ובֿוהו איז נאָך גרויס.

— ווי זעט איר חוץ דער אַנטוויקלונג פֿון לשון די אַנטוויקלונג פֿון פֿאָלק אין מדינת־ישׂראל? — פֿרעג איך אים.

— מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס יידישע פֿאָלק באַשטייט נאָר פֿון די יידן פֿון רוסלאַנד, פֿון פּוילן, פֿון ליטע. דאָס איז אָבער ניט געווען ריכטיק. הײַנט זײַנען דאָ אין ישׂראל עטלעכע צענדליקער יידישע שבֿטים. יידן מיט פֿאַרשיידענע באַציִונגען צו יידן און זייערע שבֿטים. ניין, מיר אַליין זײַנען ניט דאָס פֿאָלק. עס זײַנען דאָ נאָך און נאָך שבֿטים. אין דער פּאָטענץ זײַנען יענע שבֿטים גרעסער ווי מיר. מאָרגן וועלן זיי זײַן דער רובֿ און די אשכּנזים וועלן זײַן דער מיעוט. שוין הײַנט איז זייער השפּעה גרויס. זיי האָבן זייערע טענץ, זייער קליידונג, זייערע תּכשיטים. הערט זייערע געזאַנגען. זעט און זעט אומעטום.

עס ווערט געשאַפֿן עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פֿאָרשטעלן דעמאָלט, ווען מיר, די אשכּנזישע יידן, זײַנען געווען די דאָמינירנדיקע.

— אויב אַזוי, וואָס פֿאַר אַ מין יידיש פֿאָלק וועט דאָ אַרויסקומען? — פֿרעג איך.

— וואָס וועט זײַן שפּעטער? — זאָגט ער — שווער פֿאָראויסצוזאָגן. עס וועט זיך שאַפֿן אַן אַנדער טיפּ ייד. אפֿשר אויך אַן אַנדער טיפּ מענטש. עס איז אַ פּראָצעס, וואָס דער יידישער גורל קירעוועט.

באַמיט זיך די רעגירונג, באַמיט זיך די געזעלשאַפֿט — זאָגט ער — זיי צו דערציִען, זיי אַרײַנגעבן אונדזער גײַסט. דאָס איז אָבער ניט גענוג און מען איז ניט בכּוח דאָס צו דערגרייכן. זיי האָבן געוווינהייטן, ירושות. זיי האָבן זייערע שטובן, זייערע אָבֿות, זיי קאָנען בײַקומען די דערציִונג, וואָס מיר באַמיִען זיך זיי צו געבן.

חיים הזז ווייס און קען בעסער, ווי יעדער אַנדערער, ייִדן־ספרדים. פֿאַרטראַכט ער זיך, קוקט אַריַין טיפֿער און זאָגט אַזוי:

— מע קאָן ניט וויסן, ווי מיר ייִדן וועלן אויסזען אין דער צוקונפֿט. צי וועלן נאָך בלייַבן ביַי אונדז בלויע אויגן? צי מיר וועלן זיַין ענלעכער צו די דרום־פֿראַנצויזן, ענלעך צו די ספרדים? וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער וועלן מיר האָבן? וואָס פֿאַר אַ מענטאַליטעט? מיר וועלן זיַין גאַנץ אַנדערש ווי איצט און גאַנץ פֿאַרשיידן. עס וועט זיַין וויַיט פֿון דעם באַגריף, וואָס מיר האָבן אַצינד. דער צוקונפֿטיקער ייִד אין ישׂראל וועט זיַין וויַיט פֿון דעם טיפּ ייִדן, וואָס מיר האָבן.

איז עס גוט אַזוי? איז עס ניט גוט? איז עס שלעכט? קיינער קאָן איצט ניט זאָגן און קיינער קאָן עס ניט ענדערן.

הייבט זיך אויף חיים הזז, גייט אום איבערן צימער, קוקט אַרויס אין דרויסן צו די בערג, קומט צוריק צום טיש און זאָגט אַזוי:

— מיר האָבן דאָ ייִדן תּימנער, באַגדאַדער, קורדישע, פּערסישע, טערקישע, כאַלאַמייער..., פֿאַרשיידענע, און דאָך זיַינען זיי אַלע ייִדן.

זאָגט ער עפּעס טיפֿערס:

— אָבער די השגחה האָט פֿאַר זיך איין ייִדן. די השגחה זאָגט ניט: איך האָב דיַיטשע ייִדן, פֿראַנצייזישע ייִדן, איטאַליענישע, פּוילישע. אַלע זיַינען פֿאַר איר איין ייִד.

עס זיַינען געווען אַנדערש די ייִדן אין די ציַיטן פֿון די שופֿטים ווי אין די ציַיטן פֿון די מלכים; אַנדערש די ייִדן פֿון בית־שני; אַנדערש די ייִדן פֿון גלות. פֿאַרשיידענע ייִדן. עס איז אָבער דאָ און עס וועט זיַין אַ צד־השווה. עס איז דאָ איין מסגרת, איין ראַם פֿאַר אַלע.

דאָס לאַנד קאָכט זיי איבער אין זיַין קעסל. די שול מאַכט זיי איבער. העברעיִש קאָכט זיי איבער. דער ייִד, וואָס רעדט אַראַביש, מצריש, קורדיש, רוסיש, פּויליש — זיי ווערן צוזאַמענגענומען, צונויפֿגעגאָסן אין איין קעסל. און דאָרטן וועט זיַין דער צד־השווה פֿון דעם ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל.

— וואָס זשע וועט זיַין דער צד־השווה צווישן דעם ייִדן פֿון ירושלים און דעם ייִדן פֿון ניו־יאָרק? — פֿרעג איך.

— אַוודאי וואָלט גוט געווען, — זאָגט חיים הזז — אַז אַלע ייִדן זאָלן זיַין אין ארץ־ישׂראל. איך וואָלט זיך געפֿילט גוט פֿון דעם. די ייִדן וואָלטן זיך געפֿילט גוט.

— דאָס קאָן דאָך אָבער ניט זיַין.

— איך ווייס, איך זע, איך פֿאַרשטיי. מיר שטערט ניט, אַז ייִדן זאָלן זיַין אין גאָר דער וועלט. ווען ייִדן לעבן אין דער גאַנצער וועלט, דוכט מיר, אַז די גאַנצע וועלט איז מיַינע. אַמעריקע איז דעמאָלט אויך מיַינע. ייִדן אין ענגלאַנד? הלוואַי וואָס מער. דעמאָלט איז ענגלאַנד אויך מיַינע. וואָלט מען געלאָזט לעבן ייִדן אין רוסלאַנד, ווי מען האָט אַמאָל געלאָזט, וואָלט אויך

רוסלאַנד געוועזן מײַנע. איך בין דאָך אַרויסגעקומען פֿון דאָרטן. גוט וואָס ייִדן זײַנען דאָ אין דער גאַרער וועלט. עס וואָלט גוט געווען, ווען זיי קאָנען דאָרטן בלײַבן. מען וואָלט דעמאָלט בײַ זיך געקאָנט פּועלן, זיי זאָלן בלײַבן. הײַנט איז אָבער אַ שווערע פּראָבלעם — צי וועלען זיי קאָנען זײַן און בלײַבן ייִדן? עס זײַנען געווען ייִדן אין איטאַליע און געבליבן זײַנען נאָר אַלטע בתּי־מדרשים, גרויסע שולן. געווען ייִדן אין פּוילן — געווען. עס זײַנען דאָ ייִדן אין פֿראַנקרײַך — וואָס זשע איז געוואָרן פֿון זייערע זין און טעכטער?

מיר קומען צו דער ראָל וואָס מדינת־ישׂראל קאָן שפּילן פֿאַר די ייִדן אין אַנדערע לענדער.

— אויב ייִדן דאַרפֿן און ווילן בלײַבן אויף דער וועלט, — זאָגט חיים הזז — קאָן ארץ־ישׂראל העלפֿן זייער קיום, קאָן זי דינען.

עס איז אָבער דאָ אַ גרויסער טייל ייִדן, וואָס ווילן מער ניט זײַן קיין ייִדן. אַזוינס איז געשען מיט אַ טייל ייִדן אין רוסלאַנד. ייִדן האָבן דאָרטן געוואָלט אויפֿהערן זײַן ייִדן. איך זע, אַז אין דעם איז געלעגן דער אומגליק פֿון די ייִדן אין רוסלאַנד. עס זײַנען דאָ ייִדן דאָרטן, וואָס פֿאַרמאַכן די אויגן. זיי ווילן גאָרניט זען. זאָל שוין גיין ווי עס גייט.

די אַמעריקאַנער ייִדן ווילן זײַן ייִדן. קאָן דער קיום פֿון מדינת־ישׂראל זיי דינען, זיי העלפֿן.

אין אַלעקסאַנדריע, אין דער צײַט פֿון בית־שני, האָבן ייִדן געלערנט תּורה אויף גריכיש. זיי האָבן געלערנט כּל־זמן עס איז געווען ארץ־ישׂראל. איז ארץ־ישׂראל געפֿאַלן, איז געוואָרן אויס מיטן לימוד פֿון תּורה. בײַ ייִדן איז דאָ אַ געפֿיל פֿון אַנגעהעריקייט, פֿון געהערן צום ייִדישן פֿאָלק.

כּל־זמן עס וועט זײַן די מדינה, וועט אויך שטאַרק זײַן דאָס געפֿיל פֿון אַנגעהעריקייט. וועט חס־ושלום ניט זײַן די מדינה, וועט שוואַך ווערן דאָס געפֿיל פֿון אַנגעהעריקייט.

סומירט חיים הזז זײַן געדאַנק אַזוי:

— מדינת־ישׂראל איז איצט דער איינציקער אַנקער פֿאַר אַ צעבראָכענער שיף אין די וואַסערן פֿון דער וועלט.

אָט איז דער איצטיקער בײַשפּיל אין רוסלאַנד. וואָס דאָרטן איז געשען ווען יונגע ספּאָרטלער־סאַברעס פֿון ישׂראל זײַנען דאָרטן געווען. יונגע רוסישע ייִדן, קינדער פֿון עלטערן, וואָס האָבן שוין גאָרניט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן וויסן פֿון ייִדישקייט, האָבן ייִדישלעך אויפֿגעלעבט.

— לאָמיר אַריבערגיין פֿון כּלל צום פּרט — צו אײַער ליטעראַרישן וועג.

— מײַן ראָמאַן „ריחיים שבורים" איז דערשינען מיט זיבעצן יאָר צוריק. בערל קאַצענעלסאָן האָט נאָך דעמאָלט געלעבט.

חיים הזז האָט פֿאַר דעם בוך באַקומען די ביאַליק־פּרעמיע. דאָרטן איז דאָ די דערציילונג „דורות הראשונים". ביידע אונדזערע ליטעראַטורן, די ייִדישע און די העברעיִשע, האָבן געשילדערט דאָס שטעטל. אין שטעטל —

זאגט חיים הזז — איז געווען דער אמת פֿון ייִדישן לעבן. דאָרטן איז געווען ייִדישע גרויסקייט. ער רעדט מיט התלהבֿות וועגן שטעטל. ער זאָגט:

— ייִדן האָבן געלעבט אין שטעטל און ניט אין מאָסקווע, אָבער דאָס ייִדישע שטעטל האָט מען ניט געגנוג געשילדערט. ווען דאָס שטעטל האָט נאָך געלעבט, האָט מען זיך געקאָנט באַנוגענען מיטן געשריבענעם, מען האָט עס געקאָנט לאָזן אויף שפּעטער. ניטאָ אָבער מער דאָס שטעטל. אין רוסיש איז נאָך ניטאָ מער דאָס וואָרט „מיעסטעטשקאָ". עס איז דאָ: „גאָראָד", „ראַבאָ־טשי פּאָסיאָלאָק", אָבער דאָס וואָרט שטעטל איז ניטאָ, ניטאָ „מיעסטעטשקאָ".

דאָס שטעטל איז געווען אַ סך גרעסער ווי מען האָט עס באַשריבן ביז היינט. דער שטעטלשער ייִד איז געווען וווּנדערלעך, מיט אַזוי פֿיל אײגנאַר־טיקייט. מען האָט אים געדאַרפֿט לערנען, שטודירן — דעם סאָציאַליסט, דעם ציוניסט, דעם משׂכּיל, דעם פֿרומען ייִדן. מ'האָט ווייניק געשילדערט דאָס אינעווייניקסטע לעבן פֿון דעם ייִדן אין שטעטל. מען האָט אים אָדער אידעאַ־ליזירט אָדער געשמיסן, מושטירט אָדער געשטאָכן.

דאָס שטעטל איז אַוועק פֿון דער וועלט. ווען דער לייענער וועט היינט לייענען די ליטעראַטור וועגן שטעטל, וועט ער באַקומען אַ באַגריף פֿון עפּעס קליינס, אָרעמס. דאָס וועט אָבער ניט זיין אמת. דאָס שטעטל איז געווען גרויס. עס האָט פֿאַרמאָגט גרויסע כאַראַקטערן, אויסערגעוויינלעכע מענטשן, מענטשן פֿון גרויסער הייד, פֿאַנטאַזיאָרן, מענטשן מיט כּוחות צום שאַפֿן, סוחרים, אינדוסטריעלע... אָט דאָס שטעטל, די שטעטל־ייִדן, זיינען ניטאָ אין דער ליטעראַטור. מיר האָבן פֿאַרוואָרפֿן דאָס שטעטל, אָבער מיר וועלן זיך צו אים אומקערן.

— סטייטש, מען שרײַבט דאָך דאָ, אַז דער גלות איז געווען מיאוס, אַ בזיון! — זאָג איך.

— דאָס זיינען פֿאַלשע קולות. מען דאַרף זיך ניט צוהערן צו זיי. אַזוי שרײַבן 20יאָריקע ייִנגלעך. איך בין אויך ניט געווען קיין אויסנאָם. איך בין אויך געווען אין דעם כּלל. איך בין שוין לאַנג אַוועק פֿון שטעטל. געמיינט, אַז איך בין אַוועק אויף שטענדיק. אָבער גראָד היינט שרײַב איך וועגן שטעטל, וועגן די ייִדן אין שטעטל, וואָס מ'האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און אַוועק פֿון דאָרטן אין אַרבע רוחות העולם.

דאָס איז די טעמע פֿון זיין איצטיקן בוך. ער זאָגט מיר:

— דאָס שטעטל האַלט מיך פֿעסט.

אמת, דאָ אין מדינת־ישׂראל שאַפֿט זיך אַ נײַ לעבן. דאָ קומען דאָך אַלע מינים ייִדן, אַלע שבֿטים, אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין באַציִונג צום שטעטל. עס איז ניט זייער וועלט. מען דאַרף זיי פֿאַרשטיין. וועט אַ פֿראַנ־צייזישער לערער שטענדיק לערנען מיט זיינע תּלמידים באַלזאַקן, מאָפּאַסאַנען. ער וויל לייענען סאַרטערן, אַנדרע זשידן. רעדט אָבער חיים הזז וועגן זיך, זאָגט ער:

— דאָס שטעטל לאָזט מיך ניט אָפּ. — זאָגט ער נאָך אַ מאָל — עס האַלט מיך. מען האָט צו מיר טענות, פאַר וואָס איך שרײַב ניט גענוג וועגן ארץ־ישׂראל. זיי זײַנען גערעכט. וואָלט דאָס שטעטל עקסיסטירט, וואָלט איך בײַ זיך געפּועלט ניט צו שרײַבן וועגן אים. הײַנט קאָן איך עס ניט פּועלן. אין אַלע מײַנע ספרים איז דאָ דאָס שטעטל.

אָבער חוץ דעם — זאָגט ער — האָט ער נאָך אַן עיקר אין זײַן שאַפן. ער דערציילט מיר, אַז ער האָט געזוכט אַלע עדות און שבֿטים ייִדן אין ארץ־ישׂראל. ער האָט אײַנגעזען זײַן טעות, אַז מיר זײַנען דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק. מיר זײַנען נאָר איין שבֿט פֿון אַ סך שבֿטים.

— מיט 25 יאָר צוריק האָב איך געפֿונען אין ארץ־ישׂראל 22 עדות. איך האָב געהערט נאָר צו איין עדה. איך האָב אָנגעהויבן בלאָנדזשען צווישן די עדות.

ער האָט געוווינט צווישן זיי יאָרן לאַנג. געלעבט צווישן זיי בײַ שווערע היגיענישע באַדינגונגען — אָן עלעקטריע, אָן אַ באָד, אָן אַנדערע באַקוועמ־לעכקייטן. ער האָט געלעבט אין ירושלים צווישן די תּימנער און קורדן.

— די תּימנער זײַנען געווען דער עיקר פֿון מײַנע שאַפֿונגען. אין כּמות האָב איך געשריבן וועגן די תּימנער מער ווי וועגן אַנדערע ייִדן. איך האָב געשריבן 5 ביכער וועגן תּימנער, אויסער אַ צאָל קלענערע דערציילונגען.

זײַנע ווערק „היושבת בגנים" וועגן די תּימנער האָט ער געשריבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זײַן ווערק „יעיש" (4 בענדער) איז אויך וועגן די תּימנער. די ראָם איז אַ תּימנער, אָבער דער תּוך איז אַן אַלגעמיין ייִדישער. ער האָט געשריבן אַ סך דערציילונגען וועגן די קורדישע ייִדן.

— זיי האָבן מיך געררייצט. איך וועל זיך נאָך אומקערן צו זיי.

— איר זאָגט „זיי האָבן מיך גערייצט". קאָנט איר עס זאָגן גענויער?

— מיט די תּימנער האָבן מיר איין אַלגעמיין פּאָטערלאַנד. זיי האָבן געלערנט גמרא, רש״י, זיי ליגן אין תּנך, זיי זײַנען אויסגעווייקט אין גימטריאות, פֿאַרנומען מיט קבלה. האָבן מיר אַ געמיינשאַפֿטלעך פּאָטערלאַנד דורך די ספֿרים. ניט אַזוי די קורדן. זיי זײַנען עם־הארצים. זיי זײַנען געזונטע, האַרע־פּאַשנע מענטשן. מיט וואָסער כּוח האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אײַנצוהאַלטן זייער ייִדישע אָנגעהעריקייט?

ער קערט זיך צוריק אום צו די תּימנער:

— זיי זײַנען אַ וווּנדערלעכער מענטש־מאַטעריאַל פֿאַר ארץ־ישׂראל.

ער דערציילט מיר אויך, אַז די תּימנער זײַנען אויף אים אָנגעשטויסן געוואָרן.

— פֿאַר וואָס?

— מען האָט זיי געמאַכט פֿאַר מלאכים. זיי זײַנען אָבער מענטשן ווי אַלע מענטשן, מיט מעלות און חסרונות. איך האָב דערציילט ניט נאָר זייערע מעלות, נאָר אויך זייערע חסרונות. פֿאַרדריסט עס זיי. די תּימנער למשל טרינקען אַ סך. די גאַנצע עדה טרינקט. אָבער עס זײַנען דאָ צווישן זיי

װוּנדערלעכע טיפּן. דאָ אויך ניט קיין װוּנדערלעכע. איך האָב װעגן זיי אַלעמען געשריבן.

זיי זיינען אָפּגעריסן געװאָרן פון זייערע װאָרצלען. זיי האָבן זיך אָנגע־הויבן לערנען פון אונדז. קיין צו פיל גוטס האָבן זיי ניט געלערנט. געלערנט פון אונדזערע פרויען די גלוסט נאָך צירונג. די אומקולטורעלע צװישן די תימנער האָבן עס געטאָן אַ סך ערגער.

מיט איין װאָרט, איך האָב זיי געשילדערט אַזוי װי זיי זיינען. האָבן זיי געהאַט פּאַרדראָס. זיי זיינען אַ שבט, זיי לעבן װי אַ קאַסטע. זיי װילן, מען זאָל באַשרייבן נאָר דאָס גוטע, נאָר דאָס װאָס זיי װילן, עס זאָל באַ־שריבן װערן. ניט געקוקט אויף דעם װאָס מיר האָבן זיך שוין אויסגעגלייכט, זיינען שוין שווה־בשווה, קאָן איך צו זיי ניט קומען, װי איך פלעג אַ מאָל קומען.

ער זאָגט נאָך אַ מאָל, שטאַרק באַטאָנט:

— זיי זיינען אַ װוּנדערלעכער שבט. אויב זיי זיינען ניט שטאַרק טאַלאַנטפול, זיינען זיי זיכער פעיִק.

מע דאַרף אָפּגעבן כבוד זייערע פאָלקסזינגער. זיי האָבן אַ סך טעם. זייערע מלבושים זיינען זייער אינטערעסאַנט. זיי װערן אָבער באַאיינפלוסט פון אונדז און עס קומט פאָר אַ צונױפמישונג.

װוּ געפין איך זיך? איך געפין זיך צװישן די מזרח־עדות און דעם שטעטל פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד.

— װאָס פאַר אַ װערק שרייבט איר איצט? — פרעג איך אים.

— ביים היינטיקן טאָג שרייב איך אַ װערק װעגן יידישע עמיגראַנטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, װעגן די װאָס זיינען געקומען אַהין נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה, נאָך דער רוסישער רעװאָלוציע. אַ סך פון די דעמאָלטיקע עמיגראַנטן זיינען איצט אין אַמעריקע. אַ סך זיינען רייך געװאָרן. זיי װינטש איך, זיי זאָלן זיין ייִדן.

ער שרייבט אויך אַ גרעסערע דערציילונג װעגן דער ארץ־ישׂראלדיקער יוגנט. די דערציילונג װעט זיך באַזירן אויף דער מלחמה אין מדבר סיני.

— קאָנט איר אָנרופן דעם נאָמען פון אייער נייעם װערק? — פרעג איך.

— איינע פון די שװערסטע זאַכן — זאָגט ער מיר — איז דער נאָמען. חדשים נאָכן אָנשרייבן אַ װערק געפין איך קוים דעם נאָמען.

ער קלייבט זיך אַריינפאַלן צװישן די ניי־געקומענע פון די לענדער הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג.

איך הער הזז גראַמטענעם ייִדיש, איך הער װעגן זיין גייסטיקער פאַר־בינדונג מיטן יידישן שטעטל פון מזרח־אייראָפּע. באַריר איך נאָך אַ מאָל די באַציִונג פון ישׂראל צו ייִדיש:

— סטייטש און סטייטש!

— ייִדיש לעבט איבער איר גרעסטע טראַגעדיע. — זאָגט ער. „איך בין געבליבן אַ יתומה" — טענהט ייִדיש. מיין פאָלק איז אומגעקומען און

איך לעב. ייִדיש האָט געמיינט, אַז כּל־זמן דאָס פֿאָלק וועט לעבן, וועט ייִדיש אויך לעבן. וואָס זשע וועט איצט זײַן?

גויִים רשעים האָבן אומגעבראַכט מײַן פֿאָלק. איצט ברענגען אום דאָס ביסל לעבן געבליבענע ייִדן — דאָס ייִדיש לשון.

איך, אַ העברעיִשער שריפֿטשטעלער, האָב געפֿירט אַן אומגליקלעכן ראָמאַן מיט העברעיִש. דאָס לעבן איז ניט געווען מיט אונדז. קיין איין פֿרוי האָט אונדז ניט געלייענט. אונדזער ראָמאַן מיט העברעיִש איז געווען אַזוי שטאַרק, ווײַל ער איז ניט געווען קעגנזײַטיק. עס איז געווען אַ פֿאַרליבטקייט נאָר פֿון איין צד.

ניט נאָר זײַנען זיי ניט געווען מאמינים אין דער מעגלעכקייט אויפֿצולעבן העברעיִש, זיי האָבן ניט געקאָנט גלייבן, אַז העברעיִש וועט גערעדט ווערן, אַז אַלט און יונג וועלן אויף העברעיִש ריידן. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן בכלל די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער מדינה, אַז ייִדן וועלן קומען קיין ארץ־ישׂראל און דאָס וועט זײַן די איינציקע האָפֿענונג פֿאַרן פֿאָלק.

דאַך זײַנען מיר געווען אַרײַנגעטאָן מיט אַלע חושים אין העברעיִש. מיר האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין קאָנקורענץ פֿון ייִדיש, פֿון רוסיש. מיר האָבן ניט געגלייבט, אַז ייִדיש קאָן זײַן די שפּראַך פֿון גאַנצן פֿאָלק, האָבן מיר געאַרבעט פֿאַר העברעיִש מיט עקשנות, מיט קנאות. הײַנט איז אונדזער באַציִונג צו ייִדיש אַן אַנדערע. עס איז ניט קיין ענין וועגן אַ ביכל, וועגן אַ גוט אָדער שלעכט ליד. ייִדיש איז הײַנט מער ווי בלויז אַ שפּראַך.

— מיר זעען ניט, — זאָג איך — אַז אַט די ווערטער זאָלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין מעשׂים.

איך דערמאָן אים זײַן דראַמע „בקץ הימים", וואָס שפּילט זיך אָפּ אין שבתי־צבֿים צײַטן אַז שבתי־צבֿין. אין דער דראַמע זײַנען געווען די פּראָבלעמען פֿון גלות און גאולה. זאָגט ער מיר:

— מען איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן פֿאַר דער דראַמע. און ניט נאָר ייִדישיסטן. איך האָב זי געשריבן נאָך פֿאַר היטלערס ממשלה. איך זע, אַז ייִדן ווילן ניט אויסגעלייזט ווערן, ייִדן שווינדלען. זיי האָבן משיחן און ווילן אים ניט. זיי ווילן זײַן צווישן גויִים, ווילן מסחר, האַנדלען, האַנדלען, האַנדלען, וואָס מער און שטאַרקער.

אין דער דראַמע זײַנען דאָ אַ סך רמזים אויף אַסימילאַציע, אויף רעוואָלוציע. דעם הויפּטהעלד, יוזפּא, האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין חרם. ער איז אין הקדש, צווישן בעטלער, גנבֿים. ער האָט זיך געבונטעוועט. די ייִדן פֿון הקדש גייען ברענגען דעם גלות. כּל־זמן אַ ייִד האָט אַ שטוב, אַ קלייט, וועקסלען, וועט ער דעם גלות ניט פֿאַרלאָזן, וועט ער ניט אויסגעלייזט ווערן. דאַרף מען פֿאַרברענען דעם גלות, פֿאַרברענען בעל־כּרחו. לאָמיר טאָן וואָס גויִים טוען, לאָמיר פֿאַרברענען דעם גלות, וועלן כאָטש די ייִדן בלײַבן לעבן. וועלן די גויִים אים פֿאַרברענען, וועלן זיי פֿאַרברענען אויך די ייִדן. מען האָט אויסגעטײַטשט, אַז איך וויל פֿאַרברענען דעם גלות מיט די ייִדן. איך האָב נאָר געוואָלט, די ייִדן זאָלן אים פֿאַרלאָזן, כּל־זמן עס איז דאָ צײַט.

איך גיי ניט אַרײַן אין אַ װיכּוח מיט חיים הזז װעגן זײַן דראַמע. אין אונדזער שמועס איז װיכטיק ניט װאָס איך זאָג צו אים, נאָר װאָס ער זאָגט צו מיר. איך װיל אים קענען און דערקענען.

בײַם פֿאַרענדיקן דעם שמועס פֿרעג איך אים:

— מעג איך אײַך פֿרעגן אַ פּשוטע, אַ װאָכעדיקע פֿראַגע: װי אַזוי מאַכט איר, אַ העברעיִשער שרײַבער, אַ לעבן אין מדינת־ישׂראל?

— אָט די דירה, אַ גאַנץ שײנע און באַקװעמע, האָב איך געדונגען מיט דרײַ יאָר צוריק, באַצאָלט פֿאַר איר שליסלגעלט. פּרנסה... מער װײניקער איז דאָ. איך אַרבעט פֿאַרן פֿאַרלאַג פֿון הסתדרות „עם עובד". מע צאָלט מיר שׂכירות עד לחשבון. שפּעטער װעט מען זיך אױסגלײַכן מיטן האָנאָראַר פֿאַר מײַן נײַסטן בוך. קײן שװערע פּרנסה־זאָרגן האָב איך ניט.

מיר הײבן זיך אױף פֿון די ערטער. איך קוק אַרום און אַרום. אױף זײַנע ביכער־פּאָליצעס — ענגלישע ביכער, העברעיִשע, רוסישע, קבלה־ספֿרים, הלכה־ספֿרים. איך זע זײער װײניק ייִדישע ביכער. אױף די װענט — מאָלערישע בילדער. אָט איז אַ בילד פֿון צפֿת. אָט איז אַ בילד פֿון עכּו. מיט די בילדער, װאָס הענגען אױף די װענט, מישן זיך צונױף די בילדער דורך די פֿענצטער — הרי־יהודה, הרי־ירושלים. אַרױף צו זײַנען די נײַע בנינים פֿון אוניװערסיטעט. דאָ איז דער עק פֿון שטאָט.

מע דאַרף גײן. חיים הזז באַגלײט מיך. די גאַס ציט זיך באַרג־אַרױף. שטײַגן מיר בײדע לאַנגזאַם. עס איז זונפֿאַרגאַנג. געשיכטע גײט מיט אונדז צוזאַמען. אָט בלאָזט דער קילער אָװנטװינט פֿון די בערג אַרום ירושלים. „האָט עס ליב!" — װײַזט ער מיר אַרום און אַרום אױף דעם שטח פֿון ירושלים. עס שטײט דאָך געשריבן: אם אשכּחך ירושלים תּשכּח ימיני.

אין דער שטילקײט פֿון ירושלים־אָװנט קומט אַרײַן די שטילקײט פֿון דער הזז־משפּחה. עס האָט מיר דערצײלט זײַנער אַ נאָענטער פֿרײַנד: הזזס זון איז אומגעקומען געװאָרן, װען מען האָט מלחמה געהאַלטן מיט די אַראַבער, אַ „דאַװידקע" האָט אױפֿגעריסן. דער ערשטער מאַן פֿון זײַן איצטיקער יונגער פֿרױ איז דערהרגעט געװאָרן, בעת אַן אַראַבישן אָנפֿאַל אױף אַן אױטאָבוס, װאָס אין אים איז ער געפֿאָרן. אין אַ צײַט אַרום זײַנען זײ בײדע — דער פֿאָטער, װעמענס זון עס איז דערהרגעט געװאָרן, און די יונגע מוטער, װעמענס מאַן עס איז דערהרגעט געװאָרן — געפֿאָרן מיט אַ שיף קײן איטאַליע. קומענדיק צוריק קײן ירושלים, האָבן זײ געבױט זײער נײַע געמײנזאַמע הײם. זי איז אין אוניװערסיטעט. שטודירט דאָרטן פֿילאָסאָפֿיע. ער, חיים הזז, שרײַבט זײַנע ראָמאַנען װעגן רוסישע ייִדן; װעגן ייִדישע עמיגראַנטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; װעגן תּימנער ייִדן, װאָס מיט זײ איז ער נאָענט געװאָרן, הײמיש.

איצט גײען מיר בײדע איבער רחוב עזה און ער דערצײלט מיר װעגן זײַן ליבשאַפֿט צו ירושלים.

יצחק בן־צבי

אין אַ שמאָל, שטיל גאָרטנגעסל

שטייט דאָס איינפאַכע בהרחבֿהדיקע „ווײַסע הויז" פֿון ישׂראל. דאָרטן איז די היים פֿון פּרעזידענט יצחק בן־צבֿי. פֿאַר דער אָריגינעלער אַטמאָספֿער אין הויז, פֿאַר זײַן עסטעטיק, פֿאַר זײַן גאַסטפֿרײַנדלעכקייט און פֿאָלקס־טימלעכקייט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך רחל בן־צבֿי, אָדער, ווי עס איז איר אייגענער ליטעראַרישער נאָמען, רחל ינאית.

אַרום זײַנען אַ פּאָר גערטנער, הויכע ביימער, בלומען, אייניקע געציילטע הײַזער. דאָ איז די געגנט רחבֿיה פֿון ירושלים. רעכטס און לינקס ציִען זיך אַוועק גאַסן מיט גרויסע יידישע נעמען פֿון דער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע, ציִען זיך אַוועק ביז שדרות בן־מימון, די געגנט ווו עס וווינען דוד בן־גוריון, גאָלדע מאיר. פֿון דער צווייטער זײַט פֿון אָט די גאַסן איז די געבײַדע פֿון דער סוכנות, פֿון ראש־הממשלה, פֿון מוסד־ביאליק. נאָך ווײַטער איז די גרויסע בית־הכּנסת פֿון ירושלים, בית־המעלות, ווו עס האָט געוווינט ר' בנימין, אַ פּאַרק פֿאַר קינדער... דאָס אַלץ קאָן מען זען מיט די פּשוטע אויגן. אָבער אויסער דעם איז דאָ אַזוינס וואָס מען קאָן מער דערשפּירן ווי דערזען. דאָס איז ירושלים, די שטאָט פֿון אייביקייט, ירושלים העתיקה, די שטאָט פֿון וווּנדער, די שטאָט פֿון דער וועלט. „פֿון ירושלים וועט נאָך אַרויסקומען — האָט מיר געזאָגט אַ ירושלימער פּאָעט — דאָס גרויסע וואָרט אין אונדזער תּקופֿה, ווי עס איז אַרויסגעקומען אין אַנדערע תּקופֿות."

איך בין געגאַנגען צו דער גאָרטנטיר, וואָס פֿירט אין הויז פֿון יצחק בן־צבֿי. איך האָב געזאָגט דעם מיליטער־וועכטער בײַ דער טיר — פּנים אל פּנים מיט דער שטילקייט, דער רויִקייט, דער איינפֿאַכקייט, ווייס איך גאָרניט צוליב וואָס מען דאַרף דאָ אין גאַנצן האָבן אַ וועכטער, אָבער מסתּמא דאַרף מען, אַזוי איז דער מינהג בײַ דער טיר פֿון אַ פּרעזידענט —, איך האָב געזאָגט דעם וועכטער, אַז איך וויל זען כאָטש אַ ווײַלע דעם פּרעזידענט, אויב מען קאָן. קיין „אַפּאָינטמענט" האָב איך פֿריִער ניט געמאַכט. איך האָב אים געגעבן מײַן וויזיט־קאַרטל און געבעטן, ער זאָל פֿרעגן בײַם סעקרעטאַר.

דער וועכטער האָט איבערגעלייענט מײַן וויזיט־קאַרטל, אַ שמייכל געטאָן, מיר געגעבן שלום־עליכם — ער שטאַמט אַליין פֿון פּוילן — און געזאָגט:

— מר פּאַט, איך וועל גײן פרעגן.

ער איז געקומען צוריק מיט אַ צופרידענעם פּנים. יאָ, איך וועל קאָנען אַרײַן צום פּרעזידענט אויף אַ קורצער ווײַלע. איך דאַרף צוּוואַרטן אַ פּאָר מינוט אין פּאָדערצימער. אַ פּאָר רגעס שפּעטער איז ער אַרויסגעקומען, דער פּרעזידענט פון ישׂראל. גוטמוטיק, פרײַנדלעך, פּשוט. קיין בעל־דמיון האָט ניט געקאָנט אויסטראַכטן אַ מער אָנגענעמע און מער פּשוטע באַגעגעניש מיטן נשׂיא פון ישׂראל. אָן צערעמאָניעס, גאַנץ אײנפאַך.

— שלום!

נאָך די ערשטע פּאָר ווערטער האָב איך געזאָגט צום נשׂיא:

— בײַ אַ ייִדן וואָס קומט פון דער וועלט און שטייט אין דעם הויז און גיט שלום־עליכם דעם נשׂיא, וואָס איז אַזוי ברידערלעך, פרײַנדלעך, פּשוט, טיאַכקעט אין הארצן. עפּעס פיל איך, אַז איך בין דאָ ניט אַליין. אַרום און אַרום זײַנען דאָ עטלעכע טויזנט יאָרן. איך בין אַרײַן נאָר צו געבן אײַך שלום און אײַך מער ניט שטערן.

— שלום, שלום! — שמייכלט דער הויך געוואַקסענער, דאַרער, אַ ביסל אײַנגעבויגענער יצחק בן־צבי — שלום צו אײַך, צו כּל־ישׂראל.

— איך האָב צו אײַך אַ בקשה. — זאָג איך ווײַטער — דאָס מאָל ניט צום נשׂיא יצחק בן־צבי, נאָר צום סופר יצחק בן־צבי, צום העברעיִשן שרײַבער און היסטאָריקער, צום פאָרשער פון ייִדישע דורות. איך וואָלט געוואָלט האָבן מיט אײַך אַ לענגערן שמועס, ווי איך האָב דאָ מיט אַנדערע באַרימטע ייִדישע שרײַבער.

בעת מעשׂה בין איך געוואָר געוואָרן, צו מײַן גרויסער צופרידנקייט, אַז יצחק בן־צבי לייענט מײַן ייִדישן בוך שמועסן מיט ייִדישע שרײַבער. זײַן פרוי, רחל ינאית, לייענט אים אויך.

— עס איז פאַר מיר אַ גרויסער זכות. — זאָג איך.

רופט אַרײַן דער נשׂיא זײַן סעקרעטאַר און נאָך דעם פאַרשטענדיקט ער זיך מיט אים און מיט מיר וועגן אַ דאַטע פאַר אונדזער שרײַבער־שמועס. ער הייסט אים פאַרשרײַבן: דעם 10טן אויגוסט, 11 אין דער פרי.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר זיך באַגעגנט נאָך אַ מאָל אין גן־הקריה אין ירושלים. עס איז געווען אַ קבלת־פּנים פאַר די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס פון די אינטעלעקטועלע. עס איז געווען אַ מסיבה פון ייִדן, געקומענע פון גאָר דער וועלט — געלערנטע, שרײַבער, פּראָפעסאָרן פון ירושלימער אוני־ווערסיטעט. איך שמועס דאָרטן מיט רחל בן־צבי און זי מאַכט מיר אויפ־מערקזאַם, אַז ווען איך וועל זײַן בײַ יצחק בן־צבי, מוז זי מיך זען, איך זאָל עס ניט פאַרגעסן.

— איך וועל עס גוט געדענקען.

איך בין געקומען ניט נאָר ביי ציטנס, נאָר אַ שעה פאַר דער ציט. אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי בין איך שוין געווען אין פאָדערצימער פון נשיא. אין זיין אויפנעמזאַל האָט ער אויפגענומען ייִדן פון ווייטע לענדער. איך האָב געזען די ייִדן, וואָס קומען און גייען אַוועק. זיי זיינען צערודערט. פאַר זיי איז עס אַ גרויסע שעה. זיי ווילן אָט די שעה ברענגען מיט זיך אין אַרגענטינע, פון וואַנען זיי שטאַמען; אין אינדיע, פון וואַנען זיי קומען; אין מעקסיקע; אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס קומט אַרויס רחל ינאית. מיר גייען אַריין אין אויפנעמזאַל. מיר זיצן ביי אַ טישל. אַ העלפערין ברענגט פרוכטוואַסער, פרוכט. קיין שום אָנגעצויגנקייט. קיין שום צערעמאָניעס. מיר זיצן ביים טישל ווי גלייכע מענטשן און שמועסן. זי דערציילט וועגן די 72 ייִדישע שבטים, וואָס זיינען געקומען אין לאַנד. זי גייט אויס פון בענקשאַפט צו זען אין ישראל ייִדן פון אַמעריקע — יונגע ייִדן, מיט ייִדישע געפילן אין די הערצער, מיט ליבשאַפט צו ישראל. — זאָגט זיי, די ייִדן, זאָגט זיי דעם אמת, זאָגט זיי, וואָס איר פילט.

זי האָט צו מיר אַ טענה וועגן דער בונדישער רעזאָלוציע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר אין דער שווייץ. איך הער אירע פשוטע און חבֿרישע רייד. זיי קומען פון איר האַרצן אַרויס. צווישן וואָרט און וואָרט טראַכט איך וועגן דער לעבנס־געשיכטע פון אָט דער ליבער ייִדישער פרוי: וועגן דעם וואָס זי האָט געטאָן אין איר לעבן; ווי זי האָט געאַרבעט אין ארץ־ישראל צענדליקער יאָרן; ווי זי האָט געלערנט ייִדישע טעכטער פלאַנצן און פאַרזייען. איך ווייס אויך איר גרויסן אָפּשטאַם, איר ייִדישן ייחוס. איך זע די דורות רבנים און גאונים, פון וועלכע זי איז אַרויסגעקומען. זי איז געווען די מיטגרינדערין פון דער העברעיִשער גימנאַזיע אין ירושלים; אַ טוערין אין דער הגנה; אַ מיטבויערין פון דער הסתדרות; אַ גרינדערין פון דער שול פון לאַנדווירטשאַפט פאַר פרויען אין תלפיות און פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין עין־כרם. איצט, פון 1952 אָן, איז זי די שעפערין פון דעם שוין באַרימט געוואָרענעם הויז צווישן ייִדן אין דער וועלט: דעם „בית־הנשיא".

זי חלומט אַ חלום: יונגע ייִדן פון אַמעריקע זאָלן קומען אַרבעטן אין ישראל, העלפן בויען די מדינה, וועלכע הייבט שוין אָן דעם דריטן מיליאָן ייִדן. גיך לויפט די ציט. מען רופט מיך צו יצחק בן־צבֿין. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אינעווייניק אַ ציטער געטאָן. איך גיי שמועסן מיטן נשיא, מיט דעם מענטשן, וואָס איז דער ווערדיקער טרעגער פון אַ גרויסן ייִדישן חלום, וועלכער הייסט, לויט די ספרים:

— חזיון הנביאים פאַר דעם עם סגולה.

אויף דעם הויז קוקט דער שומר פון דער ייִדישער געשיכטע. דאָרטן, אַרויף צו, אין גרויסן, הרחבֿהדיקן, שטילן צימער זיצט דער נשיא ביי אַ גרויסן טיש.

מיר הייבן אָן דעם שמועס וועגן די ליטעראַרישע אַרבעטן פֿון יצחק בן־צבֿי, וועגן זײַן אינטערעס צו אַרכעאָלאָגיע, צו די פֿלאַנצונגען פֿון ארץ־ישׂראל אַ מאָל און הײַנט. ער האָט געשריבן וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט פֿון ישׂראל, געשריבן וועגן די „נדחי־ישׂראל"; וועגן די שומרונים; וועגן אַלטן יישובֿ אין ארץ־ישׂראל אונטער דער טערקישער הערשאַפֿט; וועגן דאָרף פּקיעין; וועגן די ייִדישע קהילות אין די איסלאַם־לענדער; וועגן די אַראַבער און אַראַבישע באַוועגונגען, געשריבן רײַזע־אײַנדרוקן. געשריבן וועגן העברעיִשע שפּראַך־ענינים, וועגן ייִדישע אַרבעטער־פּראָבלעמען. פֿאַר מיר ליגט אַ רשימה פֿון 300 ליטעראַרישע אַרבעטן פֿון יצחק בן־צבֿי. אייניקע פֿון זײַנע ביכער זײַנען דערשינען אין איבערזעצונגען אויף ייִדיש, ענגליש, אַראַביש, טערקיש.

מײַנע ערשטע פֿראַגעס וועגן דער ביאָגראַפֿיע פֿון יצחק בן־צבֿי ווערן פֿאַרענטפֿערט זייער גוט און זייער גרינטלעך. זײַן פֿאָטער, צבֿי שמשי, וואָס האָט נאָך זוכה געווען צו זען דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל, וואָס איז געווען זײַן חלום, און וועלכער איז שוין איצט ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, האָט צונויפֿגעשטעלט אַ דאָקומענט פֿון 45 גרויסע זײַטן, אַ „מגילת־יוחסין", וועגן דעם אָפּשטאַם פֿון זייער משפּחה. איך קוק אין איר אַרײַן. עס איז אַ וווּנדערלעכע משפּחה־מגילה.

— די מגילה איז אַ פּראָדוקט פֿון זיבן דורות. זי איז איבערגעגעבן געוואָרן פֿון מויל צו מויל, פֿון פֿאָטער צו זון, פֿון מוטער צו טאָכטער, אין פֿאַרלויף פֿון 250 יאָר — זאָגט בן־צבֿי וועגן דער „מגילת־יוחסין" פֿון זײַן פֿאָטער.

פֿון וואַנען טאַקע ציט זיך דער אָפּשטאַם פֿון בן־צבֿיס משפּחה?

פֿון קליינע שטעטלעך אין ליטע, פֿון די געגנטן אַרום ווילנע און מינסק. דאָרטן האָט געלעבט זײַן משפּחה אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצן 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. נאָך דעם איז אַוועק אַ טייל פֿון דער משפּחה קיין אוקראַיִנע, קיין אָדעס. אויך אַריבער דעם ים. אין די 70ער יאָרן זײַנען שוין מיטגלידער פֿון דער משפּחה געווען אין אַמעריקע. אין די 80ער יאָרן האָבן זיך משפּחה־מיטגלידער אָנגעהויבן באַזעצן אין ארץ־ישׂראל. אָבער — דאָס איז דער אויסדרוק פֿון בן־צבֿין — „די גרעסטע מערהייט איז אַוועק אין די קאָלכאָזיוונס צוזאַמען מיט זייערע ברידער פֿון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד". געווען צווישן זיי אויך פּאַרטיזאַנער. אין די אַמאָליקע צײַטן זײַנען די בני־משפּחה געווען בעלי־בתּים, סוחרים, אַרענדאַטאָרס, און צווישן זיי למדנים, רבנים. אַ לאַנגע קייט פֿון פּערזענלעכקייטן, וועמעס נעמען און אָנדענק עס זײַנען געבליבן צווישן ייִדן. אין מיטן 19טן יאָרהונדערט זײַנען געווען צווישן זיי משׂכּילים, חובֿבֿי־ציון, רעוואָלוציאָנערן. אין די לעצטע דורות — בעלי־מלאכות, פּועלים, פֿאַכלײַט.

עס איז אינטערעסאַנט אַ ביסל גרינטלעכער אַרײַנצוקוקן אין דעם משפּחה־אָפּשטאַם פֿון דעם פּרעזידענט פֿון ישׂראל. בן־צבֿיס פֿאָטער, צבֿי

שמשי, איז געווען פון די ערשטע חובבי־ציון. ער איז פון צאר פארשיקט געווארן אין סיביר פאר באטייליקן זיך אין זעלבסטשוץ קעגן פאגראמען. ער איז געווען אין סיביר ביזן יאר תרפ״ב. ארויסגעקומען פון סיביר, איז ער אוועק אין ארץ־ישראל. „דרייסיק יאר האט ער געלעבט אין ארץ־ישראל, — זאגט בן־צבי — זוכה געווען צו זען דעם אויפשטעל פון דער מדינה.״

די משפחה בן־צבי ציט איר ווייטן אפשטאם פון ר׳ משה אשכנזי־האלפערן צי ר׳ משה איוויער, וועגן וועמען מען דערציילט, אז ער שטאמט פון די יידישע חכמים פון פראנקרייך. ער ציט זיין ייחוס ביז רש״י־ר׳ שלמה יצחקי. צווישן רש״י און ר׳ משה איוויער האבן זיך געצויגן צוואנציק דורות. און אזוי ציען זיך אוועק די שפורן, לויט דער „מגילת־יוחסין״, ביז דוד־המלך. וועגן ר׳ משה איוויער, מיט וועמען עס ייחוסט זיך באזונדער די גרויסע משפחה, ווערט געשריבן, אז ער איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידי־חכמים, א גדול, א חסיד, אן פרוש, אן איש־אלוקים. דערציילט מען, אז ר׳ משה איוויער איז געווען א גרויסער ענוו, זיך געחברט מיט ארעמע־לייט. און וועגן דעם זיינען געשריבן געווארן מעשיות. אט איינע אזא:

איז געגאנגען דער גרויסער גאון, ר׳ משה איוויער, אין וועג און אריין אין א דארף צו א יידן, ביי וועמען אין שטוב עס איז געווען א חתונה. ער האט זיך דארטן געהאלטן, ווי זיין שטייגער איז געווען, צווישן די ארעמע־לייט. דערווייל האבן געזען די בעלי־בתים פון הויז, אז עס פעלט זיי א כלי. האבן זיי חושד געווען, אז דער נייער ארעמאן האט זי צוגענומען. זיי האבן ניט געוווּסט, אז ער איז משה איוויער. זיי האבן אבער ניט געוואלט שלאגן דעם ארעמאן, וועמען זיי האבן חושד געווען אין דער גנבה. האט מען אים אנגעטאן א בזיון: מען האט אים געבונדן, געלייגט אויף דער ערד און געגאנגען א טאנץ ארום אים. בשעת מעשה איז געקומען אן אורח פון וועג און ער האט דערקענט דעם געבונדענעם ארעמאן. האט ער זיך צעשריען: „וואס טוט איר, ברידער? דאס איז דאך ר׳ משה איוויער.״ האבן זיך אלע דערשראקן און אים געבעטן מחילה. האט ר׳ משה געטענהט צום אורח: „וואס האט איר מיר געטאן? איך האב זיך דאך געפרייט, ווען איך בין געלעגן אויף דער ערד און געזען, ווי די יידן פרייען זיך מיט זייער טאנצן. איך האב נחת געהאט יעדע רגע. זייט איר געקומען און צעשטערט די שמחה פון מיינע טייערע ברידער. וואס האט אייך געארט, אז איך בין געלעגן אויף דער ערד, געלעגן אין צער? ניין, זיי האבן א הנאה געהאט, און מיר האט גארניט געפעלט.״

יצחק בן־צבי איז געווען דער בכור ביי זיינע טאטע־מאמע, צבי שימשעלעוויטש און זיין ווייב קריינע. זיין טאטע איז געווען א ייד א למדן, א משכיל. געלערנט רוסיש, זיך פארפולקומט אין בילדונג אין פאלטאווע. זיין מאמע, קריינע, שטאמט טאקע פון פאלטאווע. זי איז געווען אן אייניקל פון הרב הגאון ר׳ מאיר־הלוי עפשטיין פון ווילנע.

קרײַנע האָט געבאָרן דרײַ זין און צוויי טעכטער. יצחק בן־צבֿי איז געווען דער בכור. ער איז געבאָרן געוואָרן ח׳ כּסלו, תּרמ״ה.

די רוסישע מאַכט האָט זיך נוקם געווען אין צבֿי שימשעלעוויטשן און זײַן משפּחה צוליב זייער ציוניזם און צוליב יצחקס באַטייליקונג אין זעלבסט־שוץ. ווען מען האָט יצחק בן־צבֿיס פֿאָטער, צבֿי שימשעלעוויטשן, אַרעסטירט, איז געלונגען יצחק בן־צבֿין צו אַנטלויפֿן.

יצחק בן־צבֿי האָט געלערנט אין זײַן יוגנט בײַ מלמדים, לערערס. געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע אין פּאָלטאַווע, געלערנט אין קיִעווער אוני־ווערסיטעט. אין זײַן פֿריסטער יוגנט איז ער געוואָרן אַ ציוניסט. זיך באַטיי־ליקט אין זעלבסטשוץ זומער 1907. אין 1907 איז ער אַוועק קיין ארץ־ישׂראל זיך דאָרטן צו באַזעצן. ער האָט חתונה געהאַט מיט רחל ינאית, טאָכטער פֿון יונה לישאַנסקי. איר משפּחה ציט איר אָפּשטאַם פֿון ר׳ לוי־יצחק באַרדי־טשעווער. פֿון דער מוטערס צד איז זי דער 7טער דור פֿון ר׳ נחום פֿון טשערנאָביל, דער בעל־מאור־עינים, אַ תּלמיד פֿון בעל־שם־טובֿ. אין חשוון 1922 איז געבאָרן געוואָרן זייער זון עמרם און אין יאָר 1924 איז געבאָרן געוואָרן זייער צווייטער זון, אליה — ער איז געפֿאַלן אין דער מלחמה פֿאַר זעלבשטענדיקייט פֿון ארץ־ישׂראל, פֿאַרטיידיקנדיק בית־קשת, דעם 5טן אדר אין יאָר 1947.

— אַ ביסל איז פּאָלטאַווע שולדיק אין מײַן ציוניזם, באַזונדערס אין דעם וואָס איך בין אַוועק קיין ארץ־ישׂראל.

אויף דער הוצאה צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל האָט בן־צבֿי געהאַט פֿון פּריוואַטע לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן אין פּאָלטאַווע. זײַן פֿאַרמעגן איז דעמאָלט געווען הונדערט רובל. פֿון דעם נײַנצניאָריקן פּאָלטאַווער אַרבעטער־ציוניסט ביז בן־צבֿי דעם נשׂיא פֿון ישׂראל, דעם למדן, פֿאָרשער און היס־טאָריקער, איז אַ ווײַטער מהלך. אויף דעם לאַנגן וועג זײַנען געווען צוויי וועלט־מלחמות, די פֿאַרטיליקונג פֿון זעקס מיליאָן ייִדן, גלות רוסלאַנד, פֿון איין זײַט, און זעלבשטענדיקייט פֿון מדינת־ישׂראל, פֿון דער צווייטער זײַט, די באַפֿרײַונגס־מלחמה פֿון 1947, די סיני־מלחמה פֿון 1956, צוויי מיליאָן ייִדן אין דער מדינה, די נײַע עליה פֿון מזרח־אייראָפּע.

גלײַך אין אָנהייב פֿון אונדזער שמועס ווערט באַרירט די לכתּחילה אומגלייבלעכע אויפֿלעבונג פֿון העברעיִש: דאָס לייענען און רײדן העברעיִש, דאָס טראַכטן אויף העברעיִש האָט דאַרף צו טאָן ניט נאָר מיטן כּלל, נאָר מיט יעדן ישׂראל־ייִדן באַזונדער, מיט יעדן יחיד, מיט יעדן דערוואַקסענעם און יעדן קינד. אַ פֿאָלק אין זײַן לאַנד, דאָס ייִדישע פֿאָלק אין מדינת־ישׂראל — זאָגט יצחק בן־צבֿי — מוז האָבן איין לשון. מאַכן עבֿרית פֿאַרן לשון פֿון לאַנד איז, לויט זײַן מיינונג, געווען איינער פֿון די געוואַגטסטע חלומות.

— עס איז געווען 1904, — דערמאנט זיך בן־צבי — ביז איך געזעסן מיט בן־יהודהן, און ער האט דעמאלט שטאלצירט, וואס עס זיינען שוין דא צען פאמיליעס, וועלכע ריידן נאר העברעיש.

די צען פאמיליעס זיינען געקומען פון רוסלאנד. וואס איז געווען דאס איבערגעמען זיך מיט צען פאמיליעס, וואס ריידן העברעיש ? און איצט — איצט האבן אנגעגעבן 900 טויזנט יידן פאר זייער לשון העברעיש, סיי אין שטוב סיי אין שול סיי אויף דער גאס.

בן־צבי איז א פארשער פון העברעיש.

די ערשטע שפראך אין דער געשיכטע, וואס איז געווען א מין צוגאב צו העברעיש, — האט געזאגט בן־צבי — איז געווען ארמיש. אויף דער שפראך האבן גערעדט די פארטריבענע יידן אין אשור און בבל. ארמיש האט מען גענוצט אין די ציטן פון דער גמרא. רעשטלעך פון דער שפראך זיינען פארבליבן ביז היינט ביי די יידן פון קורדיסטאן.

אין משך פון די גלותן האבן יידן אנגענומען נאך שפראכן: יידיש דורך אשכנזים. דזשודעזמע דורך די ספרדים, יידיש־אראביש און יידיש־פערסיש אין דער מוסולמענישער וועלט. זיי האבן אלע גענוצט אותיות און ווערטער שטאמענדיקע פון העברעיש. יידן האבן אויף זייער לאנגן וועג איבער דער וועלט איבערגענומען פארשיידענע אנדערע דיאלעקטן און זיי גענוצט, ווי למשל טורקא־טאטעריש אין קרים, טאטיש (וואס איז גענוצט געווארן פון די קאווקאזישע בארגיידן), דעם בערבער־דיאלעקט (וואס ווערט גענוצט אין געוויסע ערטער פון צפון־אפריקע). יידן פון גריכנלאנד האבן גענוצט די העברעישע אותיות פאר זייער אלטגריכישן דיאלעקט. ביז מיט א פאר דורות צוריק האבן יידן אין איטאליע גענוצט די העברעישע שריפט שרייבנדיק זייער יידיש־איטאליעניש, פונקט ווי די דייטשע יידן פאר מענדעלסאנען פאר זייער יידיש־דייטש.

ישראל איז היינט דאס איינציקע לאנד, וו מען קאן באגעגענען יידן און לשונות פון אלע ווינקלען פון גלות.

בן־צבי איז זיכער, אז העברעיש ווערט די שפראך, וואס פאראייניקט אלע יידן אין מדינת־ישראל.

— דעם פארגאנגענעם יאר — זאגט ער מיר — האבן געלערנט אין די שולן — זיי זיינען דאך אלע העברעישע — 400 טויזנט קינדער. היינטיקס יאר — מער. 35 טויזנט ניט־יידישע קינדער לערנען זיך אויך אין די שולן. זיי לערנען עברית. עס ווערט אבער דארטן געלערנט אויך זייער אייגענע שפראך. אראבישע קינדער ווערט געגעבן גענוג ציט פאר אראביש — מער ציט, ווי עס ווערט געגעבן יידישע קינדער אין אמעריקע פאר יידיש.

אלע וואס ווערן אויפגענומען אין דער ארמיי לערנען דארטן העברעיש, אויב זיי האבן פריער ניט געקענט די שפראך. אין דער ארמיי זיינען דא אבליגאטארישע קורסן צו לערנען העברעיש. די שפראך פון מדינת־ישראל

איז עבֿרית. ווען ניט איין שפּראַך, וואָלטן מיר למשל ניט געקאָנט ביישטיין אין דער סיני־מלחמה.

בן־צבֿי דערציילט מיר וועגן די אולפּנים (שולן פֿאַר דערוואַקסענע), וווּ מען לערנט מיט די עולים דאָס נייטיקסטע פֿון העברעיִש.

עס קומען „שטומע" דאָקטוירים, אינזשענירן. זיי קומען אַלע לערנען אין די אולפּנים. זיי פֿילן און זעען, אַז זיי מוזן האָבן דאָס לשון. לערנען זיי זיך און לערנען זיך אויס. די צאָל תּלמידים אין די אולפּנים האַלט זיך אין איין פֿאַרגרעסערן.

זאָגט מיר בן־צבֿי מיט אינעווייניקסטער צופֿרידנקייט:

— עס דערשיינען ביי אונדז אין ישׂראל ביי אַ טויזנט נייע העברעיִשע ביכער אַ יאָר, אויב ניט נאָך מער.

געוויס מערקט זיך, אַז עס פֿעלט אַ גוטע קענטעניש פֿון ייִדישן עבֿר: דאָס קענען די אַלטע העברעיִשע ליטעראַטור. אָבער דער יונגער דור, די יונגע מענטשן לערנען, שטודירן.

איך פֿרעג וועגן דער אָפּגעריסנקייט פֿון עבֿר ביים יונגן דור. עס זיינען אומגעקומען זעקס מיליאָן ייִדן, אומגעקומען ייִדישע קהילות און זייער שטייגער לעבן. מיט זיי איז געבֿרענט געוואָרן אויך דאָס ייִדישע לשון. וואָס זשע וויסן די יונגע דורות אין מדינת־ישׂראל וועגן ייִדישן עבֿר?

בן־צבֿי איילט זיך ניט מיט זיינע ענטפֿערס. פֿריִער טראַכט ער אַ ביסל לענגער, נאָך דעם רעדט ער רויִק, פּאַמעלעך, גאַנץ שטיל:

— די היינטיקע ייִדן וויסן בעסער פֿון אונדזער היסטאָרישן עבֿר ווי די אַמאָליקע. זיי וויסן בעסער וועגן יהושע בן־נון און זיינע מלחמות. זיי וויסן גאַנץ גוט, וווּ עס האָבן זיך באַהאַלטן די חשמונאים. זיי וויסן גוט וועגן די מכּבייער. די ייִדישע יוגנט ווייס גוט די געאָגראַפֿיע פֿון לאַנד, און ניט נאָר פֿון די ביכער וויים זי עס — זי ווייס עס בעסער ווי די אַראַבער. זי קען גוט ארץ־ישׂראל, איר נאַטור, קען די שפּראַך פֿון פֿאָלק, ווייס זיין געשיכטע.

— זעט איר ניט קיין סכּנה, — פֿרעג איך — אַז די ייִדן פֿון מדינת־ישׂראל זאָלן אָפּגעטיילט, אָפּגעשיידט ווערן פֿון די ייִדן אין די תּפֿוצות?

ער זעט ניט אַזאַ סכּנה. זייער שותּפֿותדיקער עבֿר ווערט פֿאַר זיי קלערער, זייער ייִדיש וויסן ווערט רייכער.

די רעליגיע ווערט אָפּגעשוואַכט? עס ווערט אָבער אויפֿגעוועקט אַן ערנצטע באַציִונג צו רעליגיעזע ווערטן. עס פֿאַרשטאַרקט זיך די פֿאַרבינדונג מיט די ביבלישע צייטן. עס איז שוואַך די פֿאַרבינדונג מיטן געוועזענעם ייִדישן שטעטל אין מזרח־אייראָפּע, מיטן געוועזענעם ייִדישן לעבנס־שטייגער? קאַסרילעווקע זעט דאָ אויס זייער ווייט. אַזוי אויך דער אַלטער ייִדישער פֿאָלקלאָר.

— אָבער קאַסרילעווקע גייט דאָך פֿאַרלאָרן אויך אין אַמעריקע! — זאָגט ער. כּל־זמן עס איז געגאַנגען אין אַמעריקע אַן עמיגראַציע פֿון מזרח־

אייראָפּע, איז געווען אַנדערש, אָבער ווי באַלד עס איז מער ניטאָ אַזאַ עמי־גראַציע, מוזן דאָך געפֿונען ווערן נײַע מיטלען און נײַע קוואַלן פֿאַרן ייִדישן קיום.

בן־צבֿי איז ניט אומרויִק וועגן דער ייִדישקייט, מכּוח דער גײַסטיקייט פֿון קומענדיקע ייִדישע דורות אין ישׂראל.

— אין 50 יאָר אַרום וועלן די אייניקלעך פֿון הײַנטיקע ייִדן לערנען און וויסן בעסער פֿאַר אונדז ניט נאָר די אַלטע ייִדישע געשיכטע און דעם תּנך, זיי וועלן אויך שטודירן, ווי אַזוי ייִדן האָבן קאָלאָניזירט דאָס לאַנד אין אונדזערע צײַטן, זיי וועלן לערנען די מלחמה אין מדבר סיני.

איך באַריר די פֿראַגע וועגן דער גרינגשאַצונג פֿון גלות, וועגן דעם ביטול צו די ייִדן אין גלות. בן־צבֿי לייקנט עס:

— ניט פֿון הימל זײַנען געקומען די כּוחות צו בויען דאָס לאַנד, — זאָגט ער — צו קעמפֿן פֿאַר דער מדינה. אַלע כּוחות זײַנען געקומען אַהער פֿון גלות. עס בײַט זיך דער צוזאַמענשטעל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ישׂראל. רוסלאַנד איז דערווײַל פֿאַרשלאָסן. נאָר איינצלנע ייִדן קומען פֿון דאָרטן. ווייניק קומען פֿון אַמעריקע; פֿון דאָרט קומט מערסטנס געלט. עס זײַנען געקומען און קומען ייִדן פֿון אָריענט. אַ האַלבער מיליאָן ייִדן זײַנען געקומען פֿון דאָרטן. אַ העלפֿט פֿון דער אימיגראַציע זײַנען ייִדן פֿון אַראַבישע לענדער.

בן־צבֿי קען גוט ייִדיש. ער לייענט און שרײַבט ייִדיש. איך זע אויף זײַנע פּאָליצעס די נײַסטע ביכער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער לייענט ייִדישע צײַטונגען, זשורנאַלן. ער דערציילט מיר אַפֿילו אַ וויץ, וואָס גייט אַרום אין ישׂראל וועגן אַן אַמעריקאַנער ייִדישן בחור, אַ מאַטראָס אויף אַ שיף. די שיף האָט זיך געטרונקען. די מאַטראָסן זײַנען געווען אין ים. זײַנען אָנגעקומען ישׂראל־מאַטראָסן זיי צו העלפֿן. האָט דער אַמעריקאַנער ייִדישער מאַטראָס געוואָלט זאָגן דעם ארץ־ישׂראלדיקן אַ ייִדיש וואָרט, ער זאָל וויסן, אַז ער איז אַ ייִד. ראַנגלענדיק זיך מיט די כוואַליעס אין ים, האָט דער אַמע־ריקאַנער ייִד אויסגעשריִען די איינציקע ייִדישע ווערטער, וואָס ער האָט געוווּסט: „געפֿילטע פֿיש!" צו שרײַען „שמע ישׂראל" האָט ער ניט געוווּסט.

ייִדיש האָט געליטן גרויסע שאָדנס. היטלער האָט די ייִדן און דאָס ייִדישע לשון פֿאַרברענט. סטאַלין האָט עס ליקווידירט. בן־צבֿי ווייס, אַז עס שאַפֿט זיך אַ באַציִונג צום ייִדישן לשון ווי צום לשון־הקודש. ער ווייס פֿון אַ ייִדן, — זאָגט ער — וואָס קען ניט קיין העברעיִש וואָרט, קאָן דעריבער ניט דאַווענען. בײַ יענעם איז רײדן ייִדיש אַ מין דאַווענען.

— מיר זײַנען געווען אַ פֿאָלק פֿון אַזוי פֿיל לשונות. עס האָבן געאַרבעט כּוחות פֿון אַסימילאַציע. ייִדן האָבן גערעדט שפּאַניש — קנאַפּע רעשטן פֿון דעם פֿאַרבליבן. טערקישע ייִדן רײדן שוין טערקיש.

פֿון דעם קומט ער צו דער וויכטיקייט פֿון העברעיִש.

א מאָל האָט בּאַראַכאָוו געזאָגט נבֿיאות װעגן א סטיכישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישׂראל. עס איז געגאַנגען און עס גייט איצט א סטיכישע אימיגראַציע, אָבער ניט אויף דעם אופֿן ווי באַראַכאָוו האָט געזאָגט נבֿיאות. עס קומען אַהער הונדערטער טויזנטער ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע מינים, פֿאַרשיידענע לשונות. עס איז א לאַנגער און גאַנץ שווערער פּראָצעס פֿון זייער נאַציאָנאַלער צונויפֿגיסונג: פֿון זייערע שפּראַכן, מידות, לעבנס־שטייגערס. מען דאַרף האָבן געדולד. א סך אַרבעטן אויף דעם. בן־צבֿי גלייבט, אַז מיט דער אַנט־וויקלונג פֿון ישׂראל וועט עס דערגרייכט ווערן. דערמאָנט ער זיך די פֿאַרגאַנגענהייט:

— מען האָט א מאָל גערעדט, געשריבן וועגן ארץ־ישׂראל ווי דאָס „געפּגרטע לאַנד”. זעט אָבער, ווי דאָס געוועזענע וויסטע לאַנד לעבט אויף. וועט זײַן וואַסער, וועט זײַן עלעקטריע, — און עס וועט זײַן! — וועט די מדינה קאָנען אויפֿנעמען פֿיר מיליאָן ייִדן. אירע אויפֿנעם־פֿעיִקייטן וועלן וואַקסן.

— און מלחמה מיט די אַראַבער? — פֿרעג איך.

ענטפֿערט בן־צבֿי מיט א שטילער פֿעסטקייט:

— די אַראַבער וועלן מוזן מאַכן שלום.

עס וועלן אַריבער א פּאָר דורות, די קעגנערשאַפֿט פֿון די אַראַבער וועט מוזן אָפּגעשוואַכט ווערן.

— מיר ווייסן, די וועלט ווייס, די אַראַבער וועלן וויסן, אַז מיר האַלטן ניט בײַם פֿאַרנעמען נײַע טעריטאָריעס. מיר האָבן גענוג פּאָר אונדזן מדבריות, וועלכע דאַרפֿן און קאָנען אויפֿגעלעבט און באַפֿעלקערט ווערן. מיר ווילן שלום.

טוט א רודער אין אים דער גורל פֿון זײַן זון.

— מײַן ייִנגערער זון האָט געהייסן אליה. ער איז געפֿאַלן אין דער באַפֿרײַונגס־מלחמה אין 1947. ער איז אַלט געווען 24 יאָר.

ער דערציילט, אַז ווען זײַן זון איז נאָך געווען אין מיטלשול, האָט ער צוזאַמען מיט חבֿרים געשאַפֿן א קיבוץ, בית־קשת.

מיר קערן זיך אום אין אונדזער שמועס צו די יסודות, וואָס דאַרפֿן שאַפֿן די ייִדישע גײַסטיקייט. פֿרעג איך אים:

— איך האָב געהערט, בן־צבֿי, אַז איר זײַט געוואָרן מער רעליגיעז. איך האָב געהערט, אַז די פֿרומע עלעמענטן זײַנען מיט דעם זייער צופֿרידן.

ענטפֿערט ער אויף דעם:

— איך שאַץ הײַנט אָפּ מער ווי א מאָל די באַדײַטונג פֿון דער ייִדישער טראַדיציע, סײַ צוליב דער אַלגעמיינער ייִדישער פֿאַרבינדונג און סײַ צוליב דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבינדונג מיט אונדזער עבֿר. דאָס פֿאַרשטאַרקט אויך די פֿאַרבינדונג פֿון ישׂראל מיטן גלות.

מיר מוזן שטאַרקן די קאָנגזיסטיקע יידישע וועלט־פֿאַרבינדונג. מיר האָבן ניט קיין סך שותּפֿים. די יידן אין גאַר דער וועלט זיינען אונדזערע שותּפֿים.

בן־צבֿי דערציילט מיר, אַז ווען ירושלים איז געווען אַרומגערינגלט, אין 1947, און ס'איז געקומען שבת, האָבן די רבנים אויסגערופֿן, אַז די מצווה פֿון יידישן זעלבסטשוץ איז דוחה שבת. פֿרומע יידן האָבן שווער געאַרבעט שבת צו פֿאַרפֿעסטיקן די גרענעצן פֿון ירושלים. איך קער זיך אום נאָך אַ מאָל צו מיין פֿראַגע, צום עיקר־ענין:

— איך קום פֿון אַמעריקע און גיי צוריק אַהין. — זאָג איך — מיליאָנען אַמעריקאַנער יידן לעבן און ווילן לעבן אין אַמעריקע. מוזן דאָך איינגעשטעלט ווערן די ריכטיקסטע קאָנגזיסטיקע באַציונגען. איך הער דאָ און לייען דאָ וועגן שלילת־הגלות, וועגן גרינגשאַצונג פֿון אונדזער גלות־עבֿר. ווייל אפֿשר בן־צבֿי מיר זאָגן עפּעס קלאָרס וועגן דעם ענין?

און דאָס איז זיין מיינונג:

— אַפּשיידן זיך פֿון די יידן אין דער וועלט, פֿון די תּפֿוצות, האַלט איך פֿאַר אַן אומזין. אויב מען הערט און מען לייענט אַזעלכע זאַכן, דאַרף מען עס ניט נעמען צו ערנצט, פּשוטו כּמשמעו. אַגבֿ, אַזעלכע שטימען הערן זיך שוין היינט גאַנץ זעלטן. מיר זיינען אומעטום איין יידיש פֿאָלק.

מיין משפּחה איז דאָך אויך פֿאַרברענט געוואָרן.

און אַט איז ווידער אַ מאָל אַ פּרק פֿון „מגילת־יוחסין" פֿון זיין משפּחה. די ייחוס־קייט ציט זיך פֿון ר' משה איווער צו דוד־המלך. אין איר קומען אַריין הלל הזקן, שמעון הנשיא, ר' גמליאל הזקן, ר' יוחנן הסנדלר, ר' שלמה יצחקי (רש"י). אַזוי ציט זי זיך, ביז זי דערגייט צו זיין פֿאָטער צבֿי שמשי, און ממילא צו אים, יצחק בן־צבֿי.

איך באַקען זיך מיט דער משפּחה־מגילה ווי מיט אַ שפּאַנענדיקער מעשה. אַט שטייען דאָרטן געצייכנט די וויכטיקסטע רינגען אין דער קייט, אין וועלכער עס קומען אַריין באַרימטע גאונים, רופֿאים ביי מלכים, גדולים אין תּורה, אין חכמה, רבנים פֿון פּוילן, פֿון ליטע, פֿון ווייסרוסלאַנד — פֿון מינסק, פֿון שקלאָוו, פֿון בריסק, פֿון לעווערטאָוו, פֿון שידלאָוויץ. עס קומט אַריין דער באַרימטער, לענענדאַרער ר' שאול וואַהל פֿון פּוילן, דער לעמבערגער רבֿ, דער ביאַליסטאָקער רבֿ. אַ גאָלדענע קייט פֿון תּורה, חכמה, יראת־שמים, חסידות, אהבֿת־ישׂראל, חיבת־ציון.

יצחק בן־צבֿים פֿאָטער, צבֿי שמשי, האָט צוזאַמענגעקליבן די רינגען פֿון דער משפּחה פֿון ליטע, פֿון ווייסרוסלאַנד, פֿון אוקראַינע. ער איז דערגאַנגען ביז די לעצטע דורות, ביז בעלי־מלאכות, פּועלים־רעוואָלוציאָנערן, פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער — ביז מיר קומען צו יצחק בן־צבֿים זון מיטן רעטונגס־גאַרטל אין ים.

פֿאַרביייגייענדיק דערמאָנט ער זיך אַ מעשה פֿון 1943. אין דער ענגלישער אַרמיי און אין פֿלאָט זיינען געווען אויך יידישע גרופּעס. דאָס איז

געשען אויפֿן ים. עס האָט מלחמה געהאַלטן אַז ענגלישע שיף מיט אַ דײַטשער. אַן ענגלישע פֿלאַגשיף איז אַטאַקירט געוואָרן פֿון דער דײַטשער שיף.

— מײַן זון איז דעמאָלט שוין געווען אין ים, אַנגעטאָן אין זײַן רעטונגס־גאַרטל. ער האָט זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס. האָט ער דעמאָלט אין רויש פֿון די כוואַליעס דערהערט אַ געשריי אויף יידיש: „געוואַלד!" האָט מײַן זון זיך דערנענטערט צום שרײַער. ער האָט געוואָלט, ער זאָל שטיל ווערן, מען זאָל ניט הערן זײַן קול. האָט ער צו אים געזאָגט אויף זײַן צעקאַליעטשעטן יידיש: „איך צעברעך דײַן געביין; זאָלסט זײַן שטיל, רוּיק!"

— וואָס טוט אײַער לעבן געבליבענער זון? — פֿרעג איך דעם נשׂיא.

— ער איז אַ שאָפֿער (אויטאָבוס־„דראַיווער") אין אַ קיבוץ אין ישׂראל, אַ שותּף אין אַ שותּפֿותדיקן פּרדס.

אין אונדזער שמועס איז ניטאָ קיין געשפּאַנטקייט, אַנגעצויגנקייט. עס איז פּשוט, יידישלעך בײַם טיש, ווי עס רעדט אַ פֿרײַנד צו אַ פֿרײַנד. ווען בן־צבֿי האָט זיך דערמאָנט דעם אומקום פֿון זײַן זון, האָב איך דערזען אַ טרער אין זײַן אויג. ער האָט געמערקט, אַז איך קוק מיט באַוווּנדערונג אין דעם בהרחבֿהדיקן צימער: אויף די פּאָליצעס מיט ספֿרים, די בילדער אויף די ווענט; זאַפּ איין אין זיך די נחתדיקע שטילקייט; איך באַקוק די דינע, לײַכטע, יידישע, באַשיידענע באַפּוצונגען, קוק אויף די ביימער אַרום די פֿענצטער. איך באַריר דעם נאָמען רחל ינאית.

— אַלץ וואָס איר זעט דאָ אַרום און אַרום, די אַטמאָספֿער פֿון אונדזער הויז, דאָס ביסל שיינקייט, אַלץ איז רחל... — גרייסט זיך יצחק בן־צבֿי.

זי האָט אַ חלק אין דער אַרבעט, אין אַלע ביימער אַרום ירושלים.

ער דערמאָנט די אַגריקולטור־שול, וואָס זי האָט אַנגעפֿירט, די גרופּע פֿרויען פּועלות־אידעאַליסטקעס, וואָס האָבן געאַרבעט מיט איר צוזאַמען, וועמען זי האָט געלערנט ביימער־פֿלאַנצונג, איר אַרבעט בײַ דער ביימער־האָדעוואַניע.

— רחלס דרײַסיק יאָר אַרבעט.

עס זײַנען ביימער אומגעקומען אין די געשעענישן פֿון 1929. יידישע ביימער קומען אום, ווען עס קומען אום יידן. האָט רחל די ביימער באַנײַט.

דער סעקרעטאַר פֿון פּרעזידענט האָט שוין אייניקע מאָל אַרײַנגעקוקט אין טיר, געלאָזן שטומערהייט וויסן, אַז דער פּרעזידענט דאַרף אויפֿהערן זײַן צו לאַנגן שמועס.

— איך שטער — זאָג איך — די מדינה־ענינים.

בן־צבֿי געזעגנט זיך. ער הייבט זיך אויף. זאָג איך צו אים פֿאַרן אוועק־גיין:

— האָט איר מיר עפּעס צו זאָגן צו די יידן אין אַמעריקע?

שמייכלט ער: „אלץ וואס מיר האבן גערעדט". אבער עס זעט אוים, אז דאס איז ניט געגוג פאר אים. זאגט ער צו מיר:

— איצט דארף איך אייך פרעגן וועגן אמעריקע, וועגן די אמעריקאנער ייִדן. קומט אריַין נאך א מאָל.

איך פארלאז דעם בית־הנשיא. איך קוק אריַין אין צווייטן צימער, ווּ איך בין פריִער געזעסן צוזאמען מיט רחל ינאית. דארטן איז ליידיק. קיינער איז ניטא. רחל איז שוין לאנג ערגעץ אוועק. איך דערמאן זיך, וואס איך האב געהערט: אז זייער אפט טוט זי אן הויכע פויערשע שיך, גייט ארויס פון בית־הנשיא, אנגעטאן אין פשוטע בגדים, גייט אין ירושלים אריַין, גייט אויף די גאסן, גייט צו מענטשן, בתוך עמי. איך דערמאן זיך נאך עפעס. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יצחק בן־צבי האט געצווּנגענערהייט געמוזט פארלאזן ארץ־ישראל און קומען אין ניו־יארק — וואס האט ער דא געטאן? ער איז געווארן א לערער אין דער ייִדישער שלום־עליכם־שול. ער איז געוועזן איינער פון די שעפער פון ייִדישן לעגיאן נאך דער באלפור־דעקלאראציע. דער געוועזענער לערער, א ייִד א למדן און א סופר, וואס זיצט אויפן כסא־הנשיא פון ישראל, איז געבליבן אין הויז אויפצונעמען ייִדישע דעלעגאציעס פון כל־הארצות.

איך בין לאנג געשטאנען בײַם טויער פון זײַן גארטן. און עס איז געקומען צו מיר דער אלטער פסוק: כל עצמותי תאמרנה — עס ריידן אין מיר אלע מײַנע ביינער.

שמשון מעלצער

חיפה. שבת אין דער פרי.

אויפן הר־הכרמל. אין פארק שפאצירן יידן. אויף די בענק אין פארק זיצן שבתדיקע יידן. ניטא קיין פלאץ אין גאר דער וועלט, ווו איך האב אזוי געפילט די שבת־מנוחה ווי אין יענעם פרי־מארגן, שבת נחמו אויפן הר־הכרמל.

— שבת שלום!

— שבת שלום!

פרעג איך א יידן, וואס שפאצירט מיר אנטקעגן מיט זיין פרוי, וועגן א גאס, וואס איז מיר נייטיק אויפן הר־הכרמל. איך פרעג אים אויף יידיש. דער אומבאקאנטער מאן האט מיך אנגעקוקט, א שמייכל געטאן, און געזאגט צו זיין פרוי אויף העברעיש, זייענדיק זיכער, אז איך פארשטיי ניט וואס ער זאגט:

— ער זוכט געווים שמשון מעלצערן.

— געטראפן! — האב איך אים געזאגט.

— איך האב געהערט דעם נאמען פון דער גאס, וואס איר זוכט, און לויט אייער ריידן יידיש זוכט איר שמשון מעלצערן בלי ספק.

ער איז שוין נאכדעם, צוזאמען מיט זיין פרוי, געגאנגען מיט מיר צו ווייזן אקוראט ריכטיק דעם אדרעס. דערווייל ווערט ער געוואר, ווי עס איז מיין נאמען, פון וואנען איך קום, און ער וויל וויסן, פון וואנען איך קען מעלצערן.

— איר זייט אויך א גאליציאנער? — פרעגט ער.

— א ליטוואק, וואס האט געלעבט אין פוילן און קומט פון אמעריקע.

ער האט מיך צוגעפירט ניט נאר צו דער גאס, נאר אויך צום הויז. א שיינע גאס און א ניי הויז. אינעווייניק, צו דער טיר, וועל איך שוין טרעפן אליין.

— שבת שלום, שמשון מעלצער.

— שבת שלום!

עס איז געווען א חברשע, אן אנגענעמע באגעגעניש.

איך קען שוין דעם נאָמען שמשון מעלצער פֿון לאַנג. דער פּאָעט, דער עסעיִסט, דער איבערזעצער. ער האָט מיט זײַנע גראַטענע איבערזעצונגען אויף העברעיִש אַרײַנגעבראַכט וויכטיקע יידישע ווערק אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. לכתחילה האָט ער מיך געפּלעפֿט מיט זײַן יונגן אויסזען, מיט זײַן העלן קאָפּ, מיט זײַן שלאַנקייט.

— איך קום אַהער, אויפֿן הר־הכרמל, פֿון טיף גאַליציע. — זאָגט ער מיר — איך בין, ווי מען זאָגט בײַ אײַך אין אַמעריקע, אַ גאַליציאַנער, אַ געשטאַרפּטער.

זײַן טאַטע — דערציילט ער מיר — איז געווען אַ נאָמען אין די גאַליציאַנער וועלדער. ער איז אויסגעווען אין פֿאַרשיידענע מקומות.

— מיר זײַנען געווען אַ גרויסע משפּחה. איך בין געווען דאָס נײַנטע קינד בײַ מײַנע טאַטע־מאַמע. די עלטסטע איז בײַ אונדז געווען מײַן שוועסטער מלכּה.

זײַן שוועסטער מלכּה איז צו אים געווען ווי אַ מאַמע. ער האָט זיך אויסגעהאַדעוועט אויף אירע הענט. אין אַ ליד האָט ער מלכּהן באַזונגען. ער מאַכט מיך אויפֿמערקזאַם אויף זײַן ליד „אגרת" — אַ בריוו, געווידמעט זײַן שוועסטער מלכּה. מלכּה איז שוין מער ניטאָ. זי לעבט אָבער אין זײַן געמיט, ווי עס לעבט דאָס גאַנצע פֿאַרברענטע און הייליק אומגעקומענע יידישע פֿאָלק. אין בענקשאַפֿט צו איר שרײַבט ער, כּלומרשט, צו איר אַ בריוו. דער בריוו וועט שוין טאַקע צו איר ניט אָנקומען, אָבער דאָך שרײַבט ער. ער דריקט זיך דאָרטן אויס וועגן זײַן געפֿיל בײַם שרײַבן דעם בריוו:

— דער בריוו פֿון מײַן בענקשאַפֿט וועט אפֿשר גרייכן צו דיר נאָכן מבול.

ער האָט דעמאָלט ניט געוווּסט זיכער, צי מלכּה לעבט צי ניט.

איך גאַנצע ליבשאַפֿט האָט זײַן שוועסטער מלכּה, ווען זי האָט געלעבט, אויסגעלאָדן אויף אים. איצט, ווײַט־ווײַט פֿון יענעם לאַנד און פֿון יענער צײַט, דערמאָנט ער זיך אָן איר, בענקט נאָך איר, און ער רעדט צו איר אין זײַן ליד „בריוו":

— דו האָסט מיך געצערטלט, אויסגעהאָדעוועט, איך בין געווען ווי דײַנער אַ זון, הגם דו האָסט מיך ניט געקאָנט רופֿן „מײַן זון".

ער זעט אין זײַן חלום זײַן שוועסטער. זי קומט אַרײַן צו אים, לייגט איר קאָפּ אויף זײַן קישן. טרערן רינען פֿון זײַנע אויגן און פֿון די בענקשאַפֿט־טרערן האָט זיך אויסגעוועבט זײַן ליד. „דער בריוו — זאָגט ער, ווי ווען ער וואָלט גערעדט צו דער שוועסטער — וועט לאַנג־לאַנג לעבן און אפֿשר באַשײַנען דײַן קבֿר נאָכן טויט."

— איך בין ניט אַזוי יונג ווי איך זע אויס, — זאָגט ער מיר — איך בין שוין באַלד אַלט פֿופֿציק יאָר.

געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1909, אין שטעטל טויסט, ווו דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן.

— מען שרײַבט לידער, — זאָגט ער — מען שרײַבט פֿאַרשיידענע לידער. בײַם שרײַבן מיינט מען, אַז עס איז עפּעס וויכטיקס, אַפֿילו זייער וויכטיקס. מיט יאָרן שטאַרבן זיי אָפּ, די לידער, פֿאַלן אַרויס פֿון דער רשימה, אָבער איינצלנע בלײַבן. איך האָף, אַז מײַן ליד „אגרת" וועגן מײַן שוועסטער מלכּה וועט בלײַבן.

דערמאָנט ער זיך:

— ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז מלכּה געוואָרן אַ כּלה.

זײַן טעמאַטיק איז געבויט אויף שטיקער פּרקים פֿון זײַן אייגענער ביאָגראַפֿיע. ער האָט שטענדיק געשעפּט פֿון זיך, פֿון אייגענעם ברונעם, פֿון אייגן לעבן. ער געדענקט זייער גוט זײַן פֿיל־פֿאַרצווײַגטע משפּחה, אַלע פּרטים פֿון דורות, וואָס האָבן געלעבט אַ מאָל. ער גרייסט זיך פֿאַר מיר מיט אַזעלכע ווערטער:

— יוסף־שמואל עגנון געדענקט גוט פֿיר דורות. איך געדענק זיבן דורות. איך ווייס וועגן זיי וואָס מען האָט כּסדר דערציילט.

— איר וועט ניט איבערגיין י.־י. טרונקן. — זאָג איך צו אים — ער „געדענקט" אַפֿילו, ווי זײַן אור־אור־זיידע איז געבאָרן געוואָרן. ער האָט עס אַזוי ווי אַליין געזען, נאָך זײַענדיק אויף יענער וועלט.

שמשון מעלצער, וואָס ווייס וועגן דעם, וואָס קען גוט י.־י. טרונקס ביכער „פּוילן", זאָגט אַזוי:

— דער וואָס האָט ניט זײַן משפּחה, זײַנע דורות, קאָן ניט האָבן אויך זיך אַליין.

שמשון מעלצער איז ניט דער איינציקער העברעיִשער שרײַבער, וואָס רעדט מיט אַ סך הנאה וועגן זײַנע אָבות.

— מײַן זיידע קלמן־מאָטיע, מײַן טאַטנס טאַטע, איז אַראָפּגעקומען קיין טויסט פֿון רוסלאַנד. מײַן מאַמעס משפּחה זײַנען געווען די דרוקער גינסבערג. מײַן מוטערס ברודער איז געווען אַ פֿרעסער אין אַ דרוקערײַ. ער האָט ניט געוואָלט מחלל שבת זײַן, איז ער דעריבער געשטאָרבן אַן אָרעמאַן. ער האָט אָבער דערלעבט ביז 87 יאָר.

ער דערציילט מיר מיט משיקאַווע פּרטים, אַז זײַן מאַמעס צווייטער ברודער איז געשטאָרבן אין רומעניע צו 88 יאָר. ער איז געווען אַ סופֿר פֿון ספֿרי־תּורות. ער האָט געהייסן משה־איסר דער נסתּר.

— איך געדענק אים, ווי ער איז געזעסן בײַם טיש, אײַנגעוויקלט אין טלית און געשריבן ספֿרי־תּורות . . . ער האָט געשריבן אות נאָך אות. געווען גוט אָפּגעהיט, חס־ושלום ניט צו מאַכן קיין טעות. ער, שמשון, זײַן אייניקל, איז געשטאַנען לעבן אים שעהען און זיך צוגעקוקט צו זײַן שרײַבן די הייליקע אותיות.

— זיך אויסגעלערנט פֿון אים שרײַבן סופֿרישע אותיות. עס איז געווען אַ שטיק קונסט־מלאכה.

ער, שמשון, האָט אַזוי שיין געשריבן די סופֿרישע אותיות, אַז מען האָט זײַנע געכתיבֿהטע אותיות אײַנגעראָמט אין אַ רעמל און אויפֿגעהאָנגען אויפֿן וואַנט ווי אַ צירונג. דערציילט ער מיר אַ מעשׂה, וואָס איז פֿאָרלאָפֿן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

— דעמאָלט זײַנען געקומען צו אונדז אין הויז צוויי ייִדן אַזש פֿון „פּיטערבאָרג". צוויי הויכע ייִדן. מיליטעריש געקליידט. זיי האָבן געבראַכט הילף פֿאַר די מלחמה־געליטענע ייִדן.

בײַ די מעלצערס אין שטוב האָט מען געמאַכט אַן אַסיפֿה פֿון די שטעטלשע ייִדן. איינער פֿון די מיליטעריש געקליידטע ייִדן איז געווען דער באַקאַנטער שרײַבער ש. אַנסקי. שמשון מעלצער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען נײַן יאָר. ער געדענקט איצט לעבעדיק יענע סצענע מיט אַנסקין בײַ זיי אין שטוב.

— איך האָב געזען, ווי ער האָט בײַ אונדז אין הויז אויסגעהערט מעשׂיות וועגן בעל־שם־טובֿ.

אַנסקי האָט געוואָלט באַצאָלן פֿאַר דער אַכסניה, וואָס מען האָט אים געגעבן בײַ די מעלצערס. די מאַמע האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין געצאָלט:

— חס־ושלום, פֿאַר הכנסת־אורחים נעם איך ניט קיין געלט.

זייער שכן, אַ טויסטער ייִד, אַבֿרהם מענטשל, האָט מיט איר ניט מסכּים געווען:

— נאַרעלע, נאַרעלע, אַז מען גיט — נעם.

אָט דער אַבֿרהם מענטשל האָט דערציילט אַנסקין די מעשׂיות וועגן דעם בעל־שם־טובֿ. ער האָט אַ סך געוווּסט און געקאָנט דערציילן. האָט ער געוואָלט פֿאַר דעם באַצאָלט. דאָס איז ניט געפֿעלן געוואָרן די מענטשן אין שטוב. געלט גאָר? באַצאָלן פֿאַר מעשׂיות? דערווײַל האָבן די אורחים דערזען די שיינע געכתיבֿהטע אותיות אויפֿן וואַנט. „ווער האָט עס אַזוי שיין געכתיבֿהט?" — האָט געפֿרעגט דער ייִדישער אָפֿיציר אַזש פֿון „פּיטערבאָרג".

— מײַן ייִנגל. — האָט געזאָגט דער טאַטע און אָנגעוויזן אויף אים, אויף שמשונען.

דער פֿרעמדער ייִד אין אָפֿיצירישן שינעל האָט זיך דעמאָלט געווענדט צום ייִנגל און גערעדט אויף ייִדיש:

— ייִנגעלע, וואָס לערנסטו? לערנסט רש"י?

אַ חידוש גדול — אַז אָפֿיציר זאָל ריידן וועגן רש"י. אַ רוסישער אָפֿיציר זאָל ריידן אויף ייִדיש. געקומען אַזש פֿון „פּיטערבאָרג".

— אַ וווּיל יִנגל! — האָט דער אָפיציר געזאָגט. — איר דאַרפֿט אים לערנען. אַ שאָד.

אַ צעטל, וואָס אַנסקי האָט דעמאָלט ביי זיי אַנגעשריבן, איז מיט יאָרן שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין ירושלים און איבערגעגעבן געוואָרן דעם ד"ר אַבֿרהם שודרון (שוואַדראָן).

לויפֿן יאָרן. שמשון מעלצער איז שוין איצט אַלט 50 יאָר, אָבער ער דערמאָנט זיך וויַיטער פֿון יענע יאָרן:

— עס זיַינען אָראָפּגעקומען צו אונדז אין שטאָט צוויי שלוחים פֿון ארץ־ישׂראל, פֿון קרן־היסוד.

איצט ווייס ער, אַז דאָס זיַינען געווען די היַינט באַקאַנטע מאיר יערי און אַבא חושי. דאַרף מען לאָזן די שטאָט וויסן וועגן די שלוחים. עס איז נים געווען ביַי זיי אין שטאָט אַ דרוקעריַי פֿאַר פּלאַקאַטן. מען פֿלעגט מוזן וועגן אַזאַ זאַך פֿאָרן קיין טשאָרטקעוו. די הוצאה איז געווען גרויס און די ציַיט קורץ. „זאָל שמשון שריַיבן מיט זיַין שיינער האַנטשריפֿט. עס וועט זיַין נאָך שענער ווי געדרוקט."

ער האָט אַזוי געטאָן — געשריבן מיט די בעסטע געכתיבֿהטע אותיות אין די שענסטע פֿאַרבן. האָבן נאָכדעם מענטשן געפֿרעגט: „ווער האָט עס געמאַכט אַזעלכע שיינע אותיות?" האָט מען אָנגעוויזן אויף אים, אויפֿן יִנגל. האָט מען געעצהט, ווי ער דערמאָנט זיך, ער זאָל פֿאָרן אין ירושלים אין „בצלאל", ער זאָל זיך לערנען מאָלן. מען האָט אים געעצהט, ער זאָל זיך ווענדן צום זשורנאַל „העתיד" נאָכן אַדרעס פֿון „בצלאל". ער האָט אַזוי באַלד געטאָן.

— דבֿ שטאָק, דער היַינטיקער דבֿ סדן, — דערציילט מעלצער — איז דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פֿון „העתיד" און ער האָט אים דורכן פּאָסטקעסטל פֿון זשורנאַל געלאָזט וויסן דעם אַדרעס פֿון „בצלאל".

ש. מעלצער האָט מיר פֿריִער געהאַט געזאָגט, ריידנדיק וועגן זיַינע קינדער־יאָרן, אַז ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, איז זיַין שוועסטער מלכּה געוואָרן אַ כּלה. איצט זאָגט ער מיר, אַז זיַין ברודער מאיר איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר. ער האָט שוין געאַרבעט אין אַ וואַלד. מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זיַינער אַ ברודער איז געקומען אויף דער וועלט. די מאַמע פֿלעגט שפּעטער דערציילן, אַז זי האָט אים חושד געווען, אַז אים וועט פֿאַרדריסן, וואָס נאָך אַ יִנגל איז געקומען. אָט איז ער שוין באַלד אַ חתן־בחור, איז אַראָפּגעקומען אַ ניַי קינד ביַי זיי אין הויז. זיַין ברודער איז אַוועק פֿון וואַלד קיין ווין. דאָרטן איז ער געוואָרן אַ בעל־מלאכה, אַ שטעפּער, אַ צושניַידער. דאָס האָט פֿאַרדראָסן טאַטע־מאַמע. אַ זון אַ בעל־מלאכה איז געווען פֿאַר זיי אַ חרפּה. דאָס האָט אויך פֿאַרדראָסן די ריַיכע קרובֿים.

— איך געדענק, ווי דער ברודער איז אַראָפּגעקומען פֿון ווין אויף פּסח אַהיים. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַרום 17 יאָר. אַ הויכער, אַ שיינער. דאָס איז געווען פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

זײַן ברודער האָט דערציילט די בעלי־מלאכות אין שטעטל, אַז די אַרבעטער אין ווין אָרגאַניזירן זיך. ער האָט זיי דערציילט וועגן סאָציאַליזם. אין שטאָט האָבן די מעשׂיות פֿון זײַן ברודער געמאַכט אַ גערודער. סטײַטש, סטײַטש און סטײַטש! וואָס איז געוואָרן פֿון אַ בעל־הביתישן זון? ! ער איז געווען אַ קורצע צײַט אין שטעטל בײַ טאַטע־מאַמע און אַוועק צוריק אין ווין. צו 18 יאָר האָט מען אים גענומען אין מיליטער. האָט מען אויס־געקוקט די אויגן צו זען אַ בריוו פֿון אים. קלאַנגען זײַנען געווען, אַז ער איז געננומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. עס איז אויך געווען אַ קלאַנג, אַז ער איז געפֿאַלן אין דער מלחמה.

— די מאַמע האָט עס ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט אויפֿגעגעסן איר האַרץ. דעם 26סטן אלול איז די מאַמע געשטאָרבן. די איינציקע סיבה פֿאַר איר טויט איז געווען די ידיעה וואָס האָט באַשטעטיקט דעם אומקום פֿון איר זון. קיינער בײַ זיי אין דער משפּחה איז יונג ניט געשטאָרבן. אירע ברידער האָבן געלעבט ביז אַכציק יאָר.

לייענט מײַן ליד „מײַן ברודער דער סאָלדאַט" — לייגט ער מיר פֿאָר.

איך זע פֿון דעם ליד, אַז נאָך זײַן ברודערס טויט איז אָנגעקומען אַ בריוו צו דער משפּחה פֿון עסטרײַכישן מיניסטעריום: „אײַער זון מאַזעס מעלצער איז געפֿאַלן מיטן טויט פֿון אַ גיבור." פֿון יענעם „גיבור" איז געבליבן אַ זכר — אַ פּאָר שורות, וואָס דער ברודער האָט געשריבן, ווען ער האָט געלעבט: „מיר גייען קעמפֿן פֿאַר אונדזערע שׂונאים און שטאַרבן אומזיסט. איך וואָלט בעסער געשטאָרבן אין אַ מלחמה פֿאַר אַ וויכטיקן ציל, איך וואָלט בעסער געשטאָרבן ווי אַ ייִד און אַ סאָציאַליסט."

צו נײַן יאָר איז שמשון מעלצער געוואָרן אַ יתום. האָט ער קיין מאַמע ניט געהאַט, איז געוואָרן די שוועסטער מלכּה זײַן מאַמע.

— איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז פֿון דעמאָלט אָן, פֿון נײַן יאָר אָן, האָב איך ניט אויפֿגעהערט קיין מאָל זיך צו פֿילן אַ יתום.

דאַרף מען שיקן אַ ייִנגל לערנען. אין שטאָט איז געווען אַ פּוילישע שול און אַ חדר. דער טאַטע האָט אויסגעקליבן דעם חדר. „אַלע גוטע קעפּלעך לערנען בײַם גמרא־מלמד . . . די גאַנצע שקאָלע וועט ער באַווײַזן זיך אויסצולערנען אין איין יאָר."

דערציילט ער מיר וועגן זײַנע חדר־יאָרן און זאָגט אַזוי:

— איך וויל געדענקען מײַן רבין ר' אהרן גאָלדהאַבער. בײַ אים האָב איך געלערנט חומש, רש"י, גמרא. געלערנט אויך שרײַבן און רעכענען. איך געדענק שאַרף, ווי דער רבי האָט געלערנט מיט זײַנע תּלמידים ישעיהו הנביא.

„וואָס דאַרף מען דאָס פּויליש און די פּוילישע שול? — האָט מען געטענהט אין שטוב — מען וועט דאָך פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און דאָרטן דאַרף מען ניט קיין פּויליש."

זיין שוואגער בערל גליק און זיין פֿאָטער ישׂראל גליק האָבן געהאַלטן כּסדר אין איין קלײַבן זיך צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אָט־אָט־אָט.

— דער מחותּן האָט פֿאַרקויפֿט זיין הויז, זיין גאָרטן, צו האָבן אויף דער רייזע. דעמאָלט איז אַרויסגעקומען די באַלפֿור־דעקלאַראַציע. דאַרף מען דאָך שוין גײן פֿאָרן. ער האָט אָבער אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט, ער זאָל קאָנען מיטנעמען מיט זיך זיין זון בערל. דערווײַל איז ער געוואָרן פֿאַרנומען מיט עסקים און האָט אָפּגעלייגט דאָס פֿאָרן פֿון יאָר צו יאָר. זיי האָבן ניט אויפֿגעהערט זיך צו פּאַקן.

געדענקט שמשון מעלצער פֿון זיינע קינדער־יאָרן, אַז איין יאָר איז ער געווען אַ תּלמיד פֿון זיין ברודערס מחותּן. דער מחותּן איז געווען אַ תּלמיד־חכם. געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק. שמשון מעלצער האָט ביי אים געלערנט און געלייענט.

— ווען איך בין אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָב איך שוין געקאָנט אַליין פֿאָרן. באַקומען פֿאַר זיך אַ סערטיפֿיקאַט קיין ארץ־ישׂראל. איך האָב געהאַט ביי זיך די צייגענישן פֿון באָריס שאַץ פֿון „בצלאל" אין ירושלים, אַז מען וועט מיך דאָרטן אָננעמען פֿאַר אַ תּלמיד.

זיין טאַטע האָט אָבער צו אים געטענהט, אַז אויב ער וויל זיך לערנען מאָלעריי, דאַרף ער ניט פֿאָרן קיין ירושלים. ער קאָן דאָס אויך אין לעמבערג. דער רבֿ האָט געזאָגט: „אויב ניט פֿאָרן אין אַ ישיבֿה לערנען, איז גלייכער צו פֿאָרן קיין לעמבערג ווי קיין ארץ־ישׂראל."

ניט געווען קיין ברירה. געמוזט בלייבן וויי־טער. ער האָט געלערנט פֿינף יאָר — פֿון 16 ביז 21 — אין לעמבערג, אין אַ פּויליש־העברעיִשן לערער־סעמינאַר, וועלכן ער האָט געענדיקט. חוץ העברעיִש האָט ער גע־לערנט פּויליש, וואָס איז געוואָרן פֿאַר אים אַ בריק צו דער וועלט־ליטעראַטור.

— איך האָב געקענט עבֿרית, געקענט פּויליש, — זאָגט ער מיר — אָבער דעמאָלט האָב איך געשריבן לידער אויף ייִדיש.

— פֿאַר וואָס ניט העברעיִש?

— אפֿשר איז העברעיִש געווען צו האַרט פֿאַר לירישע לידער, פֿאַר ליבע־לידער, וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן.

אין דער סבֿיבֿה האָט מען גערעדט פּויליש און העברעיִש, אָבער די שפּראַך פֿון האַרצן איז געווען ייִדיש. אַ טייל פֿון זיינע לידער איז געווען געדרוקט אין לעמבערגער „יידישע צייטונג", אין 1931, אונטערן נאָמען שמשון גינסבערג.

— פֿאַר וואָס אַ פֿאַרשטעלטער נאָמען?

— עס האָט ניט געפּאַסט פֿאַרן קומענדיקן העברעיִשן לערער, סטודענט פֿון לערער־סעמינאַר, צו שרייבן ייִדישע לידער.

איין ליד זיינס איז געווען אָפּגעדרוקט אין די וואַרשעווער „ליטעראַ־רישע בלעטער" אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט דעמאָלט אויך געדרוקט אַ ליד אין „דאָס פֿרייע וואָרט".

— געענדיקט דעם סעמינאַר אין 1931. חתונה געהאַט אין 1932 מיט אַ געוועזענער תּלמידה פֿון סעמינאַר, מאַריאַשע שעכטער, אַ קאַלאַמייערין, אַ טאָכטער פֿון הענעך שעכטער, אַ מזרחי, אַ פֿאַלקסרעדנער, אַ תּלמיד־חכם.

אין קאַלאַמיי איז געווען אַ ייִדישע דרוקערײַ. איז ער געקומען דאָרטן אָפּדרוקן אַ זאַמלונג פֿון זײַנע ערשטע לידער. געגעבן זעצן. דאָס בוך איז שוין געווען אויסגעזעצט, אָבער עס איז ניט דערשינען. פֿאַר וואָס? מען האָט אויסגעזעצט אין גרויסע אותיות און ער האָט ניט געוואָלט אַ בוך פֿון קליינע לידער מיט גרויסע אותיות. דערצו האָט ער זיך שוין טאַקע אָנגעהויבן קלײַבן פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל.

בין איך טשיקאַווע און פֿרעג אים:

— געדענקט איר אפֿשר אײַער ערשט געדרוקט ליד אין ייִדיש?

יאָ, ער געדענקט. ער קען עס אויסווייניק. עס איז אַ ליד וועגן אַ טורמעגלאָק, וואָס קלינגט אויס די שעהען, די האַלבע שעהען. זײַנע קלאַנגען צעגייען זיך אין דער לופֿטן און דער אָרעסטאַנט ציילט די קלאַנגען פֿון טורמעגלאָק, און די שעהען פֿאַלן אָראָפּ, אַזוי דוכט זיך אים, ווי בלוטיקע מאַראַנצן. איז ער אַ מאָל געווען אַרעסטירט? ניין, אַרעסטירט איז ער קיין מאָל ניט געווען. נאָר ער האָט געמיינט, אַז ער פֿאַרשטייט, ער פֿילט און זעט און הערט די קלאַנגען, ווי עס קאָן אַ פּאָעט זען און הערן.

— אונדזער חתונה איז געווען אין אלול 1932, אין סטאַניסלאַ.

געקומען מחותּנים און קרובֿים זיבעציק נפֿשות. „דאָס איז געווען דער לעצטער צוזאַמענקום פֿון אונדזער משפּחה", זאָגט ער מיר. „נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען געבליבן לעבן קוים צען פֿון די זיבעציק מחותּנים." זיי ביידע, שמשון מעלצער און זײַן ווײַב מאַריאַשע, זײַנען געווען לערער אין דער תּרבות־שול פֿון האָרעדענקע. אין זײַן ליד „שיר שלג" זײַנען דאָ אָפּקלאַנגען פֿון יענער צײַט.

— האָבן מיר באַשלאָסן אַוועקצוגיין פֿון פּוילן קיין ארץ־ישׂראל. ערבֿ יום־כּפּור 1933 זײַנען מיר אַרויף אויף אַ שיף און געקומען קיין ארץ־ישׂראל ערבֿ סוכּות.

אָראָפּגעשטיגן אין יפֿוער פּאָרט. קיינעם דאָרטן ניט געהאַט. הײַנט האָבן זיי שוין אַ היפּש ביסל קרובֿים, אָבער דעמאָלט קיינעם ניט. וואָס טוט מען די ערשטע צײַט? האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן בײַם בנין. ער האָט געקאָנט מאָלן און האָט געמאָלט שילדן. אַ קורצע צײַט געאַרבעט אין תּל־אָבֿיבֿ. און בינו לבינו:

— נאָך חנוכּה איז געבוירן געוואָרן אונדזער ערשטער זון. זײַנען מיר, דעריבער, ניט געגאַנגען אין אַ קיבוץ.

אין אַ חמסין־טאָג, נאָך שווערער אַרבעט, איז ער קראַנק געוואָרן, זיך אַוועקגעלייגט אַ חולה. געזונט געוואָרן. נאָכדעם האָט אים דער העברעיִשער שרײַבער אשר באַראַש אַרײַנגענומען ווי אַ לערער אין אַ שול. אשר באַראַש

האָט אים געקענט פֿון עטלעכע העברעיִשע לידער, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעדרוקט אין „הסולל". ער איז אָבער ניט געבליבן לאַנג אַ לערער. עס איז אים שווער געווען צו זײַן אַ לערער. געווען נאָר אַ פּאָר חדשים, ווײַל די תּלמידים, גרויסע בחורים פֿון פֿאַרשיידענע מינים און פֿאַרשיידענעם עלטער, זײַנען געווען אַלע אין איין קלאַס; פֿאַר אים איז עס געווען אַן איבערמענטשלעכע אויפֿגאַבע — זאָגט ער — אײַנצוהאַלטן דעם קלאַס. ער האָט עס ניט געקאָנט.

— האָב איך צוויי אַ האַלב יאָר געלעבט פֿון פּריוואַטע העברעיִשע לעקציעס.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז 1936. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער צײַטונג „דבר". אָפּגעאַרבעט דאָרטן זיבעצן יאָר. ער האָט רעדאַגירט דעם „דבר לעולה". ער האָט רעדאַגירט דעם ניקוד. זיבן יאָר האָט ער געאַרבעט אין דער כראָניק פֿון דער צײַטונג. צוויי אַ האַלב יאָר געאַרבעט אין פֿאַרלאַג „עם עובד", — רעדאַגירט די אויסגאַבע פֿון דער ביבליאָטעק פֿאַר דער יוגנט, פֿון דער ביבליאָטעק פֿאַר קינדער. פֿינף יאָר געווען רעדאַקטאָר פֿון „דבר לילדים". אין 1944 איז ער אַוועק פֿון „דבר" און רעדאַגירט דעם „עתידות", וואָס איז דערשינען פֿיר מאָל אַ יאָר, אַ זשורנאַל פֿאַר יוגנט. ער איז אַוועק פֿון תּל־אָבֿיבֿ קיין חיפֿה, ווײַל דאָרטן, אין תּל־אָבֿיבֿ, האָט ער זיך ניט גוט געפֿילט. געווען ניט געזונט. ער דערציילט מיר, אַגבֿ, אַז עס האָט גענומען אַ היפּשע צײַט, ביז ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן שירה אין ארץ־ישׂראל.

— איך האָב פֿרײַער געוואָלט זיך גוט צוהערן, וועגן וואָס און ווי אַזוי מען שרײַבט דאָ אין ארץ־ישׂראל.

מען האָט געשריבן לידער אַזוי ווי אין אַ כאָר, אַלע גלײַך. שירים וועגן מולדת. עס איז געווען אַ מין „מלאכים זאָגן שירים". ער האָט געהערט כּסדר דעם רעפֿרען:

אנו אוהבים אותך מולדת...

— איך האָב אַ מאָל געלייענט שלאָנסקיס אַ ליד וועגן פֿעלד. האָב איך געמיינט, אַז ער קען דאָס פֿעלד, אַז ער זיצט אין פֿעלד, אַרבעט אין פֿעלד. צום סוף גאָר זיצט ער ניט אין פֿעלד, נאָר אין אַ קאַפֿע אין תּל־אָבֿיבֿ.

עס האָט געזונגען אַ כאָר שירה און איך האָב ניט געקאָנט אַן דעם כאָר זיך אָנשליסן. איך האָב דעמאָלט געשריבן און ניט פֿאַרעפֿנטלעכט.

עס זײַנען געווען צוויי הונדערט העברעיִשע שרײַבער. אַלע ליריקער. אַלע זינגען וועגן מולדת. עס האָט זיך אין מײַנע אויגן ניט געקלעפּט אַ שורה צו אַ שורה.

עס האָט מיר אויך אויסגעזען, אַז דער ספֿרדישער עבֿרית טויג ניט פֿאַר ליריק. ביאַליקס שירה און די גאַנצע העברעיִשע פּאָעזיע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ביז נוסח ספֿרדית, האָט פֿאַרלוירן איר יסוד. זי איז דורך ספֿרדית פּשוט חרובֿ געוואָרן.

מען קאָן היַינט לייענען ביאַליקן, האָבן הנאה פון אינהאַלט, אָבער ניט פון זיַין שפּראַכמיַיסטערשאַפט. יעקבֿ כּהן, שמעוני האָבן געהאַט געשריבן עבֿרית. די אידיליעס פון שמעונין, די לידער פון טשערניכאָווסקין זיַינען געשריבן געוואָרן אין אַשכּנזישן דיאַלעקט און אַזוי דאַרף מען זיי לייענען. נאָר אַזוי האָבן זיי אַ טעם. אַז מען לייענט היַינט זייערע ווערק, לייענט מען זיי ניט אין דער הייך, נאָר מען קוקט מיט די אויגן. מען הערט זיי מיט אַן אינערלעכן געהער. אָבער לידער דאַרף מען לייענען ניט נאָר מיט די אויגן. מען דאַרף אויך הערן זייער קלאַנג. ביאַליק האָט אַ לאַנגע ציַיט ניט געשריבן קיין שירים צוליב דעם איבערגאַנג צום ספרדישן נוסח. יעקבֿ שטיינבערג האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן.

ספרדית האָט אַ סך אָוועקגעהרגעט. — זאָגט ער — די שפּראַך־אומבאַהאָלפנקייט האָט אַ סך שרײַבער געמאַכט פאַר גראַפאָמאַנען. זיי האָבן געמוזט זאָגן ניט דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן.

איך האָב געזען די אומבאַהאָלפנקייט פון עבֿרית פאַר פּשוטע מענטשלעכע טעמעס, פאַרן פּשוטן לעבן אין שטוב, אויף דער גאַס, פאַרן לעבן פון אַ קינד, פון אַ פויגל.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שרײַבן אויף העברעיִש לירישע לידער. „מיַין לירישע תּקופה האָט זיך פאַרענדיקט מיט זעכציק ייִדישע לידער, וואָס איך האָב אַ מאָל געשריבן, צווישן זיי — אַ ציקל סאָנעטן, וואָס זיַינען ניט דערשינען."

אין אונדזער שמועס קומט אַריַין דער נאָמען פון דבֿ שטאָק. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישער הוספה צום „דבר", „מוסף לספרות". ער האָט אַריַינגעבראַכט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור דריַי הונדערט ניַיע נעמען פון שרײַבער, ביז אים אומבאַקאַנטע. ער האָט פאַר־עפנטלעכט זייערע ווערק, לידער, עסייען. ער איז דער איינציקער וואָס האָט געהאַט מוט אַריַינצוברענגען גאַנץ ניַיע שרײַבער.

— אַט איז יעקבֿ פיכמאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון „מאזנים". ער האָט ניט געהאַט אַזאַ מוט. ער האָט געדרוקט ווערק פון פריִער שוין באַקאַנטע שרײַבער. ער האָט גענומען נאָר „באַקאַנטע פירמעס".

דבֿ שטאָק, ווי געזאָגט, האָט אַנטפּלעקט אַ גאַנצן דור שרײַבער פון ארץ־ישׂראל. אין זיַין שרײַבערשן לעבן האָט דבֿ שטאָק פאַרנומען אַ גרויסן אָרט. דערמאָנט ער זיך אַזאַ מעשׂה:

— איך האָב איבערגעזעצט פון ייִדיש אויף העברעיִש אַן 8שורהדיק ליד און עס געבראַכט צו דבֿ שטאָקן. ער האָט עס איבערגעלייענט און געזאָגט: „דאָס ליד איז ניט וואָזשנע, אָבער די איבערזעצונג..."

און כּדי צו קומען צו דבֿ שטאָקן נאָך אַ מאָל ניט מיט ליידיקע הענט, האָט ער אים געבראַכט אַן אייגן העברעיִש ליד, „אמא". ער, מעלצער, איז דעמאָלט געווען אַ פּריוואַטער לערער. דאָס ליד האָט ער געשריבן סטראָפעס־

ווײַז צווישן די לעקציעס. דאָס ליד איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן רב שטאַקן. ער האָט עס אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זײַט פֿון „מוסף לספרות". נאָכדעם האָט אים געזאָגט אשר באַראַש:

— רב שטאַק האָט פֿאַר דיר געעפֿנט אַ טיר אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

שפּעטער האָט ער אַלע זײַנע לידער פֿאַרעפֿנטלעכט אין „דבר". זיי זײַנען אַלע געווען עפּישע לידער.

ריידן מיר וועגן זײַן טעמאַטיק:

— איך האָב ליב געהאַט ארץ־ישׂראל, נאָך איידער איך בין אַהער געקומען. איך האָב זי אָבער נאָך מער ליב באַקומען, זינט איך בין אַהער געקומען. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, איז פֿון ערשטן טאָג פֿון מײַן באַזעצן זיך אין ארץ־ישׂראל געקומען צו מיר אַ בענקשאַפֿט נאָך דעם אַלעמען וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין פּוילן. אַ בענקשאַפֿט נאָך מײַן שטעטל, מײַן משפּחה, נאָך דער קלויז, נאָך דער טשאָרטקעווער שול, נאָך די טשאָרטקעווער ייִדן. איך בין דאָך אַנטלאָפֿן פֿון דעם. געוואָלט אַנטלויפֿן. אָבער זײַענדיק דאָ, אין פּערספּעקטיוו, האָט זיך דאָס אַלץ באַוויזן פֿאַר מיר אין אַ נײַ ליכט.

שרײַבן וועגן הײַנטיקער ארץ־ישׂראל? עס איז נאָך ווי אַ יונג קינד, וואָס הייבט אָן וואַקסן, ווי אַ געוויקס, וואָס הייבט אָן בליִען. עס איז דער חובֿ פֿון ייִדישע דיכטער, באַזונדערס איצט, צו באַשרײַבן דאָס שטעטל, ווי אַן אַלטע, טײַערע מאַמע, וואָס איז אַוועק, פֿאַרגאַנגען, מער ניטאָ.

מעלצער, דו שרײַבסט דאָך ניט ווי דו וואָלטסט געשריבן, נאָר ווי דײַן טאַטע. ווו איז, מעלצער, דײַן באָרד, אַז דו שרײַבסט אַזוי? — טענהט מען צו אים. אָבער דאָס גייט אים ניט אָן. „ניין, — זאָגט ער — מען טאָר ניט שרײַבן קיין קאַריקאַטורן פֿון שטעטל, ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע שרײַבער. וואָס פֿאַר אַ קוואַל פֿאַר שאַפֿן, פֿאַר טעמעס עס איז די תּקופֿה פֿון בעל־שם־טובֿ! מען דאַרף שרײַבן וועגן אים, וועגן זײַן מאַמע, וועגן זײַנע תּלמידים. עס איז גוט צו שרײַבן חסידישע לידער. עס איז דאָך געווען אַזאַ רײַכע, מיט אינהאַלט פֿולע וועלט." דערבײַ רופֿט ער אָן דאָס ליד „בשלג" זײַן בעסט ליד. עס איז געפֿאַלן אַ שניי אין ירושלים, און אין דעם שניי האָט ער געזען זײַן שטעטל, דאָס פֿאַרשוווּנדענע לעבן, פֿאַרשווּנדענע געשטאַלטן.

ער קערט זיך אום צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אַזוי די מלחמה האָט אויסגעזען אין שטעטל, ווען די דײַטשן האָבן עס אײַנגענומען. זיי האָבן אײַנגענומען שטאָט נאָך שטאָט. געקומען די צײַט פֿון די באָלשעוויקעס. דעמאָלט האָבן יונגע שרײַבער אָנגעהויבן שרײַבן הויך, צום טאַקט פֿון די באָלשעוויקעס. אָבער ניט אַלע האָבן אַזוי געשריבן. ער דערמאָנט מיר זײַנס אַ ליד:

— מאיר הכלי־זמר נעשה קומיסר.

מען האָט צו אים טענות. — זאָגט ער — מען אַטאַקירט אים: ער איז ניט מאָדערן, ער איז ניט ציוניסטיש, ער שרײַבט צו פֿיל וועגן דער אַלטער היים, ער באַזינגט זײַן קינדהייט.

— „ילדות היא מולדת״ — אַ היים? פֿאָטערלאַנד? די קינדהייט איז דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון דעם מענטשן. מען האָט צו מיר טענות. פּוסטע טענות. אויך דאָרטן, אין שטעטל, אין גלות, איז דאָס לעבן געווען אַ שטיק ארץ־ישׂראל. פֿון וואַנען דען איז געוואַקסן ארץ־ישׂראל, אויב ניט פֿון דאָרטן? איך שרײַב ניט אויף ארץ־ישׂראלדיקע טעמעס? איך שרײַב נאָר אויף דאָרטיקע טעמעס? ווער עס וועט אָבער גוט לייענען, וועט פֿאַרשטיין, אַז מיט מײַן פֿעדער פֿירט ארץ־ישׂראל. מעגן עס זײַן בילדער פֿון מײַן גאַליציִשן שטעטל, אָבער דאָך, דאָס געפֿיל מײַנס איז ארץ־ישׂראלדיק.

מען האָט געשריבן — שמועסט ער — וועגן חדר, וועגן מלמד. יעדער איינער האָט זיי פֿאַרשוואַרצט. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן פֿון מענדעלען אָן און ווײַטער נאָך אים. איך האָב געשריבן מײַן בוך „אלף״, געשריבן קאַפּיטלען זכרונות פֿון דער ערשטער צײַט אין חדר. עס איז ניט קיין קלאָגליד, עס איז אַן אַפּאָטעאָז, אַ געזאַנג צו דעם וואָס איז געווען.

רעכענען מיר צוזאַמען זײַנע ווערק: „בשבעה מיתרים״, „עשׂרה שערים״, „אלף״, „מאיר הכלי־זמר...״, „ספר השירות והבלדות״. אַנדערע ביכער זײַנען דערשינען אין איינציקע אויפֿלאַגעס. איינס איז אין דרײַ אויפֿלאַגעס, אין 21 טויזנט עקזעמפּלאַרן. ווער זײַנען די לעזער?

— בײַ אונדז לייענען ניט פּרויען קיין פּאָעזיע צוליב די שוועריקייטן פֿון לשון. זיי האָבן דאָך ניט געלערנט אין אַ חדר, אין אַ ישיבֿה. עס טרעפֿט נאָך, אַז אַ מוטער לייענט צוזאַמען מיט איר טאָכטער.

— דער „ספר השירות והבלדות״ האָבן, לויט דעם אָנגענומענעם באַגריף, סאַברעס ניט געדאַרפֿט לייענען, ווײַל זיי האָבן ניט ליב פּאָעזיע, זיי זײַנען זאַכלעך. אָבער עס איז אַ טעות. זיי לייענען יאָ. פֿאַר וואָס? ווײַל „זה מעניין, אני מבין״. — דאָס איז אינטערעסאַנט, דאָס פֿאַרשטיי איך.

שמשון מעלצערס לשון און סטיל איז אַזאַ, אַז עס איז לײַכט צו פֿאַרשטיין. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ניט נאָר שטיקער לעבן פֿון דאָרטן, פֿון גאַליציע, פֿאַרשוווּנדענע, געשטאַלטן, נאָר ער האָט אויך אַרײַנגעבראַכט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אין איבערזעצונג, וויכטיקע ייִדישע שרײַבער: 9 בענד פּרץ, 2 בענד פּינסקי, ווערק פֿון פּרץ הירשביין, פֿון יחיאל לערער, פֿון בעריש ווײַנשטיין. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פֿון 47 ייִדישע דיכטער אויף העברעיִש.

— י.־ל. פּרץ איז אַרויס אויף העברעיִש — זאָגט ער — אין דרײַ אויפֿלאַגעס, אין 18-20 טויזנט זאַץ.

ער האָט געשריבן אַרטיקלען, רעצענזיעס וועגן שרײַבער, וועגן טעאַטער, געשריבן ביאָגראַפֿיעס. ער האָט אויך רעדאַגירט פֿערציק העברעיִשע ביכער.

אומקערנדיק זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צום ענין „דאָרטן" און „דאָ", זאָגט ער מיר:

— עגנונס טעמאַטיק איז דאָך אַ דאָרטיקע און דאָך איז ער הײַנט דער גרעסטער העברעיִשער שרײַבער פֿאַר דורות.

פֿרעג איך אים וועגן די טענות וואָס גייען אַן צווישן די העברעיִשע שרײַבער און קריטיקער וועגן דער באַדײַטונג און דעם ווערט פֿון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור, וועגן דער צעריסנקייט צווישן זיי, וועגן קריטיק און זעלבסטקריטיק, וועגן דעם וואָס די העברעיִשע ליטעראַטור שפּילט ניט די געהעריקע ראָלע אין לעבן פֿון דער מדינה, און באַזונדערס ניט אין לעבן פֿון די ייִדן אין אַנדערע לענדער.

— אונדזער לעבן — זאָגט ער מיר — איז שאַרף צעטיילט פּאַר־טייִש. אונדזער כּנסת איז שאַרף צעטיילט: פּאַרטייען און פּאַרטייען, פּאַרטיי־קאָנגרעסן און פּאַרטיי־מלחמות. און אויך אַזוי אין דער ליטעראַטור. מענטשן פֿון איין מחנה ווייסן ניט פֿון דער אַנדערער. עס איז אַ מחיצה. צײַטונגען און צײַטונגען. צו פֿיל צײַטונגען. שרײַבט מען אַן אַ נײַע זאַך, דרוקט מען זי אין אַ צײַטונג. לייענען לייענסטו נאָר איינע אָדער צוויי צײַטונגען, מערסטנס איינע. ווייס ניט איין שרײַבער פֿון צווייטן, לייענט ניט דעם צווייטן. מוז מען וואַרטן אויף אַ בוך.

— געהערן טאַקע די שרײַבער צו די באַזונדערע פּאַרטייען? זײַנען זיי פּאַרטיימענטשן? — פֿרעג איך.

— אויב ניט אַלע, איז דער גרעסטער טייל. עס זײַנען אויך דאָ שרײַבער וואָס געהערן ניט צו קיין פּאַרטייען, זיי געהערן צו זיך אַליין. אָט למשל איך, איך געהער ניט צו קיין שום פּאַרטיי.

די יונגע פּאָעזיע — לויט זײַן מיינונג — באַלאַנדזשעט דערווײַל. די פּאָעטן זײַנען מערסטנס לירקער. עס איז גאָרניט מעגלעך, מען זאָל לייענען אַזוי פֿיל לירישע לידער. ווו זײַנען די עפּישע ווערק? פֿאַר וואָס האָט זיך נאָך ניט געפֿונען איין דיכטער, וואָס זאָל באַשרײַבן למשל נהלל? מען בויט איצט שטעט, מען בויט אינדוסטריע, מען פֿײַערט מלחמות, געהאַט נצחונות. עס איז נאָך ניט געפֿונען געוואָרן ביז איצט קיין איין דיכטער, וואָס זאָל אָנשרײַבן אַ גרויס עפּיש ווערק.

— טאַקע פֿאַר וואָס? — פֿרעג איך.

— די סיבה איז ניט מאַנגל אין טאַלאַנט. עס איז עפּעס אַזוי ווי ניט מאָדערן צו שרײַבן פּאָזיטיוו.

— מען שרײַבט לויט די ליטעראַרישע מוסטערן פֿון פֿראַנקרײַך, פֿון ענגלאַנד. מיר זײַנען דאָך אַנדערש. מיר זײַנען דאָך אַ נײַ לאַנד. פֿאַר וואָס זאָלן מיר נאָכלויפֿן פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד? זיי דאַרפֿן האַלטן ערגעץ אַנדערש ווו מיר האַלטן הײַנט.

— ווו זשע איז דער אויסוועג?

— סײַדן מען זאָל וואַרטן אויף אַ צווייטן דור שרײַבער, נאָך אַ צען יאָר, אויף אַ דור וואָס זאָל זײַן פֿרײַ פֿון פֿרעמדע השפּעות, וואָס זאָל ניט בלויז זײַן אַליין אַ סאַברע, נאָר אַ קינד פֿון סאַברעס. זיי, די נײַע, די ווײַטערדיקע, גלייב איך, וועלן שאַפֿן עפּעס נײַס, אייגנאַרטיקס. ביז הײַנט איז אַלץ וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן נאָר אַ מאַטעריאַל פֿון אַן איבערגאַנגס־צײַט.

— קאָנט איר מיר ברענגען בײַשפּילן פֿון די הײַנטיקע שרײַבער, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אײַער גערדאַנק?

— נעמט למשל שלאָנסקין... — זאָגט ער — ער האָט פֿאַרפֿירט אַ גאַנצן דור מיט „אָפּאָזיציע". קודם־כּל איז ער געווען אין אָפּאָזיציע צו ביאַליקן: ביאַליק איז ניט קיין דיכטער. נאָכדעם איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אייגן קלײַזל. מען קאָן ניט זיצן אין ארץ־ישׂראל און אָנשטעלן די פֿידל צו אַ פּמליא של מעלה פֿון מזרח. אָט איז נ. אַלטערמאַן. מען האָט אים אויפֿגענומען ווי אַ וווּנדערקינד, געוואַרט אויף וווּנדער, אָבער די וווּנדער באַווײַזן זיך ניט. ער שרײַבט פּאָליטיק אין דער פֿאָרם פֿון פּאָעזיע. אָט שרײַבט ער פֿאַר דער רעגירונג, אָט קעגן דער רעגירונג. מען רעכנט זיך מיט זײַן קריטיק, וואָס ער ברענגט אַרויס דורך לידער, דורך גראַמען, אָבער — לא זו הדרך פֿון פּאָעזיע!

עס הערשט אַ צעמישונג. פֿאַר וואָס? מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ מלחמה אָדער מלחמות און נאָך יעדער מלחמה קומט ניכטערקייט, קומט אַ טרויער. צוזאַמען מיטן טרויער קומען טרויעריקע זכרונות פֿון די מלחמות. עס קומט אַ טונקעלע, אַ טרויעריקע, לאָמיר זאָגן אַ שוואַרצע פּאָעזיע פֿון דער מלחמה אַרויס.

אַ מאָל איז געווען גאָר שווער משׂיג צו זײַן. זיי זײַנען דאָך לעבעדיקע מענטשן, די פּאָעטן, די שרײַבער, און זייער פּאָעזיע איז פֿול מיט מרה־שחורה. ווײַל מען לעבט אין קאַפּעען, מען איז פֿאַרנומען מיט מעשׂיות וועגן מיידלעך, ליבעס מיט פֿרויען...קומט עס אַזוי אַרויס אויפֿן פּאַפּיר.

עס איז אַ גרויסע דיספּראָפּאָרץ צווישן דער ישׂראלדיקער פּראָזע און פּאָעזיע. לידער זײַנען דאָ אַ סך און נאָוועלן ווייניק. זייער אַ סך דיכטער, אפֿשר דרײַ הונדערט. אָבער וויפֿל פֿון זיי זײַנען טאַקע דיכטער באמת, זײַנען ווערטפֿול? און דערציילער? גאָר ווייניק. און צווישן די ווייניקע נאָר עטלעכע וויכטיקע.

אַ ליד שרײַבט מען לײַכט. צײַטונגען זײַנען דאָ אַ סך. יעדע פּאַרטיי האָט דאָך איר צײַטונג, און ניט איין צײַטונג. און פּאַרטייען זײַנען דאָ אַ סך. מען פֿאָדערט ניט פֿון דיכטער קיין סך. אַבי ער זאָל עפּעס דערציילן. גענוג אַ ביסל פֿאַרנעפּלטקייט, מען פֿאַרלאַנגט ניט קיין קלאָרקייט, מען דאַרף ניט קיין געהעריקע פֿאָרם. נאָר עפּעס, אַ ביסל, און שוין גענוג. דערלאַנגט מען עס דעם לעזער, אויב ער לייענט עס.

און אז מען רעדט וועגן העברעיִשע פּראָזאַיקער, קומט מען כּסדר צו ענגנונען . . . איין מאָל און נאָך אַ מאָל.

— זײַן שטאָף איז טאַקע פֿון גלות, — זאָגט ער — אָבער ער עלעקטריזירט. עס שלאָגט אויך פֿון אים אַ געוואַלדיקער דרך־ארץ צו ארץ־ישׂראל.

— אין דער העברעיִשער פּראָזע באַגעגנט מען איבערזעצונגען פֿון ייִדיש. אָבער וואָס איז וועגן דרוקן ייִדישע ביכער אין אָריגינאַל? — פֿרעג איך.

— דער נײַער דור קאָן זיי ניט לייענען, פֿאַרשטייט זיי ניט.

איז דער טאַטע געווען אַפֿילו אַ הונדערט־פּראָצענטיקער העברעיִשער שרײַבער, האָט ער דאָך געהאַט אין זײַן ביבליאָטעק ייִדישע ביכער. איז אָבער דער טאַטע געשטאָרבן, וואָס זשע בלײַבט צו טאָן מיט דער ירושה פֿון טאַטנס ייִדישע ביכער? מען לייגט זיי אַרײַן אין אַ קאַסטן און מען שטעלט דעם קאַסטן אַרויף אויפֿן דאַך. עס גייט אַ רעגן, רעגנט אַרײַן אין קאַסטן, פֿוילן די ביכער, פֿוילן זיך שטילינקערהייט אַליין.

ער זאָגט מיר, אַז עס איז דאָ אין ארץ־ישׂראל אַ לעזער פֿון ביכער. אַ גוט בוך קאָן אין משך פֿון איינציקע יאָר האָבן צענדליקער טויזנט לעזער, אויב ניט נאָך מער. עס לייענט די יוגנט, עס לייענען גימנאַזיסטן, עס לייענט מיליטער. בכּלל שלאָגן זיך אַרום צווישן זיך אין לאַנד נאָך אַ סך השפּעות. פּוילישע ייִדן, רוסישע ייִדן, רומענישע ייִדן, דײַטשע ייִדן, ייִדן פֿון מאַראָקאָ, ייִדן פֿון תּימן. — און אַט גייט מען מאַכן אַ פֿראַנצייזישע גימנאַזיע. שלעפּן מיר אַרײַן נאָך השפּעות. מען זעצט איבער פֿון ענגליש, פֿון פֿראַנצייזיש, פֿון רוסיש. עס מוז אָבער אויך קומען אַ השפּעה פֿון ייִדיש. און דאָס איז מעגלעך — מיינט ער — דורך איבערזעצונגען פֿון ייִדיש אויף העברעיִש.

— דאָס מיינט ניט טאָן אַ טובֿה ייִדיש. דאָס מיינט טאָן אַ טובֿה זיך, רײַכער מאַכן דעם יונגן לעזער.

מיט די פּליטים־כוואַליעס זײַנען אויך געקומען ייִדישע שרײַבער. דאַרפֿן זיי זיך נעמען שוין גלײַך צו דער פֿעדער? גלײַך זיך זעצן שרײַבן? — זיי דאַרפֿן גיין, קודם־כּל, אַרבעטן, אַרײַן אין לעבן פֿון לאַנד. די מערהייט פֿון די שרײַבער דאָ אין לאַנד לעבט ניט פֿון ליטעראַטור. נאָר אַ מינדערהייט לעבט פֿון ליטעראַטור. די מערהייט לעבט פֿון אַרבעט. דאָס שאַפֿנדיקע שרײַבן וועט שוין אונטערקומען. עס וועט קומען אין שרײַבן האָפֿט, ממשות, וואָג, עס וועט זײַן מאַטעריאַל. אים זײַנען שטאַרק צום האַרצן איבערזעצונגען פֿון ייִדיש אויף העברעיִש, און ער זאָגט:

— אַט נעמט אַבֿרהם רייזענען. זײַנע דערציילונגען, בילדער, פּאָרטרעטן קאָנען הײַנט האָבן אַ גרעסערן ווערט פֿאַרן לעזער, ווי זיי האָבן געהאַט אַ מאָל.

מען דאַרף זיך ניט באַנוגענען מיט טראָפּנס, מיט ברעקלעך. אַט גיט אויס דער פֿאַרלאַג „מוסד ביאַליק” אַ מיליאָן פֿונט אַ יאָר פֿון נאַציאָנאַלע

מיטלען. זאָלן אויסגעגעבן ווערן הונדערט טויזנט פֿונט אויף איבערזעצונגען פֿון ייִדיש, און עס וועט זײַן אַ גרויסער נוצן.

— בײַ מיר האָט איר געפּועלט.

◆

העברעיִשע ליטעראַטור און ייִדישע ליטעראַטור. די דערנענטערונג פֿון אונדזערע ביידע ליטעראַטורן אין ביידע לשונות קאָן ברענגען צו די ייִדן אין ארץ־ישׂראל די טיפֿקייט, גרויסקייט און שיינקייט פֿון די ייִדן פֿון „דאָרטן" — דער געדאַנק רודערט אַן אויפֿהער אין שמשון מעלצערן.

ניט נאָר טראַכט ער װעגן דעם, ער איז אומרויִק, נאָר ער טוט, ער זעצט איבער. זאָגט ער צו מיר:

— איר וועט מסתּמא זען דעם העברעיִשן גאָלדפֿאַדען, וואָס זינגט ייִדישע ניגונים אין דער ייִדיש־העברעיִשער „שולמית".

אַ פּאָר טעג נאָך אונדזער שמועס בין איך געזעסן אין תּל־אָבֿיבֿער טעאַטער, ווו מען האָט אויפֿגעפֿירט מיט אַ סך ברען און יום־טובֿדיקייט גאָלדפֿאַדענס „שולמית" אין שמשון מעלצערס שפּרודלדיקן העברעיִש. די סצענע, דער כאָר, דער עולם האָבן צוזאַמען געזונגען דאָס ליד וועגן דער קאַץ און דעם ברונעם.

יעקב כהן

— נאָכן טויט פון שאול טשערניכאָווסקין

האָט יעקבֿ כּהן איבערגענומען, דורך אַן אײנשטימיקן אויסוואַל, דעם שטול פון יושבֿ־ראש אין פּען־קלוב פון די העברעיִשע שרײַבער אין ארץ־ישׂראל. אַזוי האָט מען מיר דערציילט וועגן זײַן חשיבֿות צווישן די סופֿרי־ישׂראל. ביאַליק, טשערניכאָווסקי און יעקבֿ כּהן איז געווען די רײ.

— ער איז אַ ליריקער פון דער ערשטער מדרגה, האָט מיר געזאָגט איינער פון די עלטסטע העברעיִשע שרײַבער אין ישׂראל. זײַן ליד איז אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש. ניטאָ אין דעם זײַנס גלײַכן אין דער העברעיִשער פּאָעזיע.

נאַטורלידער, ליבעלידער, עלעגיעס, סאָנאַטעס. ער קוקט אויף דער וועלט מיט ליכטיקע אויגן.

זײַן ליד איז דאָ אין יעדן לערנבוך, אין יעדער אַנטאָלאָגיע.

ער שטייט בײַ דער מזרח־וואַנט, בײַם ווינקל פון ארון־קודש, אײַנגעהילט אין טלית פון זײַן שירה און דראַמע פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט. מיט דרײַסיק יאָר צוריק האָט אים אויסגעטיילט אַ פּרעמיע פאַר פּאָעזיע די וואַרשעווער ייִדישע קהילה. מיט אַכט יאָר שפּעטער האָט אים אויסגעטיילט די ביאַליק־פּרעמיע די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון תּל־אָבֿיבֿ. אין 1945 האָט ער באַקומען די טשערניכאָווסקי־פּרעמיע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער באַקומען די ירושלימער כּבֿוד־פּרעמיע אויפֿן נאָמען פון דוד יעלין. מיט פינף יאָר צוריק האָט ער באַקומען די פּרעמיע פון מדינת־ישׂראל — דעם פּרס־ישׂראל. מיט דרײַ צענדליקער יאָר צוריק, ווען אין פּוילן האָט געלעבט אַ שעפעריש ייִדנטום, האָט די וואַרשעווער ייִדישע קהילה אָפּגעגעבן כּבֿוד דעם פּאָעט פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, דעם בויער פון די „תּרבות"־שולן. יענער ייִדנטום איז אַוועק אין די קאַלכאויוונס. דער פּאָעט זיצט הײַנט אין תּל־אָבֿיבֿ און שרײַבט היסטאָרישע דראַמעס אויף העברעיִש.

— אַז דו בויסט אַ דראַמע, — זאָגט יעקבֿ כּהן — מוזסטו זײַן אַן אַרכיטעקט, מוזסטו בויען שטאָק אויף שטאָק. אויב ניט, אויב עס איז ניטאָ קיין האַרמאָניע, איז דאָ אַ מורא, אַז דער בנין וועט אײַנפאַלן.

אין זײַנע דראַמעס איז ער אַוועק אויפֿן וועג פון די גרויסע דראַמאַטיקער. למשל „הקדושים", יפתח", „מחנות מימי המקרא".

— ער איז איינער פֿון די גרויסע בעלי־אגדה אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. לייענט זײַנע „משלי קדומים". — לערנט מיט מיר זײַנער אַ חסיד.

יעקב כּהן איז געבוירן געוואָרן אין תּמוז 1881. ער איז דער זקן־המשוררים אין ארץ־ישׂראל. איידער איך בין געגאַנגען צו אים אויף אַ ברייטן שמועס, האָב איך זיך אַרײַנגעלייענט אין זײַנע שירים, אָפּגעפֿרישט מײַן זכּרון. מיר לעבן דאָך אַזוי אָפּגערוקט איינע פֿון די אַנדערע סײַ אין שטח און סײַ אין לשון.

— קומט אין דער פֿרי, האָט ער מיר געזאָגט אין טעלעפֿאָן, וועלן מיר האָבן גענוג צײַט...

ער וווינט אין תּל־אָבֿיבֿ. איך בין געגאַנגען צו אים דורך שטילע גאַסן. געוואָלט גיין צו פֿוס. אין מײַן זכּרון איז געווען זײַן פּאָעמע „שעת התּכלת". אין דעם נוסח, אויף דעם שטייגער און לשון האָט מען געשריבן פּאָעזיע אין די גרויסע ערשטע שרײַבערישע תּקופֿות. זײַן לשון־קודש איז ריין, סאַמע קודש. איך ווייס ניט, צי די סאַבּרעס פֿאַרשטייען אים. אַזוי האָט מען געשריבן בימי התּנ"ך, בימי יהודה הלוי, בימי ביאַליק — קלאָר ווי עס איז דאָס לויטערע וואַסער פֿון טיפֿן קוואַל. די ווערטער, די זאַצן — אויסגע־האַמערט פֿון דורות.

איך גיי איבער דער ערד פֿון ישׂראל און וויג זיך אין דער „שעה פֿון תּכלת", דער שעה פֿון בלויער וווּנדערשיינקייט איבער דער וועלט. „יעדע שעה פֿאַדערט האַרץ, יעדער האַרץ געפֿינט זײַן שעה — ווער קאָן גאָר אויסציילן די שעהען פֿון וווּנדערשיינקייט!.."

עס איז דאָ איין שעה, אַ שעה אַ גרויסע, אַ געהיימע. אַזוי זאָגט דער פּאָעט יעקב כּהן. דאָס גאַנצע האַרץ איז דעמאָלט אין יראהדיקער שטילקייט. עס קומט אַן אַנטפּלעקונג און עס לאָזט זיך אַראָפּ פֿון די הייכן, פֿון די בלויע הימלען, אַ נשמה־שוועסטער...

גיי איך אין דער מאָרגן־שעה איבער אַ שטילער ישׂראל־גאַס צום אַלטן העברעער, וועמענס שיר וועגן בלויען וווּנדער אין דער בלויער שעה וואַרעמט אַרום מיר, אַזוי ווי איך וואָלט געזען בחוש זײַן אויספֿאַנטאַזירטן הימלבילד.

עס איז אַראָפּ פֿון הימל אַ גרויסע נשמה, וואָס האָט ניט קיין דמות און האָט ניט קיין דמיון. און זי זאָגט צום משורר אַז אַ קול אַזוי:
— זע, מײַן זון, זע, אַז איך האָב דיך ליב. איך בין אַראָפּ צו דיר...

דערציילט דער פּאָעט, אַז ער האָט אין יענער שעה געטרונקען פֿון דער ספּיר־ליכטיקייט, פֿון ברכה־ליכט; אַז אין זײַן נשמה איז פֿאַרבליבן אויף גאַנצן לעבן זײַנעם די וווּנדערלעכע שײַן פֿון יענער רגע, געבליבן פֿאַרחתמעט מיט אַ הייליקער חתימה. עס איז געבליבן פֿאַרזיגלט אין אים איר סוד, דער סוד פֿון די הימלען אויף דער ערד. — אַזוי בין איך אַרײַן אין הויז פֿון בעל־הסוד. איך האָב דערזען דעם חשובֿן זקן מיטן ווײַסן

קאָפּ, אין ברילן מיט שוואַרצע ראַמען, בײַ זײַן גרויסן אַרבעטטיש, מיט רו און חשיבות אויף זײַן פּנים.

— שלום, יעקב כּהן! ..

מײַנע בליקן פֿאַרהאַלטן זיך בײַ זײַן גרויסן שרײַבטיש. אָרדענונג, געסדרט, זויבערקייט, פֿאַרשיידענע מכשירי־כּתיבֿה, פּאַפּיר, ביכער, זשורנאַלן. איך קוק אויף זײַן בהרחבֿהדיקן קאַבינעט — אַזוי האָבן אויסגעזען די אַרבעט־קאַבינעטן פֿון גרויסע שרײַבער, באַרימטע געלערנטע אין אייראָפּע. באַקוועמע שטולן אַרום זײַן טיש. פֿון ביידע זײַטן, איבער די ווענט, לאַנגע און הויכע פּאָליצעס מיט ביכער. בילדער אין גוטע ראַמען אויף די ווענט, גרויסע פֿענצטער, טירן צו ווײַטערדיקע צימערן אין הויז, צום קעגנאיבערדיקן גרויסן גאַסטצימער. פֿון אַ ווײַטן צימער דערטראָגט זיך אַ פּרויענשטים.

איך קוק צו די ביכער־פּאָליצעס — כּולו לשון־קודש, אַלטע און נײַע ספֿרים. דיקע אײַנבונדן, גאָלדענע אותיות; זאַמלביכער, זשורנאַלן. איך זע נים אויף די פּאָליצעס קיין ייִדישע ספֿרים. יאָ, יעקב כּהן איז דאָך געווען דער מאַן פֿון דער קעמפֿערישער „תּרבות"־באַוועגונג אין געוועזענעם פּוילן, די געוועזענע אַנטי־ייִדישיסטן־באַוועגונג. איך זע אָבער אויף זײַן טיש די ייִדישע חודש־שריפֿט פֿון משה גראָסמאַן, וואָס גייט אַרויס אין תּל־אָבֿיבֿ — „היימיש".

— איך לייען אים, — זאָגט ער מיר, זעענדיק מײַן פֿאַרוווּנדערונג — ער איז גאַנץ אינטערעסאַנט....

איך ווייס דאָך וועגן יעקב כּהן דעם עקסטרעמען העברעיִסט אין פּוילן און רוסלאַנד, דעם פֿירער פֿון די העברעיִש־פּויליש ברוידע־גימנאַזיעס אין לאָדזש. ער איז דאָך געווען דער אויפֿזעער איבער די לימודים אין די „תּרבות"־גימנאַזיעס, דער ראש פֿון דער „תּרבות"־באַוועגונג, וואָס האָט באַקעמפֿט די ייִדישיסטישע שול־באַוועגונג אין פּוילן — די ציש״אָ. איך בין געווען פֿאַרבונדן מיט ציש״אָ מיט לײַב און לעבן. געווען איר גענעראַל־סעקרעטאַר. איצט זיצן מיר איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן — פּוילן איז חרוב, ציש״אָ איז פֿאַרברענט, די העברעיִשע שול אין ארץ־ישׂראל האָט זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן; דאָס ביסל ייִדיש ראַנגלט זיך פֿאַרן קיום, נאָך דעם ווי די ייִדן זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן.

— ווי פֿילט איר זיך? — פֿרעג איך אים.

— ווי אַ ייִד אין ארץ־ישׂראל... — ענטפֿערט ער מיר.

איך דערמאָן זיך, אַז ער איז געווען אין פּוילן אין דער אָנפֿירונג פֿון זשאַבאָטינסקיס ציוניזם. איך וואַרף אַרײַן וועגן דעם אַ וואָרט.

— איך בין געקומען — זאָגט ער מיר — אין ארץ־ישׂראל אין יאָר 1934. איך געהער דאָ ניט צו קיין פּאַרטיי.

ער וויל דאָס מאַכן קלאָרער פֿאַר מיר:

— אַפֿילו זײַענדיק אין פּוילן בין איך אויך געווען אין ארץ־ישׂראל. אַז אַמתער ייִד איז שטענדיק געווען אין ארץ־ישׂראל.

וויל איך וויסן, ווי אים איז געגאַנגען אין די ערשטע יאָרן דאָ אין ארץ־ישׂראל.

— די ערשטע זיבן יאָר זײַנען געווען פאַר מיר זייער שווערע. עס איז פּשוט ניט געווען קיין פּרנסה.

ער האָט אין זײַן לעבן, סײַ אין חוץ־לאָרץ און סײַ אין א״י, אַ סך געאַרבעט, געלערנט, געשריבן — געשריבן פּאָעזיע, דראַמעס, געמאַכט איבערזעצונגען, געזאַמלט, רעדאַגירט.

— אַז מען אַרבעט, פֿילט מען דאָס לעבן...

אָט זע איך זײַנע ווערק. אָט איז אַ רשימה: לידערביכער וואָס זײַנען אַרויס אין די יאָרן תּרס״ג, תּרס״ה, תּרע״ג, תּרפּ״ח, תּר״פּ, תּרצ״ח. אָט זײַנען זײַנע ספרים — „הקדושים״, „חזון התשבי״, אַרויס אין וואַרשע אין תּר״פּ; זײַנע „חמש מגילות״, זײַן „ציון באזיקים״, אַרויס אין תּל־אָבֿיבֿ אין תּשי״א; זײַן בוך „פּגישות״, אַרויס אין תּשי״ב אין תּל־אָבֿיבֿ; זײַנע „משלי קדומים״, זײַן „מגלת אבשלום ושׂרה״, זײַן „ברכת בוקר״, שירי־ילדים, איבערזעצונגען פֿון געטעס „איפיגניה בטוריס״, „טורקבטו טסו״, „פאוסט״. די ערשטע איבערזעצונגען זײַנע זײַנען אַרויס אין וואַרשע. די לעצטע — אין תּל־אָבֿיבֿ. דער „יעקבֿ כּהן־יובֿל־קאָמיטעט״ אין ארץ־ישׂראל האָט אַרויסגעגעבן צוועלף ביכער פֿון אַלע זײַנע שריפֿטן, זײַן ליריק, זײַנע דראַמאַטישע סימפֿאָניעס.

וויל איך זיך בעסער פֿונאַנדערקלײַבן אין באַרג פֿון זײַנע שאַפֿונגען און איך פֿרעג אים:

— קאָנט איר מיר אָנרופֿן איינס אָדער צוויי פֿון אײַערע ווערק וואָס איר האַלט פֿאַרן וויכטיקסטן?

ענטפֿערט ער מיט אַ שמייכל:

— דאָס לעצטע וואָס איך שרײַב...

זײַן לעצט ווערק איז אַ היסטאָרישע דראַמע.

איך וויל עפּעס הערן וועגן זײַן שאַפֿונגס־פּראָצעס.

— איך האָב געשריבן לידער, ווי עפּעס אַ העכערער כּוח וואָלט געשטאַנען איבער מיר בײַם שרײַבן.

עס האָט געטראָפֿן, אַז ער האָט געענדיקט שרײַבן אַ פּרק און געפֿילט, אַז ער מוז זיך אָפּרוען פֿון דער שׂריפֿה וואָס האָט געברענט אין אים.

האָב איך געלייענט זײַן „חזון התשבי״? קען איך זײַן „ציון באזיקים״? וויים איך פֿון זײַן פּאָעמע „לקראת המשיח״?

— פֿון דער דראַמאַטישער סימפֿאָניע „לקראת המשיח״ שלאָגט מיט בענקשאַפֿט נאָכן גואל.

די בענקשאַפֿט נאָכן גואל געדענקט ער נאָך פֿון די קינדער־יאָרן.

— איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין קינד. פֿאַר נאַכט האָט גענומען די מאַמע אַ נידעריקן בענקל, אַנגעצונדן אַ ליכט, זיך געזעצט אויפֿן נידעריקן בענקל און געלייענט מיט אַ געבראָכענער שטים פֿון אַ דינעם ביכל... „מאַמע, וואָס טוסטו?״ — זי האָט מיך אַרומגענומען און דערציילט וועגן חורבן בית־המקדש, וועגן דער אויסשעכטונג פֿון קליינע קינדער...

לאָמיר גיין צוריק. לאָמיר אַ ביסל זיך אַ קער טאָן צו זײַן אָנהייב, צו דער ווײַטער און אויך נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט:

— עס איז אַן אָפֿענער בוך...

יעקב כהן איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סלוצק, אין ווײַס־רוסלאַנד, אין דער זעלבער שטאָט, וואָס י.־ד. בערקאָוויטש. פֿון דאָרט זײַנען זײַנע עלטערן אַריבער קיין פּוילן, קיין זגערזש ביי לאָדזש, ווען זייער זון יעקב איז ערשט אַלט געווען דרײַ יאָר. זײַן ערשטע בילדונג, ייִדישע און אַלגעמיינע, האָט ער דאָרטן באַקומען. זײַן פֿאָטער, ר׳ בנימין, איז געווען אַ פֿאַרמעגלעכער סוחר און אַ למדן. ער איז געווען אַ מנגן, געהאַט אַ גוטן עסטעטישן געשמאַק. ער האָט זיך באַמיט אײַנצוואָרצלען אין זײַן זון ייִדישקייט, פֿרומקייט, און אים געבן אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט אים אויך געהאָלפֿן אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרטן באַקומען העכערע בילדונג.

— געווען אַ יתום פֿון דער פֿריסטער יוגנט...

זײַן מוטער פּעסיע, פֿון דער היים וואַנדראָווסקי, איז געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר. דער טויט פֿון זײַן מאַמען, זײַן יתומישקייט, האָט זיך טיף פֿאַרקליבן אין אים אויף זײַן גאַנץ לעבן. ער האָט וועגן דעם געשריבן זײַן ערשט ליד.

ווײל איך וויסן, ווען עס איז געדרוקט געוואָרן זײַנס אַ ליד צום ערשטן מאָל.

— אין 1899, אין נחום סאָקאָלאָווס „ספר השנה״, אַ ליד וועגן יהודה המכבי.

ער האָט שטודירט אין אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט אַ צאָל יאָרן — אין בערן, אין מינכן, אין פּאַריז. זײַן „ד״ר פֿילאָזאָפֿיע״ האָט ער באַקומען אין בערן פֿאַר זײַן ווערק וועגן באַגריף „גאון״. ער האָט עס געשריבן אין דײַטש. היינע און גטעט זײַנען געווען זײַנע פּאָעטן.

לאָמיר שוין פֿאַרצייכענען עפּעס משפּחהדיקס:

— חתונה געהאַט אין יאָר 1921 מיט מרים, די טאָכטער פֿון חיים לעוויז, אַ סוחר. זי איז אַן אייניקל פֿון ר׳ שלום עפּשטיין, פֿון די פֿײַנע ייִדן אין לאָדזש.

עס זײַנען דאָ פּאָעטן, בעלעטריסטן, וואָס האַלטן, אַז אַ פּאָעט דאַרף נאָר זינגען, אַ בעלעטריסט דאַרף נאָר דערציילן, זיי דאַרפֿן שטיין אַן אַ

זייט פון געזעלשאַפטלעכער, פון פּאָליטישער, פון נאַציאָנאַלער אַקטיוויקייט. ער האָט ניט אַזוי געהאַלטן און ניט אַזוי זיך געפירט.

— אַ העברעיִשער פּאָעט — זאָגט ער — קאָן ניט זינגען שירה צוליב שירה. ער איז אַ משורר און אין דער זעלבער צייט אַ שטראָפער, אַ שליח־ציבור, אַ מורה־דרך, אַ נביא...

— ווי לאַנג זייט איר אַ ציוניסט? — פרעג איך אים.

— איך בין אַ ציוניסט — ענטפערט ער מיר — פון געבוירן אָן.

גלייך נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל, אין 1897, האָט ער זיך באַטייליקט אין גרינדן אין לאָדזש די אַגודה „בני־ציון". אַז ער איז געקומען שטודירן אין בערן, האָט ער זיך דאָרט אָנגעשלאָסן אין ציוניסטישן אַקאַדעמישן קרייז. ער איז געווען פאַרטאָן דער עיקר אין העברעיִשער קולטור, געווען אַקטיוו ביים אויפלעבן דאָס ריידן העברעיִש, „דוברי־עברית". אין בערן איז ער געווען דער גרינדער פון דער אינסטיטוציע „עבריה", וועלכע האָט פאַררופן אין האַג, האָלאַנד, אַ וועלט־קאָנפערענץ פאַר העברעיִש, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „הסתדרות פאַר דער העברעיִשער שפּראַך און קולטור" מיט אַ צענטראַלע אין בערלין. אין 1910 איז ער געווען אין בערלין דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר העברעיִש; פון 1913 ביזן אָנקום פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, איז ער געווען דער אָנפירער פונעם העברעיִש־צענטער.

ער איז אַריבער פון דייטשלאַנד קיין פּוילן. די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן און ער איז געוואָרן אַקטיוו אין די העברעיִשע גימנאַזיעס פון לאָדזש — אַ לערער, אַ דירעקטאָר, אַ הויפּט־אָנפירער, אַן אויפזעער.

— נאָך דער מלחמה איינגעלאָדן געוואָרן, דורכן באַרימטן געוואָרענעם פאַרלעגער פון העברעיִשע ביכער — שטיבל, קיין מאָסקווע.

ער האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין מאָסקווע. ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין קאָמוניסטישער סימפּאַטיקער. ניט געווען קיין פּלאַץ אין רוסלאַנד פאַר העברעיִשער קולטור, פאַרן העברעיִשן לשון. ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר ציוניזם. דאַרף מען גיין.

— צוזאַמען מיט דוד פרישמאַנען אַוועק פון רוסלאַנד צוריק קיין פּוילן. געקומען אין וואַרשע.

ער האָט געאַרבעט מיט לאַכאָווערן ביי דער „התקופה" און אַריבער ווידער צום העברעיִשן שולוועזן; געהאַלטן רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור־ און קולטור־פּראָבלעמען; געאַרבעט אין וואַרשעווער אינסטיטוט פאַר חכמת־ישׂראל; געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „תרבות"; באַטייליקט זיך אין צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן; געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער ציוניסטישער אָנפירונג פון פּוילן. אין 1926 געגעבן אַ האַנט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין, ווייל ער האָט אין אים געזען דעם קעמפער פאַרן אמתן ציוניזם.

זײַן נײַע לעבנס־תּקופֿה האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ער האָט פֿאַרלאָזן אייראָפּע און זיך באַזעצט אין ארץ־ישׂראל.

— שוין באַלד אַ פֿערטל יאָרהונדערט.

און אין ארץ־ישׂראל? — „התּקופֿה", „מוסד־ביאַליק", די כּנסת. געאַרבעט, געשריבן, געזאַמלט, רעדאַגירט, איבערגעזעצט, מיטגעאַרבעט מיטן „ועד־הלשון", מיט דער אַקאַדעמיע פֿאַר דער העברעיִשער שפּראַך, ווּ ער איז געווען וויצע־פּאַרזיצער, און פּען־קלוב.

און דער עיקר — געשריבן אייגענע פּאָעטישע ווערק, לידער, דראַמען.

ניט געקוקט אויף אַלע ביטערע דערפֿאַרונגען פֿון דער געשיכטע, האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זײַנע ווערק אַלגעמיין מענטשלעכע פּראָבלעמען, ניט דווקא ריין ייִדישע.

— גלייבט איר אַלץ אין דער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט? איך האָב געהערט, ווי אורי־צבֿי גרינבערג פֿאַרדאַמט די מענטשהייט.

— איך בין אַ מאמין אין דער מענטשהייט. — איז זײַן ענטפֿער.

ער גיט נאָך צו:

— מען קאָן ניט זײַן אַן אמתער ייִד און ניט זײַן אַ מאמין אין דער מענטשהייט. לא תוהו בראה!

ווי טרויעריק עס זאָלן ניט זײַן די דערפֿאַרונגען, ווי טיף עס זאָלן ניט זײַן די אַנטוישונגען, איז דאָך, אף על פּי כן:

— בין איך אַ מאמין אין מענטשן, אין דער מענטשהייט.

ער רעכנט אויס אַ ביסל טרויעריקע סך־הכּלען:

— ווען מען האָט אויסגעפֿונען דינאַמיט, זאָגט יעקב כּהן, האָט מען געמיינט: ווי באַלד אַזוי, וועט זײַן אַ סוף צו דער מלחמה. אַ מלחמה מיט דינאַמיט וועט דאָך אומברענגען די וועלט. מלחמות האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. פֿאַרקערט, מען האָט אויפֿגעבויט דעם אַעראָפּלאַן. איז מען ווידער געוואָרן זיכער — אַ סוף צו מלחמות! מען וועט דאָך מיט אַעראָ־פּלאַנען קאָנען אומברענגען מדינות. אַ טעות, מלחמות זײַנען שטאַרקער געוואָרן.

האָט מען זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז עס וועט אויפֿשטיין אַ סטאַלין? האָט מען געקאָנט טראַכטן, אַז עס וועט אויפֿשטיין אַ היטלער? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

עס איז מעגלעך געוואָרן. זיי זײַנען געקומען. זיי זײַנען געווען.

האַלטן מיר איצט בײַ אַן אַטאָם־מלחמה, בײַ הידראָגען־באָמבעס, בײַ גיפֿטיקע סמען.

— וואָלט מען דאָך געדאַרפֿט קומען צו אַן אויספֿיר, אַז באפֿס תּקוה. אויס מיט דער וועלט, אויס מיט דער מענטשהייט. אַזאַ אויספֿיר וואָלט געווען פֿאַלש. איך גלייב סוף כּל סוף אין דער מענטשהייט.

קיין אמתער שרײַבער שרײַבט ניט בלויז פֿאַר זײַן פֿאָלק, אָדער בלויז פֿאַר זײַן לאַנד. אַז מען שרײַבט פֿאַר ייִדן, אויב עס איז ווערטפֿול, שעפֿעריש, שרײַבט מען שוין אויך פֿאַר דער וועלט. עס וועט שוין דערגיין צו איר.

ער האָט געשריבן דראַמעס. ער האָט געשריבן היסטאָרישע דראַמעס. ער האָט גענומען היסטאָרישן שטאָף פֿאַר זײַנע דראַמעס פֿון פֿופֿצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט. עס זײַנען דראַמעס, וואָס מען וואָלט געקאָנט אויפֿפֿירן אין טעאַטער. מען האָט אָבער ביז איצט ווייניק פֿון זיי אויפֿגעפֿירט אין העברעיִשן טעאַטער אין ישׂראל.

— דאָס טעאַטער אונדזערס — זאָגט יעקבֿ כּהן גאַנץ שאַרף — זוכט בעסער איבערזעצונגען, געפֿינט פֿאַר זיך שטאָף אין די ניו־יאָרקער ענגלישע טעאַטערס.

איך פֿרעג געוואָר צו ווערן זײַן מיינונג וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל, זײַן מיינונג וועגן שרײַבער. ער האַלט זיך צוריק.

— איך וויל מײַן מיינונג ניט זאָגן וועגן די וותיקים. מיט ביאַליקן און שמעונין איז מען געווען ווי מיט ברידער, — זאָגט ער. ער איז נאָענט מיט זלמן שניאורן. מיט אַנדערע — ווייניקער.

קען ער אַמעריקע? ווייס ער עפּעס וועגן איר? וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע? וועגן ייִדישע שרײַבער?

ער דערציילט מיר, אַז אין 1948 איז ער געווען צו גאַסט אין אַמעריקע. ער האָט דאָרטן, אין די בראָנקס, זײַן שוועסטער אסתּר ראָט. זאָל איך טאַקע אָפּגעבן איר אַ גרוס פֿון אים. ער האָט זיך באַמיט צו וועקן אין אַמעריקע „חיבת שׂפת־עבר".

— זײַענדיק אין אַמעריקע, דערציילט ער מיר, בין איך פֿאַרווּנדערט געוואָרן פֿון דער דאָרטיקער ייִדישער ליטעראַטור. איך האָב געזען, אַז זי איז אַ סך רײַכער ווי איך האָב זיך פֿריִער פֿאָרגעשטעלט.

געדאַרפֿט זײַן אין אַמעריקע און דאָרט ערשט געוואָר ווערן וועגן דעם גרויסן ווערט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור... מאַד איך מײַן באַמערקונג אויף אַזאַ אופֿן:

— איך האָב שוין פֿריִער באַמערקט, אַז אויף אײַערע פּאָליצעס זע איך ניט קיין ייִדישע ביכער; אפֿשר זײַנען דאָ עטלעכע געציילטע.

— אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ — זאָגט ער מיר, ווי דאָס וואָלט זײַן זײַנס אַן אומדירעקטער ענטפֿער — האָט מען געוואָלט אַראָפּזעצן העברעיִש.

— אין טשערנאָוויץ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרויספֿירן ייִדיש פֿון קיך און אַרײַנפֿירן אין שטוב, זי זאָל זײַן ניט קיין שפֿחה.

דערמאָנט זיך יעקבֿ כּהן, וואָס לייוויק האָט געזאָגט אין זײַן שמועס מיט מיר, געדרוקט אין מײַן בוך „שמועסן מיט ייִדישע שרײַבער":

— ה. ליוויק האָט געזאָגט, באַמערקט ער, אַז יידיש, יידישע שרייבער האָבן מער ניט קיין יורשים. דאָס טוט וויי.

אַז יורשים!

ער האָט אָבער אַ טרייסט:

— דאָס גוטע פֿון דער ליטעראַטור וועט בלייבן לעבן, וועט האָבן זיין פּעולה, וועט אויך האָבן זיין המשך.

ער האָט נאָך אַ טרייסט:

— דאָס גוטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור וועט געראַטעוועט ווערן אין העברעיש. מען וועט עס איבערזעצן.

— מיר האַלטן ניט ביים אונטערגיין, ביים אויפֿגעבן און זיך דאַרפֿן ראַטעווען אויפֿן העברעישן אינדזל.

זאָגט ער:

— ביאַליק האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, אַז מיר טאָרן ניט אויפֿגעבן קיין זאַך. מיר זיינען ניט אַזוי רייך צו קאָנען עפּעס פֿאַרלירן. מען מוז אַלץ מאָביליזירן, צונויפֿנעמען.

אַזוי האָט געזאָגט ביאַליק. וואָס זאָגט יעקב כהן?

— עס דאַרף זיין אַ דערנעענטערונג צווישן דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור.

גייען מיר אַריבער פֿון די ליטעראַטורן צו דער מדינה, צו ארץ־ישראל. איך פֿרעג זיין מיינונג וועגן געשעענישן אַרום דער מדינה, וועגן אירע שווערע פּאָליטישע,ווירטשאַפֿטלעכע און קולטורעלע פּראָבלעמען, וועגן אירע אַראַבישע שכנים. ער גייט ניט אַריין אין פּרטים און מאַכט אַזאַ סך־הכּל:

— קיום פֿון ארץ־ישראל איז אַ מוז. עס קאָן שוין גאָר אַנדערש ניט זיין און עס וועט אַנדערש ניט זיין. קיום מדינת־ישראל לעולם ועד!

לאָמיר הערן ווי עס לעבט זיך אַ יידן אין ארץ־ישראל אונטער שווערע באַדינגונגען. זאָגט ער:

— פֿאַר מענטשן וואָס לעבן אין ארץ־ישראל איז אַ גליק.

כּדי צו מאַכן קלאָרער פֿאַר מיר דאָס גליק פֿון יידן אין מדינת־ישראל, גיט ער צו:

— זעט ווי גוואַלדיק עס זיינען אונדזערע דערגרייכונגען. זאָל מען אונדז נאָר ניט שטערן. לאָזט אונדז נאָר, לאָזט נאָר, וועט מען זען, וואָס פֿאַר אַ מדינה מיר וועלן דאָ אויפֿבויען.

— און די אַראַבער?

— אוודאי וועט עס נאָך אַזוי גלאַט ניט אָפּגיין. די אַראַבער וועלן פּרוּוון גיין אויף אונדז נאָך אַ מאָל? — פֿרעגט ער ווי זיך אַליין און ענטפֿערט: וועלן זיי האָבן נאָך אַ גרעסערע מפּלה.

ריידן מיר וועגן די מעגלעכע אייגנארטיקייטן פֿון מין ייִד אין מדינת־ישׂראל. זאָגט ער:

— איך האָף, אַז דאָ וועט מיט דער צײַט אויפֿוואַקסן און זיך אַנטוויקלען אַ העכערער מין ייִד.

ייִדן האָבן געוויזן אין משך פֿון צוויי טויזנט יאָר, אַז זיי קאָנען לעבן, אויסהאַלטן, זיך אַנטוויקלען אין צרות. וועלן זיי קאָנען זײַן ייִדן אויך אין רחבֿות.

— פֿאַר צרות דאַרפֿן מיר ניט זאָרגן. זיי וועלן ניט פֿעלן. הלוואי וואָס ווייניקער.

ער פֿאַרטרײַבט אומרויִקייט מיט איין קורצן זאַץ:

— איך בין אַ מאמין אין עתיד פֿון ישׂראל.

וואָס איז זײַן מיינונג וועגן קער צו פֿרומקייט אין ישׂראל, צו אָרטאָדאָקסיע?

— דאָס איז ניט קיין מאַסנדיקע דערשײַנונג. פֿרײַע ייִדן וואָס ווערן פֿרומע ייִדן זײַנען נאָר אַ יוצא־מן־הכּלל, זײַנען קוריאָזן. מען זוכט יאָ אַ נײַע פֿאָרם פֿון זײַן אַ ייִד. מען זוכט גײַסטיקע סטאַביליזאַציע.

ער גלייבט ניט, אַז מען וועט זיך אומקערן צו די אַלטע פֿאָרמען פֿון ייִדישקייט, וואָס זײַנען געווען באַרעכטיקט אין זייער צײַט. איצט איז שוין אַן אַנדער צײַט און לא זו הדרך.

ער ברענגט אַ משל פֿון אַ בוים:

— מיר זײַנען אַזאַ בוים וואָס לאָזט אַרויס פֿון צײַט צו צײַט אַ נײַעם צווײַג.

ער ליגט מיר פֿאָר צו לייענען זײַן דראַמע „אריאל". איך וועל דאָרטן געפֿינען באַריִרט פּראָבלעמען וואָס אינטערעסירן מיך. איך זאָל לייענען זײַנע „דברי משל וחזון".

— קוקט אַרײַן אין מײַנע ספֿרים.

דער ייִדישער שרײַבער אין גלות האָט געדאַרפֿט מלחמה האַלטן מיט פֿרעמדע, מיט גוייִשע שטראָמען, וואָס האָבן געוואָלט פֿאַרפֿלייצן דאָס ייִדישע גײַסטיקע לעבן מיט דרויסנדיקע בייזע כּוחות, מיט אַסימילאַציע, מיט קולטור־אַסימילאַציע, מיט שפּראַך־אַסימילאַציע, מיט שטייגער־אַסימילאַציע. דער שרײַבער אין גלות איז געשטאַנען אין ייִדישן לעבן און ער האָט ווייטאָגדיק געפֿילט, מיט פֿאַרצווייפֿלונג, אַז אָט וועלן די פֿרעמדע כוואַליעס פֿאַרגיסן, פֿאַרפֿלייצן, צעשטערן.

אַנדערש איז דאָס געפֿיל בײַם ייִדישן שרײַבער אין מדינת־ישׂראל. הגם ער זעט געוויסע פּראָבלעמען, געוויסע שוועריקייטן, אָבער ער האָט דאָס געפֿיל פֿון זיכערקייט אין ייִדישן זײַן. ניטאָ קיין דרויסנדיקע אַסימילאַציע. ער דאַרף זוכן כּוחות אין זיך. ער דאַרף זוכן כּוחות אין זײַן פֿאָלק, אין די

ייִדן גופֿא. וואָס טיפֿער, וואָס עכטער ער וועט זײַן, אַלץ שטאַרקער, אַלץ פּרוכפּערדיקער, אַלץ פּעולההדיקער. מען מוז האָבן דעם שרײַבער. אַז אים וועט מען ניט קאָנען בויען גײַסטיק דאָס פֿאָלק.

עס האָבן דאָך אָבער טענות די שרײַבער, אַז די מדינה פֿאַרקוקט זיי, שטופּט זיי אָפּ, רעכנט זיך ניט מיט זיי.

אפֿשר זײַנען עס טאַקע גערעכטע טענות. זאָכן ענדערן זיך, מוזן זיך ענדערן.

דער ווײַסקאָפּיקער פּאָעט קוקט זיך אַרום אין זײַן צימער, קוקט אַרויס דורך זײַנע פֿענצטער. ביימער שטייען אין דרויסן און קוקן אַרײַן אינע־ווייניק. ער זאָגט מיר אַ פּאָר ווערטער און איך ווייס ניט געווי, צי זאָגט ער זיי סתם אַזוי און צי ער וויל מיט די פּאָר געציילטע ווערטער מאַכן אַן אויספֿיר:

— אַרום איז ארץ־ישׂראל...

מיר זעגענען זיך. ער לייגט מיר פֿאָר קומען צו אים פֿרײַטיק צו נאַכטס צו דער שבתדיקער סעודה. עס קומען אורחים צו זײַן טיש. זאָל איך זײַן אויך זײַן שבת־אורח. דערצו — עס איז נאָך דאָ אַ סך וועגן וואָס צו שמועסן.

און טאָמער האָב איך פֿריִער ניט גוט געהערט זײַנעם אַ זאָג, אָדער טאָמער האָב איך שוין פֿאַרגעסן, זאָגט ער עס מיר נאָך אַ מאָל:

— עס איז אַ גליק צו לעבן אין ארץ־ישׂראל.

דערמאָן איך זײַן ליד „מול היער" — בילדער און שטימונגען פֿון אַ מאָל, פֿאַרן דריטן חורבן. דער שבת גייט אַוועק און מיט אים די שבת־רו און דער שבת־קודש. פֿרויען שפּאַצירן פּאַמעלעך. שכנים זיצן אויף די פּריזבעס. שלש־סעודות, זמירות טראָגט זיך פֿון די ייִדישע פֿענצטער, שטימען פֿון ייִדישע קינדער, וואָס שפּילן זיך, לויפֿן אום, יאָגן זיך.

די שבת־פֿאַר־נאַכט־אידיליע אין קליינעם שטעטל פֿון אַ מאָל!

בלעטער איך אויף זײַן ליד „עוף החול" — אַ ליד וועגן די ייִדן די „גורי־אריות", די טיגערס פֿון די געדיכטעניש פֿון די וועלדער, די נײַע בחורי־ציון, די פֿלאַמיקע יונגען, וואָס טראָגן זייערע נשמות ווי זונען אין זיך און זײַנען זיך מקריבֿ פֿאַר דער פֿרײַקייט פֿון פֿאָלק, פֿאַר זײַן אויס־לייזונג, אויפֿצוהייבן דעם דגל־ישׂראל ביז די הימלען פֿון ציון.

— איז מען דאָך געקומען פֿון „מול היער" צום הר סיני...

◆

צײַט צו זעגענען זיך. אפֿשר וועלן מיר זיך באַגעגענען נאָך אַ מאָל און ווײַטער שמועסן און מאַכן אַ ביסל סך־הכּלען?

— שלום, יעקבֿ כּהן!

— שלום וברכה!

איך האָב געלאָזן דעם גרײַזגרויען פּאָעט בײַ זײַן אַרבעטטיש. אין דער רגע פֿון געזעגענונג האָב איך געזען זײַן מהלך: דאָס קליינע ייִנגעלע פֿון סלוצק, מינסקער גובערניע, ווײַסרוסלאַנד, דער יונגער ייִד אין דער פֿאַבריקשטאָט זגערזש הינטער לאָדזש, דער ציוניסט פֿון דער אגודה „בני־ציון" גלײַך נאָכן ערשטן באַזעלער קאָנגרעס, דער „דובר עבֿריתניק" אין לאָדזש, דער ציוניסטישער סטודענט אין בערן, דער העברעיִש־סעקרעטאַר אין בערלין, דער לערער אין די העברעיִש־פּוילישע גימנאַזיעס פֿון פּוילן, דער קעמפּנדיקער, קנאַידיקער „תּרבותניק", דער אידעען־פֿרײַנד פֿון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין און איצט — אַ פֿערטל יאָרהונדערט אין ארץ־ישׂראל, שרײַבט נײַע ווערק, שרײַבט דראַמעס. די שטורעמס האָבן זיך אײַנגעשטילט. איז באַלאָדן מיט העכסטע אויסצייכענונגען פֿאַר פּאָעזיע, רעדט מיט גרויס דרך־ארץ וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און ער זינגט אויס אין זײַן פּאָעמע:

— עס וועט ברייטער דאָס האַרץ צו הערן די קולות פֿון פֿאָלק, צו הערן דעם געוויש פֿון לעבן אונטער דער שײַן פֿון דער זון אין לאַנד וואָס ווערט אויסגעלייזט.

איצט איז שטיל אין זײַן צימער. שטיל אַרום טיש פֿון זקן־הפּאָעטן. סײַדן עס ריידן די ספֿרים פֿון די פּאָליצעס.

◆

איך האָב פֿאַרזיכערט יעקבֿ כּהנען, און אויך אַנדערע „שמועסער", אַז איך וועל אַלץ טאָן, וואָס עס איז נאָר אין מײַן כּוח, אַרויסצוברענגען זייערע געדאַנקען און שטימונגען, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין מיר.

ד ב̄ ס ד ן

אַ ליטעראַטור־קריטיקער,

אַ בעלעטריסט, אַ פּובליציסט, אַ פאָרשער, אַ הומאָריסט, אַ מוראַדיקער בעל־זכּרון, אַ בקי און חריף, אויסגעבונדן מיט אַלע יידישע יצירות און ענינים, שפּרודלט מיט ענערגיע, מיט פאַנטאַזיע, מיט אײַנפאַלן, מיט פּלענער — אַ לבֿנהלע, וואָס פליט איבער די יידישע וועלטן, זיצנדיק אויפֿן שטול פון דער יידישער קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט: דבֿ סדן.

— יידישער פאָלקלאָר מיינט ניט פון איין לאַנד. מען דאַרף נעמען די גאַנצע יידישע מאַפּע... — האָט געזאָגט דבֿ סדן, ווען ער האָט אויפֿגעבויט פאַר אונדז אין ירושלים, פאַר אונדז, אַ גרופּע פאַראינטערעסירטע אין פאָלקלאָר, מיט דעם גאַמבינער רבֿ ר׳ יהודה־לייב זלאָטניק בראָש, זײַן רעפעראַט וועגן יידישן פאָלקלאָר.

די גאַנצע יידישע מאַפּע, די גאַנצע יידישע וועלט, די גאַנצע יידישע געשיכטע, די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, ביידע אונדזערע שפּראַכן — דאָס איז דער ים פון וויסן, איבער וועלכן עס שווימט דער געניטער שווימער, דער וווּנדערלעכער בעל־זכּרון דבֿ סדן, דער יידיש־פּראָפעסאָר אויפֿן העברעישן לשון.

נידעריק געוואַקסן, קליין און דאַר, רירעוודיק ווי קוועקזילבער, מיט אַ חכמהדיקן שמייכל אויפֿן פּנים — אַזוי האָב איך אים געזען סײַ אויף טריבונעס סײַ בײַ זײַן טיש סײַ בײַם שפּאַציר, אַזוי אויך אין אויטאָבוס, אין פאַרלויף פון די וואָכן, וואָס איך האָב אים געזען אין ירושלים.

בײַ אים איז אַלץ פּינקטלעך, אַקוראַט. אַלע נאָטיצן, אויסשניטן, פּאַפּירן און פּאַפּירלעך, פאַרצייכענונגען — אין בעסטער אָרדענונג. סאָרטירט, פונאַנדערגעלייגט אין קאָנווערטן, איבערגעבונדן אין באַזונדערע פּעקלעך. און ער קאָן גיך און גענוי פעסטשטעלן, ווו עס געפינט זיך יעדעס פּאַפּירל צווישן טויזנטער אַנדערע. ער ווייס און געדענקט אַלץ, אַלץ אויף אויסנווייניק.

— מײַן פּראָבלעם איז ניט ווי אַזוי צו געדענקען, — האָט ער מיר געזאָגט — נאָר ווי אַזוי צו פאַרגעסן דאָס וואָס מען מעג ניט געדענקען.

איך האָב געקוקט אויף זײַן קליינעם, זשוואַון, לעבעדיקן קאָפּ און האָב געהאַט איין וואָרט אים צו באַצייכענען:

— גאַליציאַנער עילוי.

— לאָמיר קודם־כּל פֿאַרשרײַבן אויפֿן פּאַפּיר אײַער אָפּשטאַם. — האָב איך אים פֿאַרגעלייגט.

— אַדרבא. איינס און צוויי. נעמט אַ פֿעדער און שרײַבט.

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 21סטן פֿעברואַר 1902 אין זײַער משפּחה־היים, וואָס האָט געהאַט געהערט צו ר׳ גרשון קיטיווער, דער שוואָגער פֿון בעל־שם־טוב. זײַן פֿאָטער האָט געהייסן חיים־צבֿי הכּהן שטאָק, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ר׳ יוסף־משה שפּירא, דער זלאָזיצער מגיד, דער מחבר פֿון „ברית אַברהם“, אַ פּירוש אויף תּורה און מגילות, דער מחבר פֿון אַ פּירוש אויף דער הגדה של פּסח, אַ תּלמיד פֿון דעם גרויסן רבין ר׳ בער, דעם מעזריטשער מגיד, און פֿון ר׳ מיכל פֿון זלאָטשעוו. זײַן זיידע האָט אויך געהייסן ר׳ יוסף שפּירא. ער איז געווען אַ בעלזער חסיד, אַ שוחט אין כּמה קהילות. געווען איינער פֿון די עלטסטע בעלזער חסידים. סוף ימיו איז ער אַוועק קיין ירושלים.

פֿאַרלאָזט זיך ניט דבֿ סדן, וועלכער האָט, לויט אַ פּירוש פֿון רש״יז, געענדערט זײַן פֿאַמיליע־נאָמען פֿון דײַטש־ייִדישן שטאָק אויפֿן העברעיִשן סדן, און פֿאַרשרײַבט אַליין מיט זײַן פֿעדער בײַ מיר אין נאָטיצן־ביכל דעם נאָמען פֿון זײַן עלטער־זיידן: „ר׳ יוסף משה המגיד מזלאָזיץ“.

— פֿאַראַן מענטשן וואָס געדענקען נאָר טאַטע־מאַמע. צום ווײַטסטן — זיידע און באָבע. אָט די מענטשן דאַרפֿן זיך פֿילן אָפּגעריסן פֿון דורות, ווי אָראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל.

דבֿ סדן שטעקט אין דורות און דורות. ער געדענקט זיי אויסנווייניק. און ווי ער וואָלט זיך נעכטן מיט זיי באַגעגנט.

— מײַן טאַטע איז געווען אַ איש בינה, אַ איש שירה.

איך האָב אַ געפֿיל, ווי אַרום אים וואָלט תּמיד געווען זײַן גרויסע, פֿיל־פֿאַרצווײַגטע, טיף פֿאַראַנקערטע משפּחה: זיידעס, עלטער־זיידעס, באָבעס, פֿעטערס, מומעס. און אָט איז ר׳ חיים־הערש שוחט, דער גיבור אין דער משפּחה, וואָס איז שמחת־תּורה, פֿון גרויס חדווה און הוליאַנקע, אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גראָבן, אַז מען האָט געדאַרפֿט האָבן צוויי אָקסן אים אַרויסצושלעפּן.

ווען ר׳ חיים־הערש איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר, איז „געפֿאַלן אַ חשד“, אַז ער האָט שוין מער ניט זיכער דעם חלף אין האַנט, זײַן האַנט מוז זיך שוין טרייסלען בעת דער שחיטה. האָט מען אים אויספּרובירט. מען האָט געשטעלט אויף זײַן אויפֿגעעפֿנטער האַנט אַ פֿולע גלאָז מיט וואַסער, זאָל מען זען, צי זײַן האַנט וועט זײַן אַזוי פֿעסט און רויִק, אַז עס וועט זיך ניט אויסגיסן אַ טראָפּן. ער האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן: קיין טראָפּן

האָט זיך ניט אויסגעגאָסן. יענעם טאָג פֿאַר נאַכט גייט ער אַרײַן אין שעכט־הויז און זעט, ווי יונגע שוחטים מאַטערן זיך מיט אַ ביקל, קאָנען אים ניט אָנוועקלייגן צו שחיטה. „גייט אַוועק!" — האָט ער צו זיי אַ געשריי געטאָן און איינס און צוויי אַ נעם געטאָן דעם ביקל און אים אַוועקגעלייגט. זאָלן די יונגע שנעקעס זען!

נאָך דעם ווי ער האָט באַוויזן די גבֿורה, האָט ער זיך פֿון דעסט וועגן אָפּגעזאָגט פֿון שחיטה. ווי באַלד מען האָט אים געקאָנט נעמען צו אַ פּרוּוו, איז ער אויס שוחט.

זײַן זיידע ר' יאָסיע — דערמאָנט ער זיך — האָט ניט געלאָזט אײַנ־נייען קיין קעשענעס אין זײַנע בגדים. מחמת וואָס? אַז עס זײַנען דאָ קעשענעס, לייגט מען אין זיי אַרײַן געלט, און אַז עס איז דאָ געלט אין די קעשענעס, איז דאָ אַ סכּנה צו באַגיין עבֿירות. אויס קעשענעס — אויס עבֿירות.

די באָבע פֿלעגט דערציילן, אַז דער זיידע פֿלעגט אָפּט קומען פֿון מרחץ אָן אַ העמד. ער האָט עס דאָרטן עמעצן אַוועקגעגעבן, ווײַל ער האָט דאָך געהאַט אַן אַנדער העמד אין שטוב.

— ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז ער האָט אין שטוב אַן אַנדער קאַפּאָטע, וואָלט ער די קאַפּאָטע אויך אַוועקגעגעבן.

צו זײַן זיידן ר' בערל, וועמענס נאָמען דבֿ סדן טראָגט, האָט אַזוי געזאָגט זײַן מחותּן פֿאַרן אַוועקגיין קיין ארץ־ישׂראל:

— גיט מיר אַוועק אײַער קאַפּעליוש. אַז מען שטייט בײַם כּותל־מערבֿי, טאָר מען ניט מתפּלל זײַן פֿאַר זיך אָדער פֿאַר אַן אַנדער יחיד, נאָר פֿאַרן כּלל־ישׂראל, פֿאַר דער גאַנצער קהילה. ווײַל איך אַנטאָן אײַער קאַפּע־ליוש, אויפֿהייבן די הענט בײַ דער תּפֿילה און אים אָנרירן, וועל איך זיך אין אײַך אָלעמען דערמאָנען און אײַך מוציא זײַן מיט דער תּפֿילה.

די משפּחה איז אַן אָפּשטאַמיקע פֿון בראָד, און וועגן בראָד זײַנען דאָ אַ סך מעשׂיות און ווערטלעך. בראָד איז אײַנגעפֿלאָנצט אין ייִדישן פֿאָלק־לאָר. דבֿ סדן קען דאָס אַלץ אויף אויסנווייניק:

— „נעבעך אַ בראָדער." „בראָדער נאַראָנים." „פֿאַרפֿאַלן ווי אין בראָד." „לאָזט מיך רופֿן דורכן בראָדער שמש." „וויפֿל קאָסט אַ ספּאָדיק אין בראָד?" „אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד." „בראָד בגימטריא זר (= אַ פֿרעמ־דער)." „בראָד בגימטריא אור (= ליכט)."

ייִדישע פֿאָלקסלידער, ייִדיש טעאַטער זײַנען פֿאַרבונדן מיט זײַן שטאָט בראָד. אין דער „רויטער קרעטשמע" פֿון זײַן זיידן האָבן געשפּילט די „בראָדער זינגער". פֿון בערל בראָדער און זײַן קאַפּעליע (ראָשע דער נייטאָ־רינגס, ירוחם פּיצעלעס) ציט זיך דער שנור ביז וועלוול זבאַרזשער, ביז אבֿרהם גאָלדפֿאַדען.

— אָבֿותי און אָבֿות־אָבֿותי זײַנען אין דער „רויטער קרעטשמע" געזעסן הונדערט יאָר.

פֿון זלאַזיע אין גאַליציע ביז די הרי־ירושלים, צווישן וועלכע עס שטייט היינט דאָס קליינע הויז פֿון דב סדן, איז פֿאַר אים גאַרניט אַזאַ ווײַטער מהלך. ער וווינט זעקס קילאָמעטער פֿון דער אַראַבישער גרענעץ. אין דעם אָרט איז געווען אַ מאָל אַן אַראַבישער דאָרף. היינט איז דאָרטן דער „שכון הוותיקים". דב סדן איז אויפֿגענומען געוואָרן ווי איינער פֿון די „וותיקים" צו קויפֿן אַ הויז אין דער שכונה. אין דער סביבה וווינען אויך תּימנער ייִדן, קורדישע ייִדן. זײַן הויז באַשטייט פֿון צוויי שטאָק, פֿיר צימערן. מען האָט געדאַרפֿט פֿאַר דעם האָבן זעכצן טויזנט פֿונט, טייל מזומן, טייל אויף אויסצאָלן. דב סדן ווייס די ציפֿערן גענוי און איך פֿאַרשרײַב זיי אַזוי אין מײַנע נאָטיצן. די אומגעגנט פֿאַרכאַפּט די פֿאַנטאַזיע. שיינקייט, דערהויבנקייט אַרום און אַרום. דאָ פֿלאַטערט מיט ייִדישער געשיכטע, בערג, הימל, אין־סוף. אַרץ ד', פּלאַי־פּלאָים. די געגנט איז ווי מן־הצד פֿון ירושלים דער שטאָט. מען דאַרף פֿאָרן אַהין צו מיט איין אויטאָבוס, מיט אַ צווייטן. ווען איך בין אַראָפּ פֿון אויטאָבוס און האָב געפֿרעגט די ייִנגלעך אויף דעם פֿרײַען שטח אַרום:

— ווו איז דאָס הויז פֿון דב סדן?

— הסופֿר? — האָט אַ ייִנגל אַ געשריי געטאָן, און מיט אים, צוזאַמען מיט מיר, האָט זיך געלאָזט אַ כאַפּטע ייִנגלעך מיר צו ווײַזן דאָס „בית הסופֿר דב סדן הפּרופֿיסור".

אונטן, אויפֿן ערשטן שטאָק, איז די היים. איך באַקען זיך דאָרטן מיט זײַן פֿרוי — פֿרײַנדלעך, חבֿריש. זי ווייס דעם ציל פֿון מײַן קומען. איר מאַן, דב סדן, איז אויבן, אויפֿן צווייטן שטאָק.

דער צווייטער שטאָק באַשטייט פֿון איין גרויסן אַרבעט־צימער, בהרחבֿהדיק, הגם דער סופֿיט איז ניט הויך. פֿענצטער אַרום און אַרום. אַרץ־ישׂראל איז אין יעדן פֿענצטער, ירושלים און אירע בערג. אויף די ווענט — פּאָליצעס מיט ביכער אָן אַ סוף. פֿאַרשיידענע שפּראַכן — העברעיִש, ייִדיש, פּויליש, דײַטש, ענגליש.

— ניט בײַ צו פֿיל שרײַבער אין ישׂראל האָב איך געפֿונען אַזוי פֿיל ייִדישע ביכער ווי בײַ אײַך. — זאָג איך צו אים.

דאָס איינציקע בילד אין שטוב — אַן אומבאַקאַנטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון ביאַליקן.

מיר ריידן וועגן געשטאַלטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. מיר ריידן וועגן דעם מוזיקער פֿעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי. ער ווייס אַ סך וועגן אים צו דערציילן. ער רעדט וועגן יחיאל־מיכל גוזיקאָוו, אַ שקלאָווער ווירטואָז, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן זײַן בוך „המנגן המופֿלא". אַט דער מנגן איז דורכגעפֿאָרן אַלע גרויסע שטעט אין אייראָפּע. זײַנע קאָנצערטן האָבן אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם. אין דרעזדן האָט אים געהערט מענדעלסאָן־באַרטאָלדי און האָט געשריבן באַגײַסטערט וועגן אים. אַט דער אויס־

טערלישער גרויסער מנגן האָט געשפּילט אויף אַ האַלצשטרויענעם פֿידל. נאָך דעם ווי עס איז אַרויס סדנס בוך וועגן אים, האָט מען אָנגערופֿן אין תּל־אָבֿיבֿ אַ גאַס אויפֿן נאָמען פֿון דעם כּלי־זמר גוזיקאָוו.

וועגן זיך אַליין דערציילט דבֿ סדן, אַז זײַן שטיפֿמאַמע האָט געוואָלט, אַז אויב ער וועט ניט זײַן קיין רבֿ, זאָל ער כאָטש זײַן אַ ראַבינער. „עס איז טאַקע אין מײַנע קינדערשע יאָרן געווען מײַן אידעאַל צו זײַן אַ ראַבינער." — זאָגט סדן.

פֿון זײַנע קינדער־יאָרן דערציילט ער מיר אַזאַ פֿאַל: „מיר זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון אַ קליין שטעטל גלינע קיין לעמבערג אויס מורא פֿאַר דער אָנקומענדיקער צאַרישער אַרמיי. אַ גוי האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, גענומען אַ סך געלט און געפֿירט אונדז אויף זײַן פֿערד־און־וואָגן. אויפֿן וועג האָט מען דערהערט קאַנאָנען־דונערן. האָט זיך דער גוי געוואָלט אומקערן. די פֿעטערס האָבן צו אונדז, קינדער, געזאָגט: „זינגט, קינדער, וועט דער גוי ניט הערן." „די קאַנאָנען האָבן געדונערט און מיר, קינדער, האָבן מיט אַלע כּוחות געזונגען. אָט די איבערלעבונג — מיט געזאַנג פֿאַרשטומען די קאַנאָנען — איז פֿאַר מיר געוואָרן סימבאָליש אויף מײַן גאַנצן לעבן."

קומט אַרויף אונדזער שמועס אויף ייִדישע שאַפֿונגען פֿון 19טן יאָר־הונדערט. דבֿ סדן וואַרפֿט מיט נעמען פֿון גרויסע מײַסטערס — געלערנטע, פּאָעטן, מוזיקער, שאַכשפּילער, פֿאַרשער פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט. איך באַקום אַ בילד וועגן דער באַציִונג צו ייִדן אין דער דײַטשער ליטעראַטור. ביז ער טוט אַ שפּרונג איבער די יאָרן און קומט צו זיך אַליין:

אין 1928 און 1929 האָב איך געאַרבעט ווי אַ חלוץ אין דײַטשלאַנד, אין וועסטפֿאַלן. געאַרבעט אין אַ הכשרה־פּונקט. מען האָט זיך דאָרטן געגרייט פֿאַר ארץ־ישׂראל.

דבֿ סדן קאָן זייער גוט דײַטשלאַנד, די געוועזענע דאָרטיקע ייִדישע קהילות, ווייס אַן אַ סוף פֿאָלקלאָריסטישע מעשׂהלעך און ווערטלעך פֿון יענער ווײַטער צײַט, קען אַ סך משפּחה־געשיכטעס פֿון דײַטשע ייִדן, ווייס אויסגעצייכנט די געשיכטע פֿון די דײַטש־ייִדישע באַציִונגען, פֿון דעם אויפֿשטײַג פֿון נאַציזם אין דײַטשלאַנד, די בילבולים פֿון האָסן־חרפּה. מיר פֿאַרגעסן ביידע דעם ציל פֿון מײַן קומען צו אים: אַז איך וויל גאָר שמועסן מיט אים וועגן אים אַליין, וועגן זײַנע שאַפֿונגען, וועגן זײַנע מחשבֿות; וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז גאָר פֿאַרקראָכן מיט מיר אין דײַטשלאַנד, אין דײַטש־ייִדישן פֿאָלקלאָר, אין דײַטשן פֿאָלקלאָר, צו דער פֿאַרכאַפּנדיקער מעשׂה וועגן דער לעצטער לוויה פֿון אַ ייִדן אין אַ דײַטשן דערפֿל, אויף וועלכער עס איז נאָך געווען אַ לעצטער ראַבינער אין אַ צילינדער. מיר זײַנען אויך טיף פֿאַרפֿאָרן העט־העט אין דרײַצנטן יאָר־הונדערט.

— דבֿ סדן, — לייג איך אים פֿאָר — לאָמיר גיין צוריק צו אײַער געבוירן־שטאָט.

באַפּט ער זיך מיט מיר אַראָפּ אין בראָד, גאַליציע, צו זײַן באַבעס אין הויז, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דער גרויסער שול, און קערט זיך אום צום עלטער־זיידן, דעם מחבר פֿון „ברית אַברהם" און „באר מים". ער איז תּחילת געווען אַ מלמד, איז אָבער הייזעריק געוואָרן פֿון מלמדות, האָט ער געפֿרעגט דעם זלאָטשעווער מגיד ר' יחיאל־מיכל, וואָס ער זאָל טאָן צו האָבן חיונה פֿאַר ווײַב און קינדער.

— ווער אַ מגיד! — האָט ער אים געזאָגט.

האָט ער ניט געפֿרעגט קיין קשיות און זיך געלאָזט אויף דער מדינה. נאָך אַ ביסל יאָרן האָט ער זיך געקלאָגט:

— איך האָב ניט קיין כּוח צו שטיין.

זאָגט אים ר' יחיאל־מיכל:

— טאָ ווער אַ „פּיעכאָטנער" מגיד.

אַזוי איז ער געוואָרן אַ פּיעכאָטנער מגיד און געקומען ביז מאָלדעווע. פֿאַרטײַטשט פֿאַר ייִדן חומש מיט רש"י. „אַז ער איז געקומען אויף יענער וועלט, איז געווים רש"י אים געקומען אַנטקעגן, ווײַל ער האָט אים מתרץ געווען בקושטא."

— מײַן עלטער־זיידע, — דערציילט דבֿ סדן — נאָך וועלכן איך הייס, ר' בערל שטאַק, איז געווען אַ קײַלעכדיקער יתום און אַ קאַטלער פֿון פֿאַך. ער האָט קוים געקאָנט דאַוונען צו דער חתונה. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון ר' יוסף־אלקנה, אַ זון פֿון זלאָזיצער מגיד. מײַן עלטער־זיידע בערל האָט נאָך דער חתונה געלערנט חומש מיט רש"י בײַ אַ מלמד עד סוף ימיו. פֿון אַ קאַטלער איז ער געוואָרן אַ שענקער, פֿון אַ שענקער — אַ מילנער. ער איז געשטאָרבן אַ זקן אַ גרײַזגרויער און איז דעמאָלט געווען גאַנץ רײַך.

בערל שטאַק האָט געהאַט דרײַ זין תּלמידי־חכמים. איינער פֿון זיי איז געווען ר' יוסף־משה, דעם טאַטנס טאַטע. דער טאַטע האָט געהאַט כּמה פּרנסות: געווען אַ רײַזנדער, אַ שענקער, אַ תּבֿואה־סוחר. אויסגעווען מדינות; אויסגעווען גאַנץ אייראָפּע און האַלב אַזיע. ליב געהאַט טעאַטער. אויך געווען אַ גוטער משׂכּיל, אַ גוטער שאַכשפּילער. אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער מגולגל געוואָרן אין רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט, תּחילת אין סיביר און שפּעטער אין טאַשקענט.

אַזוי לויפֿן מיר אַרום אין אונדזער שמועס איבער דער משפּחה־בראַניק פֿון דבֿ סדן. ער שילדערט זייער טרעפֿלעך וויכטיקע מיטגלידער פֿון זײַן משפּחה, שילדערט די סבֿיבֿה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, און זאָגט מיר אַזוי:

— מײַן טאַטע איז געשטאָרבן אין ארץ־ישׂראל מיט דרײַ און צוואַנציק יאָר צוריק. איך האָב אין ארץ־ישׂראל אַ שוועסטער מיט דרײַ ברידער, וואָס האָבן קינדער און אייניקלעך.

זיַין זכּרון טראָגט זיך אָבער צוריק צו זיַינע קינדער־יאָרן און איך הער אַזוי:

— ביז אַכט יאָר האָב איך געוווינט אין בראָד. שפּעטער — אין דערבײַיִקן סטאַרע־בראָד. בראָד איז געווען דורכויס אַ ייִדישע שטאָט. ניט־ייִדן זיַינען געווען בלויז די באַאַמטן און די שבת־גויִים און די וואָס זיַינען געקומען זונטיק אין צערקווע.

ער האָט אָנגעהויבן שריַיבן, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, אַרום ניַין יאָר. ער האָט ליב געהאַט בדחנים. ער געדענקט גוט פֿון זיַינע קינדער־יאָרן אַז אַרעמאַן אַ גראַמען־זאָגער, און ער האָט מיר וועגן אים צו דערציילן. ער געדענקט אויך דעם לעצטן פֿון די „בראָדער זינגער", אַ חוזר בתשובֿה.

אין 1914 האָט ער געשריבן אַ ליד אויף פּויליש — וועגן דער מלחמה. אין דער שול, ווו ער האָט געלערנט, זיַינען געווען גלײַכוואַגיק צוויי שפּראַכן —דײַטש און פּויליש. פֿון דער שול איז ער אַריבער אין דער בראָדער גימנאַזיע. דערמאָנט ער זיך:

— ווען איך האָב דאָרטן געלערנט אין ערשטן פּוילישן קלאַס, איז דער הײַנטיקער ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער געווען אין אַכטן דײַטשן קלאַס. שפּע־טער, אין דער לעמבערגער גימנאַזיע, געדענק איך באַזונדערס די השפּעה פֿון מיַין לערער טאַדעוש פּיני, אַ פֿאָרשער פֿון מיצקעוויטשן, און פֿון מיַינע לערערס מאיר באַלאַבאַן און טעאָפֿיל עמיל מאָדעלסקי.

שטייט פֿאַר זיַינע אויגן לעבעדיק די גימנאַזיע, די חבֿרים, און אין גימנאַזיע זיַין לערער טאַדעוש פּיני, און באַזונדערס די באַגײַסטערונג פֿאַר מיצקעוויטשן. ער אַליין, סדן, האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט זיַין פּוילישן סטיל. זיַינע שולאַרבעטן האָט מען פֿאַרגעלייענט אויף לערער־קאָנפֿערענצן.

— איך האָב אין דער לעמבערגער גימנאַזיע געפֿירט אַ פֿאַראייניצלטן קאַמף קעגן שריַיבן אום שבת.

ער האָט אָנגעהויבן איבערזעצן פֿון העברעיִש אויף פּויליש. איבער־געזעצט שאַפּמאַנען. אין דער זעלבער ציַיט האָט ער געדרוקט אויף ייִדיש אין „לעמבערגער טאָגבלאַט", די ערשטע זאַך — אַן איבערזעצונג אויף ייִדיש פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור: מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ.

— פֿון מיַין קינדהייט אַן האָב איך גענוצט דריַי שפּראַכן — פּויליש, העברעיִש און ייִדיש.

זיַין העברעיִש — זאָגט ער — איז ליטעראַריש געווען הינטערשטעליק לגבי זיַין ייִדיש. זיַין ייִדיש איז געווען הינטערשטעליק לגבי זיַין פּויליש. ער האָט געשריבן ייִדישע לידער. די ערשטע לידער זיַינען געווען געדרוקט אין 1922 אין ציוניסטישן זשורנאַל אין וואַרשע „פֿאָלק און לאַנד".

— איך בין געווען ניט קיין שלעכטער שילער אין דער גימנאַזיע. — קערט ער זיך אום צו זיַינע גימנאַזיע־יאָרן. מען האָט מיך אָבער אַרויס־

געוואָרפֿן פֿון דאָרטן. ערשטנס, ווײַל איך האָב אָנגעגעבן פֿאַר מײַן „יענזיס איטשישסטי" העברעיִש און ניט פּויליש; און צווייטנס, ווײַל איך האָב גע־דרוקט אין ציוניסטישע צײַטונגען, און דאָס איז געווען פֿאַרווערט פֿאַר שילער.

אַרויסגעטריבן פֿון בראָדער גימנאַזיע, האָט ער זיך, אַ מיטגליד פֿון „השומר הצעיר", גענומען אָרגאַניזירן דעם החלוץ. אין 1923. אַ יאָר שפּעטער, אין 1924, איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿון החלוץ אין קליינפּוילן און אָנפֿירער פֿון דער הכשרה און פֿון דער יוגנט־עליה קיין ארץ־ישׂראל. אין יענער צײַט איז זײַן קאָפּ מער ניט געווען בײַ דער ליטעראַ־טור. די ייִדישע לאַגע אין פּוילן איז געוואָרן ביטערער. עס איז שווער געווען אויסצוהאַלטן בײַ די פּאָליאַקן.

פּאַזע דעם זברוטש פֿלעגט מען שוואַרצן די גרענעץ. חלוצים זײַנען געגאַנגען אַהין פֿון רוסלאַנד אויף זייער אומלעגאַלן וועג קיין ארץ־ישׂראל. עס איז געווען אַ צײַט פֿון „שטורעם און דראַנג". פֿלעגט מען זיך פֿאַרנעמען מיט העלפֿן די עולים קיין ארץ־ישׂראל. זיי דאַרפֿן שוואַרצן די פּוילישע גרענעץ, די רומענישע גרענעץ, די טשעכאָסלאָוואַקישע גרענעץ. דער דעמאָלטיקער בערל שטאָק, היינטיקער דבֿ סדן, האָט זיך מיט דעם פֿעסט פֿאַרנומען. מען האָט אים געמסרט. מען האָט אים גענומען אין פּאָליציי אַרײַן, געפּאַרשט, געסטראַשעט.

— איך קאָן דאָ גאָרנישט טאָן, אָבער איר אויך ניִשט. — האָט ער געענטפֿערט אין דער פּאָליציי — וואָס אַרט אײַך? לאָזט זיי שוואַרצן די גרענעץ.

ער האָט זיך אַרײַנגעטאָן מיט לײַב און לעבן אין דער ציוניסטישער יוגנט־אַרבעט. ער איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿון וועלטפֿאַרבאַנד „ברית הנוער העברי". ער איז דעמאָלט אַריבער קיין וואַרשע. ער האָט דאָרטן רעדאַגירט דאָס וואָכנבלאַט „העתיד" צוזאַמען מיט דוד ליפּשיצן. לאַנג האָט ער זיך אין וואַרשע ניט געהאַלטן. זײַן אידעאַל איז געווען ציוניזם, ארץ־ישׂראל. עס האָט אים געצויגן אַהין צו.

— איך בין אַוועק פֿון וואַרשע אין 1925.

די חבֿרים אין וואַרשע האָבן צו אים פֿאַר זײַן אָפּפֿאָר אַזוי געטענהט:

— דו ביסט דאָך געווען אין וואַרשע נאָר פֿינף חדשים. דו ביסט געווען נאָר אַרום פּאַוויע־גאַס. דו האָסט דאָך נאָך אַפֿילו ניט געזען די מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס.

זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל בלײַבן לענגער, כאָטש בעסער זען די הויפּטשטאָט פֿון פּוילן. ער האָט זיי ניט געפֿאָלגט.

ווען ער איז געקומען אין ארץ־ישׂראל, איז ער אַרײַן אין קיבוץ־לעבן — השומר הצעיר, הסתדרות. זײַן נאַטור איז אַן אַקטיווע, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט הארץ און נשמה. ער האָט געטאָן דרײַ זאַכן מיט אַ מאָל: געאַרבעט, געלערנט און געשריבן.

— אין 1927 האָט מיך בערל קאַצענעלסאָן פֿאַרבעטן אין „דבר". מײַן אָפּטײלונג דאָרטן איז תּחילת געווען די אַרבעטער־באַוועגונג, ידיעות פֿון וועלט־פּאָליטיק, איבערזעצונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן אויף העברעיִש.

אַרײַן אין „דבר" און זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט, ווי זײַן שטייגער, מיט אַלע כּוחות און אַלע פֿעיִקייטן.

— זעקס יאָר האָב איך געפֿירט די ליטעראַרישע אָפּטײלונג פֿון „דבר". אַ פּאָר יאָר געאַרבעט אין פֿאַרלאַג „עם עובד". געווען דאָרטן רעדאַקטאָר־איבערזעצער. איבערגעזעצט זייער פֿיל.

ער האָט איבערגעזעצט און אַליין געשריבן נאָענט צו פֿופֿציק ביכער. ער האָט איבערגעזעצט נאַרדוי, הערצל, קאָרטשאַק, מאַקס בראָדי. איבער־געזעצט ביכער פֿון ייִדיש, פֿון פּויליש, פֿון דײַטש. זײַנע אָריגינעלע ווערק — „צלילים", „אַ בינטל בריוו פֿון אַ חלוץ", „דער אמת וועגן ביראָבידזשאַן און דער יעווסעקציע", „ממחוז הילדות", „באַלכסון" (סיפּורים), „גורל והכרעה", „ממעגל הנעורים", „אחרית השעשועים", „המנגן המופלא", „כּוכב ניצח", „אבני בנין", „זמר עם", „אבני זכּרון", „אבני שׂפה", „קערת צימוקים", „קערת אגוזים", צוויי ביכער קרוב טויזנט זײַטן וועגן ייִדישן וויץ, אַ ספֿרל וועגן העברעיִשן לשון בײַ חיים הזז. אָט איז אַ ספֿר יהואש. האַלטנדיק זײַן בוך וועגן ייִדישן וויץ, זאָגט דבֿ סדן אַזוי: „דער ייִדישער וויץ איז וווּנדערלעך. עס איז דאָ אין אים אַ טעכניק, וואָס איז ניט בנמצא בײַ קיין אומה ולשון."

אין די יונגע יאָרן איז געווען זײַן חלום בעלעטריסטיק, פּאָעזיע. שפּעטער — עסייען, און נאָך דעם — פּובליציסטיק. עס זײַנען דאָ זײַנע געדרוקטע טויזנטער אַרטיקלען, וואָס זײַנען נאָך ניט געזאַמלט געוואָרן אין ביכער. ווער ווייס, צי זיי וועלן נאָך ווען עס איז געזאַמלט און אַרויס־געגעבן ווערן. אַ שלל פֿון געדאַנקען, שטימונגען, אײַנדרוקן און אינפֿאָרמאַציע.

איך הער בײַ זײַן טיש זײַן מײַסטערשאַפֿט אין העברעיִש. איך הער דעם תּלמיד־חכם אין ייִדיש. ער רעדט באַגײַסטערט וועגן דער רעטעניש פֿון ייִדישן לשון, וועגן די באַהאַלטענע כּוחות, עלעמענטן און סודות אין ייִדישן לשון. ער רעדט וועגן די מקורים, וואָרצלען פֿון ייִדישע ווערטער, וועגן זייער אָפּשטאַם און אַנטוויקלונג, זייער בײַט און איבערבײַט, וועגן דעם געבײַ פֿון ייִדישן זאַץ. ער רעכנט אויס ווערטלעך, איינע נאָך די אַנדערע, וואָס האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך לעגענדעס, בילדער, געשטאַלטן. ער ברענגט דוגמות פֿון עכטער דיכטונג און חכמה.

דערמאָנט ער זיך אַגבֿ־אורחא:

— איך קען ניט שפּאַניאָליש. איך מוז עס קענען. איך גלייב, אַז איבער אַ יאָר וועל איך שוין קענען.

ער איז אַ מאַדים אויף יהואשעס איבערזעצונג פֿון תּנ"ך. לויט זײַן מיינונג לאָזט זיך נאָך פֿײַנער איבערזעצן. יהואש זעצט איבער „שליסן אַ

בונד", דב סדן האַלט, אַז בעסער אין „פֿאַרשנײַדן אַ בונד". „אָבער — זאָגט ער — נאָך דעם ווי עס איז געווען יובל דער פֿאָטער פֿון פֿידל און האַרף, איז לײַכט צו זײַן אַ סטראַדיוואַריוס."

ער זאָגט צו מיר:

— אונדזער קוק אויף דער ליטעראַטור איז אַ באַגרענעצטער, אַ פֿאַלשער. מען שרײַבט וועגן אַ נײַער העברעיִשער ליטעראַטור, און דאָס זאָל הייסן פֿון דער השׂכּלה ביז הײַנט. מען קאָן ניט שרײַבן וועגן דער ליטעראַטור ניט אַרײַננעמענדיק אַלץ וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן אויך אויסער העברעיִש. ליטעראַטור אויף איין שפּראַך בײַ ייִדן איז ניט די ליטעראַטור פֿון ייִדישן פֿאָלק. נעמט קלויזנערן און לאַכאָווערן, דער חילוק צווישן זיי בײדע איז, וואָס דער ערשטער, קלויזנער, רופֿט אַן נײַע ליטעראַטור, וואָס ציט זיך פֿון דער בערלינער השׂכּלה — מענדעלסאָן־ווײַזל; דער צווייטער נעמט אויך אַרײַן שאַפֿונגען פֿון פֿאַר דער השׂכּלה — ר' משה־חיים לוצאַטאָ. איך טענה, אַז פֿון אַזאַ קאָנצעפּציע לאָזט זיך אונדזער ליטעראַטור ניט דער־קלערן. איך האַלט, אַז אונדזער ליטעראַטור פֿון די לעצטע דורות איז דער פּראָדוקט פֿון אַ צוזאַמענשמעלץ פֿון דרײַ צדדים, וואָס האָבן באַלעבט די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישקייט — חסידות, מתנגדות, השׂכּלה — אַ צוזאַ־מענשמעלץ סײַ אין דער טיפּאָלאָגיע פֿון די שרײַבער סײַ אין דער מענטאַלי־טעט פֿון דעם געשריבענעם. די געשיכטע פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור מוז אַרומנעמען די טאָטאַלע ליטעראַטור. איך האַלט, אַז דער שפּראַכלעכער אָפּשייד אין אונדזערע ליטעראַטורן פֿאַרענגערט די עצם מעג־לעכקייט צו פֿאַרשטיין די ליטעראַטורן. מען מוז באַהאַנדלען די ווירקלעכקייט ווי זי איז געווען — אַ דרײַשפּראַכיקע: העברעיִש, ייִדיש און לעז. פֿאַר־שטייט זיך, אַז איך רייד ניט פֿון פֿרעמדשפּראַכיקע ייִדישע שרײַבערס וואָס האָבן געשריבן דײַטש אָדער רוסיש. איך מיין די וואָס האָבן געשריבן אויף אַנדערע שפּראַכן ווי ייִדן פֿאַר ייִדן מיט אַ ייִדישער אינטענץ און פֿון אַ ייִדישן אַספּעקט. משמע אַז איך מיין ניט היינע אָדער בערנע, אָבער איך מיין קאָמפּערטן און פֿראַנצאָזן און לעוואַנדען וכדומה. אַזוי לאַנג ווי די פֿאַרשונג און דער לימוד וועט ניט אַזוי באַהאַנדלט ווערן, איז עס ניט קיין אָפּשפּיגל פֿון דער ווירקלעכקייט. עס וועט זײַן אידעאָלאָגיע, אָבער ניט אמת.

ער גיט נאָך צו:

— אַנדערע הייבן אַן די נײַע ייִדישע ליטעראַטור מיט אײַזיק־מאיר דיקן. דאָס איז אַ טעות. מיר האָבן אַ פּלוראַלע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אָריענטאַציעס און אַלע כּוחות.

פֿאַרשטייט זיך, — זאָגט ער ווײַטער — אַז דאָס אַליין וואָס די פֿרעמדשפּראַכיקע שרײַבערס זײַנען געווען ייִדן מאַכט ניט זייער שרײַבן ייִדיש. דער אָפּשטאַם פֿון די שרײַבערס אַליין איז ניט גענוג. וויכטיק איז דער תּוך פֿון זייער שרײַבן.

און נאָך עפּעס:

— עס איז געווען א העברעיִשע ליטעראַטור אין דײַטשלאַנד, — זאָגט ער — זי האָט געדויערט אַנדערט האַלבן דורות, ביז עס זײַנען געשטאָרבן די שרײַבערס צוזאַמען מיט זייערע לעזער. האָט זיך אַריבער־געטראָגן די ליטעראַטור קיין בעמען, גאַליציע, אוקראַינע, פּוילן, ליטע.

ער לייקנט אויך דעם סכעמאַטישן צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. קיין געבוירענע משׂכּילים זײַנען ניט געווען און דער יוצא מן־הכּלל באַשטעטיקט דעם כּלל. למשל, גאָטלאָבער און גאָלדפאַדען שטאַמען פון דער חסידישער סבֿיבֿה, מענדעלע און ליליענבלום — פון דער מתנגדישער סבֿיבֿה, און ווען זיי זײַנען אַריבער צו השׂכּלה, איז שוין זייער מענטאַליטעט, אויף וויפל זי איז געווענדט אין דער סבֿיבֿה, געווען א פאָרמירטע, א פאַרטיקע. דאָס הייסט, זיי זײַנען משׂכּילים אויף א חסידישן אָדער מתנגדישן אונטערבוי. אין מערבֿ, וווּ דער משׂכּיל האָט ניט געהאַט אַזא אונטערבוי, האָט זיך טאַקע די העברעיִשע ליטעראַטור ניט געהאַלטן מער ווי אַנדערט האַלבן דורות, בפֿרט נאָך דעם ווי מען האָט דאָרטן אַרויס־געשטויסן ייִדיש. אין מזרח האָט זיך ייִדיש ניט געלאָזט אַרויסשטויסן, כאָטש די משׂכּילים האָבן עס נעבעך בכל־הכּוחות געוואָלט. בעיקר האָט צו דעם ניט צוגעלאָזט חסידות — אגבֿ, די געאָגראַפיע פון חסידות־אויס־שפּרייט איז די געאָגראַפיע פון ייִדיש, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן אײַנהיטער, צונויפנעמער, צונויפזאַמלער פון פאָלק.

דבֿ סדן איז, ווי באַקאַנט, ניט נאָר א קענער און ווייסער פון ייִדיש, נאָר א חסיד פון ייִדיש, און ער זאָגט מיר:

— א פּאָר שרײַבער־משׂכּילים אין דײַטשלאַנד האָבן ייִדיש לשון גענוצט סטראַטעגיש קעגן ייִדיש כּדי חוזק צו מאַכן פון זייערע קעגנער. שרײַבנדיק וועגן זיי, האָבן זיי גענוצט זייער עכטן לשון כּדי הייסט עס צו לאַכן פון זיי, חוזקן, למשל אייכל אָדער וואָלפסאָן — וואָס מער דער באַשריבענער העלד איז אין די אויגן פון דעם שרײַבער נעגאַטיוו, לאָזט ער אים רײדן אין א העברעיִשן ייִדיש, ער זאָל אויסקומען קאָמיש, צוריקגעשטאַנען. וואָס פּאָזי־טיווער עס איז דער באַשריבענער העלד אין די אויגן פון שרײַבער, לאָזט ער אים רײדן אין אַלץ אַן ערגערן ייִדיש, אַז אויסגעלייִדיקטן. און אויב ער איז שוין גאָר פּאָזיטיוו, רעדט ער א ליטעראַרישן דײַטש. דאָס דאַרף שוין באַווײַזן די דערהויבענע קולטור־פּאָזיציע פון העלד. דער „חסיד", זאָל הייסן, איז אויף א נידעריקער קולטור־פּאָזיציע, רעדט ער אַן עכטן ייִדיש. דער פּאָזיטיווער העלד פון דער העכסטער קולטור־פּאָזיציע רעדט שוין ניט נאָר א שלעכטן ייִדיש, נאָר דײַטש ממש. קעגן זייער ווילן זײַנען די ייִדיש רײדנדיקע העלדן אַרויסגעקומען מיט פלייש און בלוט, בשׂר ודם, די דײַטש רײדנדיקע העלדן, די כּלומרשט פּאָזיטיווע, זײַנען אַרויסגעקומען פּאַפּירענע. אַפילו אין דעם משׂכּילישן קרומען שפּיגל זײַנען די ייִדיש־רײדערס אַרויסגעקומען רעאַל.

מאַכט עס קלאָרער פאַר מיר דבֿ סדן:

— אַפילו אין דעם קרומען שפּיגל פון משׂכּיל איז דער כאַטש נעגאַטיוו געשאַצטער העלד, צוליב זײַן אמתן ייִדישן לשון, אַרויסגעקומען כּדרך הטבֿע.

און ער מאַכט אַזאַ סך־הכּל:

— מען דאַרף אַ טאַטאַלע ליטעראַטור: השׂכּלה, חסידות, מתנגדות. עס איז ליטעראַטור די דרשה פון מגיד, דער מוסר. אַלץ איז איין גרויסער קוואַל פאַר אונדזער ליטעראַטור צו שעפּן. אין חסידות איז דאָ אַ ים פון ליטעראַטור: מעשׂיות, משלים, לעגענדעס. אַזוי זײַנען זיי דאָ אויך אין אַנדערע קוואַלן. פון אַלע קוואַלן מוז שעפּן אונדזער הײַנטצײַטיקער שרײַבער.

טענהט זיך אוים חיים און שאַרף פאַר מיר סדן:

— לאָזט זיך דערקלערן מענדעלע בלויז פון דער השׂכּלה אַרויס? ניין, איר מוזט צוגעבן צו אים דאָס מתנגדות. קאָן מען דערקלערן פּרצן בלויז פון דער השׂכּלה אַרויס? אַוודאי ניט. ער איז אַרומגערינגלט אויך מיט פּוילישער חסידות. און ביאַליק? קאָן מען אים אויסטײַטשן בלויז פון דער השׂכּלה אַרויס? ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט וואָלין, און דאָרטן איז חסידות, מיט דער וואָלאָזשינער ישיבֿה, און דאָרטן איז מתנגדות. מען דאַרף צוזאַמענעמען אַלע עלעמענטן און פון זיי צוזאַמען ווערט אַ סינטעז.

דבֿ סדן, וואָס איז אַ בקי אין אונדזערעביידע ליטעראַטורן, גיסט צוזאַמען אין זײַן שמועס ביידע ליטעראַטורן אין איינס — ייִדיש און העברעיִש. ער פאַרבינדט זייערע מײַסטערס איינע מיט די אַנדערע, גיסט צונויף זייערע קוואַלן, פאַרבינדט זייערע טענדענצן.

— עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזערע ביידע ליטעראַטורן — זאָגט ער — די האַסטיקייט פון זייער אַנטוויקלונג. אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן וואָס דויערן אין אַנדערע ליטעראַטורן דרײַ־פיר דורות האָבן מיר דורכגע־מאַכט אין איין דור. אליקום צונזער און משה־לייב האַלפּערן — אין איין און דעם זעלבן דור! נעמט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — דער קלאַסישער יעקבֿ כּהן פון איין זײַט און דער עקסטראַוואַגאַנטער נתן אַלתּרמן פון דער צווייטער זײַט. דאָס איז דאָך לכאורה קעגן יעדן געזעץ פון ליטעראַ־טור־אַנטוויקלונג. אין איין און דעם זעלביקן דור לעבן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור עגנון און חיים הזז, יעקבֿ פיכמאַן און אורי־צבֿי גרינבערג. עס איז ווי אַ וווּנדער פון אייביקער יוגנט, פון אייביקן פונאַנדערוווּקס. און אַט זײַנען אונדזערע פײַנע דיכטער פון ייִנגערן דור, ווי למשל לאה גאָלדבערג. מיר האָבן שרײַבער, פּראָזאַיִקער און דיכטער פון סאַברע־דור.

— רופט מיר אָן נאָך נעמען. — בעט איך אים.

— איך וועל דאָס ניט טאָן, טאָמער וועל איך עמעצן פאַרגעסן.

צו זײַן סך־הכּל גיט ער צו נאָך עפּעס:

— אונדזערע עלטערע שרײַבערס זײַנען אויסגעוואַקסן אין ווילנע, אין וואַרשע, אין אָדעס. אָבער ניט אַלע עליות קיין ארץ־ישׂראל האָבן אַרויס־געבראַכט אויך שרײַבערס. ערשט בײַ די קינדער פון עלטערן פון דער

דריטער און פֿערטער עליה האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן כּוחות אין דער ליטעראַטור. אמת, מען האָט געבויט דאָס לאַנד, מען האָט געאַרבעט, גע־האַרעוועט אין די ערשטע דורות, אָבער מען האָט ניט געבוירן קיין שרײַב־טאַלאַנטן. אַ מוילאייזל שלעפּט די גרעסטע משׂא, אָבער געבוירן קאָן ער ניט. ערשט אין די לעצטע צען־פֿופֿצן יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן סאַברע־שרײַבערס. ביז דעמאָלט האָבן זיך די שרײַבערס רעקרוטירט נאָר פֿון די עולים. פֿאַראַן אָבער אַ חילוק פֿון די צוויי סאָרטן שרײַבערס — דער סאַברע־שרײַבער האָט געקאָנט באַשרײַבן נאָר זיך, אָבער זײַן טאַטן האָט ער ניט געקאָנט באַשרײַבן, לא כּל־שכּן זײַן זיידן. ער האָט זיי ניט געקענט. ער האָט ניט געקענט דעם באָדן פֿון זייערע וואָרצלען. אַן זיידעס, אַן באָבעס, אַן אורזיידעס, אַן אַ סבֿיבֿה האָבן זיי באַשריבן בלויז זיך. פֿאַר אַט די וואָס קומען פֿון אַזאַ סבֿיבֿה, פֿון אַזאַ אידעאָלאָגיע, אַן אייגענע אָבֿות, איז כּנעניזם ווי געוווּנטשן. עס איז אַ פּשוטער אופֿן און אַ לײַכטער — קירצער מאַכן די ייִדישע געשיכטע.

אָבער — אונדזער געשיכטע לאָזט זיך ניט קירצער מאַכן. אויך ייִדישיסטן, בונדיסטן, פֿאָלקיסטן, טעריטאָריאַליסטן, האָבן געוואָלט אויף אַן אַנדער אופֿן קירצער מאַכן די ייִדישע געשיכטע, איינס און צוויי, ווי פֿאַר די לעצטע פֿאַר הונדערט יאָר וואָלט גאָרניט געווען. אַט די לעצטע הונדערטער יאָרן ווילן די כּנענים אַרויסוואַרפֿן, און אַפֿילו אין די ערשטע הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן פֿון אונדזער געשיכטע ווילן זיי מאַכן אַ קיצור. אויך אין תּנ״ך זײַנען דאָ חלקים וואָס זיי נעמען ניט אָן, אַנערקענען ניט.

זאָגט ער וועגן די כּנענים אַזוי:

— עס קומט אויס, אויב מען מעג אַזוי זאָגן בדרך הלצה, אַז פּנחס געפֿעלט זיי ניט, אָבער כּזבי בת צור געפֿעלט זיי דווקא יאָ. דער עיקר איז בײַ זיי ניט דער וואָס האָט זיך באַוויזן אויפֿן באַרג סיני, נאָר די אלילים, וואָס ער האָט פֿאַרטריבן. די כּנענים האָבן געמיינט אַ טיפּן קולטורדים. אָבער דער כּנעניזם וועפּט זיך גיך אויס. מען האָט אָנגעהויבן אַריבערגיין צו דער גרעסערער היסטאָרישער ייִדישער מאָפּע.

ווענדט ער זיך צו דער ייִדישער ליטעראַטור:

— נעמט יוסף אָפּאַטאָשו. ער האָט אָנגעהויבן מיט מלאָווע. נאָך דעם איז ער אַריבער צו די „פּוילישע וועלדער". איז ער ווײַטער אַוועק צו די שטאָמען — „אַ טאָג אין רעגענסבורג און אליהו בחור". אָבער אויך אַט די שטאָמען דערגרייכן דאָך ערגעץ ווײַטער, טיפֿער. איז אָפּאַטאָשו געגאַנגען אַהין צו. אַוועק צום בית שני, געגאַנגען ביז „רבי עקיבֿא". אפֿשר, ווען ער לעבט נאָך, וואָלט ער דערגאַנגען ביזן תּנ״ך.

און צוריק אַ קער צו דער העברעיִשער ליטעראַטור:

— דאָס זעלבע קאָן מען זען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. למשל איינער פֿון די פּעיִקסטע — משה שמיר. ער האָט אָנגעהויבן מיט זיך, מיט

זײַן אייגענער ביאָגראַפֿיע, און איז דערגאַנגען, מיט אַ מין שפּרונג, צו „מלך בשׂר ודם”, צו דער צײַט פֿון ינאַי מלכּא.

אַזוי לאַנג ווי דער יונגער העברעיִשער שרײַבער באַשרײַבט זיך, איז ער אויטענטיש, אמתדיק. אָבער אויב דאָס מיידל וואָס ער באַשרײַבט קומט למשל דורך טעהעראַן פֿון פּוילן, איז עס שוין פֿאַרן שרײַבער פֿרעמד. ער קאָן זיך ניט אַרײַנלעבן אין אַ וועלט, אין וועלכער ער איז ניט אויסגעוואַקסן. ער קומט אין זײַן ראָמאַן אין אַ שטאָט, וווּ ער איז קיין מאָל איבערלעבעריש ניט געווען. בלאָנדזשעט ער דאָרטן אַרום ווי אַ פֿרעמדער. דערצו נאָך: עס איז אַ צײַט, ווען די ליטעראַטור דאַרף ניט נאָר דערציילן, נאָר אויך אַרויסברענגען אידעען, עפּעס לערנען. דער לייענער זאָל זיך קאָנען אָפּלערנען. דאַרף ער קודם-כּל אַליין זײַן געלערנט, אַליין וויסן. וועט ער זיך קאָנען טיילן מיט דער אייגענער לערנונג און דעם וויסן מיט דעם לעזער.

וואָס איז די הויפּט-אויפֿגאַבע אַצינד? — אויף דעם ענטפֿערט ער:

— פֿאַרגרעסערן די אייגענע יכולת. אַ שרײַבער דאַרף קאָנען אַרומנעמען און אַרײַנדרינגען אין אַלע ייִדישע לעבנס.

ער נעמט אַ משל פֿון חיים הזז:

— ער איז דער גרויסער עפּישער מקונן פֿון די רוסישע ייִדן, פֿון וועלכע ער איז אַליין געקומען. דאָרטן איז געווען זײַן יוגנט. ער האָט דערציילט וועגן דעם לעבן פֿון די וואָלדייִדן. זײַן בוך „בישוב של יער” איז אַן אינטערעסאַנטער פּרוּוו פֿון סטיליסטישן בוי — אויף העברעיִש איבערצוזעצן דאָס אידיאָמאַטישע פֿון ייִדן און גויים. חיים הזז האָט דערציילט וועגן די ייִדן אין דער רוסישער רעוואָלוציע נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס און בלויז דאָס איז זײַן באַרוף — צו שטעלן אַ מצבֿה אויפֿן לעבן פֿון אַ גרויסן ייִדנטום. האָט ער זיך גאָר אַ קער געטאָן צו די תּימנער ייִדן, און די תּימנער ייִדן זאָגן, אַז ער איז אמתדיק, אַז ער איז עכט, אַז ער איז אויטענטיש.

די ליטעראַטור דאַרף שילדערן, באַשרײַבן, אַרײַנברענגען אין דעם אַלגעמיינעם כּלל די באַזונדערע ייִדישע שבֿטים. יעדער איינער דאַרף אַרײַנברענגען זײַן קרײַז, זײַן אייגענע וועלט אין דעם אַלגעמיינעם קרײַז, אין דער אַלגעמיינער וועלט. די ייִדישע ווערטלעך פֿון מײַן שטאָט, פֿון מײַן געגנט האָבן דעם ווערט פֿון אַלע ווערטלעך צוזאַמען. אין יעדן טראָפּן איז דאָך דער גאַנצער ים. אַלץ דאַרף אַרײַנגענומען ווערן אין דעם נאַציאָנאַלן שמעלצקעסל. פֿון אַלע שבֿטי-ישׂראל דאַרף ווערן איין אומה. בערך אַזוי האָט געזאָגט נתן אַלתּרמן: איר מיינט, אַז מיר זײַנען אַרויסגעקומען בלויז פֿון כּנען; מיר זײַנען אויך פֿון פּומבדיתא, און קאָרדאָווע, און מאַגענצע, און וואַרשע, און ווילנע — אַלע זײַנען געבונדן צווישן זיך. דאָס אַלץ, די באַזונדערקייט, די באַזונדערע שבֿטים, זייערע שטייגערס, מנהגים, וועט זיך אויסקאָכן, צוזאַמענגיסן. שיין פֿאַרענדיקט אַלתּרמן: דערווײַל לאָמיר זיך ניט פֿאַרנעמען מיט קוקן דורכן שליסללאָך, ווי די נײַע שולמית טוט זיך אָן

סדן לעבט אין דער ליטעראַטור. ריידנדיק, פֿילט מען, ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אירע טיפֿעניש. ער וואַרפֿט מיט נעמען, מיט ביכער, מיט טעמעס פֿון דער ליטעראַטור, מיט בילדער, און טוט אַ זאָג:

— דאָס וואָס ענגון טוט ווערטיקאַל, טוט הזז האָריזאָנטאַל. אונדזער יוגנט קאָן מער ניט לעבן אין אַ סאַבּרע־געטאָ. זי מוז אַרויסקומען ווײַטער. מוז זיך אויפֿהייבן העכער. מען מוז פֿאַרשטיין אַלע עלעמענטן פֿון אַן אַנדער פֿאָלק. מען מוז קאָנען אויפֿנעמען די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פֿון דער צײַט.

און ווידער אַ דוגמא פֿון משה שמירן:

— ער איז אַוועק פֿון זײַן ביזאַיצטיקן שטייגער־ראָמאַן און דערגרייכט אין די ווײַטקייטן פֿון דער ייִדישער געשיכטע. מיינט עס ניט, אַז ער בלײַבט דאָרטן שטיין אין די ווײַטקייטן. ער וועט מיט אַ היסטאָריש אויסגעברייטערטן קוק צוריקקומען צו אונדזער הײַנטיקן לעבן.

אונדזער ליטעראַטור דאַרף זײַן געטרײַ דעם אמת. עס זײַנען דאָ אין אונדזער לעבן סתירות און שייכותן. ליטעראַטור דאַרף זײַן אַ קאָנגלאָמעראַט. אונדזער לעבן דאָ איז אַזוי פֿאַרשיידנאַרטיק, פֿאַרשיידנפֿאַרביק. פֿאַרט אַז אויטאָבוס מיט פֿופֿציק ייִדן פֿון ירושלים קיין תּל־אָבֿיבֿ, זײַנען עס פֿופֿציק לעבנס, פֿופֿציק געשיכטעס. מען דאַרף קאָנען רעגמנגעניש באַנעמען, אַרומנעמען אַלע פֿופֿציק לעבנס פֿון איין אויטאָבוס. דאָס קאָן טאָן די ליטעראַטור, דער קינסטלער.

באַמי איך זיך אים אַריבערפֿירן צו זײַן ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, וווּ ער איז דער פּראָפֿעסאָר. זאָגט ער מיר אַזוי:

— זי עקסיסטירט קוים זעקס יאָר. לכתּחילה האָב איך געקלערט, אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין תּלמידים אין די ערשטע יאָרן. הײַנט זײַנען שוין דאָ תּלמידים, אָבער נאָך צו ווייניק. בלויז אַ צען סטודענטן האָבן געמאַכט ייִדיש פֿאַר זייער הויפּטפֿאַך. די איבעריקע לערנען ייִדיש אַגבֿ־אורחא. מער תּלמידים, אין די צענדליקער, זײַנען דאָ אויף באַזונדערע יאָרקורסן, אויף באַזונדערע קענגשטאַנדן פֿון דער ליטעראַטור. אַכט סטודענטן האָבן שוין פֿאַרענדיקט דעם לימוד פֿון פֿולע צוויי יאָר. מען שטודירט באַזונדערע דיכטער, מען האַלט אַפּ סעמינאַרן. למשל: מאַני־לייב, ראָזנבלאַט, יהואש, ה. לייוויק. די ייִדישע שפּראַך איז אַ לימוד פֿאַר זיך אַליין. עס איז אויך דאָ אַ סעמינאַר פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקסליד, פֿאַר עלטערער ליטעראַטור, פֿאַר טײַטש.

קומט ער צום ייִדישן פֿאָלקסליד, זאָגט ער אַזוי:

— דאָס איז מײַן פֿערדל.

אַט איז געגעבן געוואָרן דעם יונגן געלערנטן חנא שמערוק דער וואַרבורג־פּרײַז פֿאַר זײַן ייִדישער אַרבעט „השׂכּלה און חסידות". ער אַרבעט איצט אויף דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דבֿ סדן גלייבט אין עקשנותדיקער, סיסטעמאַטישער אַרבעט, מיט גדולד און התמדה. ער האָפֿט, אַז די ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט וועט אין אַ צען יאָר אַרום זײַן אַ לײַטישער צענטער פֿאַר ייִדישער פֿאָרשונג. בעיקר אַז צווישן די תּלמידים זײַנען שוין דאָ סאַברעס. תּלמידים פֿון סעמינאַרן האָבן געמאַכט איבערזעצונגען אויף העברעיִש פֿון ייִדישע ביכער, פּאָעזיע און פּראָזע, געשריבן דערקלערונגען.

פֿרעג איך אים:

— וועט מען אָבער אַ מאָל אויך לערנען ייִדיש אין ישׂראל אין דער שול פֿאַר קינדער? אין אַ גימנאַזיע?

הײַנט לערנט מען ניט אין די שולן ייִדיש. בײַ דער איצטיקער קאָנפֿיגוראַציע פֿון יישובֿ איז אַ ספֿק, אויב מען וועט אין דער נאָענטער צוקונפֿט לערנען. ער מיינט אָבער, אַז אין די זעקסטע, זיבעטע און אַכטע קלאַסן דאַרף מען אָנהייבן לערנען ייִדיש, לעת־עתּה ניט־אָבליגאַטאָריש.

מיר באַרירן אין אונדזער שמועס דעם ענין פֿון נײַ־געקומענע ייִדישע שרײַבערס פֿון פּוילן, פֿון ליטע. ער זאָגט, אַז זיי האָבן אַ סך דורכצומאַכן, דאַרפֿן לערנען דאָס הײַנטיקע לעבן דאָ, דאַרפֿן אַ סך גבֿורה זײַן. ער ברענגט אַ משל:

אַט איז מענדל מאַן גבֿור, לעבט, אויך טעמאַטיש, מער אין ישׂראל ווי ניט איין העברעיִשער שרײַבער. די עלטערע פֿון די געקומענע שרײַבערס לעבן נאָך אין פּוילן (און אַזוי לעבן נאָך אויך די העברעיִשע שרײַבערס, און דווקא די גרויסע צווישן זיי — עגנון, אורי־צבֿי גרינבערג). אָבער סוקצעווער לעבט שוין אויך דאָ.

איז געקומען אונדזער שמועס צו שלום אַשן. בעת מיר האָבן געשמועסט, האָט נאָך שלום אַש געלעבט. סדן האָט שאַרף גערעדט וועגן שלום אַשס יעזוס־ווערק. ער האָט געהאַט געזאָגט שלום אַשן אין אַ שמועס, אַז ער האָפֿט, אַז ער אַליין, שלום אַש, וועט פּריוווּליק אָוועק פֿון זײַנע יעזוס־ביכער. שלום אַש איז שוין איצט ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, און איך לאָז איבער פּרטים פֿון אונדזער שמועס וועגן אים.

דבֿ סדן איז שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דער דערנענטערונג פֿון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. ער מיינט, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט אָנהייבן אַרויסגעבן אַ פֿערטליאַר־שריפֿט אויף העברעיִש מיט איבערזעצונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אפֿשר וואָלט מען עס געקאָנט פֿאַרבינדן מיט דער „גאָלדענע קייט". מען דאַרף ברענגען איבערזעצונגען ניט נאָר פֿון בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, נאָר אויך פֿון גוטער פּובליציסטיק, גוטע עסייען, פֿאָרשונגען. עס דאַרף זײַן אַ לעבעדיקע ייִדישע קולטור־כראָניק. עס דאַרפֿן זײַן אַרבעטן וועגן ייִדישע שרײַבערס.

— און עס וועט זײַן — זאָגט ער — צו רפֿואה סײַ פֿאַר ארץ־ישׂראל און סײַ פֿאַרן גלות.

אונדזער שמועס האָט זיך פֿאַרצויגן. מען האָרף אים ענדיקן. איך זע אויפֿן זייגער (מיר האָבן אויף אים ניט געקוקט ביז איצט), אַז עס זיינען שוין אַריבער זיבן שעה. פּאַסט, אַז מיר זאָלן פֿאַרענדיקן אונדזער שמועס מיט ארץ־ישׂראל גופֿא. פֿרעג איך אים:

— וואָס זשע זאָגט איר, סדן, וועגן ארץ־ישׂראל, גאָר בקיצור, אין אַ פּאָר געציילטע ווערטער?

ענטפֿערט ער:

— עס איז אַ גאַטזאַך.

בעת דער וועלט־מלחמה איז שוין היטלער געווען נאָענט צו ארץ־ישׂראל. אַט־אַט. און דאָך זיינען מיר ניצול געוואָרן. ער איז געבראָכן געוואָרן ממש פֿאַר אונדזערע טויערן.

עס איז אַ גאַטזאַך.

דער גרויסער גלות האָט דאָ אַלע זיינע רעפּרעזענטאַנטן — חסידים, מתנגדים, אָרטאָדאָקסן, פֿרייע און פֿרומע, סאָציאַליסטן און קאַפּיטאַליסטן, אַלע, אַלע מינים ייִדן. היטלער האָט געמיינט, אַז ער וועט אומברענגען די ייִדן. געברענט, געשליידערט, געוואָרפֿן.

אונדזער פֿאָלק איז ווי אַ קינד. אַ קינד, ווען עס פֿאַלט, פֿאַלט עס אינסטינקטיוו אויף די הענט און פֿאַרהיט דעם קאָפּ. דער גוי זאָגט: סטאַרעי יאַק דעטינאַ — אַן אַלטער איז ווי אַ קינד. אַן אַלט פֿאָלק, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק, האָט אַ שטאַרקן אינסטינקט פֿאַר זיין קיום. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן פֿאַר היטלערן נאָך אין 1882, און איז אַוועק אין צוויי צענטערס: דער גרעסערער איז אַמעריקע, דער קלענערער איז ארץ־ישׂראל. אָבער אין דעם קלענערן צענטער איז פֿאַרטראַטן דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, ייִדן פֿון אומעטום, פֿון אַלע צייטן, פֿון אַלע דורות.

— ווען היטלער האָט זיך דערנענטערט צו אונדז, בין איך געווען זיכער, אַז ער וועט אונדז ניט דערגרייכן.

— און אויב יאָ?

— וואָלט עס געווען אַ באַווייז, אַז אַלץ איז געווען אַ טעות, און אַז אַלט, געניט פֿאָלק איז זיך ניט טועה.

◆

זיצן מיר צום סוף פֿון שמועס ביי זיין טיש. עס איז צוגעקומען אויך זיין פֿרוי. מיר טרינקען טיי, בייסן צו קיכל, פֿאַרזוכן פּירות פֿון זייער גאָרטן אוןריידן וועגן משפּחה־ענינים.

— מיין עלטערער זון עזרא איז אַלט 24 יאָר. ער לערנט אַגראָנאָמיע אין ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות. דער ייִנגערער, יוסף, איז 19 יאָר אַלט, לערנט אָריענטאַליסטיק אין היגן אוניווערסיטעט.

דבֿ סדן איז אפֿשר מער ווי אַן אַנדער העברעיִשער שרײַבער אָדער געלערנטער אין ארץ־ישׂראל צונויפֿגעוואַקסן, צונויפֿגעבונדן מיט די ייִדן אויף יענער זײַט פֿון די ימען. ער קען אַ סך, ער ווייס אַ סך. ער געדענקט הונדערטער אָדער טויזנטער נעמען. ער איז ווײַט פֿון גאַליציע, ווײַט פֿון בראָד, טיף אײַנגעוואָרצלט אין ארץ־ישׂראל, אָבער אין דער זעלבער צײַט — די בריק פֿאַר אונדזערע בײדע ליטעראַטורן.

איך זעגן זיך מיטן פּראָפֿעסאָר פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט, מיטן עילוי פֿון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור, מיטן ייִדישן שרײַבער וואָס איז אַנגעלאָדן ווי אַ מילגרוים מיט תּורה, חכמה, וויסן, פֿאָלקלאָר, פֿון וועלכן עס שפּרודלט מיט ייִדישן וויץ, מיט דער ייִדישער מעשׂהלע, און עס קלינגען מיר אָפּ זײַנע ווערטער בײַם געזעגענען זיך:

— ברודער, געדענק, אַלץ אַרום איז אַ גאָטזאַך.

משה סטאָוועקי

משה סטאַווסקי, משה סתוי, אַבו נעמן —

דאָס איז אַלץ דער זעלבער משה סטאַווסקי פֿון ליטווישן שטעטל אַנטאָפּאָליע, ווו „יעדער ייִד האָט געהאַט אַ שטיקל גאָרטן, אַ קו". הײַנט איז זײַן אַדרעס: רחוב שלמה המלך 38, תּל־אָבֿיבֿ. דאָרטן שטייט אַ דרײַשטאָקיק ווינקלהויז, ווו משה סטאַווסקי איז דער בעל־הבית, און דאָרטן, אויפֿן צווייטן שטאָק, וווינט ער אַליין, אַן משפּחה.

אויפֿן וועג צו אים בין איך אין געדאַנק אַוועקגעלאָפֿן, הינטער זיך אַ האַלבן יאָרהונדערט, און דערלאָפֿן צו משה סטאַווסקיס אַרײַנקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַזוי ווי מיט מיר וואָלט מיטגעלאָפֿן זײַן פֿערדל „לבֿן הארמי" מיטן בעל־עגלה, מיט וועמען ער איז אַרײַנגעפֿאָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַר אים זײַנען געגאַנגען אַבֿרהם רייזען, שלום אַש, ה.־ד. נאָמבערג; צוזאַמען מיט אים, אין איין שורה, איטשע־מאיר ווײַסנבערג, יונה ראָזנפֿעלד, מנחם.

פֿריִלינגדיקע פֿרי־מאָרגנס — ווער עס האָט אײַך געהאַט און ווער עס האָט אײַך פֿאַרלאָרן!.. דעמאָלט איז געווען די צײַט פֿונעם אויפֿבויז, פֿון ווונדער אין ייִדישן לעבן. ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע שפּראַך, טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, און אין צענטער איז געשטאַנען י.־ל. פּרץ. צוויי יאָר נאָך סטאַווסקיס אַרײַנקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווען זײַן „געלע הון" האָט שוין געפּיקט קערנער אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, האָט אים געשריבן פּרץ הירשביין: „דו האָסט דערגרייכט אין צוויי יאָר צו דעם וואָס בײַ מיר האָט געדויערט צען יאָר."

„ווען ביאַליק האָט אין אָדעם איבערגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט פֿון סטאַווסקיס ‚לבֿן הארמי', — דערציילט יעקבֿ פֿיכמאַן — די ווונדערלעכע דערציילונג, ווו רעאַליזם האָט ניט פֿאַרטונקלט דעם פּאָעטישן סימבאָל, איז ער פֿול געוואָרן מיט התלהבֿות, מיט שׂימחה. ‚אַן אמתער טאַלאַנט!' — האָט ער אויסגעשריִען."

זײַן „געלע הון" האָט אָנגעאַרבעט אַ סך שאָדנס. זי האָט זיך אָבער רעהאַביליטירט, ווען זי איז געקומען אַהיים פֿון אירע ווילדע וואַנדערונגען מיט נײַ־אויסגעפּיקטע הינדלעך.

דערמאָן איך זיך זײַן „מעשׂה מיט אַ חזיר", וואָס איז געשריבן אין אַן עלעגישן טאָן און איז באַחנט מיט הומאָר. איך זע נאָך אַ מאָל די אומ־באַהאָלפֿנקייט פֿון שטעטל, וואָס קאָן זיך ניט אַן עצה געבן מיטן חזיר, מיטן „שׂונא פֿון דער ייִדישער גאַס". איך דערמאָן זיך אָן די העלדישע ברידער, די קאַטלערס, וואָס מאַכן מיטן חזיר אַ סוף.

משה סטאַווסקי איז דעמאָלט יונג געווען. ער איז אַרײַנגעקומען אין דער ליטעראַטור ווי דער באַרימטער קונצן־מאַכער, מיט אַ צירק עופֿות און בהמות, מיט אַ פֿולער שטומער, אָבער לעבעדיקער וועלט. זײַנע „היימישע בעלי־חיים" איז דאָך דאָס וויכטיקסטע און שטאַרקסטע וואָס ער האָט געשריבן.

הײַנט איז ער שוין אין די 70ער יאָרן, אַ בכּבֿודיקער העברעיִשער שרײַבער. די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג פֿון רמת־גן האָט אים אויסגעטיילט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק די שטאָט־פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון יצחק למדן פֿאַר זײַן בוך „בדרך לארץ האושר". שוין באַלד 50 יאָר ווי ער לעבט אין ארץ־ישׂראל. ער איז אַהין געקומען אין 1911. וואָס האָט זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן פֿאַר דער צײַט? וואָס האָט ער באַוויזן אויפֿצוטאָן? ווי איז ער איבערגעגאַנגען פֿון ייִדיש צו העברעיִש? וואָס זײַנען הײַנט זײַנע מחשבֿות? ווי פֿילט זיך די „געלע הון" אויף לשון־קודש? —

אַזוי בין איך דערגאַנגען צו זײַן הויז. רחובֿ שלמה המלך איז איינע פֿון די עלטערע בעל־הבתּישע גאַסן אין תּל־אָבֿיבֿ. דאָס הויז איז ווײַס און קליין. אונטן איז אַ קרעמל מיט אַן אָפֿענעם פֿענצטער. פֿון דער זײַט — אַ דירה. אויף די אייבערשטע שטאָקן — נאָך אַ פּאָר דירות. דאָס אַלץ איז משה סטאַווסקיס מאַיאָנטיק. ווען דו ווייסט ניט זיכער, אַז דאָס איז תּל־אָבֿיבֿ, קאָנסטו מיינען, אַז דאָס איז אַ ייִדישער מויערל אין שעדלעץ אָדער בריסק. אין שפּײַזגעוועלבל ווײַזט מען מיר אָן, אַז סטאַווסקי וווינט אויפֿן העכערן שטאָק. אויף אַ טיר טאַפּ איך אָן אַ מעטאַלענעם פּלעטל מיט דער אויפֿשריפֿט —

משה סתוי.

איך קלינג. מען ענטפֿערט ניט. איך קלאַפּ אָן אין טיר — מען ענטפֿערט ניט. אַ שכנה קומט אַרויס אויף די טרעפּ און גיט מיר אַן עצה צו קלינגען נאָך אַ מאָל, קלאַפּן שטאַרקער. איך טו אַזוי. עס איז שוין באַלד געווען אין מיטן טאָג. איך האָב געקלאַפּט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז די טיר האָט זיך געעפֿנט און עס איז אַרויסגעקומען דער בעל־הבית — אַ ייִד מיט אַ געדיכטן גרויען קאָפּ, אַ צעשויבערטן, ווי איך וואָלט אים אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. דאָס איז משה סטאַווסקי.

— שלום! קומט אַרײַן.

אין ערשטן צימער, אויך אין צווייטן, מערק איך, אַז אין דעם הויז איז ניטאָ קיין בעל־הביתטע. דאָ בעל־הבתּעוועט אַ מאַנסביל. איך מערק, אַז

גייענדיק איבערן שטוב שפּאַרט זיך אָן משה סטאַווסקי אַז אַ שטעקן. מסתמא עפּעס אַ צרה מיט אַ פֿוס.

ער בעט מיך זיך זעצן. ווו זעצט מען זיך? אין גרעסערן צימער שטייען צוויי טישן. איינער איז אַ שטובטיש, דער צווייטער — זײַן אַרבעט־טיש. אויף אים זײַנען אָנגעוואָרפֿן פּאַפּירן, ביכער, קאָרעקטורן. דער שטוב־טיש איז אויך ניט אין גאַנצן קיין פֿרײַער. מיר זעצן זיך בײַ אים. דער בעל־הבית דערלאַנגט אַ טעלער פֿרוכט. „ווילט איר צוקערלעך?" — פֿרעגט ער מיך. „קומט איר טאַקע פֿון דאָרטן, פֿון אַמעריקע, פֿון ניו־יאָרק?.. וואָס קוקט איר זיך אַזוי אַרום אונטערן טיש?" — פֿרעגט ער מיך.

— איך זוך אײַער „גלעל הון". — שפּאַס איך.

— געדענקט איר זי?

— אַט ווי ווען איך וואָלט זי איצט געזען אַ לעבעדיקע.

קוקט ער מיך אָן אַ צופֿרידענער מיט זײַנע גרויסע אויגן אונטער די געדיכטע ווײַסע האָר. איך נעם אַרויס מײַן נאָטיץ־בוך.

— איר ווילט טאַקע פֿאַרשרײַבן? וואָס דאַרפֿט איר עס? איר וועט מיך באַשרײַבן אין די גאַזעטן? באַאַרבעטן?

— באַשרײַבן וועל איך אײַך ניט, אָבער שרײַבן וועגן אײַך וועל איך. זאָגט ער צו מיר:

— איר האָט מיר געשריבן אַ בריוו. נו, האָב איך אײַך געענטפֿערט בפּה מלא: „עליכם שלום, ר' יעקבֿ פּאַט, וברוך הבא, אהלן וסהלן ומאית מרחבה!.." פֿײַן פֿון אײַך, וואָס איר האָט אָנגעהויבן אײַער בריוו מיט „שלום!" ווי באַוווּסט, איז „שלום" איינער פֿון די זײַלן, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט. ניט אומזיסט הערט מען אין אַלע ווינקלען פֿון אונדזער מדינה „שלום חוץ" און „שלום פּנים". עס הענגט אויף יעדערנס שפּיץ צונג „שלום!"

ער וווּנדערט זיך, וואָס איך האָב אים געבעטן מיט אַ „שטאַרקער בקשה" דעם שמועס.

— איר האָט גאָר געקלאַפּט אין אַן אָפֿענער טיר. פֿון מײַן מילכיקערײַ געדענק איך נאָך, אַז מער וויפֿל די קאַלב וויל זייגן, וויל די קו, מען זאָל בײַ איר זייגן.

ער זאָגט מיר אויך:

— אַ שאָד וואָס איר האָט זיך ניט געפֿעדערט מיט אײַער אַרבעט, ווען עס האָבן נאָך געלעבט, מיט אַ יאָר צוריק, עטלעכע פֿון די חלוצים, וואָס האָבן פֿאַרבונדן זייער לעבן מיטן אָנהייב פֿון אויפֿבוי פֿון לאַנד, פֿאָלק און ליטעראַטור. דאָ איז עס שטאַרק געבונדן צוזאַמען.

ער דערמאָנט זיך אַליין:

— איך בין אַ מאָל געווען אַ מוזיק אין ייִדיש.

מיר שפּרינגען ביידע פֿון ענין צו ענין אין אונדזער שמועס. איך מוז אים נאָכשפּרינגען. דערמאָנט ער זיך:

— אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען שלום אַש איז געווען אין ארץ־ישׂראל, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו מיר אויף מיטאָג אין מײַן קליין שטיבל אויף רחוב מענדעלע אין תּל־אָביב, ווו עס איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדיש הײַזל און אונטערן הימל — אַ שטאַל, און אין שטאַל מײַנע קי. די פּויליש־ייִדישע פּרעסע האָט דעמאָלט געשריבן וועגן דעם וואָס מײַן זון, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען נאָך בר־מצווה, קען ניט קיין ייִדיש. זלמן רייזען האָט דעמאָלט וועגן דעם שאַרף געשריבן. זיצנדיק בײַ אונדזער טיש, האָט שלום אַש געזאָגט מיט פֿיל פּאַטאָס: „אויב עס איז דאָ צווישן אונדז איין שרײַבער, וואָס קאָן זאָגן, אַז ער האָט זײַן זון ניט געבראַכט צו שמד, זײַט איר עס, הער סטאַווסקי. איך קאָן דאָס ניט זאָגן.‟

ייִדיש, ייִדישע שפּראַך... — קומען ייִדישע שרײַבער, שרײַבן ייִדישע שרײַבער און האָבן טענות מכּוח ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. משה סטאַווסקי זאָגט מיר, אַז ער האָט געלייענט בײַ מיר אין מײַנע „שמועסן מיט ייִדישע שרײַבער‟, אַז ייִדישע שרײַבער קלאָגן זיך אויף דעם מצב פֿון ייִדיש.

— איך האָב אויסגעזאָגט מײַן קינה מיט 25 יאָר צוריק, — זאָגט ער מיר — איך בין דעמאָלט געווען צו גאַסט אין פּוילן. געקומען דאָרט פֿון ארץ־ישׂראל. איך האָב שוין דעמאָלט ניט געפֿונען אין וואַרשע קיין קינדער פֿון ייִדישע שרײַבער, וואָס זאָלן קענען אָדער וועלןריידן ייִדיש. די פֿאַר־קויפֿערקע אין וואַרשטהאַנדל אויף דזשיקע־גאַס האָט מיר ניט געוואָלט ענטפֿערן אויף ייִדיש.

דערמאָנט ער זיך:

— עס איז מיר פֿאַרבליבן אין זכּרון אײַער רעפֿעראַט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 אויף דער טעמע „ייִדיש אין ארץ־ישׂראל און אין אַמעריקע‟. מען האָט מיך דעמאָלט אויפֿגעפֿאָדערט, איך זאָל עפּעס זאָגן אויף דער טעמע. האָב איך געענטפֿערט, אַז וואָס איך וועל זאָגן נאָך דעם רעפֿעראַט, וועט זײַן איבעריק.

קערט ער זיך אום צו די ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע:

ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע האָבן טענות און תּרעומות צו ארץ־ישׂראל. אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס פֿאַר אַ טענות זיי האָבן. אויף דער שמאָלער קלאַטקע פֿון טענות האָב איך זיך שוין אַ מאָל צוזאַמענגעטראָפֿן מיט מײַן יוגנטפֿרײַנד מנחם באָריישאַ אין מײַן זכרונות־אַרטיקל אין דער „אנציקלופּדיה של גלויות, בריסק דליטא‟, ווו מנחם פֿאַרנעמט אַ היפּשן פּלאַץ.

זײַן מיינונג איז אַזאַ:

— איך בין ניט גורס צוויי שפּראַכן און צוויי ליטעראַטורן. די ליטע־ראַטור איז איינע אין ביידע שפּראַכן. די שפּראַך איז ניט קיין ציל, נאָר אַ

מיטל, אַ געצייג. אַ גוטער בעל־מלאכה ווייס, ווי אַרומצוגיין אַרום זײַן געצײַג, עס זאָל זינגען, עס זאָל ניט סתּם קלאַפּן, עס זאָל ניט זײַן בע־מע.

מען דאַרף ניט מקנא זײַן — זאָגט ער — די וואָס שרײַבן אויף צוויי שפּראַכן אין איין צײַט. דער אמתער קינסטלער האָט נאָר איין שפּראַך. זי, די איינציקע, ווערט די שפּראַך פֿון זײַן האַרץ, פּונקט ווי מען האָט נאָר איין מאַמע. דאָס וואָס מען שרײַבט דאַרף מען שרײַבן ערלעך. מען דאַרף זײַן אמתדיק.

דערציילט ער מיר וועגן אַ קרעמער, וועלכער האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל אים מיטגעבן אין קבֿר זײַן וואָגשאָל; אַ בעל־מלאכה האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל אים מיטגעבן אין קבֿר זײַן געצײַג. אויף יענער וועלט וועט מען זען ווי ערלעך זיי זײַנען געווען אויף דער וועלט. אַ שרײַבער דאַרף מען מיטגעבן זײַן פּעדער.

דערציילט ער ווײַטער:

— ווען עמעצער פֿון די געקומענע ייִדישע שרײַבער פֿרעגט מיך, ווען וועט ער שוין קאָנען שרײַבן העברעיִש, ענטפֿער איך אים: „אל תּדחק את הקץ", יאָג זיך ניט, מאַך ניט קיין געוואָלדאַקט איבער זיך. שרײַב ווי דײַן געוויסן דיקטירט דיר.

באַמי איך זיך אַריבערצופֿירן אונדזער שמועס צו זײַן אָנהייב און צו זײַנע פֿאַרגאַנגענע יאָרן אין ארץ־ישׂראל.

— איך בין אַוועק פֿון וואַרשע אין 1911, — דערציילט ער — געקומען אין ארץ־ישׂראל און אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ מושבֿה. געאַרבעט אין באר־טוביה. געאַרבעט 7־8 יאָר. זיך פֿאַרבונדן מיט דער ערד, מיטן לאַנד. דער מענטש וואָס איז ניט פֿאַרבונדן מיטן לאַנד האָט דאָ גאָרנישט צו זוכן.

ער האָט געאַרבעט אויף דער ערד פֿאַר אַן אָרעמען לוין — 8 פּיאַסטער אַ טאָג, 5 פֿונט אַ חודש. קנאַפּע צען יאָר איז ער געווען אַ שׂכיר־יום. גאָרנישט געשריבן. אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן האָט ער זיך צונויפֿגעחבֿרט און פֿאַרבונדן מיט אַראַבישע פֿעלד־אַרבעטער. דערפֿילט די אַראַבישע וועלט. זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן אַראַבישן פֿאָלקלאָר. ער איז שטאָלץ מיט דעם וואָס ער איז איינער פֿון די בעסטע בהמות־ציכטער אין לאַנד. ער האָט די מלאכה אָנגעהויבן נאָך אין דער היים. יאָרן איז ער געווען אַ מילכיקער פֿאַר זיך. געהאַט אַ שטאַל מיט בהמות, זיי געהאָדעוועט, געמאָלקן, פֿאַרקויפֿט די מילך. נאָך יאָרן זײַן אין לאַנד, לעבן דאָרטן און לערנען, האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אויף העברעיִש.

וועגן זײַן דערציילונג „בנגב" האָט געשריבן יעקבֿ פֿיכמאַן: „עס איז כּמעט אַ קלאַסישע דערציילונג פֿון אַראַבישן לעבן. אויך וועגן דער קו, וועגן פֿערד, וועגן אייזל, וועגן הינער. עס לעבן דאָרט די פֿעלדער פֿון נגבֿ, דער הימל איבער די מענטשן. מיר דערשפּירן אויך די גרויזאַמקייט פֿון דער נאַטור."

ער קען דעם דומם, דעם צומח, דעם חי און מדבר פֿון ארץ־ישׂראל.

— מען ווערט דאָ דורכגענומען מיטן רויִקן ריטעם פֿון מיטן טאָג, פֿון דער זון, פֿון דער דאָרפֿשײנקייט, פֿון פֿעלד, וואָס וואַקסט, פֿון דער לאַנקע, פֿון דער סטאַדע בהמות.

פּאַסטעך, פּיצוכט, מילכיקס — דאָס איז אין דער נאַטור פֿון משה סטאַווסקין. אָבער דער שרײַבער אין אים? — ציט אַוועק אונדזער שמועס צו זײַן שרײַבן, צו זײַנע ביכער.

— האָט איר געזען מײַן „כּפֿר ערבֿי", אַ בוך פֿון 400 זײַטן וועגן אַראַבישן דאָרף?

געקומען אַ ייִד פֿון אַ ליטווישן שטעטל און געוואָרן דער מחבר פֿון גרעסטן בוך וועגן אַראַבישן דאָרף אין ארץ־ישׂראל. אָנגעהויבן מיט די ייִדישע שטובֿ־עופֿות אין פּוילן און זיך צעשריבן וועגן די „שטומע ידידים", וועגן די בהמות און עופֿות אין לאַנד פֿון תּנ"ך.

— מײַן בוך „אַראַבישע מעשׂיות" האָט 600 אַראַבישע וווּנדער־געשיכטעס. נאָך 400 וואַרטן געדרוקט צו ווערן.

זײַנס אַ בוך אויף ייִדיש „אַראַבער דערציילן" האָט אין 1933 אַרויס־געגעבן דער ווילנער פֿאַרלאַג ב. קלעצקין. שוין 25 יאָר. דאָס איז געווען אַ ייִדישער בוך פֿון 22 אַראַבישע מעשׂיות, „אַ טייל פֿון די שמועסן, מעשׂיות, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן און פֿאַרצייכענען, באַגעגענענדיק זיך מיט אַראַבישע פֿעלאַכן און בעדויִנער". לעבנס־חכמה און מזרחשער דמיון, צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט בעלעמער וויץ, מיט אַ ייִדישן משל. „די מעשׂהלעך פֿון די אַראַבער" — דערציילט ער מיר — „זײַנען געקומען ווי אַ כּיבוד אורחים צוזאַמען מיט דער שוואַרצער קאַווע, זיצנדיק אויף אַן אויסגע־שפּרייטער קאָלדרע מיט אַ קישל בײַ דער זײַט. אַנדערע מעשׂהלעך האָב איך געהערט אין די שטילע, פֿאַרחלומטע נעכט, ציִענדיק זיך מיטן קאַראַוואַן אונטערן קלאַנג פֿון אַ האַלדזגלעקל און אַ ווײַטן געוויין פֿון אַ שאַקאַל."

די זאַמלונג פֿון די אַראַבישע מעשׂהלעך אויף ייִדיש הייבט זיך אָן מיט דער שיינער מעשׂה וועגן דעם, פֿאַר וואָס דער ים איז געזאַלצן.

— מען האָט זיי אַ מאָל געלייענט — זאָג איך — פֿאַר ייִדישע קינדער אין די ייִדישע שולן פֿון פּוילן.

עס איז אַ מעשׂה וועגן אַן אייזל, אַ פֿוקס און אַ טויב, וואָס האָבן צוזאַמען פֿאַרזייט אַ ביסל גערשטן. עס איז אַ דערציילונג וועגן דעם, אַז דער פֿוקס נאַרט אָפּ דעם אייזל, אַז דער באַרג פֿאַלט אַראָפּ אויף זײַן פֿאַר־זייטן פֿעלד, ווי אַזוי די חיות קומען אים משפּטן, משפּטן אין קריג צווישן דעם אייזל, דעם פֿוקס און דער טויב, און ווי אַזוי די טרערן פֿון אייזל האָבן אויף אייביק געמאַכט דעם ים געזאַלצן.

— איך האָב געשריבן דערציילונגען ניט נאָר וועגן די שטומע באַשעפֿענישן, — זאָגט משה סטאַווסקי — נאָר אויך וועגן לעבעדיקע מענטשן,

ווענן שטאָט און דאָרף, ווענן שווערער זאָרג און האַרעוואַניע, ווענן די וואָס זייען מיט טרערן און שנײַדן מיט פֿרייד.

— „בערוב היום", „ספר הבהמות", „בדרך לארץ האושר".

ער האָט זײַן מאַטעריאַל ניט געשעפּט פֿון דער לופֿט. יעדעס קערנדל איז געווען אין זײַנע פֿינף חושים.

— עס זײַנען געווען יאָרן און יאָרן. איך בין געווען פֿאַרשיכּורט מיט אַרבעט. איך פֿלעג אַרויסגיין צו דער אַרבעט יעדן טאָג גאַנץ פֿרי און קומען צוריק אין אָוונט. געאַרבעט אין קיבוץ, געפּאַקט ווײַנטרויבן, געריסן אַליוון.

— ווּ איז עס דאָ אַזאַ לאַנד, ווּ איך קאָן אַרומגיין באַרוועס פֿראַנק און פֿרײַ?

פֿאַר זײַן אַוועקגיין פֿון וואַרשע האָט אים ד"ר אַ. מוקדוני געזאָגט, ער זאָל ניט אַוועקפֿאָרן. ער וועט האָבן אַרבעט אין וואַרשע און פֿרײַנד. עס קלינגט אים איצט ווי רייד פֿון אַ ווײַטער, אונטערגעגאַנגענער וועלט.

— איך בין גאָר די לעצטע יאָרן באַשעפֿטיקט מיט וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרשונגען פֿון דער העברעיִשער שפּראַך. דער העברעיִשער לשון האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעריסן פֿון אונדז און מיר ניט פֿון אים. צוויי טויזנט יאָר זײַנען מיר געווען אָפּגעפֿרעמדט און דאָך אים ניט פֿאַרגעסן.

ער זאָגט מיר אויך, אַז ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעריסן פֿון „דאָרטן", פֿון וואַנען ער איז געקומען אַהער. וואָס מיר שרײַבן איז דאָך אַלץ זכרונות פֿון די קינדער־יאָרן, וואָס דרימלען אין אונדז. מיר קאָנען ניט אָפּרײַסן דעם הײַנט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

קוק איך בשעת מעשה אַרײַן אין זײַנעם אַ ספֿר און לייען אַרויס פֿון דאָרטן:

— קיין זאַך גיט ניט אַרײַן אַזוי פֿיל יאוש אין האַרצן פֿון מענטשן ווי אַ בהמה וואָס ליגט אויסגעצויגן אויפֿן מיטן וועג. דער אַראַבער האָט זייער פֿײַנט אַזאַ אָקס. ער זאָגט צו אים: „מאַכאַד!.. טפֿו!.."

און אָט איז אַן אַנדער פּאָר שורות:

— ווען די לבֿנה קומט אויף, גרייט מען זיך אין וועג אַרײַן. מען שפּאַנט די אָקסן, מען נעמט צוזאַמען די כּלים. יצחק שטעקט אַרײַן ביידע פֿיס אין דער ערד, אַז קיין כּוח וועט אים ניט רירן פֿון אָרט.

— טוט אַ שמעק מיטן כּרם פֿון ארץ־ישׂראל, מיט די ווײַנגערטנער. „די ווײַנטרויבן זײַנען פֿול, צײַטיק. מען נעמט זיי אַראָפּ, מען פֿרייט זיך מיט זיי..."

— אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן האָבן מיר דורכגעמאַכט די קאַמפֿן צווישן ייִדיש און העברעיִש. אַ גיכע אַנטוויקלונג. ביז העברעיִש איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אומגאַנגשפּראַך פֿון לאַנד.

לייג איך אים פֿאָר, ער זאָל מיר אַ ביסל דערציילן וועגן דעם, וועגן יענער צײַט, וועגן די קאַמפֿן.

— ווען איך בין געקומען אין ארץ־ישׂראל, איז דאָ העברעיִש נאָך ניט געווען די אומגאַנגשפּראַך, — זאָגט ער — אויסער ביי די ווענמענס פּראָפעסיע דאָס איז געווען.

ער האָט געקענט העברעיִש אין דער היים. זיין טאַטע איז געווען אַ ספרא רבא. זיינער אַ ברודער איז געווען אַ רבֿ אין קרים. ניט געוואָלט נעמען קיין שׂכירות פאַר רבנות.

דערציילט ער מיר, אַז אין 1912 האָט אַ גרופּע ליבהאָבערס פון ייִדישן טעאַטער, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן, אויפגעפירט גאָלד־פאַדענס „שולמית" אויף ייִדיש. האָט מען אין זאַל אַריינגעוואָרפן שטינק־באָמבעס. אויף דער גאַס האָט מען אָפּגעוואַרט די שולדיקע אין „שולמית"־שפּיל, כּדי זיי צו צעברעכן די ביינער. דעמאָלט איז דאָרטן געווען אחד־העם. אַ גרופּע תּלמידים פון גימנאַזיע האָבן אָפּגעוואַרט זיך אָפּצורעכענען מיט די שולדיקע. ער, משה סטאַווסקי, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אחד־העמען. זיי האָבן געמאַכט אַ וועג צווישן דער גרופּע שלעגערס. חבֿרה האָט דעמאָלט ניט געהאַט קיין העזה קיינעם אָנצורירן.

— עטלעכע לערערס פון גימנאַזיע האָבן אויפגעהערט מיר צו זאָגן „שלום" צוליב דער „שולמית"־פאָרשטעלונג.

אין יענער צייט איז געווען אין לאַנד שוין צום צווייטן מאָל דוד פרישמאַן. איך האָב זיך מיט אים שטאַרק צונויפגעחבֿרט. ער האָט רעדאַגירט מיין דערציילונג „לבֿן הארמי" אויף העברעיִש.

פרישמאַן איז דעמאָלט איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל אין יפו. ער, משה סטאַווסקי, איז געזעסן ביי אים אין צימער. לערערס פון גימנאַזיע זיינען געקומען זיך זען מיט פרישמאַנען. זיי זיינען געווען די בויערס פון ייִדישן חינוך: יחיאל, טוראָוו, אַווערבוך. פרישמאַן האָט זיך אויסגעדריקט מיט איראָניע:

— די לשון־קודשניקעס גייען.

עס איז אָבער אַריבער אַ קורצע צייט. העברעיִש האָט אָנגעהויבן זיך איינצובירגערן. אין דער שול „עזרה" האָבן די פאַרוואַלטערס געוואָלט איינפירן ווי אַ לימודים־שפּראַך אָדער דייטש אָדער פראַנצייזיש. די לערערס האָבן דעמאָלט פאַרשטרייקט קעגן דייטש ווי אַ לערנשפּראַך. די פאַרוואַלטערס האָבן געוואָלט, אַז העברעיִש זאָל זיין נאָר איינער פון די לימודים, אָבער ניט קיין לערנשפּראַך. דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן. ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און אַרויסגערופן אַ וואַרעמע באַציִונג צו העברעיִש.

עס האָט זיך אָנגעהויבן בויען און פונאַנדערבויען תּל־אָבֿיבֿ. די גימנאַזיע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ניט נאָר פאַר העברעיִש, נאָר פאַרן סאַמע אויפבוי פון תּל־אָבֿיבֿ. לכתּחילה איז די גימנאַזיע „הרצליה" געבויט געוואָרן אין יפו. שפּעטער איז זי אַריבער אין תּל־אָבֿיבֿ. אַ סך ייִדישע קינדער פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך אין דער צאַרישער צייט ניט

געקאָנט אַרײַנבאַקומען אין אַ רוסישער שול, זײַנען פֿון די עלטערן געשיקט געוואָרן אין „הרצליה״. קינדער דאַרפֿן האָבן אַ פּענסיאָנאַט. מיטן קינד פֿאָרט די מאַמע, דאַרף מען האָבן אַ הויז, אַ דירה. די קינדער לערנען העברעיִש אין גימנאַזיע, ריידן העברעיִש. און אַזוי הייבט מען אָן ריידן העברעיִש אין יידישע הייזער.

ווען איך קוק זיך איצט אַרום, זע איך, אַז די וויכטיקסטע כּלל־טוערס אין ישׂראל, צווישן זיי משה שערטאָק (שרת) זײַנען געווען תּלמידים אין דער גימנאַזיע „הרצליה״.

ער קערט זיך אום צו יידיש:

— נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן גיך צו בויען, האָט דאָ זיך באַוויזן אַ גרופּע יידישיסטן. איך האָב זיך מיט זיי צונויפֿגעחבֿרט. זיי האָבן שטאַרק געוואָלט יידיש. העברעיִש איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אײַנגעפֿונדעוועט. איך בין דאָך דעמאָלט געווען אַ יידישער שרײַבער, בין איך געווען פֿאַרבונדן מיט יידיש. איך האָב אָבער ניט געקאָנט גיין אין מלחמה קעגן העברעיִש.

דערמאָנט ער זיך:

ווען אַלטער קאַציזנע איז געווען אין לאַנד, האָט מען אים, משה סטאַווסקין, אײַנגעלאַדן אויף אַ יידישער פֿאַרזאַמלונג.

— איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ שטאַל מיט פֿיר־פֿינף בהמות, געמאָלקן, פֿאַרקויפֿט מילך. מען איז געקומען מיך אײַנלאַדן צו דער פֿאַרזאַמלונג און איך האָב געדאַרפֿט מעלקן מײַן קו. ניט געקאָנט גיין.

ווער איז געווען פֿאַר יידיש? די וואָס קאָנען ניט לייענען אויסער יידיש, וואָס האָבן ניט געקאָנט שאַפֿן אויסער יידיש. אָבער אַ סך האָבן געקענט העברעיִש.

דער קאַמף צווישן יידיש און העברעיִש איז אָנגעגאַנגען.

— דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען אַ קורצע צײַט צו זײַן אַ גאַסט אין פּוילן.

ער זאָגט מיר, אַז ער געדענקט די רייד פֿון ש. ניגערן, וועלכער זאָל האָבן געזאָגט, אַז — יידיש אָדער העברעיִש איז די זאַך פֿון די יידן אין ארץ־ישׂראל, אָבער ניט די זאַך פֿון די וואָס לעבן ניט דאָרטן.

דערמאָנט ער זיך די צײַט, ווען ה.־ד. נאָמבערג איז געווען אין ארץ־ישׂראל. נאָמבערג איז ניט געווען קיין ציוניסט, ער איז געווען אַ פּאָלקיסט. ער איז אָבער געווען באַגײַסטערט פֿון ארץ־ישׂראל, באַזונדערס פֿון תּל־אָבֿיבֿ.

„געוואַלד, וואָס האָט איר געשוויגן — האָט נאָמבערג געטענהט — ווען אַ שטאָט וואָס איז הונדערט פּראָצענט יידיש? וואָס מאַכט איר דערפֿון אַ סוד? מיר האָבן געמיינט, אַז עס איז נאָר ציוניסטישע אַגיטאַציע. מיר האָבן ניט געגלייבט.״

ה.־ד. נאָמבערג איז געווען אין לאַנד אייניקע חדשים. עס איז אָנגעפֿירט געוואָרן זײַנער אַ רעפֿעראַט וועגן י.־ל. פּרץ. מיט אַ טאָג פֿריִער האָט נאָמבערג געזאָגט משה סטאַווסקין: „איך וויל, איר זאָלט דאָרטן זײַן.״

— איך בין געקומען צום רעפּעראַט. מענטשן זײַנען דאָ, אָבער נאָמבערג איז ניטאָ.

האָט געזאָגט צו סטאַװסקין דער לינקער פּועלי־ציוניסט ישׂראל װעשער: „לאָמיר גײן צוזאַמען צו נאָמבערגן און זען, פאַר װאָס ער איז ניט געקומען.״ זײ זײַנען געקומען צו אים און נאָמבערג האָט זײ געזאָגט:

— איך האָב געמײנט, אַז זײ װילן אַ רעפּעראַט װעגן פּרצן. ערשט זײ װילן גאָר ייִדישיסטישע פּאָליטיק. צוליב דעם בין איך ניט געקומען.

דערמאָנט זיך משה סטאַװסקי אױך װעגן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרופּע ייִדישע שרײַבערס־ייִדישיסטן אין תּל־אָבֿיבֿ אין 1930, לכּבֿוד זײַן אָפּפאָר אױף אַ צײַט קײן פּױלן. פאַרשטײט זיך, אַז מען האָט אױף יענער פאַרזאַמלונג גערעדט װעגן ייִדיש און העברעיִש.

— הערט, חבֿרים, — האָב איך זײ דעמאָלט געזאָגט — העברעיִש אין ארץ־ישׂראל, עס איז אַן אינסטרומענט צו בױען דאָס לאַנד. יעדער ייִד װיל, מען זאָל בױען ארץ־ישׂראל אױף העברעיִש. װעלן מיר אַרײַנברענגען אַ ייִדיש־מלחמה, װעלן מיר ניט מצליח זײַן פאַר ייִדיש און װעלן שטערן העברעיִש. אױב מען װיל אַן אַנדער לאַנד, ניט ארץ־ישׂראל, בױען אױף ייִדיש, װעל איך גײן אַהין און אַרײַנשטעקן דאָרטן דעם ערשטן אַקער, אָבער ארץ־ישׂראל דאַרף זײַן אױף העברעיִש.

זײַן רעדע— זאָגט ער— האָט מען דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אין פּױלן. מען האָט אים דאָרטן דערקלערט פאַר אַ קעגנער פון ייִדיש. און אַז ער איז דאָרט געקומען, האָט מען אים שלעכט אױפגענומען.

ער דערצײלט מיר, אַז די באַציִונג צו ייִדיש אין ישׂראל האָט זיך שטאַרק געביטן כּמעט בײַ אַלע העברעיִשע שרײַבערס. ייִדיש איז מער ניט קײן קאָנקורענט. קײנער װיל מער ניט אַרױסטרײַבן ייִדיש. דאָס איז גוט. ייִדיש פאַרלאַנגט אַ צימער פאַר זיך אין ייִדישן הױז, זי װיל אָבער ניט אַרױסטרײַבן דעם בעל־הבית פון הױז.

די אַלטע טענה װעגן דעם העברעיִשן בעל־הבית. — באַמערק איך.

אָבער ער גײט אַן װײַטער און זאָגט אַזױ:

— די געװעזענע גרעסטע קעגנערס פון ייִדיש קוקן איצט אױף ייִדיש מיט בעסערע אױגן. ניטאָ מער קײן קעגנערס פון דרוקן ייִדיש, װי עס איז געװען אַ מאָל. װי אַזױ מען איז געקומען צו אָט דעם צוגאַנג, איז אַ סך צו ריידן, און דאָס איז װײניקער װיכטיק. װיכטיק איז, אַז די באַציִונג האָט זיך געביטן צום בעסערן.

— ייִדישע שריפטשטעלער, װאָס זײַנען איצט געקומען אין לאַנד, — זאָגט ער — דאַרפן האָבן רעכט און מעגלעכקײטן זיך אױסצודריקן אין דער שפּראַך װאָס איז זײערע. מען טאָר ניט צונעמען בײַ די מענטשן דאָס רעכט פון זײער גײַסטיקער עקזיסטענץ. זאָל קײנער ניט באַגײן איבער זיך קײן געװאַלדהאַקט. זאָלן זײ שרײַבן אין דער שפּראַך אין װעלכער זײ פילן זיך פרײַ.

ער זאָגט מיר, אַז די העברעישע פּרעסע נעמט זיי אויף בכבוד און זעצט זיי איבער. גאַנץ אָפט ווייס ניט דער העברעישער לעזער, אַז דאָס זיינען איבערזעצונגען פון יידיש.

ער האַלט, אַז דאָס יידישע לעבן אין גלות האָט דאָרטן באַקומען אַ תּיקון אַ דאַנק דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע פּרעסע האָט אַריינגע־נומען אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די יידיש־עשירות דאַרף אַריבער־געטראָגן ווערן אין ארץ־ישׂראל אויף העברעיש. ישׂראל מוז דערקענען דעם גלות! דער העברעישער לערער און אינטעליגענט האָבן געענדיקט זייער וויסן פון דער יידישער ליטעראַטור מיט מענדעלען און פּרצן. ווייטער זיינען זיי ניט געגאַנגען. דאָס איז ניט גוט.

ער באַציט זיך קריטיש צו אַ צאָל יידישע און העברעישע שרייבערס:

— מענדעלע איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער השׂכּלה. ער האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צום יידישן לעבן. ביאַליק איז ניט געווען קיין דערציילער. וואָס פאַר אַ תּענוג קאָן האָבן אַ תּלמיד פון דער שול, ווען ער וועט לייענען ביאַליקס „אריה בעל־גוף"? ווער איז ער געווען, ביאַליקס אריה? — אַ פּרעסער, אַ זויפער, אַ ליוזיקער מענטש. אַ ישׂראל־קינד וועט מיינען, אַז אַזאַ איז בכלל געווען דער גלות־ייד.

און פּרץ? — איר האָט ביי אים „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס", ראָמאַנטיק, אָבער יידיש לעבן איז ביי אים ניטאָ. וויסנבערג?.. ראָזנ־פעלד? וואָס האָבן זיי צו זאָגן דעם היינטיקן דור פון אונדזער יוגנט? אָפּגעקליבן מוז ווערן נאָר דאָס פּאָלוערטיקע, דאָס וויכטיקע.

איך האָב אין משך פון אונדזער שמועס אויסגעמיטן צו באַרירן סטאַווסקיס פּערזענלעך לעבן. איך ווייס, אַז ער איז ניט געווען צו גליקלעך. זיין ערשטע פרוי, די מוטער פון זיין זון, די שפּעטער באַקאַנט געוואָרענע פּאָעטעסע אַננאַ מאַרגאָלין, איז געווען מיט אים אין ארץ־ישׂראל בלויז די ערשטע צוויי יאָר. זיין צווייטע פרוי לעבט ניט. ער איז איצט גאַנץ איינזאַם. אָבער ער אַליין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פּאָר ווערטער:

— מיין זון איז געבאָרן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל. ער הייסט נעמון. נאָכן אויפקום פון דער מדינה איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דער אַמט פון גאָווערנאָר פון צפת.

„מיין זון נעמון" — האָט ער געזאָגט, און עס איז דורכגעפלויגן פאַר מיינע אויגן דאָס שטורמישע לעבן פון נעמונס מאַמע, אַננאַ מאַרגאָלין. ווען איר זון איז אַנטוויינט געוואָרן, איז זי אַוועקגעפאָרן פון ארץ־ישׂראל אין דער וועלט אַריין, איבערלאָזנדיק דאָס קינד אויף די הענט פון פאָטער, משה סטאַווסקי. זי האָט דורכגעמאַכט לענדער — רוסלאַנד, פּוילן, אַמעריקע, דורכגעמאַכט דראַמאַטישע און טראַגישע איבערלעבונגען, ביז, אין 1953, איז זי געשטאָרבן אין ניו־יאָרק ווי די פרוי פון פּאָעט ראובן אייזלאַנד. אַט האָט דאָך דערציילט אייזלאַנד פאַר זיין טויט, אַז עס איז געבליבן נאָך איר אַ פּעקל בריוו פון משה סטאַווסקין.

— אננא מארגאלין פֿלעגט אַ מאָל ארויסנעמען — האָט דערציילט ראובן איַיזלאַנד — אַ פֿאָטאָגראַפֿיש בילד פֿון איר זייגנדיק קינד אויף איר שויס. זי פֿלעגט ווערן נערוועז, אויפֿגערעגט, און זאָגן, אַז זי פֿילט נאָך אויף איר האַלדז די נעגעלעך פֿון איר קינדס הענטלעך פֿון דער שעה, ווען זי האָט זיך מיט אים געזעגנט.

אָט זײַנען אַ פּאָר שורות פֿון אננא מארגאַלינס אַ ליד:

א שווײַגן, און אַ בליק, און אַ ריר,
פֿול מיט נאַכט און געוויין,
צווישן אונדז ביידן.
ווי מיר וואָלטן אַליין
צום גן־עדן
פֿאַרשלאָסן די טיר.

זאָגט מיר איצט משה סטאַווסקי וועגן זײַן זון אַזוי:

ער איז איינער פֿון די ערלעכסטע דינער פֿון דער מדינה. ער איז זייער אַ געראַטענער. אַ געראַטענער מענטש און אַ געראַטענער ייִד.

קערט ער זיך אום איין מאָל און נאָך אַ מאָל צו זײַן פֿאַרבינדונג מיטן ייִדישן לשון און ער זאָגט אַזוי:

— איך האָב שטאַרק ליב געהאַט ייִדישע לידער. ליב געהאַט זיי צו זינגען. איך האָב דאָך צוואַנציק יאָר געשריבן נאָר ייִדיש.

נאָך עפּעס:

— איך בין געווען אין פּוילן, ווען היטלער איז שוין געווען הינטערן טיר. איך האָב אין לעמבערג געזאָגט צו די ציוניסטן: „צווישן אונדז און אײַך איז ניטאָ קיין אמתע פֿאַרבינדונג און שותּפֿות. בײַ אײַך איז ציוניזם אַ פּאָר זלאָטעס פֿאַרן קרן־היסוד, אויפֿנעמען אַ קינד אין ארץ־ישׂראל. בײַ אונדז איז עס דאָס גאַנצע לעבן."

דערציילט ער ווײַטער, אַז אין וויקטאָר הוגאָס דערציילונג „דער לעצטער טאָג פֿון פֿאַרמשפּטן צום טויט" ברענגט זײַן פֿרוי צו אים, צום פֿאַרמשפּטן, צום לעצטן מאָל זייער קינד. דאָס קינד האַלט אַ בלעטל אין האַנט וועגן דער געשעעניש פֿון טאָג. „ווו האָסטו עס גענומען?" — „די מאַמע האָט עס געקויפֿט פֿאַר צוויי סו." — „איך האָב באַצאָלט מיטן לעבן, און דו האָסט באַצאָלט צוויי סו!.."

ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז געווען אין דער לעמבערגער שול, ווען עס זײַנען געקומען ידיעות וועגן אַ פּאָגראָם אין טבריה:

— איך בין געשטאַנען אין שול און געוויינט, און ניט געהאַט קיין שותּף צו מײַן געוויין. איך בין געווען אַליין.

דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט געשריבן אין זײַנער אַ דערציילונג וועגן דער איינזאַמקייט פֿון אַ פֿערד אין שטורעמווינט.

— אפילו אַז מיר שרײַבן װעגן אַ געלער הוז, שרײַבן מיר דאָך אַלץ װעגן זיך.

פֿרעג איך אים צום סוף, צי ער האָט עפּעס צו זאָגן, דורך מיר, צו די ייִדן אין אַמעריקע?

ענטפֿערט ער:

— איר שיקט אונדז געלט, איר מאַכט אונדז פֿאַר שנאָרערס. מיר דאַרפֿן דעם נפֿש. איין ייִדנטום האָט דערקענט דעם עיקר פֿון פּראָבלעם, דאָס װיכטיקסטע, און האָט גרינטלעך געהאַנדלט. דאָס איז דאָס בולגאַרישע ייִדנטום. זײ זײַנען געקומען און זיך באַזעצט אין ישׂראל.

— דאָס האָט געקאָנט טאָן אַ קלײן רעשטל פֿון אַ קלײנעם ייִדישן יישובֿ אין אַ מדינה װאָס איז באַהערשט פֿון די קאָמוניסטן. איר מײנט דאָך ניט, אַז אַזױ קאָן און דאַרף האַנדלען דאָס פֿינפֿמיליאָניקע ייִדנטום פֿון אַמעריקע?

◆

אונדזער שמועס האָט זיך געצױגן אין משך פֿון צװײ טעג. שטיל איז געװען אין זײַן דירה. קײנער האָט אונדז ניט געשטערט. קײנער איז ניט אַרױס, קײנער איז ניט אַרײַן. אין מיטן טיפֿן שמועס האָט מען געקאָנט האָבן אַ געפֿיל, אַז מיר זײַנען אָפּגעטײלט פֿון דער װעלט.

מען דאַרף גײן. מיר זעגנען זיך. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט דאָס געפֿיל, אַז מיר האָבן נאָך אַ סך צו שמועסן. ער װאָלט געװאָלט, אַז ייִדיש־לײענער, װאָס געדענקען אים נאָך פֿון „לבֿן הארמי", זאָלן קאָנען לײענען אין ייִדיש זײַנע שפּעטערדיקע װערק, געשריבענע אין העברעיִש.

איך קוק אויף אים, קוק אויפֿן גרויסן װײַסן קאָפּ פֿון אײנעם, װי ער האָט מיר געזאָגט, פֿון די בעסטע פּיִצײכטער אין ארץ־ישׂראל און מחבר פֿון די שענסטע אַראַבישע מעשׂהלעך אין העברעיִש. ער איז איצט אַ בכּבֿודיקער זקן. אַרײַן שוין אין די 70ער יאָרן. זײַן פּנים איז פֿאַרברענט פֿון זון. מען זעט אויף אים, אַז זײַן גאַנץ לעבן האָט ער געלעבט פֿון אײגענער פּראַצע.

דריקט ער זיך אויס אַזױ:

— איך, משה בן חיים, זאָג: „שינד בעסער אָפּ אַ נבֿלה אין מיטן גאַס און לעב ניט פֿון ליטעראַטור."

„בזעת אַפּיך" געאַרבעט, געטאָן, געהאָרעװעט אין פֿעלד, אין װײַנגאָרטן, בײַ בהמות. געקומען פֿון אַ שטעטל פֿון דער ליטע, קינדװײַז זיך געהאָדעװעט בײַ אַ װאַסערמיל אין שכנות פֿון מחנות פֿערד, סטאַדעס קי, ביז עס האָט געזאָגט װעגן אים יעקבֿ פֿיכמאַן:

— משה סטאַװסקי האָט ניט געשריבן װעגן לײב, ניט װעגן טיגער, נאָר װעגן פֿערד, קי, הינער. דאָס זײַנען געװען ייִדישע בני־בית. זײ האָבן זיך אַרײַנגעפֿלאָכטן אין ייִדישן שטײגער. און ער האָט באַשײנט די נשמה פֿון ייִדישן קינד, פֿון ייִדישן מענטשן.

אַבֿרהם סוצקעווער

מײַנע שמועסן מיט אַבֿרהם סוצקעווערן

האָב איך געהאַט אין פֿאַרלויף פֿון פֿיל שעהען אויף אַ טעראַסע אַנטקעגן דעם בלויען ים־התּיכון, אויפֿן באַלקאָן פֿון זײַן וווינונג; אין ירושלים בעת די סעסיעס פֿון קאָנגרעס פֿון די אינטעלעקטועלע; אין דער רעדאַקציע פֿון „דער גאָלדענער קייט", וועמעס רעדאַקטאָר ער איז, אויף אַ באַלקאָן פֿון דער גאַס ירקון; „געשמועסט" אויך, ווען ער איז ניט געווען דערבײַ און עס זײַנען געווען פֿאַר מיר זײַנע ביכער.

מײַנע נאָטיצן פֿון די שמועסן מיט אים ציִען זיך צום גרינעם קליינעם ליטווישן שטעטל סמאָרגאָן, צום פֿראָסטיק־שנייִיקן סיביר, צום סיבירער גרעסטן טײַך אירטיש; פֿון דאָרטן — צוריק קיין ליטע, קיין ווילנע, צום ווילנער געטאָ, צו פּאָנאַר, צו אַ שמאָלן פּאַס צווישן לעבן און טויט, צו די פּאַרטיזאַנען־וועלדער, צו מאָסקווע, צום נירנבערגער פּראָצעס, צו פֿראַנקרײַך, צו ישׂראל, צום באַרג סיני, צו „דער גאָלדענער קייט".

איך וועל אָבער קאָנען בלויז אַרויסכאַפּן פּרקים פֿון דאָ און פֿון דאָרטן, הייסע קוילן פֿון פֿײַער, פֿון מאָל צו מאָל נאָר האַלעוועשקעס, געבליבענע סימנים פֿון גרויסע שׂריפֿות.

„ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוזסטו גיין אין דעם דיכטערס לאַנד", מוזסטו זיך אַרײַנהערן אין זײַן ביאָגראַפֿיע.

◆

— איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געשריבן מײַן ביאָגראַפֿיע. — האָט מיר געזאָגט אַבֿרהם סוצקעווער — שטיקער פֿון מײַן ביאָגראַפֿיע זײַנען אָבער דאָ אין מײַנע לידער. ווען איך בין געווען אַ גאַסט אין אַרגענטינע, האָב איך דאָרטן גערעדט אויף דער טעמע „מײַן לעבן און מײַן ליד." איך האָב דעמאָלט גערעדט 2 שעה. געפּרוּווט זײַן אָביעקטיוו ווי ווײַט מעגלעך. אַז איך האָב געענדיקט רײדן (ענדיקן מוז מען דאָך), האָב איך געהאַט אַ געפֿיל, ווי איך וואָלט אַרויס פֿון אַ חלום.

— לאָמיר אָנהייבן פֿון די קינדער־יאָרן.

— איך בין געבאָרן געוואָרן אין סמאָרגאָן, נים ווײַט פֿון ווילנע, אין 1913. איך קום אַרויס פֿון אַ גרויסער רבנישער משפּחה.

אַז ער איז אַלט געווען צוויי יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה. צוזאַמען מיט זײַן משפּחה איז ער פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין סיביר, בײַם טײַך אירטיש: טאַטע־מאַמע; זײַן שוועסטער עטל, וואָס לעבט שוין נים; זײַן ברודער משה, וואָס לעבט אין ארץ־ישׂראל, ווו ער איז געווען איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון אומלעגאַלע עולים־שיפֿן, אַ מאַטעמאַטיקער מיט גרויסע אויסצייכענונגען.

— ווי קומט אײַער משפּחה פֿון סמאָרגאָן אין סיביר?

— בעת אירע וואַגלונגען אין אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מײַן משפּחה געהערט די עצה פֿון אַ ייִדן גוטערמאַכער: „דאָרטן, אין סיביר, וועט איר איבערלעבן די מלחמה".

האָט די משפּחה אַוועקגעוואַנדערט, געוואָגלט, און איז אָנגעקומען צו די קירגיזן בײַם טײַך אירטיש. „דאָרטן איז קירגיזיש געוואָרן מײַן שפּראַך." ער קען קירגיזיש נאָך הײַנט. סיביר איז ווײַט אָרעם און אָרעם. אין יוצא ואין בא. סוף וועלט.

— ווו ענדיקט זיך וועלט, אַ טאַטע?

— הינטער יענער כאַטע אויפֿן באַרגשפּיץ, ווו די זון פֿאַרגייט.

ער האָט דאָרטן מיט זײַן קירגיזער חבֿרל טשאַנגורי געריטן אויף אַ קעמל.

„קום צו רײַטן ווידער אויף דײַן טויבן הויקערדיקן קעמל, און געשווינד פֿאָרן פּיצל העמד אַ צי מיד אויבן און — אַוועקגעלאָזן זיך אין ווינט."

וועגן דעם לשון פֿון זײַן קינדהייט, קירגיזיש, זאָגט ער מיר אַזוי:

— זײַענדיק אין מאָסקווע אין 1944, בין איך אַוועק אין קירגיזער טעאַטער און דאָרטן זיך דערמאָנט מײַן קינדהייט.

זײַן טאַטע איז געווען אַ מוסמך. אין דער סיבירער כאַטע איז געזעסן דער טאַטע און געלערנט תּורה מיט זײַן ייִנגל. זײַן טאַטע איז אויך געווען אַ פֿידלשפּילער. ער האָט געבראַכט זײַן פֿידל פֿון סמאָרגאָן אין סיביר. אָפֿט האָט ער דאָרט געשפּילט. דערטראָגן זיך צו אים אָפֿט — זאָגט אַבֿרהם סוצקעווער — די קלאַנגען פֿון זײַן טאַטנס פֿידל. „מײַנע איבערלעבונגען אין סיביר זײַנען דער מקור פֿון מײַנע שאַפֿונגען."

— די ליכטיקייט פֿון די סיבירער פֿעלדער איז געווען מײַן אוראייביקע אינספּיראַציע. מײַן ערשטע פּאָעמע, „סיביר", וועט מיך באַגלייטן.

וויל איך מער הערן וועגן זײַן פֿאָטער, דער מוסמך אין סמאָרגאָן און פֿידלשפּילער אין סיביר.

— צו דרײַסיק יאָר האָט בײַ אים געפּלאַצט דאָס האַרץ בײַם שפּילן לוי־יצחקס ניגון.

... פלוצלונג האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ
דער בלינדער טאַטע,
געטאָן אַ צוק,
אַ וואַקל
מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם,
און אויף די הענטלעך מײַנע
האָט אַ פֿאַל געטאָן זײַן גוף
צוזאַמען מיט דער פֿידל . . .

צי איז עס אַ דוכטעניש, צי עס איז וואָר — ליגנדיק שוין צוגעאײַביקט צו אַ קאַלטן שווײַגן, זאָלן האָבן זײַן טאַטנס ליפּן אים פֿאַרטרויט:

— אַזוי, מײַן קינד, פּרוּװ אוים אויף דײַנע הענט די וואָג פֿון לעבן, כּדי דו זאָלסט זיך צוגעוווינען זי שפּעטער צו דערטראָגן.

שפּעטער האָט ער געשריבן אַ ליד וועגן ביידן — וועגן זײַן טאַטן און זײַן מאַמען; דער טאַטע, וואָס איז געשטאָרבן אין סיביר, און די מאַמע, וואָס איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ:

מײַן טאַטע איז אַ קרײַז אויף די טײַכן פֿון סיביר,
מײַן מאַמע איז אַ שײַטער־הויפֿן לעבן דער ווילײַע;
נאָר ביידע זײַנען זיי אין מיר —
דער שײַטער־הויפֿן און די קרײַז.

צו די שאַרפֿסטע זכרונות־בילדער פֿון זײַנע קינדער־יאָרן געהערט אַ מעשׂה מיט אַן אײַנגעפֿרוירענער שיף אויפֿן טײַך אירטיש. עס איז געווען אַ פֿראָסטיקער אוונט איבער דעם פֿאַרפֿרוירענעם סיבירער טײַך. דער כוטאָר, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט, איז געווען אין גאַנצן אײַנגעקאַוועט אין שניי. דער טאַטע, אַ האַרציק־ייִדנדיקער, איז געווען קראַנק. ער איז געשטאַנען בײַ די פֿאַרפֿרוירענע שײַבלעך און געשפּילט אויף אַ פֿידל. ער האָט געקוקט דורכן דורכגעהויכטן שויב. דאָרטן האָט מען געזען פֿלאַטערן טויבן. דעם זון האָט שטאַרק דורכגענומען זײַן טאַטנס פֿידל שפּילן און זײַן קראַנק זײַן. ער האָט געפֿילט אין זיך אַ טרויעריק־דערהויבענעם געפֿיל. ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט אים. האָט ער אָנגעטאָן זײַן רויטן באַשליק, זײַן פּעלצל, וואָס ער האָט אַגבֿ שפּעטער אָפּגעהיט אויך אין ווילנער געטאָ.

— בײַם ווערן אַ פּעלצל איז עס פֿאַרבליבן אַ שעפּסעלע.

זײַן מאַמע האָט אַט דעם פּעלצל — דערמאָנט ער זיך — אײַנגעקויפֿט בײַ אַ הונדערטיאָריקן קירגיז פֿאַר אַ טאַרבעלע זאַלץ און איר זון געגעבן אַ מתּנה צו זײַן זיבעטן געבוירן־טאָג. אַזוי ווי זײַן מאַמעס אָטעם וואַלט דורך דעם אַרײַן אין זײַנע ביינדלעך. טאַקע אָנגעטאָן אין דעם פּעלצל, האָט ער געשאַפֿן זײַן ערשט „ליד" — אַ שנײַמענטש. אָט דער פּעלצל האָט אים באַגלייט איבער צײַטן און לענדער.

— מײַן פּעלצל, אַ בלויע שעפּסעלע, בלאָנקעט אין דער אייביקייט. מע . . . מע . . . מע. . .

דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז דעמאָלט אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב, אָנגעטאָן אין פּעלצל. געלאָפֿן אין וואַלד. עס איז אים געוואָרן וואַרעם פֿון לויפֿן. האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם פּעלצל און געגאַנגען. ער האָט געקוקט אויף די רויבן, וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פֿון די קוימענס פֿון די כוטאָרלעך.

„מיט אַ מאָל, גייענדיק אַזוי מיטן טײַך, האָב איך דערזען, ווי אַ שיפֿל שטייט אײַנגעפֿרוירן אין טײַך, מיט צוויי ווענטלעך ווי מיט פֿונאַנדערגע־שפּרייטע הענט." האָט ער רחמנות געהאַט אויפֿן שיפֿל, וואָס קאָן ניט שווימען. איז ער צו אים צוגעגאַנגען נעענטער און גענומען בעטן גאָט, ער זאָל זיך מרחם זײַן אויפֿן שיפֿל.

— ווי גרויס איז געווען מײַן פֿאַרוווּנדערונג אויף מאָרגן, ווען איך האָב דערהערט אַ גערודער אויפֿן טײַך. דאָס אײַז האָט זיך געבראָכן, זיך געלאָזט. דאָס שיפֿל איז אַוועק מיטן וואַסער. איך געדענק דאָס ווי נעכטן. איז דאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! יאָ, מײַן שטים איז דערהערט געוואָרן. דאָס בילד פֿון דער שיף, וואָס לאָזט זיך אין גאַנג, גייט מיר פֿאַרויס. איך זע אין דעם בילד די פֿאַרקערפּערונג פֿון מײַן גורל.

איך קאָן איז אַ פֿידל. איך אָנקער — אַ סמיק.
זי האָט אין ווילינע געבראַכט דײַן מוזיק.
זי האָט מיטן ניעמען פֿאַרלענגערט דײַן רוס.
זי שווימט מיטן ירדן אַרום און אַרום.
און ווען איבער איר וועט שוין בליִען אַ רויז,
נאָך לאַנג וועט זי שווימען וועלט־אײַן און וועלט־אויס.

ווײַל איך נאָך עפּעס וויסן וועגן זײַן טאַטן. דערציילט ער מיר גערן:

— מיר זײַנען געווען אין אַמסק, סיביר. איז געקומען אַ צאַרישער הויכער אָפֿיציר, וואָס איז געווען אַ היטער פֿון די חפֿצים פֿון צאַר אין פּעטערבורג, אַרויסגעגנבֿעט דעם צאַרס שענסטן דימענט און מיט אים אַנטלאָפֿן אין סיביר. אין סיביר איז ער געקומען צו אַ ייִדן, בערגער, אונדזערן אַ פֿרײַנד, און אים פֿאַרקויפֿט דעם גרויסן צאַרישן דימענט. בערגער האָט מורא געהאַט אים צו האַלטן בײַ זיך. ער פֿלעגט אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב, ווו עס פֿלעגן אַרײַנקומען ייִדן־פּליטים פֿון רוסלאַנד. דער ייִד בערגער האָט געהאַט צוטרוי צו מײַן טאַטן און אים אָנגעטרויט צו באַהאַלטן דעם דימענט.

איין מאָל בײַ נאַכט האָט דער טאַטע אים, זײַן אַבֿרהמלען, צוגערופֿן, אָנגעצונדן דעם קליינעם קורניק און צו אים געזאָגט: „איך וויל, דו זאָלסט זען דעם גרעסטן דימענט." ער האָט אים געזען. ער איז געווען גרויס ווי אַן אייעלע פֿון אַ טויב. אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען בערגער, צוגע־

נומען זײַן דימענט, געלאָזט אים צעשנײַדן אין עטלעכע שטיקער און צעטײלט זײַנע פֿרײַנד צו באַהאַלטן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די רוסישע מאַכט האָט בערגערן אַרעסטירט און אים פֿאַרמשפּט אויף דרײַסיק יאָר טורמע.

דערציילט נאָך עפּעס סוצקעווער:

— איז געקומען אַ ייִד צו מײַן טאַטן און אים פֿאַרקויפֿט זײַן חלק עולם־הבא. ער, דער ייִד, האָט געהערט, אַז קיין גאָט איז ניטאָ אויף דער וועלט, וויל ער פֿאַרקויפֿן זײַן עולם־הבא.

דער טאַטע האָט אָפּגעקויפֿט; געמאַכט אַ כּתבֿ, געהייסן דעם ייִדן אונטערשרײַבן, באַצאָלט דעם פּרײַז, וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט. ער געדענקט גוט יענעם ייִדן: אַ דאַרער פּנים מיט אַ לאַנגער געלער באָרד.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דער ייִד געקומען. ער האָט געהערט, אַז דער טאַטע איז קראַנק, געפֿערלעך קראַנק, האַלט בײַם שטאַרבן. האָט ער חרטה. ער וויל צוריק זײַן עולם־הבא. האָט ער פֿריִער גערעדט מיט דער מאַמען. געבעטן, געוויינט. אָבער וואָס זאָל די מאַמע טאָן? דער טאַטע איז קראַנק, גייט אונטער. דער ייִד מיט דער געלער באָרד איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שטעקן און געוויינט, געכליפּעט. „אַזאַ געוויין, — זאָגט סוצקעווער — אַז דער סיבירער שניי האָט געקאָנט צעגיין.”

די מאַמע האָט רחמנות געהאַט אויף דעם ייִדן. איז זי אַרײַן צום טאַטן. דער טאַטע האָט געעפֿנט די אויגן. די מאַמע האָט אים געזאָגט:

— דער ייִד פֿון דער עולם־הבא האָט חרטה. ער בעט רחמים.

— איך וועל אַ קלער טאָן. — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— ער האָט געמיינט, אַז ער האָט נאָך צײַט, ער וועט נאָך לעבן און קאָנען קלערן. אויף וועמען איז מער רחמנות, אויף מײַן טאַטן וואָס שטאַרבט צי אויף דעם ייִדן וואָס וויל צוריק זײַן חלק עולם־הבא?

דער טאַטע האָט געהערט, ווי יענער כליפּעט, האָט ער אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן קישן, אַרויסגענומען דעם ייִדנס כּתבֿ, וואָס ער האָט דאָרטן געהאַלטן, און געזאָגט צו אים: „נאַ נעם דײַן כּתבֿ און דאָס געלט זאָלסטו צעטיילן צו אָרעמע־לײַט.” ער האָט ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט צוריק.

געווען אַ שווער לעבן אין „ליכטיקן” סיביר פֿאַר סוצקעווערס משפּחה. ער איז געווען נאָך אַ ייִנגל און שוין אַרויסגעהאָלפֿן אין האַנדל אויפֿן מאַרק. נאָכן טאַטנס טויט האָט זיך די מאַמע אומגעקערט מיט אירע יונגע יתומימלעך אין סמאָרגאָן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר.

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איידער מען איז אוועק פֿון סמאָרגאָן קיין סיביר, האָט דער טאַטע דאָרטן געהאַט אַ פֿאַבריק פֿון לעדער. אַז די מאַמע מיט די קינדער זײַנען צוריקגעקומען, האָבן זיי געפֿונען אַלץ פֿאַר־

ברענט. איז מען שפּעטער אַוועק פֿון סמאַרגאָן אין ווילנע. די משפּחה איז געווען אויסגעבונדן מיט ווילנע.

— מײַן מאַמעס קרובֿים זײַנען געווען די ליעסין־משפּחה.

ליעסינס פֿרוי, גינזבערג, איז געווען אונדזערע אַ קרובֿה.

דער פֿאָטער פֿון ליעסינס פֿרוי איז געווען מײַן מאַמעס אַ קרובֿ.

מײַן זיידע פֿון מײַן מאַמעס צד איז געווען דער מיכײַלישקער רבֿ.

אַז מען זאָגט „מיכײַלישקער רבֿ", מיינט מען זײַן זיידן, ר' שבתי פֿײַנבערג.

— די מאַמע איז אַ מאָל געקומען פֿון שטאָט, אַרײַן אין שטוב און געזען, אַז איך שרײַב. איר קיישל איז געבליבן אויף איר האַנט, ווי זי וואָלט פֿאַרגליווערט געוואָרן, און אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן.

— מאַמע, וואָס וויינסטו?

— איך וועל אײַנהייצן דעם אויוון, האָט זי געזאָגט, זיך אָפּרוען און נאָך דעם וועל איך דיר דערציילן.

סוצקעווער זאָגט מיר:

— דער מאַמעס מעשׂה האָט געהאַט אַ שטאַרקע פּסיכאָלאָגישע ווירקונג אויף מיר בײַם שרײַבן ביזן הײַנטיקן טאָג.

איז די מעשׂה אַזוי געווען:

דער זיידע, דער מיכײַלישקער רבֿ, וואָס איז געווען אַ הדרת־פּנים, אַ שיינער ייִד, האָט דרײַסיק יאָר געשריבן אַ פּירוש אויפֿן מגן־אַבֿרהם.

דרײַסיק יאָר!

ער איז געזעסן אין זײַן אַלקערל, דער זיידע, און געשריבן, און געציילט די ווערטער. מענטשן פֿלעגן פֿאַרבײַגיין זייער ווינונג און זיך אײַנקוקן. עס פֿלעגן קומען ייִדן און ניט־ייִדן צו זען דעם מיכײַלישקער רבֿ. טראַגעדיקע ווײַבער פֿלעגן קומען אַ קוק טאָן אויפֿן הדרת־פּנים פֿון דעם רבֿ.

— מען האָט געוווּסט, דערציילט מיר אַבֿרהם סוצקעווער, אַז בײַם זיידן איז דאָ אַ בריוו פֿון לעוו טאָלסטאָיען. וועגן וואָס האָט אים געשריבן טאָלסטאָי? טאָלסטאָי האָט בײַ אים געפֿרעגט דעם אונטערשייד צווישן חסידים און מתנגדים.

ווען זײַן זיידע איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, איז ער פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַן חיבור און איז געקומען אין ווילנע זיך צוזאַמענריידן מיטן דרוקער וועגן אָנהייבן אים דרוקן. האָט פּאַסירט מיט אים דעמאָלט אַן אומגליק. ער איז געווען אַ שוואַכער מענטש. ער איז מעשׂה צופֿאַל אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די טרעפּ און פֿון דעם קראַנק געוואָרן. אַ קראַנקן האָט מען אים אָפּגעפֿירט צוריק אין שטעטל, ווו ער איז געלעגן קראַנק אַ לענגערע צײַט. האָט דער דאָקטער געזאָגט, אַז ער דאַרף פֿאָרן צוריק אין ווילנע, זיך צו היילן.

דער זיידע האָט געהאַט דרײַצן קינדער. אין אַ ווינטערנאַכט האָט מען אים געפֿירט אין אַ שליטן קיין ווילנע. דער שמש איז געווען דער בעל־עגלה און זײַן טאָכטער, אַבֿרהם סוצקעווערס מאַמע, איז מיטגעפֿאָרן. דער זיידע האָט געהיימן מיטגענומען מיט זיך זײַן כּתבֿ־יד אין אַ טשעמאָדאַנטשיק. ער האָט אָנגעזאָגט זײַן טאָכטער, זי זאָל אים גוט היטן. געווען אַ ווינט, אַ שניי, זייער אַ שלעכטער וועטער, אָבער דער זיידע האָט געזאָגט דעם שמש, ער זאָל אים אַרויספֿירן אויפֿן בית־עולם, ווײַל ער וויל זיך זעגענען מיט זײַן געשטאָרבענער פֿרוי, עטל. עס איז געווען אַ ווינט. ווינט, שניי. זיי זײַנען אַלע געווען אויפֿן בית־עולם: דער אַלטער רבֿ, זײַן טאָכטער און דער שמש. די מצבֿות זײַנען געווען פֿאַרשנייט און עס איז געווען אַ שווערע מלאכה אַפּצווזוכן די מצבֿה פֿון דער באָבען. מען האָט זי אָבער געפֿונען. דער זיידע דער רבֿ האָט גערעדט בײַם קבֿר צו זײַן געשטאָרבענער פֿרוי ווי צו אַ לעבעדיקער. נאָכדעם האָט מען געדאַרפֿט זוכן דעם וועג צוריק. מען האָט געבלאָנדזשעט זיבעצן קילאָמעטער. אויף איבער מאָרגן פֿאַר טאָג איז מען געקומען אין ווילנע. מען איז פֿאַרפֿאָרן צום פֿעטער. ערשט די מאַמע כאַפּט זיך, אַז עס איז נעלם געוואָרן דער טשעמאָדאַנטשיק מיטן טאַטנס כּתבֿ־יד. דרײַסיק יאָר!

וואָס טוט מען? דער זיידע קאָן פֿון דעם, חס־ושלום, שטאַרבן. איז די מאַמע אַוועק צום ווילנער רבֿ ר׳ חיים־עוזר גראָדזענסקי און אים דערציילט די מעשׂה.

— מען מוז זען, אַז די ווילנער גנבֿים זאָלן אומקערן דעם צוגעגנבֿעטן טשעמאָדאַנטשיק.

ר׳ חיים־עוזר האָט גערופֿן אַן אַסיפֿה פֿון די ווילנער רבנים, זיך מישבֿ צו זײַן. מען האָט נאָכדעם אָנגעקלעפּט אין די שולן און בתּי־מדרשים פֿון ווילנע אַ קול־קורא. מען האָט געסטראַשעט די גנבֿים, אַז אויב זיי וועלן אין משך פֿון צוויי טעג ניט אומקערן דעם כּתבֿ־יד, וועלן זיי און זייערע קינדער אַרײַנגעשלײַדערט ווערן אין אַ פֿינצטערן חרם.

זײַן מאַמע האָט געוואָרט מיט האַרצקלאַפּעניש, אַז די גנבֿים זאָלן זיך אָפּרופֿן. ערשט — אַ קלאַפּ אין טיר.

עס איז אַרײַנגעקומען אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט ברענענדיקע אויגן. אין זײַן האַנט — אַ טשעמאָדאַנטשיק.

— איך וויל דאָס אָפּגעבן, האָט ער געזאָגט, נאָר דעם רבין אין האַנט אַרײַן.

די מאַמע האָט אָנגעזאָגט דעם זיידן:

— עס איז דאָ דער גנבֿ. ער וויל עס געבן נאָר דיר.

— זאָל ער אַרײַנגיין.

דער גנבֿ איז אַרײַן צום זיידן. זײַן האַנט האָט געציטערט. ער האָט געציטערט אין גאַנצן. אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד די וואַליזקע.

— רבי, בענטשט מיך.

— קינד מיינס, האָט דער זיידע געזאָגט, איך בענטש דיך, אַז דו און דיינע קינדער זאָלן ניט זיין קיין גנבֿים.

די מאַמע האָט געענדיקט די מעשׂה מיט אַזעלכע ווערטער:

— ביים זיידן איז דער כּתבֿ־יד געווען אַזוי טייער, אַזוי הייליק. ווען ער באַקומט אים ניט, וואָלט ער געשטאָרבן. זע, מיין זון, ווי טייער עס דאַרף זיין אַ כּתבֿ־יד.

דער זיידע האָט געלערנט מיט סוקצעסוערס מאַמע תּורה, ווען זי איז נאָך אַלט געווען צען יאָר. זיין מאַמע האָט געקענט תּנ״ך אויף אויסנווייניק. זי האָט געלערנט גמרא און זיך געשאָקלט איבערן בלאַט גמרא ווי אַ למדן.

— איך געדענק פֿון די ווילנער יאָרן — זאָגט ער — אַ חבֿרה יוגנט, יונגנטקרייזלעך. מען פֿלעגט קומען שפּעט אַהיים. אָבער די מאַמע פֿלעגט זיך ניט לייגן שלאָפֿן, ביז איך בין ניט געקומען אין שטוב. זי פֿלעגט זיצן און וואַרטן, אַריינקוקנדיק אין אַ ספֿר.

אויסער שלינגען ביכער, שלינגען די ייִדישע ליטעראַטור, האָב איך ליב געהאַט צו וואַנדערן איבער די ייִדישע גאַסן, מערק, איבער דעם ווילנער שולהויף, מיט אָנגעשפּיצטע טויערן טרינקען ממש דעם פֿאָלקס ריטעם פֿון ייִדיש. ווען איך האָב געהערט, ווי אַ ייִדענע זאָגט: „אַ מאָל איז טייער אַ גראָשן, אַ מאָל וואָלוול אַ זלאָט״, האָב איך געפֿילט אין דעם זאַץ די נאַטירלעכע מוזיקאַלישקייט פֿון ייִדישן לשון.

וועגן דער שרייבער־גרופּע „יונג־ווילנע״ זאָגט ער אַזוי:

— די גרופּע „יונג־ווילנע״, וואָס איז אויפֿגעקומען אין די 30ער יאָרן, האָט געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק מיט דעם וואָס יעדער חבֿר פֿון דער גרופּע האָט געהאַט זיין אייגענעם דיכטערישן פּנים, איינער האָט ניט געהאַט קיין ענלעכקייט צום צווייטן. צי דאָס איז געווען לייזער וואָלף, דער פּאָעט־פֿענאָמען, וואָס האָט אין איין חודש אָנגעשריבן 1001 ליד און אַריינגעגעבן אַ מעלדונג אין צייטונג, אַז „ער האָט געשלאָגן דעם וועלטרעקאָרד פֿון לידער שרייבן״, צו וועמען דער פּאָעט אַבֿרהם ליעסין האָט געשריבן, אַז זיינע לידער זיינען צו אָריגינעל און דעריבער זאָל ער אים שיקן פֿאַר דער „צוקונפֿט״ פּשוטערע לידער (אים, לייזער וואָלפֿן, האָט פּרץ מאַרקיש אָנגערופֿן: „דער נייער היינע״); צי דאָס איז געווען אַ. וואָגלער, וועמעס לידער עס זיינען געווען פֿריש, צאַפּלדיק ווי אַ גריקעפֿעלד, ווו עס זשומען בינען; צי דאָס איז געווען חיים גראַדע, וואָס האָט געלעבט מיט זיין מאַמען אין אַ קוזשניע ווי אין אַ פֿינצטערן קוימען, ווו דער אַריינגאַנג צו זיין חדרל איז געווען באַפֿינקלט פֿון גליִענדיקע קוילן לעבן אַ בלאָזזאַק, מיר זעען עס אויך אין זיינע לידער — אַ שטורמישע פֿינצטערניש, באַוואָרעמט און באַגליט מיט די ברענענדיקע קוילן פֿון אַ מעכטיקער אידעע; צי עס איז געווען שמשון קאַהאַן, וואָס האָט יאָרן לאַנג געלעבט צווישן ציגיינער, זיך אויסגעלערנט

ציגײַנעריש און איבערגעזעצט ציגײַנערישע לידער אויף ייִדיש אונטערן נאָמען „גאָלדענע פּאָדקעוועס".

זײַן זכּרון שווימט צו זײַן מאַמעס הייליקן אומקום אין ווילנער געטאָ:

— מיט איר קרבן־מנחה־סדור אין האַנט איז זי אַוועקגעפֿירט געוואָרן קיין פּאָנאַר...— דעם אומקומאָרט פֿון טויזנטער ווילנער ייִדן.

— קרבן־מנחה־סדור? — פֿרעג איך איבער — איז דאָס פּאָעזיע?

— ניין, דאָס איז ווירקלעכקייט. אַזוי איז עס געווען. זי איז טאַקע אַוועק מיטן קרבן־מנחה־סדור קיין פּאָנאַר.

עפֿנט זיך אין אונדזער שמועס אַ קוואַל געשעענישן, בילדער, איבער־לעבונגען אין ווילנער געטאָ. ער עפֿנט זײַן „געהיימשטאָט", זײַנע פּאָעמעס פֿון ווילנער געטאָ, די לידער און פּאָעמעס וואָס ער האָט געשריבן אין וואַלד צווישן 1941 און 1944.

— דער גאַנצער כּוח און וווּנדער פֿון ייִדישן לשון, זאָגט ער, האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר אין ווילנער געטאָ. דאָרטן האָב איך באמת געקאָנט זאָגן החיים והמוות ביד היִידיש־לשון. די שפּראַך מײַנע, מײַן ליד איז געווען מײַן כּישוף־פּאַנצער, אַז וועלכן עס האָבן זיך אַנגעשלאָגן די פֿײַלן פֿון טויט. מיטן ליד בין איך אַפֿילו אין געטאָ געווען אַ פֿרײַער מענטש און וואָלט זיך בשום אופֿן ניט געוואָלט בײַטן מיט מײַנע פּײַניקער, די כּלומרשט פֿרײַע.

איך האָב אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אין געטאָ, „דאָס קבֿר־קינד". עס איז דאָרטן פּרעמירט געוואָרן. האָט יעקבֿ גערשטיין, דער לערער און מוזיק־דיריגענט, אויף זײַן טויטנבעט געהאַט צו מיר אַ טענה: „ פֿאַר וואָס האָסטו געשריבן ייִנגל מיט אַן אַלף"?

דערמאָנען מיר זיך אַן זײַן „לערערין מירע", די צײַט, ווען מען האָט געטריבן די ווילנער ייִדן, מיט לאַטעס אויף די לײַבער, און צווישן די ייִדן איז געווען די „לערערין מירע", „אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע". זאָגט צו מיר אַבֿרהם סוצקעווער: „ווען איך זאָל לעבן טויזנט יאָר, וואָלט איך ניט געקאָנט אויסדערציילן מײַנע איבערלעבונגען". און וועגן שרײַבן אין געטאָ זאָגט ער אַזוי:

— איז דאָס ניט מאָדנע אויסטערליש? אַלץ ברענט, אַלץ איז אין שׂריפֿה, אַלץ גייט אונטער, און דו זיצסט און שרײַבסט אַ ליד...

ער דערציילט מיר, אַז ער איז געלעגן אין אַן אָרון, אין וועלכן מען פֿירט מתים. פֿאַר וואָס אין אַן אָרון? פֿרײַער האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ ביידעמל. אונטער אים, אין דעם זעלביקן הויז, איז געווען איינער פֿון די הויפּטמערדער פֿון ייִדן — אַ ליטווינער. אַלע מענער־ייִדן האָט מען שוין אויפֿגעכאַפּט. דער מערדער דער ליטווינער האָט געקאָנט הערן אונטן, אין זײַן דירה, יעדע באַוועגונג אויבן. סוצקעווער האָט מער ניט געטאָרט בלײַבן אויפֿן ביידעמל. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרטן, אַוועק אויפֿן הויף פֿון דער קהילה. דאָרטן איז געווען די חבֿרה־קדישא. באַגעגנט ער

דאָרטן דעם היסטאָריקער פּנחס קאָן. „וואָס טוט מען? ווי באַהאַלט מען זיך?" זאָגט אים פּנחס קאָן, אַז דאָרטן, אין דער קהילה, טאָרן ניט זײַן מער ווי פופציק ייִדן. דאָס איז די צאָל וואָס די דײַטשן האָבן באַשטימט, מען זאָל זיי קאָנען נעמען, אַט די פופציק, ווען מען וויל און אויף וואָס מען וויל. ער, סוצקעווער, מוז אַוועק פון דאַנען. ער איז אַן איבעריקער.

— פּנחס, איך גיי ניט אַוועק פון דאַנען.

— פאַרפאַלן, טו וואָס דו ווילסט.

קומען די דײַטשן. אין שפּיץ פון זיי שווײַנענבערג, מיט אַ באַנדע מערדער אין לאַנגע לעדערנע קורטקעס. זיי האַלטן אין די הענט נאַגײַקעס מיט בלײַענע דראָטן אויף פּיסלעך פון קעלבלעדער.

— כאַפּ איך זיך אַרײַן אין אָרון פון דער חבֿרה־קדישא.

ווען זיי דאָס צעשיסן, וועט ער בלײַבן אין אָרון. שווײַנענבערג האָט זיך געזעצט אויף דעם זעלביקן אָרון. אין אָרון איז געווען אַ קליין שפּעלטל. עס קלינגט אומגלייבלעך: ליגנדיק אין אָרון, האָט ער געפילט, ווי ער ליגט אין הילצערנע קליידער. און ער האָט דאָרטן שטום געשעפּטשעט אַ נײַ ליד:

איך ליג אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער.
איך ליג.
זאָל זײַן, ס'איז אַ שיפל
אויף שטורמישע כוואַליעס,
זאָל זײַן, ס'איז אַ וויג.

— איך האָב געגלייבט, אַז אויב איך בין זיך מתיחד מיטן רײנעם וואָרט, האָט דער טויט ניט קיין שליטה אויף מיר. עס איז אַן עבֿודה.

אין אַמעריקע איז דאָ אַ ראָש־ישיבֿה, דער רבֿ גוסטמאַן, ר' מאיר באַסינס איידעם, פון ווילנע.

מען האָט זיי ביידן, אַבֿרהם סוצקעווערן און דעם ראָש־ישיבֿה, געפירט צום שיסן. עס איז געווען אַ גאָלדענער סעפּטעמבער־טאָג. אַ בלויער הימל. פייגל האָבן געזונגען.

— מען האָט אונדז ביידן געפירט דורך גערטנער.

געפירט האָט זיי אַ ליטווינער אויף אַ פערד. און אַ צווייטער ליטווינער איז נאָכגעגאַנגען מיט אַ ביקס.

— איך האָב געוווּסט, אַז עס איז מײַן לעצטע שעה.

מען פירט זיי דורך קרויטפעלדער. ער זעט גרינע קרויטבלעטער. עס איז פאַר טאָג. ער זעט אויף די קרויטבלעטער גרויסע שטיקער טוי. עס זײַנען די לעצטע מינוטן פון זײַן לעבן. און דער מאָרד ווערט פאַרנומען מיט אַן עסטעטיש בילד — טשיקאַווע, די טווישטיקער אויף דעם קרויטבלאַט. ווערסט באַגײַסטערט און אין דער זעלבער צײַט ווערסטו געפירט צום טויט.

מען האָט זיי צוגעפֿירט צו אויסגעגראָבענע גריבער. געהייסן זיך שטעלן מיטן פּלייצע.

— איך זע אַ צעשניטענעם וואָרעם. צעשניטען אויף צוויי טיילן. יעדער טייל פֿון וואָרעם לעבט באַזונדער.

„נאָר איינער, אויף וואָס קוקסטו? עס איז דאָך אַ גרוב פֿאַר דיר."

האָט ער פֿאַרגעסן אַז דעם טויט, אַז דער גרוב. ער האָט געזען דאָס לעבן פֿון אַ צעשניטענעם וואָרעם. ער איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ פּאַעטישער אַטמאָספֿער. מען הייסט לייגן די פֿינגער אויף די אויגן. ער דערמאָנט זיך אַצינד, אַז ער האָט דעמאָלט גאָרנישט געזען חוץ די פּאָעטישע בילדער און פֿון זיי משונהדיק הנאה געהאַט.

— איך זע אַ שפּאַרונג דורך די פֿינגער. איך זע, עס פֿלאַטערט דורך אַ פֿויגל. אויסערגעוויינלעך פּאַמעלעך. אַ פֿויגל פֿליט אַזוי ווי כוואַליענדיק, ווי ער וואָלט געהאַט פֿיר פֿליגלען. איך הער אַ קנאַל. פֿאַרלאָרן דעם באַוווסטזײַן.

ער איז געלעגן בײַם גראָבן. זאָל עס הייסן, אַז ער איז שוין טויט? ערשט ער זעט אויף זײַן האַנט זײַן זייגער. דער זייגער גייט. ווי קאָן דאָס זײַן: ער איז טויט און ער זעט די צײַט אויף זײַן זייגער, און דער זייגער גייט? דער רבֿ איז אים געפֿאַלן אויף די הענט. ער האָט געהערט, ווי די מערדער לאַכן. פֿון פֿעלד קומען נאָך ייִדן. מען טרײַבט אַהער צו נאָך ייִדן.

— ס'איז געווען אַ „שפּאַס". זיי האָבן געשאָסן איבער אונדזערע קעפּ.

איך האָב געגלייבט אין לעבן, און דער טויט, זעט אויס, האָט ניט געהאַט אויף מיר קיין שליטה.

דערמאָנט ער זיך אַן אַנדער בילד פֿון ווילנער געטאָ. מען שלעפּט באַלקנס אויף די אַקסלען. עס ברעכן זיך די ביינער. מען מוז אָבער טראָגן. מען טראָגט מיט די לעצטע כּוחות. עס איז שווער, אוממעגלעך. אַט־אַט־אַט פּלאַצט דאָס האַרץ. וואָס האָט ער געטאָן? אַ וואָרף געטאָן דעם קלאָץ אויף דער ערד און גענומען לויפֿן. מען שיסט אים נאָך. מען שיסט אַזוי ווי אים אין קאָפּ אַרײַן. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קאַלכגרוב. געלעגן דאָרטן אַ פֿאַרחלשטער און בשעת מעשה געזען דאָרטן אַ בילד:

— פֿון די שנירלעך בלוט, וואָס ציִען זיך פֿון מיר, ווערט דער קאַלך פֿאַררויזט. עס ווערט אַ שיינע ראָזקייט. איך האָב הנאה פֿון דעם בילד וואָס איך זע.

אַ זונפֿאַרגאַנג. ער זעט זײַן גאַנץ לעבן אין די פֿאַרבן פֿון אַ זונפֿאַרגאַנג. פֿון דיר אַליין ווערט באַשאַפֿן אַ זונפֿאַרגאַנג. דוכט זיך, אַז נאָענט איז געווען דער טויט. דער טויט איז ממש אַרײַן אין זיך. און דאָך געבליבן לעבן. ווי אַזוי? ווי איז דאָס מעגלעך? והראיה, דו זעסט דאָך.

נאָכדעם איז געקומען די פּאַרטיזאַנקע. טעג און נעכט מיט נסים. אין דער רגע ווען דאָס גאַנצע לעבן איז שוין געווען פֿאַרענדיקט איז

געקומען דאָס אומגעריכטע. אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן פֿליט צו די פּאַר־טיזאַנען. אויף דעם עראָפּלאַן האָט מען זיך געראַטעוועט. פּלאַי־פּלאַים!

— דער נס פֿון רעטונג איז געקומען צו מיר אין די פּאַרטיזאַנען־וועלדער. ווען איך האָב זיך געשטעלט פֿאַר דעם עראָפּלאַן וואָס דער הויפּט־פּאַרטיזאַנען־שטאַב אין מאָסקווע צוזאַמען מיט די דאָרטיקע ייִדישע שרײַבער, מיט מיכאָעלסן בראָש, האָבן געשיקט פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן פֿרוי.

געווען איז דאָס אַזוי: אין יולי 1943 איז געקומען אין ווילנער געטאָ דער פּאַרטיזאַן פֿון די נאַראָטשער וועלדער שיקע גערטמאַן. איך האָב אים דעמאָלט געגעבן מײַן געטאָ־פּאָעמע „כּל־נדרי" און אים געבעטן זי איבערצושיקן צו פּרץ מאַרקישן אין מאָסקווע.

דעם 12טן סעפּטעמבער 1943 האָב איך צוזאַמען מיט מײַן פֿרוי, מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען, זיך דורכגעריסן דורכן אַרומגעצוימטן געטאָ צו די נאַראָטשער וועלדער, צו דער ייִדישער פּאַרטיזאַנען־אײנהייט „נקמה". דאָרטן האָב איך באַגעגנט שיקע גערטמאַנען און ער האָט מיר דערציילט, אַז יורגיס (זימאַן), דער קאָמאַנדיר פֿון דער ליטווישער פּאַר־טיזאַנען־באַוועגונג, האָט איבערגעשיקט מײַן „כּל־נדרי" צו פּרץ מאַרקישן. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז שיקע גערטמאַן געפֿאַלן.

„כּל־נדרי" האָט אין מאָסקווע געמאַכט אַ רושם. עס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלער אָוונט, וווּ די פּאָעמע איז פֿאַרגעלייענט געוואָרן. מען האָט זי איבערגעזעצט אויף רוסיש. ערענבורג האָט געהאַלטן ווענן איר אַ גאַנצן רעפֿעראַט אין „דאָם פּיסאַטעלעי". ער האָט ווענן דעם אויך געשריבן אין „פּראַוודאַ" אונטערן נאָמען „טאָרזשעסטוואָ טשעלאָוועקאַ". דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף ייִדן. איך האָב שפּעטער דערהאַלטן בריוו ווענן דעם סײַ פֿון פֿאָלקסמענטשן סײַ פֿון ייִדישע גענעראַלן אויף די פֿראָנטן.

אַז דער ליטווישער פּאַרטיזאַנען־שטאַב אין מאָסקווע האָט זיך דער־וווּסט, אַז איך בין אַ פּאַרטיזאַן אין וואַלד, איז אָנגעקומען אַ ראַדיאָגראַמע צום קאָמאַנדיר פֿון דער וואָראָשילאָוו־בריגאַדע פֿיאָדאָר מאַרקאָוו (איך האָב געהערט צו זײַן שטאַב), מען זאָל מיך מיט דער פֿרוי איבערשיקן קיין מאָסקווע. איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זייער פֿיל פֿאַר דעם האָט געטאָן מיכאָעלס און דער איצטיקער פּרעזידענט פֿון ליטע יוסטאַס פּאַלעצקיס, וועלכער איז געווען מײַנער אַ חבֿר, נאָך איידער ער איז (צופֿעליק) געוואָרן פּרעזידענט. ער אַליין איז אַ זשורנאַליסט, אַ ייִדנפֿרײַנד, קען גאַנץ גוט ייִדיש, און אין יאָר 1940 פֿלעג איך אים לייענען מײַנע לידער, און ער האָט אייניקע איבערגעזעצט אין ליטוויש.

איז אָט, אין מערץ 1944 בין איך צוזאַמען מיט פֿרידען, מײַן פֿרוי, באַגלייט פֿון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען, געקומען אין הושאַטשער ראַיאָן (אַ 150 קילאָמעטער פֿון מײַן פּאַרטיזאַנען־באַזע אין נאַראָטש) און דאָרטן האָט זיך אויף אַ פֿאַרפֿראָרענער אָזערע געהאַלטן בײַם אַראָפּלאַזן אַן עראָפּלאַן, מיך צו ברענגען קיין מאָסקווע. אַ דײַטשער „יעגער" האָט אים אָבער נאָכגעיאָגט

און פֿאַר מײַנע אויגן איז ער אַראָפּגעפֿאַלן אין פֿלאַמען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען געשיקט צו מיר אַ צווייטן עראָפּלאַן און ער האָט פֿרידען מיט מיר געבראַכט אין וועליקיע לוקי. פֿון דאָרטן האָבן מיר דערוואַנדערט קיין מאָסקווע.

אויף מײַן בקשה דערציילט ער מיר וועגן זײַן אויפֿטריט ווי אַן עדות אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס:

— די סאַמע אומגלייבלעכסטע פּאַסירונג אין מײַן לעבן.

— ווי אַזוי איז עס געשען?

— אין יאַנואַר 1946 רופֿט מיך אײַליק מיכאָעלס און פֿאַרטרויט מיר אַ סוד, אַז ער און נאָך אייניקע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן זײַנען אָנגעפֿרעגט געוואָרן פֿון די הויכע פֿענצטער, וועמען דאָס סאָוועטישע ייִדנטום קאָן אַרויסשטעלן פֿאַר אַן עדות אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס. מיכאָעלס, ערענבורג און, דער עיקר, אַ גאַר הויכע פּערזענלעכקייט, אַ ייִד פֿון די סאַמע שפּיצן פֿון לאַנד, האָבן אַרויסגעשטעלט מײַן קאַנדידאַטור.

מען רופֿט מיך אין מיטן דער נאַכט. מען רופֿט מיך אין די הויכע פֿענצטער. מען גיט מיר דעם דאָקומענט, מיט מאָלאָטאָווס אונטערשריפֿט, צו פֿאָרן קיין נירנבערג. „איך וועל ריידן ייִדיש.”

— אָנהייב פֿעברואַר 1946. מען באַקלײדט מיך. עס פֿעלט אַ קאַפּעליוש. מען ברענגט צען קאַפּעליושן. איך בין אויף דעם אַניקאָווער אַעראָדראָם. מיט איינעם אַן אומבאַקאַנטן, וואָס איז געזעסן לעבן מיר אין עראָפּלאַן, האָב איך זיך באַזונדערס צונויפֿגעחבֿרט, דעם גאַנצן וועג געשמועסט, האַלב רוסיש, האַלב דײַטש. זײַן פּנים איז מיר געווען קענטלעך. ערגעץ ווו געזען. האָב זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. מיר האָבן גערעדט, דער עיקר, וועגן היינריך היינע. ער האָט געוואָלט דערוויסן, אַז די „לאָרעלײַ” איז אַ פֿאָלקסשאַפֿונג, וואָס היינע האָט זי זיך צוגעאייגנט.

איך האָב אים דערציילט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און אים פֿאַרגעלייענט מײַן ליד „די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ”. די גאַנצע צײַט האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן: ווער איז דער מענטש? ווו האָב איך אים געזען? פֿרעגן פֿרעגט מען ניט, עס פּאַסט ניט. שפּעטער, קומענדיק אין בערלין אין געוועזענעם דײַטשן הויפּטקוואַרטיר, ווו פֿעלדמאַרשאַל קײַטעל האָט אונטערגעשריבן די קאַפּיטולאַציע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער נאָמען פֿון מײַן מיטפּאַסאַזשיר, מיט וועמען איך האָב אַזוי געמיטלעך געשמועסט אין עראָפּלאַן וועגן היינען, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי גענעראַל פּאַן-פּאַולוס.

בערלין. עס איז נאָכן באַנקעט אין סאָוועטישן מיניסטעריום, איך בין אין בערלינער האָטעל אויף קאַרל האָרסט-שטראַסע.

אין קיך פֿון האָטעל — אַ טעלער מיט אַ כאַראַקטעריסטישער דײַטשער אויפֿשריפֿט: „דער גרעסטע שאַץ פֿיר אײַנעם מאַן איסט די פֿראַו, די קאָכען קאַן.”

עס האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז איך זאָל ניט אויפֿטרעטן אויפֿן פּראָצעס. עס איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. פּלוצלונג אָבער קומט צו מיר אין האָטעל צו לויפֿן רודענקאָ, דער סאָוועטישער הויפּט־באַשולדיקער — איך זאָל זיך צוגרייטן, ווײַל מאָרגן, דעם 27סטן פֿעברואַר, דאַרף זײַן מײַן עדות זאָגן. ער זאָגט מיר, אַז איך וועל מוזן ריידן רוסיש, ניט יידיש, ווײַל די סיסטעם אין טריבונאַל איז אַזאַ, אַז מען קאָן ריידן און הערן אויף איינער פֿון פֿיר שפּראַכן: רוסיש, דײַטש, ענגליש, פֿראַנצייזיש. איך האָב תּפֿילה געטאָן די גאַנצע נאַכט צום גאָט פֿון די שפּראַכן, ער זאָל מיר אַרויסהעלפֿן. און אָט קומט דער טאָג.

דעם 27סטן פֿעברואַר אין דער פֿרי בין איך אָנגעטאָן אין מײַנע אָרדנס און מעדאַלן. אָט גיב איך אַ קוק אויף רעכטס, עטלעכע שפּאַן פֿון מיר, און איך דערזע די „העלדן”, וואָס זיצן אין צוויי רייען, ווערליג דער חשיבֿות. דער ערשטער — ווי אַ געבונדענע מאַלפּע — גערינג. ווײַטער — העס, ריבענטראָפּ, קייטעל, קאַלטענברונער, ראָזענבערג, פֿראַנק, שאַכט, שטרײַכער. אין דער צווייטער ריי — דעניץ, רעדער, פֿאָן־שיראַך, גענעראַל יאָדעל, פֿאָן־פּאַפּען.

דערהער איך די ערשטע פֿראַגע פֿון פּאַלקאָווניק סמירנאָוו: „עדות, זאָגט אונדז, ווו האָט איר זיך געפֿונען אין דער צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע?”

איך האָב מיט אַ מאָל דערפֿילט, אַז עס לויפֿן מיר אָן טויזנטער רוסישע ווערטער און יעדער וואָרט בעט, איך זאָל עס אויסקלײַבן. איך האָב אָנגעהויבן צו שילדערן בלויז דאָס וואָס איך האָב אַליין געזען, אַליין איבערגעלעבט. איך האָב געהאַט אין זינען פֿאַר מײַן נקמה־געפֿיל צו זאָגן עטלעכע ווערטער אין יידיש. זאָלן די מערדער, וואָס האָבן געוואָלט אומ־ברענגען אויך מײַן לשון, זאָלן זיי הערן.

איך האָב גערעדט 38 מינוט. ווען איך האָב געענדיקט מײַן עדות זאָגן, בין איך אַראָפּ אין זאָל, זיך געזעצט אַנטקעגן די וועלטמערדער און איטלעכן פֿון זיי באַטראַכט.

אָט איז שטרײַכער אַליין. מיאוס ווי אַ געשוואָלענע זשאַבע. ער איז געווען רעדאַקטאָר פֿון „שטירמער”. פֿון אַלע זײַנע גיטער איז אים געבליבן אַ שטיקל קײַגומי. ער שווערט בײַם „הער גאָט”, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געקוילעט קיין יידן. פֿאַרקערט, ער איז געווען אַ פֿרײַנד פֿון יידן. ער האַלט פֿון ד״ר הערצלען און האָט געוואָלט העלפֿן די יידן פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז ער, אין דעם זעלבן זאָל, געמשפּט געוואָרן פֿאַר פֿאַרגעוואַלטיקן אַ קינד. אין זאָל זיצט איצט זײַן פֿרוי און שיקט אים לופּטקושן.

גייען מיר אָפּ פֿון נירנבערגער פּראָצעס. סוצקעווערס דערציילונג און שילדערונג האָט מיך צעטרייסלט. גייען מיר איבער צו זײַן נײַעם אָנהייב — צו ארץ־ישׂראל, וווּהין ער איז געקומען אין סעפּטעמבער 1947. ער איז

שוין מער ווי צען יאָר אין ארץ־ישׂראל. ער איז אַ ייִדישער פּאָעט, דער רעדאַקטאָר פֿון „דער גאָלדענער קייט". שמועסן מיר וועגן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. און ער זאָגט אַזוי:

— איך בין צען יאָר אין לאַנד און איך ווער אַלץ מער און פֿעסטער ביַי זיך, אַז אין אונדזער ציַיט, נאָכן חורבן אין מזרח־אייראָפּע, קאָן ייִדיש אין ערגעץ ניט זיַין אַזוי פֿריַי ווי דאָ. דאָס דאָזיקע סודותדיקע לאַנד אַנטפּלעקט זיך פֿאַרן ייִדישן וואָרט. ייִדיש אין ישׂראל פֿליסט ווי דער ירדן. די לופֿט אין ישׂראל איז דורכזיכטיק — מען הערט און מען זעט, ווי עס אָטעמט גאָט. און אויב אויף ייִדיש איז באַזונגען געוואָרן דער אומקום, וועט אויף ייִדיש אויך באַזונגען ווערן דער אויפֿקום.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿער איז געשאַפֿן געוואָרן מיַין בוך „אין פֿייער־וואָגן", אַ צוזאַמענמיש פֿון די פֿיַיערן פֿון נגבֿ מיט די פֿיַיערן פֿון מדבר געטאָ. די לידער פֿון נגבֿ זיַינען פֿאַרזיפֿט מיט מיַינע איבערלעבונגען אין סיביר. ווען ניט די קלינגענדיקע לויטערקייט פֿון צפֿון, וואָס איך האָב איַינגעזאַפּט אין מיַין קינדהייט, וואָלט איך מסתּמא ניט געקאָנט איַינאָטעמען די אורתּג"כישקייט פֿון נגבֿ.

אַ פֿאָלק קאָן ניט לעבן אַז בענקשאַפֿט. איך האָב געזען אין ירושלים, ווי ייִדן האָבן אויפֿגעשטעלט הויכע לייטערס אויף די דעכער, כּדי צו זען אונדזער געפֿאַנגענעם כּותל־מערבֿי. מיר, שריַיבער, דאַרפֿן אויסבויען פֿון לידער און דערציילונגען אַזעלכע לייטערס, כּדי זיך צו דערהייבן אויף זיי און דערזען פֿון דער וויַיטנס אונדזער אויסגעשטערנטע ייִדישע וועלט, און זי אַריַינברענגען אין ישׂראל. ניט מיר דאַרפֿן זיך אַסימילירן אין ישׂראל, נאָר מיר דאַרפֿן ישׂראל אַסימילירן אין זיך.

ער דערציילט מיר, אַז אין ישׂראל לייענט מען היַינט מער ייִדיש ווי אין אַ סך ניט־העברעיִשע לענדער, וווּ עס וווינען ייִדן. שאַפֿונגען פֿון ייִדישע דיכטער האָבן אָפֿט מער פּעולה ביַי דער ישׂראל־יוגנט — אין דער העברעיִשער איבערזעצונג, ווי שאַפֿונגען פֿון העברעיִשע פּאָעטן. אַ באַוויַיז — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, מאַני־לייב.

ייִדיש און העברעיִש זיַינען ווי די וויַיסע און שוואַרצע ציגן. זייער שאָטן, זייער גורל איז אָבער דער זעלבער. אויב מיר ביידע פֿאַרמאָגן איין און דעם זעלביקן שאָטן אויף דער ערד, איז עס אַ באַוויַיז, אַז מיר פֿאַרמאָגן ביידע איין זון אין הימל. העברעיִש און ייִדיש זיַינען ווי צוויי אויגן אויפֿן ייִדישן פּנים. איך האָף, אַז פֿון ירושלים וועט זיך אויך לאָזן הערן דער אויפֿגייענדיקער קול פֿון דער באַניַיטער און באַפֿריַיטער ייִדישער ליטעראַטור.

יורידיש, אַזוי צו זאָגן, איז נאָך אַלץ די לאַגע פֿון די ייִדישע שריַיבער אַן אומקלאָרע. עפּעס האָט מען פֿאַר זיי מורא, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסכאַפּן די העברעיִשע טעמעס. אָבער די שטימונג ביַי די העברעיִשע שריַיבער איז אויך ניט באַזונדערס פֿויגלדיק. זינט דעם אויפֿקום

פֿון דער מדינה פֿילט מען אים ניט, ווירקט ער ניט, דער העברעיִשער שרײַבער.

מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן די עקשנות פֿון אַ ליטוואַק, אַז דווקא דעמאָלט ווען יעדן טאָג זײַנען געפֿאַלן איבער אונדז באָמבעס, זאָל מען קומען אין העברעיִשן וועד־הפּועל מיט דער אידעע אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש. דאָס איז געווען ניט סתּם אַ קאַפּריז, אַן אַמביציע. איך האָב אײַנ־טויִטיוו געפֿילט, אַז צוזאַמען מיט דעם גרויסן און נײַעם וואָס ווערט געבאָרן אויף דער אַלט־היימישער ערד מוז אויך אויפֿקומען דאָס יידישע וואָרט.

פֿאַר אַ יידישן שרײַבער אין ישׂראל אַנטפּלעקן זיך אַלע וווּנדער פֿון אַמאָליקן און הײַנטיקן תּנ״ך, אַלע שײנקייטן פֿון לעבן. איך רייד ניט וועגן דער שווערקייט זיך אײַנצואָרדענען אין לאַנד. מיר ווייסן אַלע, אַז אַ ליטעראַטור גערדײַעט ניט דווקא פֿון וווילטאָג. פֿאַרקערט, אָפֿט איז גאָר דער וווילטאָג אַ שטער פֿאַר דעם קינסטלערס נאַטור. דער רײַכסטער פֿונאַנ־דערבלי אין דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור, למשל, איז גאָר פֿאָרגעֿ־קומען אין די שווערע יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די הונגער־יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. מיר ווייסן, אַז אויך אין דער גאָלדענער אַמעריקע איז ה. לייוויק געווען אַ טאַפּעטן־קלעפּער, מאַני־לייב — אַ שוסטער און משה נאַדיר האָט געשוויצט אין אַ רעסטאָראַן. עס האָבן געלעבט אין גרויס נויט און אָרעמקייט די יידישע שרײַבער אין פּוילן, ווי ישׂראל שטערן, ווײַסנבערג, יחיאל לערער און צענדלינגער אַנדערע. לייזער וואָלף פֿון „יונג־ווילנע" פֿלעגט מוזן לײַען בײַ אַ חבֿר 10 גראַשן צו קויפֿן אַ ביסל טינט. ער פֿלעגט ניט זעלטן שרײַבן זײַנע ווונדערלעכע לידער אויף צײַטונגען. חיים גראַדע האָט געלעבט אין אַ קוזשניע אויף ברויט און וואַסער און פֿלעגט ניט איין מאָל שרײַבן לידער בײַם שײַן פֿון דער לבֿנה, ווײַל עס איז ניט געווען אויף אַ ליכטל. און פֿון דעסט וועגן, און אפֿשר דווקא דערפֿאַר, האָבן זיי געוואָלדיק באַרײַכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור.

פֿאַר אַ יידישן שרײַבער, ניט געקוקט אויף דער העברעיִשקייט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז מיט געוואַלד אָפּגעריסן געוואָרן פֿון נאַטירלעכן ליטווישן אָדער פּוילישן באָדן, איז ישׂראל — דאָס לאַנד, די לאַנדשאַפֿט — געוואָלדיק פֿאַרכאַפּנדיק. עס רעגט אים אָן קינסטלעריש. מיר דוכט זיך, אַז דווקא אַ דיכטער אין יידיש, אויב ער איז נאָר באַשאָנקען מיט טאַלאַנט, און מיט טאַלאַנט ליב צו האָבן ארץ־ישׂראל, דווקא ער, אַ דאַנק זײַן שפּראַך־אינסטרומענט, קאָן אַרויסאַנטפּלעקן און קינסטלעריש געשטאַלטיקן די סודות פֿון לאַנד, אונדזער פֿיל־שבֿטימדיק פֿאָלק, און פֿאַר־נעמען דעם ריטעם פֿון גאולה. אפֿשר מער ווי אַ העברעיִשער שרײַבער. דאָס איז דערפֿאַר ווײַל אונדזער מאַמע־לשון טראָגט אין זײַנע וואָרצלען אַלע ריחות און זאַפֿטן פֿון יאָרהונדערטער יידיש לעבן, דיאַלעקטן און פֿאָלקלאָר פֿון אַ ווילנע, אַ וואַרשע, אַ טשערנאָוויץ, שלום־עליכמס פֿאָלקישן געלעכטער

און פּרצעס דערהויבנקייט, די תּחינות פֿון אונדזערע מאַמעס און די גײַסטיקע אויסשטראַלונגען פֿון די שרײַבער אין די געטאָס.

דערציילט ער וועגן זײַנע ערשטע טעג אין ישׂראל:

— נאָך אַלע איבערלעבונגען אין געטאָ, ווען דאָס וואָרט צוזאַמען מיטן מענטשן איז אַזוי געשענדט געוואָרן; נאָך דעם חורבן אייראָפּע, ווען כּמעט אַלע אונדזערע שרײַבער האָבן אויסגעזונגען זייערע פֿלאַמענלידער אין די קרעמאַטאָריעס, — האָב איך לאַנג געפּסקט, צי איך וועל נאָך ווען קאָנען הנאה האָבן פֿון אַ זונפֿאַרגאַנג, פֿון אַ בלײַענדיקן קאַרשנבוים צי פֿון אַ שמייכל אויף אַ ליבן פּנים. די חושים זײַנען געווען אומשפּירעוודיק ווי די נעגל פֿון פֿינגער, וואָס שפּירן ניט דעם מעסער. ווי אַזוי קאָן שאַפֿן אַ דיכטער, אויב די זון, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, האָט זיך פֿאַר אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ שײַטער מיט ברענענדיקע ייִדן. כּל־זמן איך האָב זיך געראַנגלט אין געטאָ, פֿלעג איך זיך אַנכאַפּן, ווי אַנקלאַמערן אַן ייִדישן וואָרט, ווי אַ מאָל אַ פֿאַר־משפּטער אַן די הערנער פֿון מזבח. פֿלעג איך שרײַבן בײַם טויט, כּדי אויפֿצוהאַלטן אין זיך דאָס לעבן, כּדי זיך צו פֿאַרפּאַנצערן קעגן די אַלע וואָס ווילן מײַן ייִדיש וואָרט צוזאַמען מיט מײַן ייִדיש לעבן אומברענגען.

אָבער נאָך דער מלחמה, נאָכן חורבן, איז שוין דאָס פּערזענלעכע לעבן ניט געווען אַזוי טײַער. און אויך דאָס ליד, וואָס האָט זיך געריכערט אויף מײַנע ליפּן, האָט זיך ניט געקאָנט אַנצינדן.

און אָט איין מאָל, אין מײַנע ערשטע טעג אין ישׂראל, בין איך געפֿאָרן אין מערבֿ־גליל. פֿאַראַן דאָרטן אַ טײַכל צווישן פֿעלדזן, וואָס הייסט קאַרקאַרע. דאָס גאַנצע טײַכל איז געווען פֿאַרדעקט מיט רויטן אַלעאַנדער־צוויט פֿון די דערבײַיִקע ביימער. ווען איך האָב זיך צו אים דערנעענטערט, איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון וואַסער אַ זיך באַדנדיקער הירש, ווי אַנגעטאָן אין פֿײַכטע רובינען. דעמאָלט האָב איך דערפֿילט צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישׂראל, אַז עס האָט אויף ס׳נײַ אַ צאַפּל געטאָן מײַן באַגײַסטערונג, אַז איך האָב אָנגעהויבן זען, דאָס הארץ — צו פֿילן ווייטאָגן, און די צונג איז געוואָרן דורכגענאָדלט מיט בראשיתדיקע קלאַנגען.

עס איז דאָ אַ הייל אין סדום, אַז מען קוקט דאָרטן אַרײַן, באַפֿאַלט אַ מוראדיקע פֿינצטערניש. אָבער אַז מען לעבט זיך דאָרטן אײַן און מען געוויינט זיך צו, דערזעט מען, אַז סאַמע אויבן איז דאָ אַן עפֿענונג, דורך וועלכער עס שטראַלט אַרײַן די זון מיט אַ וווּנדערלעכער ליכטיקייט. די פֿינצטערניש אין ארץ־ישׂראל איז אויך ליכטיק. מען דאַרף אָבער אין זיך פֿאַרמאָגן ליכט צו זען די פֿינצטערניש.

ער רעדט וועגן גרינדן אין ארץ־ישׂראל אַ גרויסן ייִדישן ביכער־פֿאַרלאַג. באַלד אָבער שלאָגט ער אַליין זײַן אייגענעם אָפּטימיזם:

— עס פֿעלט אָבער דאָ אַ ייִדיש־אידעע. „יונג־ווילנע" האָט געהאַט אַן אידעע. ייִדישיזם איז געווען אַן אידעע. די יוגנט איז געווען אַן אידעיִשע. דאָ איז דאָס פֿאַר אונדז ניטאָ. ניטאָ דער ברען, ניטאָ דאָס וואָס זאָל אַלעמען

צונויפֿגעמעו צוזאמען. עס איז אַנגעלאָדן דאָס לאַנד מיט ברענענדיקן ייִדישן שטאָף פֿאַר קינסטלער. רײַכע טעמאַטיק פֿאַר דער פּראָזע, פֿאַר דער פּאָעזיע. נעמט די קאַמפֿן פֿון פּלמ״ח, די שיפֿן מיט נײַע עולים, אַלץ וואָס עס קומט פֿאַר אין נגבֿ. עס איז ניט אַזוי איינפֿאַך צו באַהערשן אָט דעם רײַכן און גרויסן לעבנסשטאָף. עס גיט זיך ניט אַזוי לײַכט. מען וועט עס אָבער מוזן דערגרייכן.

ער דערמאָנט יונגע פּאָעטן:

— אריה שמרי, יעקבֿ פֿרידמאַן, משה יונגמאַן.

די ייִדיש־שרײַבער זײַנען געקומען אַהער פֿון אַ ייִדישן ערגעץ. זיי האָבן אַן אָפּשטאַם. זיי האָבן געהאַט טאַטע־מאַמע. זיי זײַנען געווען טיף פֿאַרוואָרצלט. דער ייִדיש־פּאָעט וואָס קומט פֿון ווילנע זעט דעם באַרג סיני מיט די אויגן פֿון די אומגעקומענע מיליאָנען ייִדן. עס איז דאָ בײַ אים אַן אַנדער פֿרייד און אויך אַן אַנדער טרויער. מען האָט געגרייכט צום באַרג סיני, מען האָט אים אײַנגענומען. ייִדיש פֿאָלק האָט זיך ווידער פֿאַרבונדן, מתחתּן געווען מיט זײַן באַרג סיני. „פֿאַר מיר", זאָגט אַבֿרהם סוצקעווער, „איז דאָס קומען צום הר סיני געווען אַ געוואַלדיקע איבערלעבונג."

— די פּיראַמידע פֿון די טויטע קינדער איז געקומען צום באַרג סיני און אים אַ טרייסל געטאָן.

איך האָב געפֿילט, אַז די טויטע פֿרייען זיך, אויב טויטע קאָנען זיך פֿרייען.

דורכברענגען צוויי יאָר ווילנער געטאָ, צו קאָנען קומען צום באַרג סיני, איז כּדאַי. מוסולמענישע פֿאַנאַטיקער, נאָך דעם ווי זיי קומען אין מעקקאַ, שטעכן זיי זיך אויס די אויגן. מען דאַרף זיי שוין ניט. מען דאַרף שוין מער ניט זען. איך וועל נאָך מײַנע אויגן דאַרפֿן האָבן. איך וויל האָבן גענוג כּוח כּדי איבערצוגעבן וואָס איך האָב געזען, געהערט און געפֿילט, און עס איבערגעבן אין ייִדיש.

ער לייקנט אָפּ שׂנאה צו ייִדיש אין לאַנד.

— דער פּאָעט שמעוני איז געווען פֿון די ריינסטע פּערזענלעכקייטן, און ער האָט געהאַט אַ טיפֿע ליבשאַפֿט צו ייִדיש. איך קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן אַן אמתן דיכטער, וואָס זאָל פֿײַנט האָבן ייִדיש. אויב ער האָט יאָ פֿײַנט, איז ער גיט קיין דיכטער. מען דאַרף וועלן ייִדיש, בענקען נאָך ייִדיש. מען קאָן זיך ניט אָפּרײַסן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון די דורות. אָט איז למשל אַ געדאַנק פֿון חיים הזזן:

— צוויי טויזנט יאָר זײַנען ייִדן געשטאַנען בײַם דאַווענען מיטן פּנים צו ירושלים. זייער בענקשאַפֿט האָט אויסגעבענקט דאָס לאַנד.

מען דאַרף דאָ אויך אויסבענקען אַ ייִדישע ליטעראַטור.

— אָבער וואָס דאַרף מען פֿאַר דעם געטאָן ווערן?

— מען דאַרף זיך באַפֿרײַען פֿון געפֿיל, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז דאָ פֿאַריתומט, אַז ייִדיש־שרײַבער זײַנען דאָ בירגער פֿון אַ צווייטער

מדריגה. מען דאַרף גלייבן, אַז דאָ וועט אויפֿקומען אַ ייִדישע ליטעראַטור. דאָס לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק מוז געשטאַרקט ווערן, און אויך די ייִדישע ליטעראַטור מוז געשטאַרקט ווערן.

סטײַטש! — שרײַט ער אויס — אין דער צײַט פֿונעם אויפֿקום פֿון ייִדיש לעבן אין מדינת־ישׂראל זאָל ייִדיש זײַן פֿאַרמשפּט אויף אומקום? די רעגירונג, ווען זי זאָל עס אַפֿילו וועלן, וועט זי ניט קאָנען טאַמעווען די ייִדישע ליטעראַטור. גוטע קענער פֿון העברעיִש דערפֿרייען זיך דאָ מיט אַ גוט ייִדיש ליד.

פֿאַראַן העברעיִשע פּאָעטן, זאָגט ער מיר, וואָס זײַנען מיליציאָנערן. זיי שרײַבן מליצה. ווען מען זינגט וועגן נגבֿ אויף ייִדיש־תּנ״כיש, איז עס אַזוי ווי אין תּנ״ך. אַשר באַראַש האָט עפּנטלעך געזאָגט, אַז עס זײַנען ניטאָ נאָך אין העברעיִש אַזעלכע לידער וועגן נגבֿ ווי עס זײַנען שוין דאָ אין ייִדיש.

וואָס מיין איך תּנ״כיש? — אַלט ייִדיש, אייביק ייִדיש, היסטאָריש. מען קאָן שרײַבן העברעיִש און עס זאָל זײַן ניט העברעיִש און ניט ייִדיש. מען קאָן שרײַבן ייִדיש און עס זאָל זײַן תּנ״כיש.

מיר האָבן ניט צוליב וואָס אַזוי מקנא צו זײַן די העברעיִשע פּאָעזיע. מיר קאָנען זיך מיט אונדזער ייִדישער פּאָעזיע אויסגלײַכן און עס איז דאָ אַ חשק, אַ בענקשאַפֿט בײַ די היגע ייִדן צו ייִדיש. טויזנטער קומען הערן דאָס ייִדישע וואָרט און מען וויינט אין האַרצן פֿון פֿרייד. מען האָט דאָ געהערט קאָנצערטן פֿון הערש גראָסבאַרטן זיבעציק מאָל. אין עין־חרוד האָבן גראָסבאַרטן געהערט צוויי טויזנט מענטשן.

מײַן באַציִונג צו מדינת־ישׂראל? — פֿרעגט ער, און ענטפֿערט — ווי וואָלטן מיר חלילה אויסגעזען נאָכן גרויסן חורבן, ווען ניט ישׂראל?

ער דערמאָנט זיך ווידער, ווי ער און זײַן פֿרוי זײַנען געפֿאָרן קיין ישׂראל אויף אַ צעבראָכן גריכיש שיף „פּאַטריאַ״. פּרטים פֿון יענער רײַזע:

— דער שטורעם אויפֿן ים האָט געשלײַדערט דאָס צעבראָכענע שיף. עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע לעבן אינדזל קרעטע. דאָס לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר, איז געלעגן אין די הענט פֿון שטורמישן ים. איך בין געשטאַנען בײַם ברעג פֿון שיף, בײַם באָרטן, און קיין איין מינוט קיין חרטה ניט געהאַט: אפֿשר בין איך ניט ראוי אַרײַנצוקומען אין ארץ־ישׂראל?.. אפֿשר אַרײַנוואַרפֿן זיך אין ים?.. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אויסלײַטערן דער הימל. דער געדאַנק, דער דמיון האָט זיך אָװעקגעטראָגן צו יהודה־הלוין. איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד „יהודה הלוי״ אויפֿן שיף און געזאָגט צום שטורעם: „נאַ דיר מײַן ליד!..״

דער הימל לײַטערט זיך, דער שטורעם ווערט שטילער, רויִקער. מיר זעען רעטונגסשיפֿלעך אַרום אונדזער שיף... גייסט נאָכדעם איבער דעם לאַנד. זעסט דאָס נײַע, דאָס גרויסע, און פֿרעגסט: ווער זײַנען זיי, אונדזערע אויסלייזער?

אונדזערע ייִנגלעך פֿון די געטאָס, די וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין די געטאָס מיט שטיינער אין די הענט. ווער זײַנען זיי, אונדזערע נײַע העלדן? די געוועזענע פּאַרטיזאַנען.

זאָלן מיר זינגן אײַין מאָל אין דער געשיכטע!

אַט איז געווען דער חורבן אין די געטאָס. אונדזער טראַגעדיע איז געווען העכער פֿון גאָט אַליין. איך מיין די וואַרשעווער טראַגעדיע, דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אונדזערע געטאָ־ייִנגלעך זײַנען געקומען אַהער. זיי האָבן געברענט נאָך מלחמה. לאַנגע דורות וועלן זיך וואַרעמען מיט דעם וואָס דאָ איז געשען. ענדלעך האָבן מיר פֿרייד. ענדלעך האָבן מיר הערצ׳ק. שוועריקייטן? גרויסע צרות? פּראָבלעמען? דאָס זײַנען וויכטיקע ענינים, אָבער סוף־כּל־סוף — זײַטיקע זאַכן. דער עצם ענין איז געוואַלדיק.

אַ ייִנגל פֿון געטאָ קריכט אַרויף אויפֿן באַרג סיני און גיט איבער די פֿאָן צו אומגעזעענע הענט. אויבן אויפֿן באַרג סיני — בליצנדיקע אימה. אַ ייִנגל מיט אַ פֿאָן. ער גיט איבער די פֿאָן צו אַ געהיימער האַנט, וואָס נעמט זי צו און ער, דער ייִנגל, ווערט אויפֿן באַרג געזאַלבט פֿאַר אַ גיבור און ווערט געבענטשט אין דער אייביקייט.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט זײַן סיני־פּאָעמע געשריבן אין ייִדיש. בן־גוריון האָט זי געלייענט און געזאָגט:

— חבל שלא בעברית.

ער האָט געשריבן, געשריבן, אָבער ער מיינט, אַז ער האָט נאָך ניט אָנגעשריבן די ביכער וואָס ער וויל שרײַבן. געהאַט אַ סך איבערלעבונגען, וואַנגלונגען, אַ סך לײַדן; דורכגעמאַכט וועלט־שטחים, דורכגעמאַכט גרויסע תּקופֿות אין דער ייִדישער געשיכטע — פֿון ווילנער געטאָ, פֿון די פּאַרטי־זאַנען־וועלדער ביזן באַרג סיני.

— איך האָב געשריבן ש. ניגערן — דערציילט ער — אין אַן אומער־טיקער שעה, אַז איך האָב נאָך אייגנטלעך גאָרניט געשריבן. איך בין דאָך אַזוי אָנגעלאָדן מיט דיכטונג, אַז ווי איך וואָלט זיך געגעבן אַ שטאָך מיט אַ נאָדל, וואָלט אַרויס אַ ליד.

האָט ש. ניגער אים געענטפֿערט: „טאָ לאָזט זיך מער שטעכן."

ער פֿליט אַריבער צו רוסלאַנד, צו די ייִדן אין רוסלאַנד, צו די ייִדישע שרײַבער אין רוסלאַנד, צו פּרץ מאַרקישן. ער האָט זיך מיט אים געזעגנט פֿאַרן פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, בײַ פּושקינס מאָנומענט אויף די טרעפּ.

— „איך וויל ניט ווערן אַ ציגײַנער" — האָט מאַרקיש געזאָגט, און איז געבליבן. און איז געוואָרן אַ קרבן. ווו ביסטו, חבֿר? זינג דעם אמת! פֿון קבֿר זינג מיט פֿרײַען מויל: איך האָב דיר, לאַנד, געשאָלט פּאָעמעס און האָסט צוריקגעשאָלט אַ קויל.

ער רוט זיך אָפּ, ער איז מיד. עס איז בחצי־הלילה בײַם ים־התּיכון. עס רוישן אַרײַן די כוואַליעס. ווידער און ווידער קומט פֿאַר זײַנע אויגן,

ווי ער זאָגט, די גרעסטע געשעעניש אין זײַן לעבן: דער ייִדישער אַרויפֿשטײַג אויפֿן באַרג סיני, זײַן אייגענער אַרויפֿשטײַג אויפֿן באַרג. און ער זאָגט אַזוי:

טו אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה, טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען. אַצינד איז דאָ די צײַט פֿון מתּן־גבֿורה. די שטילקייט איז אַ תּהום, אַ תּהום פֿון בענקען.

— מיר דאַרפֿן נאָך אַ סך ריידן. מיר האָבן דאָך אונדזער שמועס ערשט אָנגעהויבן. — האָט ער מיר געזאָגט בחצי־הלילה.

— איר וועט שוין דערשמועסן ווײַטער אין אײַערע לידער.

שמואל־יוסף עגנון

איך האָב זיך שטאַרק געגרייט

צו דער באַגעגעניש מיט שמואל־יוסף עגנונען. די שרייַבער אין ישׂראל ריידן וועגן אים ווי וועגן דעם „מייַסטער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור", ווי וועגן דעם „גרויסן קינסטלער פֿון העברעיִשן לשון", אַז „ער שווימט אין ים פֿון תורה, מדרש, אגדה, חסידות, קבלה". מען האָט מיך אויך געוואָרנט, אַז ער איז אין די לעצטע יאָרן פֿאַרנומען טאָג און נאַכט מיט אַ גרויסער פֿאָרשונג, אַ זאַמלונג פֿון די אַלטע קוואַלן, און ער האָט ניט קיין צייַט פֿאַר לאַנגע שמועסן. איז ווי אַזוי וועלן מיר זיך קענען צונויפֿרעדן, פֿירן אונדזער שמועס פּשוט, כּדבר איש אל רעהו, ווערן נאָענט? און אויב ניט, האָט עס דאָך ניט קיין זין.

איך האָב געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן אים און זייַן שאַפֿן. איך האָב געפֿונען אין דער אַרבעט פֿון העברעיִשן עסעיִסט ברוך קורצווייַל וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן שמואל־יוסף עגנונען. איך האָב אַרייַנגעקוקט אין עגנונס ספֿרים, וואָס זייַנען אַ סך אין צאָל.

— עגנון האָט אויפֿגעוועקט, זאָגט זייַנער אַ פֿרייַנד, דאָס לשון און דעם סטיל פֿון אַלע דורות, וואָס זייַנען געווען פֿאַרדרימלט... עגנון האָט געזונגען דעם גלותדיקן שיר־הגבֿורה...

געלעבט אין ארץ־ישׂראל אַ האַלבן יאָרהונדערט. דאָרטן געאַרבעט, געשאַפֿן, און דאָרטן געזונגען דעם „גלותדיקן שיר־הגבֿורה!.."

זייַנע יסודות זייַנען אמונה און פֿאָלקסטימלעכקייט. זייַן קינסטלערישער באַרוף איז די דערציילונג, דער סיפּור־המעשׂה. בייַ אים מישן זיך צונויף פֿאָלקס־מעשׂיות און סימבאָליק.

די שבֿחים וואָס איך הער און לייען וועגן אים זאָגן, אַז ער איז פֿון אַן אַנדער דור, פֿון אַן אַנדער לאַנד. ער איז דער ריינסטער עפּיקער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. שרייַבט ער אין דער פֿאָלקסטימלעכער הקדמה צו זייַן גרויס ווערק „והיה העקוב למישור" אין לשון פֿון די אַלטע ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂהלעך אַזוי: „אַ מעשׂה וועגן אַ ייִדן ר' מנשה־חיים פֿון די אייַנוווינער פֿון ק"ק בעטשאַטש, אַ ייִד, וואָס איז נעבעך אָרעם געוואָרן, אַראָפּ פֿון גלייַכן ייִדישן וועג, געוואָרן פֿאַרשטויסן, פֿאַריאָגט, פֿאַרוואָגלט, פֿאַרוואָלגערט. ער האָט אָבער ניט געטאָן קיין שלעכטס צו אַנדערע און האָט

זוכה געווען צו א נאָמען און אַ נאָכבלײַב, ווי עס ווערט אויפֿגעקלערט אין דעם סיפּור גאַנץ אויספּירלעך."

איך ווער געוואָר, אַז אַט דעם גרויסן העברעער איז צום בעסטן צו לייענען ניט אין נוסח ספֿרד, נאָר אין נוסח אשכּנז, אַז זײַן פֿעדער זינגט פֿאָלקסטימלעך ייִדיש — „האָט ר׳ יודל אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט: אוי!.."

דער לייענער האָט אָפּט אַ געפֿיל, אַז דער קינסטלער זעגנט זיך מיט אַ וועלט וואָס גייט אַוועק. ער ווייס אַליין, דער מײַסטער, גאַנץ גוט, אַז דער כּוח פֿון דער צײַט איז שטאַרק און מאַכט חרובֿ די נעכטנס.

„עגנון מאָביליזירט אַלע זײַנע עפּישע מיטלען כּדי אויפֿצושטעלן און פֿאַראייביקן אַ וועלט וואָס איז אים טײַער. ער פֿילט אַליין, אַז די וועלט איז שוין לאַנג ניט אונדזער וועלט. ער טראַגט אין זיך די סיבות פֿון פֿאַרלירן זי. עס איז די וועלט פֿון ,נעכטן־אייערנעכטן׳, וואָס וועט שוין מער ניט זײַן. און דווקא דעריבער ווענדט ער אָן זײַן גרויסן קינסטלערישן כּוח און, אַ געוואָגטער און פֿאַרצווייפֿלטער, אַרבעט ער אויפֿצושטעלן אָט די וועלט פֿון דאָס נײַ. ער האַלט מלחמה מיט דער צײַט, וואָס ענדערט אַלץ. ער וויל ראַטעווען דאָס באַליבטע בילד, אַז דאָס באַליבטע בילד זאָל ניט פֿאַרזונקען ווערן". דאָס איז די געלונגענסטע באַצייכענונג פֿון דעם דערמאָנטן ברוך קורצווײַל אין זײַן „מסכת־הרומן".

ווי שוין געזאָגט, האָב איך זיך היפּש אונטערגעגאַרטלט, איידער איך האָב זיך געלאָזט צום העברעיִשן ליטעראַטור־מײַסטער.

◆

זײַן הויז שטייט אין תּלפּיות, אָפּגערוקט פֿון צענטער פֿון ירושלים. אַרום און אַרום — סאָסנעבײמער. אַרויף צו, בײַם סאַמע באַרג, זעט מען בערג. דאָ איז שטיל און מנוחהדיק. איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז פֿון ד"ר יוסף קלויזנער, זײַן שכן, צוגעקומען צום גאָרטן פֿון שמואל־יוסף עגנונען און געבליבן שטיין. דאָרטן זײַנען דאָ אַ פּאָר טירן. איך זוך דעם אַרײַנגאַנג. עגנון האָט געוווּסט, אַז איך דאַרף אין דער שעה קומען, האָט ער געעפֿנט זײַן טיר, מיך אַרײַנגעבעטן און אויפֿגענומען מיט אַ „שלום!"

אַן עלטער, אַ פֿרײַנדלעך, אַ באַשיידן האַר פּנים. אַ פּאָר אַרײַנגעגראָבענע פֿאַרטראַכטע אויגן, אַ ביסל אַ געבויגענע געשטאַלט פֿון אַ תּלמיד־חכם. אין אַ וואָכעדיקן בגד. ער האָט מיך גוט אָנגעקוקט. אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, און אָט זיצן מיר שוין בײַ זײַן טיש, אין זײַן אַרבעט־צימער, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט ווענט ספֿרים. זאָגט עגנון: אַז ווען צוויי ייִדן באַ־געגענען זיך אין ארץ־ישׂראל, איינער פֿון ניו־יאָרק און דער צווייטער פֿון ירושלים, דאַרפֿן זיי מאַכן אַ לחיים. די וואַנט פֿון פֿרעמדקייט רוקט זיך אָפּ.

— מיר האט ניט לאנג געזאגט אבן־שמואל קויפמאן, ווען איך בין געווען ביי אים אן אורח, — דערציילט איך — אז אורח איז משמע שבת, און שבת דארף מען מאכן קידוש און מען דארף בשעת מעשה אנשלאגן די גלעזלעך, וויל עס האבן הנאה פון משקה דער חוש־הראיה, דער חוש־הטעם, דער חוש פון שמעקן. עס זיינען אבער אויך דא אויערן, דארפן זיי אויך הנאה האבן. קלאפט מען דעריבער אן די גלעזלעך — זאלן זיי אויך הערן און האבן הנאה.

אין די פענצטער קוקן אריין די הויכע סאסנעביימער פון זיין גארטן. אונדזער שמועס וויקלט זיך פונאנדער געלאסן, בנעימות, מחשבותדיק פון זאץ צו זאץ. אונדזערע ערשטע ווערטער זיינען וועגן אמעריקע. וואס מאכן דארטן יידן? ווי לעבן זיי? ווי אזוי זיינען זיי דארטן טאקע יידן? און אט קומט ארויס א זאץ, אזוי ווי פון די שאטנס פון די טויזנטער ביכער אויף זיינע פאליצעס:

— מען קאן ניט אפרייסן ארץ־ישראל פון גלות. אלץ לעבט אין אונדז.

איך פיל, אז דער שותפותדיקער באדן ווערט פעסטער. איך דערמאן זיך א סצענע פון ווייטן אמאל. איך בין נאך דעמאלט געווען זייער יונג. בין איך געזעסן פאר י.־ל. פרצן אין ווארשע ברחילו ורחימו, ממש אין ציטער פאר דעם בארימטן יידן פון „צווישן צוויי בערג". איצט זיץ איך פאר דעם בארימטן העברעער און פיל א יראת־הכבוד. אבער צוזאמען מיט דעם א רויקייט אין געמיט. איך הער זיינע געמאסטענע רייד וועגן דער יידישער געשיכטע, וועגן נפלאות־הבורא, וועגן ארץ־ישראל, וועגן יידישן מזל, וועגן גוטע יידן.

— געווען א ייד אין אונדזערע מקומות, — דערציילט שמואל־יוסף עגנון — א דארפגייער, א חסיד. אז ער איז געגאנגען אין וועג, האט ער געהאט מיט זיך א פלעשל משקה. מחמת וואס? טאמער קומט אן משיח אנטקעגן, וועט ער אים זאגן: „זע, משיח, ווי די יידן האבן זיך געשטארקט אין גלות."

גייט אן אונדזער שמועס. נעכטנס, היינט און מארגנס ווערן צונויפ־געגאסן. אין משך פון שמועס שלייכן ארוים שטילערהייט געשטאלטן פון זיינע ספרים, געשאפענע דורך אים במשך א האלבן יארהונדערט: „והיה העקוב למישור", „תמול שלשום", „סיפור פשוט", „אורח נוטה ללון"...

עס שטייט געשריבן, אז א שנירל ציט זיך דורך די מעשים פון ישראל און הקב"ה זיצט און וועבט פון אים געוואנט פאר א טלית, וואס וועט זיין כולו חן און חסד פאר דער כנסת־ישראל, זי זאל זיך איינהילן אין אים און איינהאלטן איר שיינקייט אפילו אין גלות, ווי אין איר יוגנט אין ירושלים עיר־הקדושה, אין דער הייליקער שטאט, אין דער שטאט פון דער־הויבנקייט און סוד. — זאגט עגנון.

ניט ווייט פון דאנען זיינען די הרי־ירושלים. א קורצע ווילע גאנג פון דאנען איז די אראבישע גרענעץ. אין גארטן זע איך, דורכן פענצטער, זיצן

אונטער ביימער זיין פרוי אסתּר, וואָס שטאַמט פון אַ מאָל־אַ מאָל פון קעניגס־בערג און באַגלייט אים אַ לעבן לאַנג מיט אהבֿה און חן, מיט איר טאָכטער. מיט זיי צוזאַמען איז אַ יונגע פרוי אַז ענגלענדערין, — אַזוי דערציילט מיר עגנון — וואָס קומט פון לאָנדאָן אַהער צו, ווייל זי איז פאַרליבט אין ירושלים, אין ארץ־ישׂראל. דאָ איז ניטאָ קיין אומרויִקייט, קיין מורא. זיי זיצן דאָרטן אונטער די ביימער במנוחה.

דאָ ביים טיש זיצט מיט מיר דער גרויסער שרייבער, וואָס קומט פון דעם קליינעם גאַליציאַנער שטעטל מיט דער הייליקער ברכה פון ייִדישער יצירה און גרונטעוועט דעם אַנזאָג:

— מיר מוזן בלייבן טריי דער וועלט פון די דורות.

מען דאַרף גוט הערן די טענער פון עולם־הטובֿ, פון הקדוש־ברוך־הוא. יעדער איינער קאָן זוכה זיין צו דערהערן.

אַט האָט ר׳ נחמן בראַצלעווער געזאָגט, אַז השם־יתברך מאַכט זיין וועלט יעדן טאָג אַלץ שענער, אָבער אַ בעטשאַטשער ייִד האָט געזאָגט אַנדערש: אַז יעדער טאָג, וואָס גאָט גיט אים, איז פאַר אים אַלץ ערגער.

דאָס איז עצבֿות פון איינזאַמען מענטשן. מען דאַרף זיך אויסלייזן פון עצבֿות.

די וועלט פון עטיק, פון תּנ״ך, פון גמרא און פון מדרש וואָרצלט זיך אין דיין חצר, אין דיין דירה. דאַרפסט נאָר דערפילן און דערזען!

לאָמיר אַ קוק טאָן אין זיין חצר, גיין צו זיינע קינדער־יאָרן, צו זיין אָנהייב. לאָמיר אים הערן.

הייבט זיך אויף אַ פאַרהאַנג און עס זעט זיך בעטשאַטש. עס זעען זיך גאַסן און געסלעך, שולן, בתּי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך, ייִדן אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער, שבּתים און יום־טובֿים. עס זעען זיך אויך פעלדער, לאָנקעס, אַ טייך, דער בעטשאַטשער וואַלד. גלייביקע ייִדן, למדנים און משׂכּילים, כּלות און עגונות, יונגע־לייט ציון־טרוימער.

קומט אַרויס זיין משפּחה:

— מיין פאָטער האָט געהייסן שלום־מרדכי טשאַטשקעס. די מאַמע האָט געהייסן אסתּר, אַ טאָכטער פון יהודה פאַרב הכּהן.

זיין טאַטע איז געווען אַ מוסמך פון לעמבערגער רבֿ ר׳ יצחק שמעלקעס. דער לעמבערגער רבֿ האָט אָנגערופן אין זיין ספֿר עגנונס טאַטע: „החריף והבקי שלום־מרדכי״.

— איך בין געבוירן געוואָרן תּשעה־באָבֿ אין יאָר תּרמ״א, אין בעטשאַטש, מזרח־גאַליציע.

זיין זיידע, זיין מאַמעס פאָטער, איז געווען פון די חשובֿסטע ייִדן אין בעטשאַטש, וואָס פלעגט צושטעלן אייזערנע כּלים צו די ברוייערייען פון דער סבֿיבֿה. געווען אַ שאַרפער ייִד, אַ שטרענגער, אַ כּהן. אַז איינער פון זיינע זין האָט אַריינגעגעבן זיין ייִנגל אין אַ גימנאַזיע, האָט ער ניט גערעדט צו

אים גאַנצע דרײַצן יאָר. זײַן זיידע לעבט אין זײַן דערציילונג „הכנסת כלה". מאַכט עגנון אַ פֿאַרגלײַך צווישן דורות:

— אַז מײַן זיידע פֿלעג דאַרפֿן אָנצינדן זײַן ליולקע, פֿלעגן אַלע אַרום אים זיך אײַלן אים דערלאַנגען פֿײַער. אַז מײַן טאַטע פֿלעג װעלן אָנצינדן זײַן ציגאַר, פֿלעג מען אים אויך דערלאַנגען פֿײַער. אַז איך דאַרף אָנצינדן מײַן סיגאַרעט, דאַרף איך אַרומזוכן פֿײַער צווישן באַקאַנטע און באַקומען עס בדוחק.

עפּעס פֿון זײַנע קינדער־יאָרן:

— פֿון 3 יאָר ביז 9 געלערנט בײַ דרײַ מלמדים. איינער — אַ פּשוטער ייִד; דער צווייטער — אַ זקן, הויט און ביינער, אַ בעל־צדקה און אַ בעל־רחמים; דער דריטער — אַ חסיד אַ גוטהאַרציקער, אַ מעורב עם הבריות, געלאָפֿן שטענדיק טאָן אַ מצווה, באַזונדערס אַ מצווה בין אדם לחבֿרו.

— און נאָך 9 יאָר?

— געלערנט בײַם טאַטן. באַקומען פֿון אים אויך אַ נטיה צו שירה.

זײַן טאַטע שלום־מרדכי איז געווען אַ ייִד אַ למדן, אַ חוקר. אויך אַ שירים־שרײַבער. ער איז געווען אַ בקי אין רמבם און געלייענט פֿילאָסאָפֿישע ביכער. דער טאַטע האָט געלערנט מיט אים די גמרות ברכות און תּענית, וואָס מען לערנט בכלל ניט. ער האָט זיי מיט אים געלערנט צוליב זייערע דבֿרי־אגדה. ער פֿלעגט לערנען מיט אים אין די נעכט, ווײַל אין די טעג איז ער געווען פֿאַרנומען מיט מסחר.

שמואל־יוסף איז געווען דער בכור בײַ טאַטע־מאַמע. אין חדר איז ער געווען אַן עילוי. אין די נעכט, ווען אַנדערע לערנען אין די מישמורים בבא קמא אָדער בבא מציעא, האָט ער געלערנט ברכות ביחידות. ער איז געווען ייִנגלוויַיז אַן אַליין־גייער. דער רבי האָט געהייסן לערנען אין אַלטן בית־מדרש, דעם מקום פֿון די מתנגדים. איז ער אַליין אַוועק פֿון מתנגדישן בית־מדרש אין קלויז פֿון די טשאָרטקעווער און דאָרטן געלערנט ביחידות.

נעגעסן פֿון ביידע טישן — פֿון חסידישן און פֿון מתנגדישן. דער טאַטע איז געווען נוטה צו חסידות, אָבער צו אַ רבין איז ער ניט געפֿאָרן.

— און די מאַמע?

— זי איז געווען אַ צאַרטע, אַ שטילע, אַ קרענקלעכע. האָט גוט געקענט שילערס פּאָעזיע.

איר בילד איז אַרײַנגעקומען אין זײַנע דערציילונגען „הנדח" און „בדמי ימיה".

גאַרניט ווי דער שטייגער פֿון ייִדישע ייִנגלעך, פֿלעגט ער אָפֿט אַוועקגיין אין וואַלד, צו די בערג פֿון דער סבֿיבֿה.

ווײל איך ווייסן, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן.

— ווען איך בין אַלט געווען נײַן יאָר, האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן לידער אויף ייִדיש.

ער דערמאָנט זיך זײַנס אַ ליד פֿון יענער צײַט: „צו די סליחות פֿון אַל די רוחות״ — װעגן אַ בחור װאָס איז אַװעק אין דער ערשטער נאַכט פֿון סליחות אָנצינדן ליכט בײַם טײַך, איז אַרױסגעקומען אַ װאַסערמײדל און אים צוגעכאַפּט. אַט די סליחות־נאַכט, די ליכט בײַם טײַך, דאָס װאַסער־מײדל און דער בחור שטײען װײַט־װײַט אַרױף צו, אין זײַן סאַמע אָנהײב. געװען צײַטן, ייִנגלשע יאָרן, װען ער פֿלעגט שרײַבן יעדן טאָג אַ ליד אױף ייִדיש. ער האָט דעמאָלט געשריבן לירישע לידער און באַלאַדעס, געבױט אױף פֿאָלקס־מעשׂיות.

— קאָנט איר מיר אפֿשר װײַזן אַ ליד פֿון יענער צײַט?

— איך דאַנק גאָט, װאָס איך קען ניט.

נאָכדעם איז געקומען צו אים די השׂכּלה. ער האָט געלײענט ביכער פֿון ראובֿן־אשר ברױדעס, פֿון מרדכי בראַנדשטעטער. ער האָט שױן דעמאָלט אױך געלײענט מענדעלען און שלום־עליכמען. ער האָט זיך באַזונדער פֿאַר־אינטערעסירט מיט געשיכטע־ביכער, מיטן ספֿר־הדורות. ער האָט כּסדר געהערט פֿון די זקנים אין בית־מדרש מעשׂיות און אַגדות. ער האָט אַרומ־געזוכט אַלטערטימלעכע, אַלטע מצבֿות. עס האָט אים געצױגן און געצױבערט די אַלטע װעלט. ער האָט דערמאָנט כ׳ סיון, אַ טאָג פֿון תּענית צוליב די קדושים פֿון ת״ח־ות״ט. פֿון זײַן בר־מצװה אָן האָט ער געהאַלטן דעם תּענית.

אָט אַזױ גײט אױף פֿאַר מיר זײַן „עולם־הילדות״, זײַן חדר, זײַן בית־מדרש, די קדושים פֿון ת״ח־ות״ט, זײַנע תּעניתים, די זקנים, צװישן װעלכע ער זיצט און הערט, אַ געשפּאַנטער, פֿאָלקס־מעשׂיות, װאָס זאַפּן זיך אים אײַן אין זײַן נשמה אױף שטענדיק.

זײַן שטאָט בעטשאַטש איז געװען אַרומגערינגלט מיט װאַלד און בערג. דער טײַך סטריפּאַ איז פֿאַרבײַגעפֿלאָסן בײַם ברעג שטעטל. דער װאַלד איז אַן אַלטער, אַ געדיכטער אַ טונקעלער. ער דערמאָנט זיך אָן דעם, קוקנדיק אין זײַן װאַלדיקן גאָרטן. איך זע זײַן ליבשאַפֿט צו זײַנע בלומען, זײַן קענען זײַנע שמעקעדיקע גרעזער, פֿון װעלכע ער מאַכט אַלײן טײ.

— ניט אומזיסט פֿאַרפֿירט איר אָפֿט אײַערע העלדן אין װאַלד אַרײַן, װוּ עס איז דאָ התבודדות, װאָס איז דער היפּוך פֿון שטאָט.

ער איז געװען נאָך אין זײַן יוגנט אַ לײַדנשאַפֿטלעכער קױפֿער פֿון אַלטע ספֿרים. זײַן ערשטער אַלײן געקױפֿטער ספֿר איז געװען „שבחי האר״י״. נאָכדעם זײַנען געװען „יוסיפון״, ר׳ נכמן בראַצלעװערס „שבחי הר״ן״. איך דערמאָן זיך אַ מודעה, — זאָגט ער — װאָס איך האָב געהאַט געלײענט אין „המגיד״ װעגן אַן עגונה.

דער צער פֿון דער עגונה האָט אים דעמאָלט דורכגענומען, איז אים נאָכ־געגאַנגען, שפּעטער אַרײַנגעקומען אין זײַן באַרימטער דערצײלונג „עגונות״. טאַקע פֿון זײַן דערצײלונג װעגן דער עגונה שטאַמט זײַן שפּעטערדיקער שרײַבערישער נאָמען עגנון.

דײַטש האָט ער געלערנט אין בראָדן הירש־שול. פּויליש האָט אים געלערנט אַ פֿויערישער זון, וואָס האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ גלח. דאָס ערשטע דײַטשע בוך וואָס ער האָט געלייענט איז געווען שילערס „רויבער".

— אין תר"ס, ווען איך בין אַלט געווען 16 יאָר, האָב איך אָנגעהויבן דרוקן העברעיִשע שירים.

גאַליציאַנער בחורים האָבן דעמאָלט געקענט זײַנע שירים אויף אויסנ־ווייניק. אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" האָט ער געדרוקט „קליינע מעשׂהלעך וועגן גרויסע זאַכענישן".

— י.־ל. פּרץ האָט געשריבן „קליינע מעשׂהלעך פֿאַר גרויסע קינדער", דערמאָן איך זיך.

עגנון האָט דעמאָלט געשריבן „אַ מעשׂה וועגן איינעם וואָס האָט געהרגעט אַ מענטשן פֿון גאָטס וועגן". אין לעמבערגער יִדישן „וועקער", אַרויסגעגעבן פֿון רוקחן האָט ער געדרוקט יִדישע מאמרים, לידער און דערציילונגען.

חיבת־ציון, ציוניזם, הערצל־קאָנגרעסן, אַגודות פֿון ציוניזם... זײַן האַרץ האָט זיך געצויגן, זײַן דמיון האָט זיך אָנגעצונדן. מ'איז יונג, דאַרף מען גיין קיין ארץ־ישׂראל. מען דאַרף ניט אָפּלייגן. מען דאַרף גיין פֿון בעטשאַטש קיין ירושלים. וועגן דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער סביבה דערציילט ער אַזוי:

— די הערן זײַנען געשטאַנען אין ביליאַרד־צימער אַרום דעם גרינעם טיש אין שיינעם קאַפֿע און געשפּילט אין ביליאַרד. די הערן זײַנען גע־שטאַנען אין רעקלעך מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, געהאַלטן לאַנגע ביליאַר־שטעקנס און געוואַרט אויף זייער ריי. פּעטע, דיקע מענטשן שטייען מיט שטעקנס און שיסן אין די קוילן. זיי, אַט די הערן בײַם ביליאַרדטיש, זענען געווען די פּני פֿון די ציוניסטן אין לעמבערג.

שטייט אַ יונגער בחור, וואָס שרײַבט העברעיִשע שירים אין קראָקעווער „המצפה", קוקט אויף די ציוניסטן מיט די ביליאַרד־שטעקנס. ער קלײַבט זיך קיין ארץ־ישׂראל. די ביליאַרד־שפּילער קוקן אויף אים ווי אויף אַ בטלן. אַ יונגער בחור אַ ציוניסט, וואָס מיינט טאַקע באמת. זיי שטוינען, וואָס ער אַליין לאָזט זיך טאַקע אַהין, אין „לאַנד פֿון די צעדער".

— ווער עס איז אַ ציוניסט און האָט געלט, פֿאָרט אויף קאָנפֿערענצן. ווער עס האָט אַ סך געלט, פֿאָרט צום קאָנגרעס. ווער עס איז אַ ציוניסט און האָט ניט קיין געלט, אַגיטירט פֿאַר ציוניזם און האַלט רעדעס. און איצט גאָר פֿאָרט דער בעטשאַטשער בחור, דער יונגער העברעיִשער פּאָעט, באמת קיין ארץ־ישׂראל.

ער האָט די סצענע שפּעטער באַשריבן אין זײַן ראָמאַן „תמול שלשום".

די ציוניסטישע פֿירערס האָבן אים פֿאַרבעטן צו טרינקען צוזאַמען אַ גלאָז קאַווע. ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז פֿאַר דעם געלט קאָן מען קויפֿן אַ טייטלבוים אין יער־הרצל.

— אַז מיר וועלן קומען קיין ארץ־ישׂראל, וועלן מיר דיך פֿאָטאָגראַפֿירן, ווי דו גייסט אַקערן פֿעלדער.

ל״ג בעומר תרס״ט איז אָנגעקומען אין יפֿו דער 20יאָריקער בחור פֿון גאַליציע. אַ פּעריאָד האָט זיך געענדיקט.

עגנון איז געווען יאָרן אין ארץ־ישׂראל און צוריקגעפֿאָרן אין אייראָפּע. „געווען אין גלות און צוריקגעפֿאָרן אַהיים.״ געשריבן ווערק. עס איז געוואַקסן די ביבליאָטעק ספֿרי־עגנון.

— האָט איר אַ באַזונדערן ליבלינג צווישן אײַערע ווערק, וואָס איר זאָלט מיר אָנווײַזן מיט אַ ה׳ הידיעה?

— ווען איך פֿלעג ענדיקן אַ ווערק, פֿלעג זיך מיר בשעת מעשׂה דאַכטן, אַז דאָס איז דאָס בעסטע. פֿאַרטאָן געוואָרן אין אַ ווערק, פֿלעג איך אַרבעטן, אַרבעטן, ענדערן, אַראָפּנעמען, צוגעבן, שלײַפֿן, ביז איך האָב שוין מער ניט געקענט. שטענדיק פֿלעג פֿאַר מיר זײַן דאָס נײַע ווערק דאָס געצי־טערטע קינד.

און נאָך עפּעס:

— אין יעדן סיפּור איז דאָ אַז אַבֿר פֿון אַז אַנדערן, פֿון דעם וואָס איך וועל נאָך שרײַבן.

— איך האָב געהערט אַ טענה צו אײַך, אַז לעבנדיק אין ארץ־ישׂראל, אין דער נײַער ווירקלעכקייט, וווּ עס בויט זיך אַ נײַע צוקונפֿט, זײַט איר אַליין מיט אײַער טעמאַטיק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אין דעם עבֿר.

— עבֿר, הווה און עתיד זײַנען זאַכן ניט אָפּגעריסענע איינע פֿון די אַנדערע. אין סך־הכּל איז דאָס איינס. אַ ייִד דאַוונט דרײַ מאָל אַ טאָג, עס איז דאָך אָבער איין תּפֿילה צום רבונו־של־עולם. די דרײַ תּפֿילות קומען פֿון איין נשמה און קומען אַרויף צו דער זעלבער הייך.

מיר ריידן וועגן העברעיִשע שרײַבער. עס קומט אַרויס דער נאָמען פֿון י.־ח. ברענער. ער לײַכט אויף בײַ דעם נאָמען.

— מײַן ערשטן ראָמאַן „והיה העקוב למישור״ האָט אַרויסגעגעבן ברענער אויף זײַן אייגענער הוצאה, זײַענדיק אַליין אַן אָרעמאַן.

ברענערן איז זייער געפֿעלן געוואָרן דאָס ווערק פֿון דעם יונגן שרײַבער עגנון. די דערציילונג האָט געדאַרפֿט האָבן 64 געדרוקטע זײַטן. ניט געווען קיין געלט זי אַרויסצוגעבן. איז ברענער געוואָרן דער אַרויסגעבער. ער האָט צוזאַמענגעלייגט, צונויפֿגעזשעבערעוועט פּרוטה צו פּרוטה. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין דער אָרעמער שכונה עזרת־ישׂראל.

— מיט אַ טאָג פֿריִער האָט זיך ברענער געהאַט דערלויבט אַ לוקסוס: ער האָט געקויפֿט אַ פּאָר שלייקעס צו זײַנע הויזן. אויפֿן צווייטן טאָג האָט ער צוריק אָפּגעטראָגן די שלייקעס צום קרעמער און אָפּגענומען דאָס געלט. די פּרוטות האָט ער אויך אַרײַנגעלייגט אין דער אויסגאַבע.

וועגן אָט דער דערציילונג האָט ברענער אַזוי געשריבן:

— ווי אזוי מען קאָן שאַפֿן אַזאַ קינסטלערישן פֿאָלקס־עפּאָס אין אַ שפּראַך וואָס דאָס פֿאָלק רעדט ניט ווײַס דעם סוד בלויז איינער — עגנון.

אויף צוויי נאָכאַנאַנדיקע אָפּטײלן אין גרעסערע באַנד צ. ברעט. אזוי האָט מען בעת דער צווייטער עליה געמאַכט אַ טיש. און בײַ אַט דעם טיש איז געזעסן ברענער און פֿאַרגעלייענט פֿאַר באַקאַנטע עגנונס דערציילונגען. געלייענט וואָרט בײַ וואָרט, שורה בײַ שורה, ווי מען לייענט אַ פּרשה חומש.

אַגבֿ דערציילן מענטשן פֿון יענער צײַט:

— נאָכן איבערלייענען אין „הפּועל הצעיר", ווו עס האָט זיך געדרוקט וועכנטלעך עגנונס דערציילונג, האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ פֿון לייענער — טאָמער רײַסט מען איבער און איבער אַכט טאָג וועט זי מער ניט זײַן.

אויף דער ערשטער בוך־אויסגאַבע פֿון אַט דער דערציילונג עגנונס איז טאַקע געווען געדרוקט: „אויסגאַבע פֿון י.־ח. ברענער".

איך פֿרעג אים וועגן דער שאַרפֿער קריטיק איבער דעם עלטערן און יינגערן דור העברעיִשע שרײַבער. איך דערמאָן אים שאַרפֿע אַרטיקלען פֿון אורי־צבֿי גרינבערגן און א. קריבֿן. און אויב אַזוי, זאָג איך, וואָס זשע איז געווען דער נאַציאָנאַלער בײַשטײַער פֿון די העברעיִשע שרײַבער פֿון לעצטן דור?

ער נעמט ניט צו ערנצט די קריטיק. ער איז שוין אַקוראַט 49 יאָר אין ארץ־ישׂראל. שוין אַ סך געהערט און געזען.

— זאָל איך אָפּשאַצן מײַן דור? קיינער קאָן ניט שאַצן זײַן אייגענעם דור. עס זײַנען געווען מענטשן מיט נעמען, מיט פֿאַרנעם. הײַנט געדענקט מען זיי שוין ניט. ווער קען עס הײַנט מבֿטל מאַכן שמעונאָוויטשן און יעקבֿ כּהנען? אורי־צבֿי גרינבערגן? און דאָס זײַנען נאָר דוגמות.

קום איך צו דער שלילת־הגלות.

ער איז דאָס ניט גורס. ער קאָן דאָס גאָרניט משׂיג זײַן. אַנטלויפֿן פֿון עבֿר? מבֿטל זײַן דורות?.. ווי אַזוי איז דאָס גאָר מעגלעך? ער זאָגט, אַז ער איז דורכגענומען מיט בענקשאַפֿט נאָכן שטעטל. מיר זײַנען דאָך אַלע פֿון די קליינע שטעטלעך.

— געווען אין שטעטל אַ גרויסע שול. האָט מען געמאַכט נאָך איינע, אַ קלענערע, כּדי צו זײַן ענגער צוזאַמען, קאָנצענטרירט.

איך בין געווען אַ מאָל אין בערלין. בין איך נישט געגאַנגען אויף די גרויסע גאַסן, נאָר אויף די קליינע. דאָרטן זענען דאָ גרויסע פּאַרקן, ווו פֿרויען רײַטן אויף פֿערד. איך בין דאָרטן נישט געגאַנגען. אין קליינעם געסל זעט מען דעם מענטש, דעם בעל־מלאכה, דעם זקן, דאָס קינד.

דער וואָס בויט אַליין זײַן הויז ווייס יעדן טשוואָק וואָס ער האָט אַרײַנגעקלאַפּט. דער ייִד האָט געקענט זײַן הויז, זײַן גאַס, זײַן פּראָווינציע. מען דאַרף קאָנען אַרומגיין אין ייִדישקייט אַזוי ווי אין אייגענעם חצר.

װעגן מדינת־ישׂראל: מען איז אינעװײניק אין מדינת־ישׂראל. װאָס איז דאָ װאָס צו ריידן? עס איז גרויס, עס איז װיכטיק. די ייִדישע װערדע איז דערהויבן געװאָרן. אָבער הערצל איז ניט אַ דערשײַנונג בלויז פֿון זײַן דור. די מדינה איז ניט די דערשײַנונג בלויז פֿון אונדזער תּקופֿה. עס איז אַ פּועל־יוצא פֿון דורות, אַרויסגעקומען פֿון שטח פֿון הונדערטער יאָרן.

— מיינט איר, אַז אַזוי װעלן אויך פֿילן די קינדער, װאָס זײַנען דאָ געבוירן געװאָרן?

— איך װיל אַזוי. איך האָף.

עס דאַרף זײַן ייִדישער תּוך, ייִדישער גײַסט.

— אונדזערע אָבות האָבן געהאַט דעם שם־הוויה פֿאַר זייערע אויגן. זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן געלעבט מיט דעם.

ער װיל מיר עפּעס זאָגן, עס זאָל מיר אָבער ניט אויסזען אומגלייבלעך:

— עס איז שוין 200 יאָר װי דער בעל־שם־טובֿ איז נפֿטר געװאָרן. מײַן זיידע האָט גוט געקענט דעם דעת־קדושים, געקענט ר׳ משולם איגרא פֿון פּרעשבורג, װאָס איז נאָך געװען אַ קינד בימי בעל־שם־טובֿ. מיר לעבן מיט די זקנים אַפֿילו װען זיי זײַנען שוין אַװעק פֿון אונדז, לעבן מיט זיי עד ביאת־הגואל.

ער קוקט אין חלל פֿון זײַן הויז און זאָגט מיר מיט אַ מאָדנער איינ־פּאַכקייט:

— איך קאָן געבן שלום־עליכם דעם בעשט.

איך טענה מײַנס:

— דאָך װילן העברעיִשע שרײַבער מבֿטל מאַכן דאָס שטעטל, זיך אָפּרײַסן פֿון אים.

טוט ער אַ זאָג:

— יעדעס שטעטל איז געװען בײַם באַרג סיני.

— דאָס איז פּאָעזיע.

— דאָס איז רעאַל. געװען אַ זעמדעלע בײַם באַרג סיני. אויף דעם זעמדעלע איז נאָכדעם אױפֿגעשטעלט געװאָרן דאָס שטעטל.

מיר האָבן אונדזער ליטעראַטור אין עטלעכע לשונות: אויף ייִדיש און העברעיִש. װאָס זשע װעט בלײַבן אין פֿאָלקס־אוצר?

— דאָס פֿאָלק האָט זײַן אינסטינקט און נעמט אַרויס פֿון אָנגעזאַמלטע שאַפֿונגען װאָס עס דאַרף.

און נאָך עפּעס:

— אין דער תּורה איז ניטאָ קיין חילוק צװישן שמע ישׂראל און אַן אַנדער פּסוק. יעדער פּסוק איז דאָרטן װערטיק. װען אַ ייִד איז זיך מוסר נפֿש, שרײַט ער: „שמע ישׂראל!״

עס קומט דער פּאַרנאַכט. שמואל־יוסף עגנון שטעלט זיך דאַווענען מנחה. איך גיי זיך דורך איבער זײַנע צימערן, קוק אויף זײַנע הויכע, לאַנגע פּאָליצעס ספרים, שלעפּ אַרויס איין ספר, אַ צווייטן, קוק אין אים אַרײַן, בלעטער אים. קומען אַרויס צו מיר זײַנע געשטאַלטן — מנשה־חיים הכהן, ר' יודל החסיד, געשטאַלטן פֿון אַ גלייביקער וועלט. עגנון האָט פֿון דאָרטן אַרויסגעצויבערט שטילקייט און טיפֿקייט, האָט זיי אײַנגעהילט אין בענק־שאַפֿט פֿון שקיעה. עגנון דאַוונט מנחה. צוזאַמען מיט אַ געפֿיל פֿון צאַרטקייט, וואָס קומט אַרויס פֿון זײַנע טווינטער עמודים, קומט אַרויס צו מיר אַ געפֿיל, ווי ער וואָלט זיך זעגענען מיט אַ גרויסער ייִדישער וועלט, אַ פֿאַר־דרימלטער אין די ווײַטקייטן.

ווי שרײַבט עגנון: „די נשמה פֿון ר' יודלען האָט געהאַלטן בײַם אוועקפֿלִיען."

קוקט אויך אַרויס פֿון זײַנע בלעטער די איינזאַמקייט פֿון מענטשן אין דער וועלט. ווען ער, דער מענטש, איז אַ פֿאַרלאָזענער פֿון גאָט.

שטייט בײַ אים געשריבן אַזוי:

„ווי אַ שפּראָץ, אָפּגעריסן פֿון דער ערד, אַזוי בין איך געשטאַנען פֿאַר דער שול און זיך דערמאָנט אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן..."

בילדער און רעיונות פֿלִיען גיך פֿאַרבײַ, ווען ער, עגנון, שטייט שמונה־עשׂרה.

ליבע און שׂינאה. מאָראַלישע איבערקערעניש אין מענטשן נאָך די מלחמות, פֿאַרלאָרנקייט פֿון מענטשן בעת (לויט עגנונס אויסדרוק) ער האָט „פֿאַרלוירן דעם שליסל צו זײַן אייגן הויז" און קאָן מער ניט אַרײַן אינעווייניק.

פּנים אל פּנים מיט דער רוזקער וועלט פֿון בעטשאַטש שטייט אַ נײַע וועלט — פֿון אומרו, פֿון געראודער, פֿון בונט. „דרײַ דורות האָבן זיך געשפּײַזט מיט די אוצרות פֿון ר' יודל החסיד און דער פֿערטער דור האָט אַלץ צעטרענצלט."

רעדט אַרויס אַ ייִד פֿון עגנונס אַ דערציילונג:

— נאָך דעם ווי די שׂונאים האָבן חרוב געמאַכט מײַן הויז, האָב איך גענומען מײַן קליין טעכטערל אויף די אָרעמס און בין אַנטלאָפֿן מיט איר אין שטאָט, אין שרעק און בהלה. געלאָפֿן נעכט און טעג, ביז איך בין אָנגעקומען ערבֿ יום־כּיפּור פֿאַר נאַכט אויפֿן הויף פֿון דער גרויסער שול. איך האָב אָפּגעקערט מײַן האַרץ פֿון אַלץ וואָס די שׂונאים האָבן צו אונדז געטאָן און זיך אַרײַנגעטראַכט אין יום־כּיפּור וואָס קומט אָן — הייליקער יום־טובֿ־טאָג פֿון ליבשאַפֿט, פֿון רחמים און תּפֿילה... אין מיטן דערינען האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט און האָט אָנגערירט דאָס נשמה־ליכט וואָס האָט דאָרטן געברענט. דאָס פֿײַער פֿון ליכט האָט זיך גענומען צו מײַן טעכטערל און אַרומגעכאַפּט איר העמד. איך האָב אַראָפּגעריסן איר ברענענדיק העמד,

און מײַן טעכטערל איז געבליבן אַ נאַקעטע. איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס צוצודעקן איר לײַב. געזוכט און ניט געפֿונען. אומעטום איז געווען לײדיק. ביז איך געגאַנגען צום אָרט, וווּ עס דאַרפֿן ליגן שמות, צעריסענע ספֿרים. איך האָב דאָרטן גאָרניט געפֿונען, מיט וואָס צו פֿאַרדעקן דאָס נאַקעטע לײַב פֿון מײַן קלײן מײדעלע. ווען מען פֿלעגט לײענען ספֿרים, פֿלעגן זײַן צעריסענע ספֿרים. איצט אַז מען לײענט ניט קײן ספֿרים, זײַנען ניטאָ קײן צעריסענע, ניטאָ קײן שמות. איך האָב אָנגעהויבן שרײַען. מײַן טאַכטער שטײט און ציטערט פֿאַר קעלט. וווּ צו לויפֿן פֿון דאַנען איז ניטאָ. אונדזער הויז איז חרוב. שׂונאים אויף די װעגן. קאָן מען זיך דען פֿאַרלאָזן אויף אַ נס, מען זאָל געראַטעוועט ווערן?..

די שול איז פֿאַרברענט. די טאָכטער — נאַקעט. אויפֿן וועג — שׂונאים. ניטאָ וווּהין צו לויפֿן...

— סימבאָליש.

בילדער שוועבן פֿאַרבײַ ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ. דער מײַסטער האָט דערווײַל געענדיקט דאַווענען מנחה.

— לאָמיר אַרויסגײן אַ ביסל אין גאָרטן.

מיר זיצן דאָרטן אונטער אַ בוים. ער דערמאָנט זיך די טענות צווישן ייִדיש און העברעיִש.

— ווען איך בין אַוועק פֿון דאָרטן, האָב איך איבערגעלאָזן אַ שטוב מיט כּתבֿים, דראַמעס, ראָמאַנען, לידער. ייִדיש לשון האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קײן דיסציפּלין, קײן גראַמאַטיק. עבֿרית האָט געקענט יעדער מלמד, געקענט דיקדוק. אָבער אַ ליד אויף ייִדיש האָט געזונגען דאָס פּשוטע פֿאָלק, אַרבעט־מײדלעך בײַ דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט.

דערמאָנט ער זיך זײַנס אַן אַמאָליק ליד:

איך האָב מיר מײַן אײגנס אַ סוכּהלע געמאַכט,
אַ סוכּהלע — אַ סוכּהלע אַ פּראַכט.

— אײן מאָל דאָס דעקלאַמירט, האָבן עס אויפֿגענומען אַלע שנײַדערס, שוסטערס, געמאַכט אויפֿן שטעל צו דעם אַ ניגון און געזונגען.

דרוקט מען דעמאָלט אויף העברעיִש, לײענט עס אַ מײַן מענטש, חקרענען זיך, צי עס איז געשריבן על־פּי דיקדוק. שרײַבט מען אָבער ייִדיש, לויפֿט אים אַנטקעגן דער וואַסער־טרעגער, אים מכבד צו זײַן מיט אַ טרונק קאַלט וואַסער.

מען האָט אָבער, לויט זײַן מײנונג, געמוזט מותּר זײַן אויף דער גאַנצער ייִדישער עולם־הזה און זיך נעמען צו אַ ליטעראַטור, וואָס „האָט געהאַט נאָר קריטיקער און ניט קײן לײענער, ניט קײן פּרנסה, ניט קײן כּבֿוד, ניט קײן עולם־הזה, ניט קײן עולם־הבא".

— ווײַל איר האָט אויסגעקוקט אויף אַז אייגענער מדינה, אויף ארץ־ישׂראל?

— ניט ריכטיק, ניט דערפֿאַר.

— פֿאַר וואָס דאַן?

ענטפֿערן אויף דעם איז געווען שווער. פֿאַר וואָס זײַנען געזעסן די יוצאי־מצרים, געדענקט די פֿיש פֿון מצרים און דאָך זיך געשפּײַזט מיט לחם־הקלוקל אין מדבר?

— די אויפֿלעבונג פֿון לשון־קודש אין ארץ־ישׂראל איז דאָך אַ נס...

געווען אַ צײַט, — דערמאָנט ער זיך — ווען רבנים האָבן געשריבן אויף כּל־הלשונות, ווען גביות־עדות זײַנען געמאַכט געוואָרן אויף טערקיש. ווען ער איז געקומען אין ארץ־ישׂראל, איז דאָ ניט געווען קיין תּימנער און הײַנט — אַ גרויסע און גוטע תּימנער עדה. און ניטאָ קיין איין תּימנער פֿרוי וואָס קען ניט קיין העברעיִש. מען מיינט, אַז דאָס האָט אויפֿגעטאָן בן־יהודה. עס איז ניט ריכטיק, אַז איין מענטש האָט עס געמאַכט.

איך האָב געהאַט געזאָגט צו בן־יהודהן: „קום אין תּלפּיות און הער פֿון ייִדן נײַנצן לשונות.״

ער איז זיכער, אַז אין ארץ־ישׂראל איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי עבֿרית. מען דאַרף אויסמײַדן די סכּנה פֿון בילבול־הלשונות. מען מוז צונויפֿגיסן דאָס פֿאָלק אין איינס — דאָס פֿאָלק, וואָס קומט פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, פֿון מזרח, מערבֿ, צפֿון און דרום. עס מוז ווערן איין פֿאָלק און קודם־כּל דורך איין לשון, און דאָס לשון איז — עבֿרית.

ער גייט למשל שבת אויף דער גאַס מיט זײַן אסתּרן. שטעלט זיי אָפּ אַ ייִדישע פֿרוי וואָס איז געקומען פֿון ניו־זעלאַנד. זי רעדט נאָר ענגליש, אַנדערש קען זי ניט. מען קאָן זיך ניט צוזאַמענריידן. זי קען גאַרניט קיין ייִדיש. ייִדן מיט ייִדן אין ייִדישן לאַנד קאָנען ניט ריידן איינע מיט די אַנדערע אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. זיי מוזן האָבן איין ייִדיש לשון.

— איך פֿרעג ניט וועגן פֿאַרשיידענע לשונות אין וועלכע עס ריידן ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. איך פֿרעג וועגן ייִדישן לשון, וועגן דער גרויסער ייִדישער ציוויליזאַציע פֿון טויזנט יאָר. איך רייד וועגן דער ביטול־באַציִונג, וועגן שׂינאה צו ייִדיש...

— חס־ושלום. איך האָב ניט קיין קעגנערשאַפֿט צו ייִדיש. ווי קען עס גאָר זײַן?

ייִדיש גייט דאָך שוין מיטן פֿאָלק אַזוי פֿיל הונדערטער יאָרן. ער מיינט אָבער, אַז מען קאָן ניט פֿאַרמאַכן די אויגן איבער דער געשיכטע. אָט איז דאָך אַ לאַנגע צײַט אונדזער לשון געווען אַרמיש — דניאל, עזרא, נחמיה. אָט איז עס געווען אַראַביש — דער רמבם. אַ פֿרעמד לשון איז דאָך אַפֿילו נתקדש געוואָרן; זאָגן דאָך ייִדן אומעטום קדיש אויף אַרמיש. זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזן די לשונות אויף זייערע וועגן און ווײַטער געגאַנגען.

— קאָן מען אַזוי איבערלאָזן אויך די גרויסע ייִדישע ליטעראַטור?

— גרויסע ווערק וועלן איבערבלײַבן לדורות.

אין גאָרטן איז איצט אויסטערליש שטיל. די זון זעצט זיך שוין אין גאַנצן אַראָפּ. עס ווערט קיל. באַלד וועלן זיך אָנצינדן שטערן אויפֿן בלויען הימל.

אין דער שקיעה־שעה, מיין איך, פּאַסט זיך אַרײַן מײַן פֿראַגע:

— איך וויל וויסן, ענגנון, זײַט איר טאַקע אַ מאמין באמונה שלמה?

— פּשוטו כּמשמעו. איך גלייב אין בורא־עולם. איך גלייב אין דער תּורה באמונה שלמה. מען דאַרף זי נאָר קענען מקיים זײַן.

— גלייבט איר טאַקע — פֿרעג איך ווײַטער — אין השגחה פּרטית?

— איך גלייב. — זאָגט ער שטיל און רויִק — איך בין אַ גאַנץ פּשוטער ייִד אין מאָדערנע בגדים.

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ ייִדישן משורר:

— דאָס אומגליק פֿון דעם העברעיִשן שיר שטעקט אין דעם וואָס ער איז ניט קיין המשך פֿון די זמירות וואָס ייִדן האָבן דורות געזונגען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אונדזער שמועס קומט איין מאָל און נאָך אַ מאָל צום גורל פֿון מדינת־ישׂראל, צו די שווערע פּראָבלעמען, צו די נסים וואָס זײַנען פֿאַרלאָפֿן, און ער זאָגט צו מיר אַזוי:

— די גאולה איז נאָך ניט געקומען.

בעתן אויפֿקום פֿון דער מדינה האָט מען געוואָלט זאָגן שבת אַ נײַעם מי־שבירך, מען האָט אים געדאַרפֿט מחבר זײַן, האָט מען ניט געמאַכט מי שבירך על הגאולה, נאָר ראשית צמיחת גאולתנו. עס זײַנען נאָר דערווײַל די קנאַספּן פֿון גאולה. עס דאַרף נאָך קומען אַן עת־פּקודה.

דערווײַל אָבער זאָגט דער רבונו־של־עולם אַזוי:

— איר ווילט עפּעס טאָן, איר ווילט עפּעס מאַכן, טוט, לאָמיר זען. ווען איר זוכה זײַן, וועט נאָכדעם קומען די גאולה שלמה.

די זון זעצט זיך איבער ירושלים אַ פֿלאַמיקע. עס ברענט דער מערבֿ. אַ ריכטיקע רגע צו ריידן וועגן ענגנונס הויז, וואָס איז געטראָפֿן געוואָרן אין דער צײַט פֿון די אַראַבישע רציחות אין יאָר תּרפּ״ט.

— אונדזער הויז איז דעמאָלט געשטאַנען אין סאַמע פֿראָנט פֿון די קאַמפֿן.

קוילן, גראַנאַטן. אָרום האָט געברענט. אין סאַמע פֿײַער איז דעמאָלט געווען דער העברעיִשער מײַסטער, דער ירא־שמים ענגנון. ער איז דעמאָלט געזעסן אין זײַן חדר און געלערנט מסכת זרעים. ער האָט אויך געהאַלטן אין מיטן שרײַבן זײַן ראָמאַן „הכנסת כּלה". ווי זשע אַנטלויפֿט מען? ווי גייט מען אַוועק? ווי רײַסט מען זיך אָפּ?

מען האָט געפֿאָדערט פֿון אים, ער זאָל זיך אַרויסציִען מחמת סכּנה. איז געקומען צו אים, ווי ער זאָגט, דער גענעראַל פֿון תּלפּיות, אים קלאָר

געמאכט די סכנות. שפּליטערס פֿון גראַנאַטן האָבן שוין געהאַט אַרײַנגעשלאָגן אין צווייטן גאָרן פֿון זײַן הויז, צעשטערט זײַן שרײַבטיש, בײַ וועלכן ער איז דעמאָלט מעשׂה נס ניט געזעסן. וווּהין וועט ער זיך לאָזן? וווּהין וועט ער אַנטלויפֿן?

— אַ סוכּהלע פֿון יהודה החסיד איז דאָך אויך געגוג.

עס זײַנען אָבער געווען סטראַטעגישע סיבות, צוליב וועלכע מען האָט אים געמוזט אַרויסזעצן. מען האָט אים אַרויסגענומען אין רחביה. זײַן פֿרוי און טאָכטער זײַנען געווען אין שכונת־גאולה. ער פֿלעגט גיין יעדן טאָג מיט אַ קריגל מילך און ברויט פֿון רחביה קיין גאולה, ברענגען שפּײַז פֿאַר זײַן פֿרוי און טאָכטער. ער איז אומגעגאַנגען מיט אַ געפֿיל פֿון בטחון. ווי נאָר עס איז שטילער געוואָרן, איז ער צוריק אַוועק אין תּלפּיות, געפֿונען זײַן הויז שטאַרק רוינירט פֿון דער מלחמה. האָט ער פֿאַרריכט דאָס הויז און זיך ווידער געשטעלט צו די ספֿרים.

איך פֿרעג אים וועגן זײַן דרך אין שרײַבן.

— מײַן דרך איז אַרבעטן און פֿאַרריכטן און מדקדק זײַן, מגיה זײַן. איך שרײַב איבער, פֿאַרריכט גאַנצע עמודים שוין געדרוקטע. פֿון דער צײַט, ווי איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ ביסל לשון־קודש.

אין מיטן דערינען הער איך פֿון אים אַן אומגעריכטע זאַך:

— איך האָב אַ רבין.

— וואָס שייך?

— מען דאַרף האָבן אַ רבין.

זײַן רבי איז ר' שמואל ביאַלאַבלאָצקי, דער געוועזענער רבֿ פֿון סלאַ־ווידקער קהילה פֿון קאָוונער געגנט. אַ ליטווישער גאון. צו 16 יאָר האָט ר' שמואל ביאַלאַבלאָצקי געקענט ש"ס אויף אויסנווייניק. איצט — אַ פּראָ־פֿעסאָר אין בר־אילן־אוניווערסיטעט.

— אַ גאון גדול, אין דומה לו.

האָט עגנון אַ שווערע שאלה, קומט ער צו אים. רמב״ם, ירושלמי קען ר' שמואל אויף אויסנווייניק. אַלץ איז פֿאַר אים נגלה.

עס איז דאָ אַ סודותדיקע וועלט פֿון תּורה. גיי ווייס אַלע אירע שטעגעלעך, אַלע רמזים, אַלע קנייטשן. אָבער פֿאַרן רבֿ פֿון קליינעם ליט־ווישן שטעטל, וואָס לעבט אין ירושלים און זיצט בײַם טיש צוזאַמען מיט עגנונען, איז אַלץ נגלה.

עס איז שוין גאַנץ שפּעט. מען דאַרף איבעררײַסן. עגנון גייט אַליין אַרײַן אין זײַן קיכל, קאָכט זיך אַליין אָפּ אַן איי, אַ גלאָז טיי פֿאַר זיך און פֿאַר מיר.

מען טאָר טאַקע ניט זײַן קיין „בעל־גאווה מיט ספֿרים", אָבער ער וועט אַרויפֿגיין מיט מיר אויפֿן אייבערשטן גאָרן און ווײַזן אַ ביסל אַלטע ספֿרים

— פּרקי אָבֿות, ספֿרי־קבלה, ספֿר־חסידים, ספֿרים פֿון תּלמידי־בעשט, אהבֿת־דודים אויף שיר־השירים.

פֿאַרבײַגייענדיק פֿרעג איך אַ פֿרעג טאַן מכּוח פּרנסה פֿון דעם גרויסן העברעישן שרײַבער.

— דער צדיק ר׳ מיכל האָט געזאָגט, אַז כּל־זמן איך האָב ניט, דאַרף איך ניט.

ער האָט אָבער געגנג אויף זײַנע הצטרכותן. ער דערמאָנט זײַן פֿרוי אסתּר מיט אַ סך געפֿיל. ער קוקט זיך אַרום:

— זי איז משמעות ערגעץ אַרויסגעגאַנגען.

— איך האָב געהערט, — זאָג איך אים — אַז אַ שׂריפֿה האָט פֿאַרטיליקט איינעם פֿון אײַערע וויכטיקסטע מאַנוסקריפּטן.

— יאָ, עס איז אמת.

עס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין דער שטאָט האַמבורג. דאָרטן איז געווען אַ מין שרײַבערשע קאָלאָניע. עס האָבן דאָרטן צײַטווײַליק געוווינט, אַזוי ווי ער, אחד־העם, ביאַליק. מען האָט אים דאָרטן געמאַכט צײַטווײַליק פֿאַרן סעקרעטאַר פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער חבֿרה מקיצי־נרדמים. ער האָט דאָרטן געוווינט מיט זײַן פֿרוי און צוויי קינדער אין אַ קליין הײַזל. בעל־הבית פֿון דעם הײַזל איז געווען אַ געשמדטער ייִד. ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון זײַן שלעכט געשעפֿט, פֿון אַ שפּײַכלער פּאַפּיר. האָט ער אים אָוועקגעשיקט מיטן פֿײַער. עגנון איז דעמאָלט געווען אין שפּיטאָל. דער מאַנוסקריפּט פֿון זײַנעם אַ גרויסן ראָמאַן איז אָוועק מיטן פֿײַער, אַ ראָמאַן פֿון 60 דרוקבויגן, „בצרור־החיים”, פֿון ייִדישן לעבן אין אייראָפּע, ארץ־ישׂראל און אַמעריקע. דער פֿאַרלעגער, שטיבל, האָט אים שוין געדאַרפֿט געמען צום דרוק. פֿאַרברענט און פֿאַרפֿאַלן. ער האָט אים ניט געקאָנט שרײַבן נאָך אַ מאָל. ער האָט אַפֿילו ניט באַוויזן צו ראַטעווען פֿון פֿײַער זײַן אַרכיוו, וואָס ער האָט געזאַמלט אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן, זײַנע היסטאָרישע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון די ייִדישע קהילות אין דײַטשלאַנד. ער האָט דעמאָלט געזאָגט אין פֿאַרצווייפֿלונג, אַז ער וועט מער ניט שרײַבן. פֿון יענער צײַט אין האַמבורג געדענקט ער זײַנע פֿרײַנד מאַרטין בובער, אַלשוואַנגער.

ער האָט זיך שפּעטער ווידער גענומען צו דער אַרבעט מיט אַ נײַעם חשק. ער האָט געשריבן זײַן „ברית האהבה”, „השנים הטובות”. עס זײַנען דאָ ספֿקות, שווערע מחשבֿות. מיר ריידן וועגן דעם. אחד־העם האָט זיי געהאַט, ביאַליק האָט זיי געהאַט. האָט דאָך ביאַליק געשריבן צו זײַן פֿרײַנד בן־עמי, אַז עס איז ניטאָ מער בײַ אים קיין רוח־הקודש, אַז דער נר־תּמיד פֿון דער ליטעראַטור איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

— ניטאָ קיין נײַס. אין חדש. עס האָט שוין געזאָגט אַזוי שלמה־המלך. משה האָט עס, אַ סבֿרא, געזאָגט אויפֿן באַרג סיני. י.־ל. גאָרדאָן האָט גע־

שריבן וועגן אונטערגאנג, וועגן לעצטן דור. עס איז אבער פאלשע נביאות. יעדער דור הייבט ווידער אן. יעדער ייד דארף זיך פילן, ווי ער גופא איז ארויס פון מצרים.

עגנון איז מיד, פארטראכט זיך, און זאגט עפעס אויסטערלישס:

— איך מאל מיר אויס, ווי מיין חדרל וועט אויסזען אויף יענער וועלט...

— אין גן־עדן אדער, חס־ושלום,...

ניטא קיין ענטפער. קומט מיר אין זכרון:

— איך האב געלייענט, אז אייער שילדערונג פון שבת אין ירושלים איז א פערל.

— שבת גופא איז א פערל. און ירושלים... ירושלים איז שיין.

מיר האבן געענדיקט דעם שמועס. ער וועט מיך ניט לאזן גיין אהיים אליין. מען דארף וויסן, ווו צו נעמען דעם אויטאבוס. ער וועט מיך צופירן צום אויטאבוס, וואס פירט פון תלפיות קיין ירושלים. אז איך בין שוין אריין אין אויטאבוס, האב איך דערזען עגנונען לעבן מיר: ער פארט אויך קיין ירושלים.

דער אויטאבוס שפעט אין אוונט איז געווען לכתחילה האלב א ליידיקער. מיר זיינען געזעסן אויף איין באנק. פון צייט צו צייט האט ער מיר אנגעוויזן אויף א געגנט וואס מיר פארן פארביי. ער קען יעדן שפאן. באלד וועלן מיר אריינקומען אין ירושלים עתיקה עיר־הקודש. אלט און ניי, יונג און אייביק.

דארטן, הינטער אונדז, אין זיין הויז אין תלפיות, שטייט דער שטענדער צווישן טויזנטער ספרים, ביי וועלכן עס וועט אפשר הייַנט אין דער נאכט שטיין דער אלטער מייַסטער און ארבעטן. ער ארבעט איצט אויף א גרויסן ספר, „מתן תורה". מיר שווייַגן. איך דערמאן זיך, אז אט דער מייַסטער, וואס איז שוין בא בימים, האט געשריבן אין זיינע ראמאנען וועגן ליבשאפט אויפן שטייגער פון קדמונים, פון די מקובלים, וואס האבן מקדש געווען די אהבה, ווען זי איז אפילו געקומען מיט שטורעם. דא, אין אויטאבוס, זיצט ער איינגעצויגן אין זיך, אין זיינע מחשבות און דמיונות, ביים אריינפאר אין די גאסן מיט די גרויסע נעמען פון דורות פון דער יידישער געשיכטע, פון דער שפאנישער גאלדענער תקופה, פון די שפעטערדיקע יארן. איך טראכט וועגן דעם, אז דער מאן, וואס זיצט מיט מיר, זיצט אויפן מיטן צווישן בעטשאטש און ירושלים. אנגעהויבן מיט יידיש און זיך מתדבק געווען מיט לשון־קודש. פאר אים איז דאס אלץ א גרויסע יידישע מגילה און ער איז איינער פון די סופרים פון אט דער היסטארישער מגילה. ער איז גאר א דימענט־שלייפער. „יידישע נשמות — איז זיינער אן אויסדרוק — ווי בליצנדיקע דימענטן." און ער האט זיי געשליפן, געצויגן אויף שנורן. זאלן הייַנטיקע און מארגנדיקע דורות, ווען עס איז באשערט אן אייביק

לעבן, זאָלן זיי זיך צירן מיט שײַנענדיקע דימענטן. ניטאָ קיין עבֿר, קיין הווה, קיין עתיד. עס איז דאָ איינס, איין פֿאַראייניקטער אחר. איך וויל אים אַרויסשלעפּן פֿון זײַן פֿאַרטראַכטקייט און זאָג:

— עס האָט זיך געהאַט געטומלט אַרום דער נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר פֿאַרשיידענע קאַנדידאַטן פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט: עגנון, שניאור, אש.

שמייכלט ער, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט:

— כּל־זמן מדינת־ישׂראל וועט ניט זײַן פֿעסט און זיכער און זי וועט אַלץ מוזן אָנקומען צו די אומות, וועט מען די ישׂראל־שרײַבער ניט געבן קיין פּרעמיעס פֿאַר סיפּור. ייִדן וועלן קריגן פּרעמיעס פֿאַר כעמיע, פֿאַר מעדיצין, מאַטעמאַטיק, פֿאַר דעם בעסטן סם אויסצוררייכערן ווערעם, פֿאַר די בעסטע טשוועקעס, אָבער ניט פֿאַר ליטעראַטור, פֿאַר סיפּור. סײַדן ישׂראל וועט אין גאַנצן שטיין זיכער אויף די אייגענע פֿיס, אָן קיינעמס הילף.

וואָרן אַט למשל:

משה רבינו איז געקומען אויפֿן הימל נעמען די תּורה. האָבן מלאכים געפֿרעגט: ווער איז דער פֿרעמדער? וואָס טוט ער דאָ? ערשט נאָכדעם, ווי דער רבונו־של־עולם האָט אים מקרבֿ געווען, זײַנען געוואָרן די מלאכים צו אים פֿרײַנדלעך, אים געגעבן מתּנות. אַפֿילו דער מלאך־המוות האָט אים געגעבן אַ תּרופֿה קעגן מגיפֿות.

גייט ער אַוועק פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע און קומט צוריק אין זײַן דמיון צו זײַן חצר אין תּלפּיות.

ער איז געקומען אַהער פֿון בעטשאַטש, פֿון דער ווײַטנס, וואָס איז אים נאָך הײַנט אַזוי נאָענט. איצט איז ער איינס מיט די הרי־ירושלים, איינס מיטן אויסגעשטערנטן הימל, מיט זײַנע חדרים מיט די טויזנטער ספֿרים, וואָס שטייען אין זײַן חצר. איין ייִדישע וועלט.

יוסף פּאָפּערניקאָוו

„מײַן הײם פֿון תּנ״ך פֿאַרטראָגט ניט

די ייִדישע שפּראַך...״, דאָס איז דער װײטאָג, װאָס פֿאַרביטערט און צערײַסט דאָס האַרץ פֿון דעם פּאָעט יוסף פּאַפּערניקאָװ, װעלכער לעבט שױן מער װי דרײַ צענדליגג יאָר אין ארץ־ישׂראל — האָט מיר געזאָגט װעגן אים זײַנער אַ נאָענטער חבֿר.

איך בין געזעסן מיט יוסף פּאַפּערניקאָװן, געשמועסט װעגן די װאָר־שעװער און תּל־אָבֿיבֿער יאָרן, װעגן זײַנע ייִדישע לידערביכער, װאָס זײַנען געדרוקט געװאָרן אין װאַרשע און אין אַפֿריקע — גאָר לעצטנס אויך אין תּל־אָבֿיבֿ. איך האָב כּסדר געהערט דעם אָפּקלאַנג פֿון זײַנע פֿערזן מיט זײער ניגון, װאָס איז געזונגען געװאָרן יאָרן און יאָרן אין אַלע ייִדישע יישובֿים: „זאָל זײַן, אַז איך בױ אין דער לופֿט מײַנע שלעסער; זאָל זײַן, אַז מײַן גאָט איז אין ערגעץ ניטאָ. אין טרױם איז מיר העלער, אין טרױם איז מיר בעסער, אין חלום דער הימל נאָך בלױער װי בלאָ.״ זײַן ליד, װאָס איז געזונגען געװאָרן אין פּױלן, אין אַמעריקע און אין אַנדערע ייִדישע יישובֿים אױף הונדערטער צוזאַמענקומען, אָװנטן, פֿאַרזאַמלונגען, קאָנ־צערטן, ליאַמעס און יום־טובֿים, װאָס איז שױן געװאָרן אַ פֿאָלקסליד, „עס גײט נאָר אין גאַנג אױף אַ זוניקן װעג...״

יוסף פּאַפּערניקאָװ איז געזעסן מיט מיר בײַם ברעג פֿון ים־התּיכון און אַראָפּגערעדט זיך פֿון האַרצן. טענות צו מענטשן, טענות צו ייִדן, טענות צו מדינת־ישׂראל. גערעדט טרױעריק, געװען פֿאַרביטערט, געניצט שאַרפֿע אױסדרוקן. און אין דער זעלבער צײַט — פֿאַרליבטקײט אין ארץ־ישׂראל.

— מער װי דרײַסיק יאָר געלעבט אין ארץ־ישׂראל אין אָרעמקײט, אין אײנזאַמקײט און ליבשאַפֿט צום לאַנד, און כּמעט אײנער אַלײן געזונגען לידער פֿון ארץ־ישׂראל אױף ייִדיש.

דערמאָנט ער זיך און זאָגט מיר מיט אַ שמײכל:

— איך האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ יורד.

— װי אַזױ?

— איך האָב יאָרן געלעבט אין אַ האַלב אײַנגעפֿאַלענעם בוידעמשטיבל אױפֿן ברעג פֿון תּל־אָבֿיבֿער ים. ערשט איך האָב באַקומען די פּרעמיע פֿון

250 דאָלאַר פֿאַר מײַן לידערבוך „דאָס לאַנד פֿון צווייטן בראשית" דורך דעם קולטור־קאָנגרעס, האָב איך באַצאָלט שליסלגעלט 200 דאָלאַר פֿאַר אַ וווינונג אין דער נידער, פֿאַר וועלכער איך צאָל 12 פֿונט אַ חודש דירה־געלט. אַראָפּ פֿון בוידעם אויבן און געוואָרן אַ יורד אונטן.

קערט ער זיך אום צוריק צו זײַנע טענות, אַז זײַנע לידער ווערן פֿאַרשוויגן לחלוטין פֿון דער העברעיִשער פּרעסע, ווײַל זיי זײַנען ייִדישע לידער.

— ציוניזם, טענהעט ער צו מיר, איז געוואָרן אַ פּראָפּעסיע. מען פֿאַרקויפֿט דאָס לאַנד און גאָט אַלייז. ווען זיי וואָלטן געקאָנט אַראָפּרײַסן דעם תּכלית פֿון הימל און אים פֿאַרקויפֿן, וואָלטן זיי דאָס אויך געטאָן. מען צעטרענצלט, מען פֿאַרקויפֿט אַלץ, פֿאַר וואָס מען קאָן אָפּנעמען אַ פּרײַז.

ער איז פֿאַרביטערט און זאָגט:

— אומריינקייט ווערט פֿאַרדעקט מיט אַ צײַטונג און ווערט ניט אָפּגערייניקט.

רעדט ער און שיסט מיט פֿײַער:

— איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן „הייליקייט" וואָס איז ניט הייליק, קעגן שמן־זית וואָס איז ניט שמן און ניט פֿון זית, קעגן געזעלשאַפֿטלעכער צעפֿוילטקייט, קעגן דער גאַנגרענע. נעמט מײַן בוך „דאָס ליד פֿון צווייטן בראשית". אין אויסלאַנד האָט מען מיט אים געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר ארץ־ישׂראל, אָבער דאָ, אין ארץ־ישׂראל, האָט מען עס פֿאַרשוויגן.

— פֿאַר וואָס?

— מען טאָר ניט וויסן אין דער וועלט, אַז מען קאָן זינגען וועגן ארץ־ישׂראל אויף ייִדיש בעסער ווי אויף העברעיִש. איך הייס דאָך דאָ „ייִדישיסט נומער איינס".

ער איז שאַרף פֿאַרביטערט קעגן די פּאַרטייען:

— ווען דו געהערסט צו אַ פּאַרטיי, זאָרגט זי פֿאַר דיר. דו ביסט דאָך אַ פּאַרטיי־אייגנטום, שרײַבט מען וועגן דיר. ביסטו ניט אין דער פּאַרטיי, גיי צו אַל די שוואַרצע יאָר!..

זײַן פֿאַרביטערונג ברענגט ער אַרויס מיט אַזעלכע ווערטער:

— ווי אַ ייִד בין איך בײַ זיך אין לאַנד. ווי אַ ייִדישער שרײַבער בין איך עס ניט.

— אויב אַ ייִדישער שרײַבער זאָגט אײַך, אַז ער פֿילט זיך אַלץ איינס ווי אַ העברעיִשער שרײַבער, זאָגט ער אײַך אַ ליגן.

ער איז דאָ קולטורעל פֿרעמד. מען האָט אויף אים, נעבעך, רחמנות. עס דערגייט שוין צו דעם, אַז מען טאָלערירט אים, אָבער ער איז דאָך אַן איבעריקער.

מאַך איך אים אויפֿמערקזאַם אויף דער געענדערטער באַציִונג צו ייִדיש, וואָס איך זע, געענדערט צום בעסערן. ענטפֿערט ער מיר:

— עס האָט געדאַרפֿט קומען אַזאַ ייִדישער חורבן, אַזאַ בראַך, אַז עס זאָל זיך עפּעס אין דער ריכטונג אַ ריר טאָן.

ער דערציילט מיר, אַז אַ מצבֿה־קריצער וועט נאָך היינט ניט קריצן קיין ייִדיש אויף אַ מצבֿה. מען טאָר דאָס ניט.

— מען רעדט דאָך ייִדיש אויף פֿאַרזאַמלונגען, אין דער עפֿנטלעכקייט; ציוניסטישע פֿירער ריידן עפֿנטלעך ייִדיש, — זאָג איך.

— ווייל מען האָט שוין מער ניט קיין מורא פֿאַר ייִדיש. שוין ניטאָ באַלד אין גלות קיין ייִדן, וואָס ריידן ייִדיש, מעג מען שוין ריידן אַ ביסל ייִדיש אויך דאָ.

— איר זייט דאָך שוין אַ פּאָר מאָל געווען אין אויסלאַנד, זאָג איך, אַ פּאָר מאָל אַרויס פֿון ארץ־ישׂראל, געווען אין אַנדערע לענדער, אָבער דאָך דאָרטן ניט געבליבן, פֿאַר וואָס?

— איך טו ניט, — זאָגט ער מיט סאַרקאַזם — ווי עס טוט אַ ציוניסט. איך פֿאָר ניט אַוועק פֿון דאַנען. מען האָט מיר אין אַפֿריקע פֿאַרגעלייגט צו בלייבן דאָרטן און ווערן אַ לערער אין אַ ייִדישער שול. איך האָב עס ניט אָנגענומען. איך בין געקומען צוריק אַהער.

ער זאָגט נאָך עפּעס:

— צו לעבן מיין שטייגער לעבן, לעבן אין דחקות, איז ארץ־ישׂראל דאָס בעסטע לאַנד. איר קלימאַט איז גוט פֿאַר דעם. ארץ־ישׂראל איז אַ לייכט לאַנד פֿאַר אָרעמקייט. איך וואָלט דאָ געקאָנט עפֿענען אַ שול אויף צו לערנען לעבן אַן גאַרניט. דובֿ יוסף, דער מיניסטער פֿון צנע, האָט צוגענומען מיין פּאַטענט ווי צו לעבן אין ארץ־ישׂראל.

היינט — זאָגט ער מיר — איז ער שוין אַ פּאַרדינער. ער באַקומט פֿאַר זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן זיבעציק פֿונט אַ חודש אין די „לעצטע נייעס".

ער איז אַן אַלטער תּושבֿ. די מדינה איז אַריין אין זיינע ביינער. די ליבשאַפֿט צו ייִדיש איז אַ טייל פֿון זיין נשמה. די שׂינאה צו די שׂונאים פֿון ייִדיש ברענט אין אים ווי אַ פֿייער. זיין צונג איז שאַרף מעשׂה טרעמפּ. ער איז פֿאַרביטערט, וואָס די ניי־געקומענע ייִדישע שרייבער זיינען ניט גרייט צו קעמפֿן פֿאַר ייִדיש. זיי לעבן — זאָגט ער — אין שרעק פֿאַרן מאָרגן. אפֿשר זיינען זיי גערעכט — זיי ווילן דאָך לעבן. טאָמער דרוקט אַ מאָל אַ העברעיִשע צייטונג אַן איבערזעצונג פֿון אַ ייִדישן שרייבער, איז עס כּדי זיך אָפּצוטשעפּען פֿון אים. „איך בין שוין 25 יאָר ניט געווען אין קיין העברעיִשער רעדאַקציע" — זאָגט ער — „איך וויל ניט קיין שיפֿלות און איך דאַרף ניט קיין רחמנות."

אַ סך פֿון די העברעיִשע שרייבער קאָנען אויך ניט לעבן פֿון ליטעראַטור. באַקומען זיי פֿאַרשיידענע פּאָסטנס. ער איז אָבער פֿאַר ייִדיש, אַ ייִדישער פּאָעט, איז ער פֿאַרשריבן — זאָגט ער — פֿאַר אַ שׂונא־ציון.

— ייִדיש — טענהט ער — איז אַ פֿלאָקן אין די רעדער פֿון דער מדינה. איר וועט זעלטן זען חבֿרשאַפֿט, פֿריינדשאַפֿט צווישן אַ העברעיִשן שרייבער און אַ ייִדישן. דאָס זיינען צוויי עלעמענטן, וואָס קאָנען זיך ניט צוזאַמענקומען.

— העברעיִשע שרײַבער לייענען דאך ניט קיין ייִדישע ביכער. טאָמער האָב איך געוואָלט, אַז איינער פֿון זיי זאָל דאָך עפּעס לייענען, פֿלעג איך אים שטילערהייט אונטערוואַרפֿן אַ ייִדיש בוך.

טענה איך צו אים:

— אָט האָב איך זיך באַגעגנט פֿרײַנדלעך מיט העברעיִשע שרײַבער. איך האָב ניט געהערט פֿון זיי קיין שׂינאה צו ייִדיש.

טענהט ער:

— געווען אַ צײַט, ווען מען האָט דאָ שאַרף באַקעמפֿט ייִדיש. מען האָט פֿאַרברענט צײַטונגס־קיאָסקן, וווּ מען האָט פֿאַרקויפֿט אַ ייִדישע צײַטונג. הײַנט טוט מען עס מער ניט. פֿאַר וואָס? ווײַל ייִדישע שרײַבער האָבן אויפֿגעגעבן דעם קאַמף פֿאַר ייִדיש. עס איז געוואָרן צוועקלאָז. דאָס שטערט זיי צו פּרנסה. זאָלן זיי שרײַבן ייִדיש און אומקומען?

ער אָבער, פּאַפּערניקאָוו, האָט זיך מקריב געווען צוליב זײַן ייִדיש. דעריבער האָט ער ניט געקאָנט אַרײַנקומען מיט אַן איבערזעצונג אין אַ העברעיִשער צײַטונג.

— זיי זאָגן, אַז מיר געהערן צום דור־המדבר, מיר מוזן אונטערגיין. ייִדיש וויל אָבער ניט אונטערגיין, בשום אופֿן ניט.

איך צי אַריבער אונדזער שמועס צו זײַנע ערשטע יאָרן אין ארץ־ישׂראל. ער שרײַבט זײַנע זכרונות וועגן דער ערשטער צײַט. דערציילט ער מיר אַזוי: ער איז שוין מער ווי 30 יאָר אין ארץ־ישׂראל. ער שטאַמט פֿון וואַרשע, פֿון אַ משפּחה פֿון קצבֿים. זײַן טאַטע איז געווען אַ קיילער אין שעכטהויז. און דערבײַ איז זײַן טאַטע געווען אַ חובֿבֿ־ציון.

יוסף פּאַפּערניקאָוו איז געבאָרן געוואָרן אויף איינער פֿון די אָרעמסטע וואַרשעווער גאַסן, אויף ניזקע־גאַס. זײַן טאַטע האָט אים ניט געהאַלטן לאַנג אין שול. ער האָט אים צוליב אָרעמקייט ניט געקאָנט לאָזן לערנען צו לאַנג. נאָך זײַענדיק אַ יונגער ייִנגל, איז ער געווען אַ משורר בײַם באַרימטן וואַר־שעווער חזן גרשון סיראָטע אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע.

— ער האָט פֿרי אָנגעהויבן שרײַבן. ווי קומט צו אים דאָס שרײַבן? ער ווייס אַליין ניט. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער ייִנגל, האָט אַ חבֿר זײַנער אים אַרויפֿגעפֿירט — אַזוי דערציילט ער מיר — אין לאָקאַל פֿון די לינקע פּועלי־ציון אויף קאַרמעליצקע־גאַס אין וואַרשע. דאָרטן זײַנען געווען אַ סך מענטשן. ער האָט געפֿונען חבֿרים, געהערט רעדעס, געזען צײַטונגען, זשורנאַלן.

— און איך בין שוין דאָרטן געבליבן.

דאָרטן האָט מען גערעדט וועגן ארץ־ישׂראל, וועגן ציוניזם, און „מײַן אָרעמער טאַטע איז געווען אין דער נשמה זײַנער אַ חובֿבֿ־ציון; מײַן טאַטע האָט געהאַלטן דרשות וועגן ציון...״

אַרומגעשלעפּט זיך איבער די וואַרשעווער ייִדישע געגנטן. געזוכט צו פֿאַרדינען אַ שטיקל ברויט בײַ איין אַרבעט, בײַ אַ צווייטער. געווען אַ משרת

אין אַ געשעפט. געווען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביי דייטשן אויף אַרבעט. אַזוי ביז 1924. נאָכדעם איז ער אַוועק אין ארץ־ישראל. געלעבט דאָרטן אין אָרעמקייט. געווען שווערע צייטן. איז ער אַוועק צוריק קיין פּוילן, וווּ ער האָט זיך אויפגעהאַלטן פינף יאָר. ער האָט שוין אָבער מער ניט געקאָנט זיין אין פּוילן. אים האָט ארץ־ישראל געצויגן צו זיך. צום צווייטן מאָל איז ער געקומען אין ארץ־ישראל אין 1933.

קוקט ער אַרײַן שווייגנדיק אין זיין פאַרגאַנגענהייט, ווי ער וואָלט זוכן עפּעס אַן אויסדרוק, וואָס זאָל צום בעסטן שטימען צו דעם וואָס ער וויל זאָגן. ביז ער זאָגט אַזוי:

— איך בין אַזוי ווי געבאָרן געוואָרן פאַר ארץ־ישראל. דעמאָלט, אין יענער צייט, איז דאָ געווען אַן אידעאַליסטיש, אַ ראָמאַנטיש לעבן. עס איז געווען אַ באַרוועסער, אַ נאַקעטער שבט וואָס איז געקומען אַהער בויען אַ נייע וועלט. דאָ איז געווען דערהויבנקייט, הערואישקייט. איך האָב זיך געוואָלט איינגלידערן. בין איך געוואָרן אַ קיבוצניק. געאַרבעט אויפן כּביש. מען האָט ניט געטראַכט דעמאָלט וועגן „ככל הגויים", ווייל אויב ככל הגויים, האָט מען געקאָנט בלייבן צווישן גויים. די וואָס ווילן איצט זיין ככל הגויים, נעמען דאָך אויף פון די גויים דאָס שלעכטע, ניט דאָס גוטע.

דאָס פאַרדריסט אים. און ער זאָגט:

— מען מוז קעמפן קעגן דעם.

עס איז אים לאַנג געווען שווער זיך אַרײַנצופּאַסן אין דער ארץ־ישראלדיקער סביבה. „ווער ביסטו?" איז שטענדיק די פראַגע, צי מען זאָגט זי מיט ווערטער אָדער מיט די אויגן. — „קומסטו פון אַ פּאַרטיי? פון וועלכער?"

— שוין באַלד ניטאָ קיין אונטערשייד — זאָגט ער ווייטער — צווישן שטאָט און דאָרף.

עס קומען פאָר שפּאַלטונגען, קעגנזייטיקע אינטריגעס. מען דאַרף שוין אויך אין קיבוץ האָבן זיידענע קליידער. מען דאַרף הײַנט זיין מער אָפּגעהיט, מער פאַרזיכטיק. אויב דאָ איז לייכטער געוואָרן מיט רײדן יידיש און יידיש שרײַבן, איז דאָס דערפאַר, איז זיין מיינונג, ווייל מיר האָבן שוין ניט הינטער זיך דאָס פּויליש ייִדנטום.

ער רעדט פאַרביטערט, האָט טענות, קריטיקירט, מאָנט. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, איז זיין ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, זיין צובונד צום לאַנד, אָן אַ גרענעץ. ער באַקוקט זיך אַליין, זיין הולד, זיין אייגענעם אויסזען, און ער זאָגט:

— איך בין שוין באַלד דער לעצטער חלוץ אין ארץ־ישראל.

און זיין אַ חלוץ איז ביי אים אַ ייחוס. און אָט דעם ייחוס — פון זיין אַ חלוץ — וויל ער אָפּהיטן. ער וויל זיך ביי דעם פעסט האַלטן. געקומען אַהער אַ חלוץ, געווען אַ חלוץ און ער וויל זיין גאַנצן לעבן בלייבן אַ חלוץ.

ריידן מיר וועגן זיינע לידער. זאָגט ער אַזוי:

— אַט אַזוי הייסן מײַנע לידערביכער: „אין זוניקן לאַנד", „גאָלדענע זאַמדן", „געקליבענע לידער", „פּרוכט פון ווינט", „מיין שיר־השירים" און „דאָס ליד פון צווייטן בראשית".

ער האָט אַליין געזונגען זײַנע לידער, אַליין געשאַפן מוזיק, און דאָס פֿאָלק האָט מיטגעזונגען. אַזוי האָט מען אין אַלע תּפוצות־ישׂראל געזונגען „זאָל זײַן, אַז איך וועל צו מײַן ציל ניט דערלאַנגען", געזונגען זײַן „עלעגיע" און „ניט דאָס האָב איך געמיינט".

ייִדישע לידער אין העברעיִשן לאַנד — פון דעם קאָן מען דאָך קיין לעבן ניט מאַכן. פרעג איך אים, ווי אַזוי ער האָט אַ לעבן געמאַכט די אַלע יאָרן. ענטפערט ער אַזוי:

— אַז מען האָט ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ, האָט מען ניט חתונה, האָט מען ניט קיין פאַמיליע. און דאָס איבעריקע — דאָס זעט איר דאָך. איך וויים אַליין ניט. דערלעבט ביז הײַנט.

האָט ער ניט געהאַט קיין היים, קיין דאַך איבערן קאָפּ, קיין קינד און קיין רינד. בלויז דאָס בווידעמשטיבל און די גאַס. האָט ער געלעבט אַ לעבן מיט זײַן ליד.

— „זיך אויסגעלעבט אין ליד."

לאָמיר צוזאַמען דורכבלעטערן זײַנע לידער.

אָט איז דאָס לידערבוך „פרוכט פון ווינט". ער זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַן אָפּקלײַב פון פריערדיקע קלענערע לידער־זאַמלונגען און אַ צונויפזאַמלונג פון לידער, צעוואָרפענע איבער פאַרשיידענע זשורנאַלן. ווען ניט דער קאָמי־טעט פון דער „ייִדישער קולטור־פעדעראַציע", ניט אין ארץ־ישׂראל, נאָר אין יאָהאַנעסבורג, זאָגט ער מיר, וואָלטן די לידער ניט געפונען קיין תּיקון הינטער טאָוולנע ווענט.

בלעטערן מיר די לידער פון דעם בוך. לידער פון וואַרשע 1942 ביז תּל־אָבֿיבֿ 1947:

— אַ שטיין האָט אויך זײַן ברודער שטיין. מיר — דער ווינט און גאַסנהינט — אַזוי האָט ער געפילט אין וואַרשע אין 1924, ווען ער האָט געזונגען זײַן באַרימט געוואָרן ליד „זאָל זײַן, אַז איך וועל צו מײַן ציל ניט דערלאַנגען".

רעדט ער וועגן זײַן דערמאָנטן ליד, וועגן „ווינט" און „גאַסנהינט", און ער זאָגט:

— די גאַסנהינט האָב איך מיר אײַנגעשאַפט אויף די וואַרשעווער גאַסן און די ווינטן טראָגן זיך אומעטום.

אומעט און איינזאַמקייט האָט אים באַגלייט פון פוילן ביז ארץ־ישׂראל. האָט ער געשריבן נאָך אין 1925 אַזוי:

— מיר וועלן זען, ווי וועט אויסזען מײַן קינד. וועט עס אויך זײַן געצווילינגט מיט עלנט און ווינט, ווי איך? וועלן אויך טרינקען מיט אָפענע מײַלער זײַנע שיך?

דאָ אויף די גאַסן פֿון תּל־אָבֿיבֿ איז ער אָבער, הגם אַן איינזאַמער, געוואָרן מונטערער. ער האָט אַפֿילו דערפֿילט, אַז „אַ ליכט גייט אויף פֿון מײַן זײַן אַליין". אָבער דאָס ליכט איז לאַנג געווען שוואַך. זײַן לעבן האָט עס ניט גוט באַלויכטן. אין 1926 זאָגט ער אַזוי:

— איך בין ניט אַלט און אַלט בין איך. נאָך עלטער ווי איך בין. אַן אַלטער ייִד, אַזאַ דערוואַקסן קינד.

גייען יאָרן אין ארץ־ישׂראל. עס איז שוין 1927. עס קומט 1928. ניטאָ צו פֿיל טרייסט, ניט בכלל און ניט פֿאַר אים בפֿרט. ער איז אַלץ אַן עלנטער, אַ טרויעריקער, פֿאַרברענטער מענטש. און ער זאָגט אין אַ דעמאַלטיקן ליד:

— אין גאַס אויפֿן ברוק, ווי אַ ממזר בײַ טיר און בײַ טויער, אין גאַס איז געבוירן דאָס קינד מײַנס — מײַן ליד.

ער איז צוריק מגולגל געוואָרן אין וואַרשע און דעמאָלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, שרײַבט ער:

— איך האָב שוין פֿאַר אַלץ וואָס איז הייליק געקניט און איך בין פֿון די איינזאַמע תּפֿילות שוין מיד. עס האָט מיך נאָך קיינעמס קיין ברכה באַגלייט, קיין אָפֿענע טיר ניט דערוואַרט מיך מיט פֿרייד.

גייט אַוועק נאָך אַ יאָר. ער איז אַלץ אין וואַרשע. עס איז שוין 1931. אין טיפֿער פֿאַרצווייפֿלונג שרײַבט ער אַזוי:

— ווילט זיך אָפּט מיר אַ שטיין אַ וואַרף טאָן אין דער וועלט אַרײַן. גענוג און אויס!

סוף כּל סוף ניטאָ פֿאַר אים קיין פּלאַץ אין וואַרשע. ער געפֿינט דאָרטן ניט קיין רו. זײַן היים איז ניט פּוילן. אַזוי פֿילט ער. זײַן וועג ציט זיך צוריק אין ארץ־ישׂראל. דער אינהאַלט פֿון זײַן לעבן איז ווידער דאָס אומעטיקע ליד.

וואָלט איך בעסער געווען אַ רויבער
און ניט קיין פּאָעט,
וואָלט איך בעסער אַ מעסער אַ בלאַנקס
געקאָנט לאָזן אין גאַנג.

אָבער פּאַפּערניקאָוו איז ניט קיין רויבער, ניט קיין גזלן. ער האָט ניט קיין מעסער און ער לאָזט ווידער און ווידער אין גאַנג זײַנע טרויעריקע פֿעדער. די ערד פֿון ארץ־ישׂראל ווערט אים נאָענטער, פֿאַרשטענדלעכער. ער הייבט אָן פֿאַרשטיין דעם לשון פֿון ים, די בלויקייט פֿון הימל. ער ווערט מונטערער אויף דער ערד פֿון די אָבֿות. אין 1938 זינגט ער צום ים אַזוי:

ווי ליב איך האָב דיך, ים,
ווי ליב אין אַלע דײַנע צײַטן.

פֿון דעסט וועגן אַז ער קומט צום ים, ליגט בײַם ים, בענקט ער ווידער נאָך אַ טייך:

— ווי אַלץ וואָס גרויס איז, מאַכט מיך קליין.

אין תּל־אָבֿיבֿ וווינט ער אויף אַ בוידעם. און דאָרטן, אויפֿן בוידעם, זינגט ער זײַן ליד אַזוי:

— אַז מען וווינט אין דער הייך, אַז מען וווינט אויף אַ דאַך, דאַכט זיך אויס, אַז מען שפּרינגט איבער דעכער אַ סך.

און נאָך עפּעס דוכט זיך דאָרטן אויפֿן בוידעמשטיבל:

— עס דאַכט זיך, שרײַבט ער, אַז עס פֿליט אין די הימלען דער קאָפּ און מען קוקט דאַן אויף אַלץ פֿון אויבן אַראָפּ.

אין יאָר 1945 פֿילט ער, אַז עס נייגט זיך שוין זײַן טאָג צום פֿאַרגאַנג. צוויי יאָר שפּעטער, אין 1947, דוכט זיך אים אין תּל־אָבֿיבֿ, אַז ער האָט שוין גאָרניט פֿון קיינעם צו דערוואַרטן. עס קאָן שוין גאָרניט מער געשען מיט אים, ער קאָן שוין פֿאַרמאַכן זײַן טיר.

— עס איז בײַ מיר געווען אַ געפֿיל, זאָגט ער, ווי אַט קומט זײַן צוועלפֿטע שעה. בלויז דער ווינט רײַסט מײַן טיר, ווי אַ הונט אַ בלודנער וואָלט געוואָלט בײַ נאַכט אַרײַן צו מיר.

די ארץ־ישׂראל־לידער וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר זײַנע יאָרן האָט ער צונויפֿגעקליבן אין אַ בוך וואָס הייסט „דאָס לאַנד פֿון צווייטן בראשית". אין די לידער איז ניטאָ דער טרויער, די איינזאַמקייט, די עלנטקייט, וואָס איז דאָ אין זײַן בוך „פֿרוכט און ווינט". זײַן אויסדרוק איז אַזאַ:

— וואָס דער טאַטע מײַנער, דער חובֿבֿ־ציון, האָט אַרײַנגעחלומט אין די זילבערווײַסע האָר, דערלעב איך אויך אַז אַ חלום אויף דער וואָר.

מיט אַט די שורות הייבט ער אָן זײַן בוך „לאַנד פֿון צווייטן בראשית". און ער זאָגט אַזוי:

— מײַן בוך „לאַנד פֿון צווייטן בראשית" הייב איך אָן פֿון עמק. עס פֿאַרכאַפּט מיך דער עמק מיט זײַן בלויקייט, וואָס הענגט אויף זײַנע וועגן.

בלעטערן מיר זײַנע לידער פֿון אַט דעם בוך. אָט איז זײַן ליד וועגן „הייליקן אָרעמען מאַלצײַט", געווידמעט דעם אַרבעטער־באַטאַליאָן.

— מען דאַרף אַראָפּוואַרפֿן די שיך און וואַשן זיך די פֿיס, און בײַם אַרײַנגאַנג אין אַ מיקדש, זײַן אויף אַ הייליקן, אָרעמען מאַלצײַט.

דערמאָנט ער זיך מיט בענקשאַפֿט און זאָגט אַזוי:

— עס איז געווען די צײַט, ווען חלוצים פֿלעגן טאַנצן די האָרע.

הײַ, ווו זײַט איר, חבֿרה, חבֿרה,
יודקע, לייבקע, נו, צפּורה.
סיוועט נאָך זײַן אויך צײַט אויף שלאָפֿן.
פֿון די צעלטן קומט! הוירע!

עס איז נאָך געווען יענע יונגע צײַט, ווען מען האָט געטאַנצט האָרעס, ווען די חלומות זײַנען יונג געווען, ווען דער חלום פֿון אויפֿבוי פֿון לאַנד איז געווען יונג. און ער שרײַבט אַזוי:

ברענט נאָך סיפֿײַער, זאָל מען גליִען,
גליט נאָך — זאָל מען שמידן. האָרע!

טוען אַ פֿלי אַוועק צוואַנציק יאָר. דורות גייען אַוועק און עס קומען נײַע דורות, און ער זינגט זײַן ליד צום נײַעם דור — וועגן דעם, אַז דעם „שכר פֿאַר בלוטיק־שווערע צוואַנציק יאָר שנײַדט שוין דאָ דער צווייטער, נײַער דור".

— גיט אַ קוק אויף מײַן ייִדישן פּאַסטעך! — ווײַזט מיר אָן פּאַפּערניקאָוו אויף איינעם פֿון זײַנע לידער.

ער האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל, אַ געקומענער פֿון פּוילן, געזען דאָ אַ ייִדישן פּאַסטעך, געהערט דאָס פּאַסטעכליד, געזען דעם פּאַסטעך צווישן שאָף און רינדער.

און דײַן פֿײַפֿל טענערט היימיש־ייִדישלעך
און רופֿט צוזאַמען די טשערעדעס.

ער איז געווען פֿול מיט געפֿילן, שטימונגען און בילדער פֿון ארץ־ישׂראל און ער שרײַבט:

שטעלט אַן אייזל זיך אַוועק אין מיטן גאַס, רײַסט דעם קאָפּ אַרויף, נעמט ער שרײַען צו דער זון, אַ דאַרשטיקער, אַ היים געשריי.

יאָרן טוען זייערס. מעג ער האָבן טענות צו דער פֿירונג פֿון לאַנד, טענות צו דינים און משפּטים, ער איז אָבער אַרײַנגעוואַקסן אין ארץ־ישׂראל און דאָס לאַנד איז אַרײַנגעוואַקסן אין אים. ער זאָגט אַזוי:

— מיר וועלן פֿון אָרט זיך ניט רירן, מיר וועלן פֿון דאַנען ניט גיין, מען זאָל אַפֿילו ניט לאָזן דאָ אַ שטיין אויף אַ שטיין.

ער ווייס, אַז עס איז אַ שווערער קאַמף, אַ שווערע אַרבעט. ער פֿילט עס.

— אין בלוט און אין פֿײַער קומט אויס אונדזער היים דאָ צו בויען.

און ער רעדט אַזוי:

— זאָל בײַשטיין אונדז דער גײַסט פֿון זיי, פֿון די געטאָ־מכּבייער.

און אַזוי ווײַזט ער מיר אָן אויף לידער און לידער. איך בלעטער די זײַטן, לייען און מיש אַריבער. אָט איז דאָס ליד וועגן פּלמ"ח, דאָס ליד וועגן „כּבֿיש פֿון גבֿורה".

— ארץ־ישׂראל איז דאָס לאַנד פֿון מײַן ווידער־געבורט.

ער האָט לויט זײַנע ווערטער אויפֿגענומען זײַן ערשט היימלאַנד און געזונגען צו אים אין עמק, ווען דאָס לאַנד האָט נאָך ניט געהאַט קיין ייִדיש־

זינגער און אַלץ איז נאָך געווען ווי אין בראשית — רוי און לײמיק, זאַמדיק ווי דער נגבֿ און פֿעלדזיק ווי אילת.

יאָר נאָך יאָר, לאַנגע יאָרן, שווערע יאָרן געלעבט דאָ אין לאַנד, געזונגען דאָס ייִדישע ליד, געזונגען אויף ייִדיש. עס איז געווען אַ שווערער עול. ער האָט טיף געשפּירט דעם צער פֿון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, און אַט זאָל איך לייענען זײַן ליד וואָס טראָגט דעם נאָמען „צער פֿון ייִדיש”:

דאָס ייִדישע ליד אין העברעיִשן לאַנד
איז אַ פֿויגל, אַ זינגפֿויגל,
וואָס איז געטראָפֿן געוואָרן
בײַ זיך אין דער נעסט פֿון אַ שטיין,
וואָס אַ רויע, גראָבהויטיקע האַנט
האָט אַ שלײַדער געטאָן
און פֿאַרווונדעט —
פֿון בוים אים אַרונטערגעוואָרפֿן צו דר ערד.

דאָס ייִדישע ליד אין העברעיִשן לאַנד
איז דער פֿויגל, דער זינגפֿויגל
מיט די צעבראָכענע פֿליגל,
וואָס הייבן זיך הויך שוין ניט אויף,
נאָר פֿלאַטערן, פֿלאַטערן נידעריק,
צאַפּלען און — פֿאַלן צוריק.

ווײַל ס׳האָט מײַן נײַע היים נישט אויפֿגענומען מיך
צוזאַמען מיט מײַן קינד: דאָס ליד דאָס ייִדישע,
און געלאָזט דערמיט אין דרויסן;
ווי אַ יורד אויף אַ שׂימחה אַ נגידישער
בין איך אין אייגן לאַנד אין מײַן,
ווו כ׳ילעב שוין יאָרן צענדליקער,
אין לעבן נישט אַרײַן.
געבליבן ווי אַ זײַטיקער אין אים
מיט מײַן פֿאַרשעמט געזאַנג:
מײַן ייִדיש ליד פֿון ליבע, לויב און דאַנק.

ער דערציילט מיר פּרטים וועגן די שטערונגען וואָס ער האָט געהאַט דאָ אין לאַנד פֿאַר זײַן שרײַבן ייִדיש. ער האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט געפֿינען קיין פּאַסיקע אַרבעט. מען האָט אים אין ערגעץ ניט אויפֿגענומען אויף אַ שטעלע. מען האָט געוואָלט זײַן נאָמען פֿאַרגעסן. מען האָט אים אין ערגעץ ניט געבעטן. דאָס האָט אָבער ניט דערשלאָגן זײַן מוט.

— איך האָב געפילט, אַז לידער וועגן ארץ־ישׂראל אויף ייִדיש מוזן געשריבן ווערן, און אויב איך בין דאָ, דאַרף איך די לידער שרײַבן.

ער האָט מיר דערציילט אַ סך פֿון די עוולות, פֿון זײַנע טענות צום לאַנד, צו דער פּירונג, צום רעזשים, צו דער באַציִונג צו ייִדישע שרײַבער. זײַנע טענות זײַנען געווען שאַרף. ער האָט זיך אַפילו אויסגעדריקט אַזוי:

— אָפּט קוק איך אויף מײַן בוך „אין זונענלאַנד" און איך גלייב ניט, אַז איך האָב עס געשריבן.

האָב איך אים געפֿרעגט:

— מעג איך שרײַבן וועגן אײַערע טענות?

— ניין, קיין זאַך קאָן אים ניט שטערן. ער האָט פֿאַר קיינעם ניט קיין מורא. „ייִדישע לידער, ייִדיש שרײַבן, שאַרפֿע טענות צו די רעגירער — דאָס איז שוין הײַנט ניט אַזוי געפֿערלעך ווי אַ מאָל."

ש. צמח

איך בין געקומען אין ארץ־ישׂראל —

גליך פון פלינצקער (פלאָנסקער) בית־מדרש. — דערציילט מיר דער פּראָזאַיקער און קריטיקער ש. צמח — איך האָב דעמאָלט געלערנט אין בית־מדרש פאַר זיך עירובין. האָב איך אוועקגעלייגט דעם ספר אַן אַ זייט און אַוועק אין ארץ־ישׂראל.

אונדזער שמועס קומט פאָר אין ש. צמחס ארבעטס־צימער אין ירושלים, וווּ ער לעבט שוין אַ סך יאָרן. איך קוק אויף דעם חשיבותדיקן, גרויען, אָבער גענוג יונגן קאָפּ, אויף די גרויסע ענערגישע אויגן פון דעם געוועזענעם לערנער אין פלינצקער בית־מדרש. איך זע אַ רגע דאָס שטעטל פלינצק אין פוילן, וואָס איך האָב גוט געקענט, איך בין דאָרטן געווען אַ פּאָר מאָל; איך הער דעם שאַרף קלינגענדיקן פוילישן ייִדיש — עס פעלט ניט פון אים אַ האָר. ווייל איך ווייסן:

— ווען זייט איר צום ערשטן מאָל געקומען אין ארץ־ישׂראל?

— אין 1904. געווען אַ 17יאָריקער חלוץ.

ער האָט ליב געהאַט זיין שטעטל אין פוילן, האָט עס נאָך הייַנט ליב מיטן גאַנצן האַרצן. זיין חיתוך־הדיבור איז נאָך הייַנט אַ פלינצקער. ווייל איך ווייסן אַ ביסל וועגן זיין משפחה־אָפּשטאַם. און אַט זייַנען אַ ביסל פּרטים וועגן דעם: ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1886 אין פלינצק. דער 7טער אייניקל פון אַבֿרהם־אַבא גאָמבינער, דער מחבר פון „מגן־אברהם" און דער 5טער אייניקל פון דעם צמח לאברהם. אויפן נאָמען פון לעצטן הייסט טאַקע די פאַמיליע צמח. די קינדער־יאָרן האָט ער געלעבט אין פּריצישן הויף פון זיין טאַטן, אין וואַלקע. זיין ערשטער רבי איז געווען אַ תּלמיד פון ר' זלמן פויזנער. נאָכדעם האָט ער געלערנט אין חדר, אין בית־מדרש, געלערנט ש"ס און פוסקים. שטובלערערס האָבן מיט אים געלערנט רוסיש, חשבון און אַנדערע קענטענישן.

— דוד גרין (דוד בן־גוריון) און שמואל פאַקס — ד"ר פאַקס, וואָס האָט לאַנג געלעבט אין ניו־יאָרק און איז געשטאָרבן מיט איניקע יאָר צוריק, האָבן געשאַפן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „עזרא" מיטן צוועק צו „פאַרשפּרייטן רוחניות".

ער שטאמט פון א משפחה רייכע פוילישע יידן, יידישע פריצים, גוטס-באזיצער. ניט קיין ארענדאטארס ביים פריץ, נאר אליין בעלי-בתים.

— פון דארטן שטאמט מיין אגראנאמיע.

ער האט שפעטער שטודירט אגראנאמיע אין פראנקרייך. איינער פון זיינע משפחה-מיטגלידער, זלמן פויזנער, האט אין פוילן געבויט דאס דארף דזשיקאווי.

דאס שטעטל פלינצק איז געווען — מיינט צמח — אן אריגינעלער מקום. דארטן זיינען געווען בעלי-מלאכות וואס האבן גוט געקענט דעם תנ"ך. דוד פרישמאן האט אין זיינע „אותיות פורחות" געשריבן וועגן אט דער אייגנארטיקייט פון פלינצק.

— מיין טאטנס שוסטער, ר' ישראל-מאיר, האט געקענט תנ"ך אויף אויסנווייניק.

ער, צמח, איז געווען איינער פון די ערשטע עולים פון פוילן קיין ארץ-ישראל אין נאוועמבער 1904. אנטלאפן פון שטוב. קומענדיק אין ארץ-ישראל, געווארן א לאנדווירטשאפטלעכער ארבעטער אין די קאלאניעס פון יהודה און גליל. שפעטער געווען פון די גרינדערס פון הפועל-הצעיר.

ווען ש. צמח איז געקומען אין ארץ-ישראל, איז דער נייער יישוב געווען גאר א קליינער.

— אפשר צוויי טויזנט מענטשן.

ער איז אוועק ארבעטן אין פעלד און איז געווען א פעלדארבעטער נאכדעם זעקס יאר צייט כסדר. דער טאטע האט אים געוואלט ארויסהעלפן, האט אים געשיקט געלט קיין ארץ-ישראל. האט ער ניט געוואלט נעמען פון טאטן קיין געלט און האט עס אפגעשיקט צוריק.

— אליין, אליין ארבעטן אין פעלד, פארדינען א שטיקל ברויט בזעת אפיך.

ער האט פרי אנגעהויבן שרייבן, ווען ער איז אלט געווען 19 יאר. אבער ער האט געזען, ווי ער זאגט, אז ער איז אן עם-הארץ און ער דארף נאך א סך לערנען. מען דארף שטודירן. מען דארף א סך מער וויסן. אין יענער צייט איז דער אריענט געווען שטארק פארבונדן מיט פראנקרייך — דארף מען פארן לערנען אין פראנקרייך.

וואס לערנט מען אין דער סארבאנע אין פאריז? — זאגט צמח — ליטעראטור, פילאסאפיע און אנדערע נארישקייטן.

מען דארף לערנען. האט ער געלערנט. געדארפט שוין מאכן זיין דאקטאראט און צוריקפארן אין ארץ-ישראל. „וואס וועל איך טאן אין ארץ-ישראל?" האט ער געטראכט. ווערן א לערער אין גימנאזיע — דאס איז ניט קיין תכלית. ווו איז דער המשך פון דער פריערדיקער ארבעט, פון די פריערדיקע ערדפלענער? איז ער אריבער פון פאריז, פון דער סארבאנע, קיין נאנסי. געלערנט דארטן לאנדווירטשאפט און געענדיקט אגראנאמיע.

זײַן טאַטע איז געווען אַ גערעכטער חסיד. דאָך איז ער געווען צופֿרידן, וואָס זײַן זון שטודירט אין פֿראַנקרײַך. אפֿשר וועט ער שוין ניט פֿאָרן צוריק אין ארץ־ישׂראל. האָט ער אים געשיקט געלט, ער זאָל קאָנען לעבן אין פֿראַנקרײַך. געלט פֿון טאַטן אין ארץ־ישׂראל האָט ער ניט געוואָלט נעמען, אָבער אין פֿראַנקרײַך האָט ער גענומען. ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה.

מײַן טאַטע האָט אָבער געהערט, אַז איך לערן אַגראָנאָמיע. הייסט עס, אַז איך לערן זיך פֿאַר ארץ־ישׂראל, זיך אומצוקערן אַהין צו. איז ער אין כּעס געוואָרן און מער ניט געשיקט מיר קיין הילף.

וואָס זשע האָט ער דעמאָלט געטאָן? לעבן מוז מען דאָך. איז ער געוואָרן אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. דער טאַטע האָט אויסגעהאַלטן די עקשנות נאָר זעקס וואָכן. נאָכדעם האָט ער אים צוגעשיקט אַ טאָפּלטן טשעק.

געענדיקט אַגראָנאָמיע אין נאַנסי אין 1914, איז ער געפֿאָרן זיך זעגענען מיט משפּחה פֿאַרן אָפּפֿאָר קיין ארץ־ישׂראל.

— בײַ דער מלאַווער גרענעץ האָט מיך באַגעגנט די ערשטע וועלט־מלחמה. עס איז מיר אַנטקעגנגעקומען די צאַרישע קאַוואַלעריע.

די ערשטע וועלט־מלחמה אין דער געשטאַלט פֿון דער צאַרישער קאַוואַ־לעריע איז אים געבליבן אויף שטענדיק. ער האָט שוין ניט געקאָנט אַוועק־פֿאָרן צוליב דער מלחמה. איז ער געבליבן בײַם טאַטן. ווי לאַנג — האָט מען געמיינט — וועט דויערן די מלחמה? אַ פּאָר חדשים. אָבער געבליבן איז ער בײַם טאַטן ביז 1920.

בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אין פּוילן — צווישן 1915 און 1918 — אַ לערער אין וואַרשע. ער האָט דאָרטן געהאָלפֿן אַנט־וויקלען ציוניסטישע אינסטיטוציעס.

זײַן פֿרוי שטאַמט פֿון אוקראַינע. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט ווי אַ סטודענטין אין פֿראַנקרײַך. אַנהייב מלחמה איז זי געפֿאָרן אין אוקראַינע זען איר משפּחה און איז דאָרטן פֿאַרהאַלטן געוואָרן. נאָך דער מלחמה איז ש. צמח געפֿאָרן צו איר אין אָדעס און דאָרטן זײַנען זיי בײדע געבליבן אין דער סאַמע רעוואָלוציע פֿון די באָלשעוויקעס. „איך בין ניט געוואָרן קיין באָלשעוויק, קיין קאָמוניסט, — זאָגט ער — אָבער פּאַסיוו האָב איך די רעוואָלוציע אָנגענומען.‟

ער האָט דורכגעמאַכט סכּנות. זיך געפֿונען אַ צײַט אונטער דער ממשלה פֿון די „ווײַסע‟ אין טשערקאַסי. געלעגן עלף טעג באַהאַלטן בײַ אַ גוי. דורכגעמאַכט פּאָגראָמען, רויבערײַען, שחיטות. ליגנדיק אין באַהעל־טעניש, האָט ער איין מאָל אין מיטן דער נאַכט געהערט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל‟. די באָלשעוויקעס זײַנען אַריבער דעם דניעפּער. דעמאָלט האָט מען געקאָנט אַרויס פֿון באַהעלטעניש, אַרויסגיין פֿרײַ אויף דער גאַס. פֿון דעמאָלט אָן — אַזוי פֿילט ער — איז ער זיי געבליבן אַ בעל־חוב. ניט קיין קאָמוניסט, ניט קיין באָלשעוויק, נאָר ער איז זיי שולדיק פֿון יענער נאַכט אָן.

— עס איז מיאוס און מאוס — זאָגט ער — צו ליגן באַהאַלטן.

אין 1920 איז ער אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד קיין באַסאַראַביע. געגאַנגען איבערן דניעסטער צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי און טאָכטער, אויך מיט אַנדערע ייִדישע וואַנדערער. געגאַנגען קיין ארץ־ישׂראל. ערבֿ פּסח 1920 איז ער געקומען צוריק אין ארץ־ישׂראל. ער איז געוואָרן אַ לערער פֿון אַגראָנאָמיע אין מקוה־ישׂראל. לאַנגע יאָרן איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג בײַ דער אַגענץ. ח.־נ. ביאַליקס אַ העלפֿער אין ענינים פֿון זשורנאַל „מאזנים", אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע. ער איז פֿינף יאָר געווען דער פֿירער פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול הר־תּבֿור.

עס איז געווען די צײַט, ווען מען האָט זיך גענומען באַאַרבעטן דעם עמק, געדאַרפֿט לערנען לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט, אויסבילדן אינסטרוקטאָרן. זײַן שטודיום איז אים צו ניץ געקומען.

אין דער זעלבער צײַט האָט ער אָנגעהויבן מיט אימפּעט זײַן ליטעראַרישע אַרבעט. אָנגעהויבן מיט קורצע נאָוועלן. אין 1930 זײַנען אַרויס זײַנע „שבעה עשׂר ספּורים". דאָס זײַנען געווען דערציילונגען פֿון לעבן אין ארץ־ישׂראל.

— אָט איז אַ סיפּור „צמד שגלה". אין די מעשׂה אַזאַ: מען האָט געבראַכט צוויי אָקסן פֿון דמשק אין איינער פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס, וווּ עס איז דעמאָלט ניט געווען קיין וואַסער. אָקסן אין דער פֿרעמד, אָקסן אָן וואַסער, אין די הענט פֿון ניט־געניטע מענטשן. האָט עס פּאַר זיי געהייסן —אָקסן אין גלות. די אָקסן קאָנען זיך ניט צוגעוווינען צום גלות, צו לעבן אָן וואַסער. מאַטערן זיי זיך, מאַטערן זיך לאַנג, מאַטערן זיך, ביז זיי שטאַרבן.

דער טויט פֿון די צוויי אָקסן איז אַ טרויעריקער.

— איך האָב ליב געהאַט די בהמות. איך האָב בײַ זיי געאַרבעט און פֿאַרשטאַנען זייער שטומען לשון.

עס איז אַ דערציילונג אַן אַ משל און אַן אַ נמשל. בלויז די אָקסן אַליין. אין דער מעשׂה איז דאָ געננג שיינקייט, געננג טרויער. „צמד שגלה" איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש.

בלעטערט ער דורך אין זײַן קאָפּ זײַנע דערציילונגען און מאַכט אַזאַ סך־הכּל:

— די טעמעס פֿון מײַנע דערציילונגען זײַנען געווען ארץ־ישׂראלדיקע. איך בין ניט געגאַנגען צוריק צום שטעטל.

אַזוי האָט ער געטאָן ביז איצט. אָבער איצט פֿילט ער עפּעס אַנדערש. און ער זאָגט מיר:

— איך וואָלט איצט זייער געוואָלט אַ קוק טאָן נאָך אַ מאָל אויפֿן שטעטל.

ער האָט געשריבן אַ ווערק „שנה ראשונה" וועגן זײַן ערשטן יאָר אין ארץ־ישׂראל. לכתּחילה האָט ער געוואָלט אָנהייבן מיט דער היים, מיטן

פוילישן שטעטל. ער האט אבער אנגעהויבן פון ווארשעווער וואקזאל וועז ער איז אנטלאפן פון דארטן קיין ארץ־ישראל. ער דערמאנט זיך קראקע, וואלבראם, גאליציע, אבער ער האט ווייניק וועגן דעם געשריבן. אוועק יארן. זיין פאמיליע האט שטארק געליטן פון לעצטן חורבן. ער וואלט איצט געוואלט שרייבן וועגן דער היים, וועגן דער פאמיליע זיינער, וועגן די יידן פון זיין שטעטל. ער זאגט מיר אבער:

— דאס איז דאך צו סוביעקטיוו.

און ער גיט נאך צו:

— פארשטייט מיך, איך קאן ניט שרייבן און וויינען.

ער איז ניט נאר א בעלעטריסט. ער איז אויך א קריטיקער אין דער העברעישער ליטעראטור. א סך געשריבן וועגן סופרי־ישראל, וועגן דער העברעישער ליטעראטור בכלל. זאגט ער צו מיר אזוי:

— העברעיש און יידיש? — אין העברעיש זיינען מיר פונקט דער היפוך ווי אין יידיש. די יידישע שפראך איז פאלק, איז פאלקסטימלעך. מיטן יידישן לשון קאנסטו באשרייבן דאס יידישע לעבן. אין העברעיש איז אבער שווער צו שרייבן פשוטע זאכן. דו מוזסט זיך בשעתן שרייבן ראנגלען מיט דער שפראך. שרייבסטו אבער אויף יידיש, ביסטו פריי, ניט געפענטעט.

זיין קאפ איז ווייס, זיין פנים פול מיט ענערגיע, די שטים — קלאר, דער לשון — שארף. ווי ער וואלט פארשטאנען, פאר וואס איך קוק אים אזוי אן און הער זיך אזוי צו, זאגט ער מיר:

— איך האב מיין גאנצן לעבן געארבעט, ניט געזעסן בטל.

ער איז געווען איינער פון די גרינדערס פון הפועל־הצעיר. ער איז מיט אים געווען פארבונדן אלע זיינע יארן. דערמאנט ער זיך:

— אין 1938 בין איך געווען א קורצע צייט אין אמעריקע. איך בין שוין באלד צוואנציק יאר ניט ארויסגעפארן פון ארץ־ישראל.

ער קען גוט, ווי זעלטן ווער, די אראבישע פראבלעמען.

אין ניו־יארק — זאגט ער — האט מען גערעדט וועגן די אראבער אדער מיט שינאה, אדער מיט ליבשאפט; מען איז ניט געווען אינפארמירט; און אויך היינט איז מען ניט אינפארמירט: איך האב דעמאלט געדרוקט אין ניו־יארקער „טאג" א פאר ארטיקלען וועגן די אראבער.

דערמאנט ער דאסווארט ניו־יארק, דערמאנט ער זיך אן דער שטאט, אן די ניו־יארקער יידן, אן ניו־יארקער יידיש, און זאגט מיר אזוי:

— איך בין דעמאלט ארייז אין קאפע ראיאל און דארטן געהערט אזא זאפטיקן יידיש.

— ווי זייט איר היינט מיט אידיש?

— איך האב מיין פלינצקער יידיש ניט קאליע געמאכט: אין פלינצק האט מען גערעדט א גוטן, ריינעם יידיש.

קריטיק האט ער אנגעהויבן שרייבן נאך לעבנדיק אין פראנקרייך.

— געשריבן וועגן ברענערן און שאפּמאַנען אין „השלח", וועגן מ.־ז. פייערבערגן אין „העולם".

ער האָט גענוצט די תּורה און דעם וויסן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער סאָרבאָנע, ביים שרייבן וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור: ער האָט געשריבן עסייען וועגן ביכער, וועגן עסטעטיק. ער דערמאָנט זיין בוך וועגן געלעכטער. ווען מען שרייבט פאַר אינטעליגענטע גוים וועגן אַזעלכע ענינים, — זאָגט ער — קאָן מען שרייבן קירצער. שרייבט מען אָבער פאַר ייִדן, מוז מען שרייבן לענגער, אויספירלעכער. מען מוז דאַך דעם לעזער קודם־כּל אַריינפירן אין דעם ענין.

— מיין בוך „השחוק" — וועגן געלעכטער — איז פון פּלאַטאָנען ביז היינט. עס איז אינטערעסאַנט וועגן וואָס מען לאַכט. עס איז אָבער אויך וויכטיק דער מענטש, וואָס לאַכט.

ער איז באַהאַוונט אין ייִדישן געלעכטער, אין ייִדישן פאָלקסטימלעכן וויץ. ער האָט זיין וויסן אַריינגעפּאַקט אין זיין בוך וועגן געלעכטער. ער האָט געשריבן אַ בוך „על היופי", וועגן עסטעטיק. עס איז אַן איבערבליק פון קאַנטן ביז היינט. מיר ריידן וועגן זיין באַציִונג צו דער היינטיקער העברעיִשער ליטעראַטור און אירע שרייבער.

— איך בין איצט אין אַ קאָנפליקט מיט די נייסטע פּאָעטן, — זאָגט ער— וואָס זיינען געבאָרן דאָ און מאַכן נאָך די פּאָעטן פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

ער זאָגט מיר, אַז מיר ייִדן זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין צו גרויסע בריות אין מאָלעריי און סקולפּטור. מיר האָבן געהאַט איין גרויסע פּאָזיציע אין דער גייסטיקער שאַפונג פון דער וועלט. דאָס איז די שירה. דאָס איז דער תּנ"ך. מיר האָבן אַ גרויסע טראַדיציע. „ווען האָט ענגלאַנד באַקומען איר ענגליש?" פרעגט ער, און ענטפערט: „ווען מען האָט איבערגעזעצט דעם תּנ"ך אויף ענגליש."

— דאָס זעלבע מיט דייטש.

מיר קאָנען אויפנעמען השפּעות אויך פון דער פרעמד. דאָס יאָ. אָבער מיר זיינען ניט קיין ענגלענדער און וועלן קיין מאָל אַזעלכע ניט ווערן. מיר דאַרפן זיי ניט נאָכמאַכן.

פרעג איך אים קאָנקרעט וועגן העברעיִשע שרייבער. איך רוף אַן נעמען. איך וויל הערן זיין מיינונג וועגן זיי. ער איז דאָך אַ קריטיקער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

— איך האָב פיינט צו ריידן וועגן ליטעראַטן. — זאָגט ער מיר.

— מען קאָן דאָך ריידן וועגן ליטעראַטור און שוויַיגן וועגן די ליטעראַטן.

רעדט ער ניט וועגן איינצלנע ליטעראַטן. רעדט ער וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור אַזוי:

— מען דאַרף זיך רעכענען מיט דעם, אַז עס איז איצט אַן איבער־גאַנגס־ליטעראַטור. עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער ייִדישער כּלל. אַזאַ גרויסער טייל פון ייִדישן פאָלק איז אומגעקומען. די הײַנטיקע שרײַבער, די יונגע, זעען ניט, וואָס מיר האָבן געזען — אונדזער פאָלק. קיין נײַ פאָלק איז נאָך ניט אויפגעוואַקסן. עס וואַקסט ניט אַ פאָלק גיך. שרײַבן זיי, די שרײַבער, דער עיקר וועגן זיך אַליין. קולטור ווערט ניט געשאַפן אין אַזאַ קורצער צײַט. אַ פאָלק מוז האָבן אריכת־ימים. מען קאָן ניט פאָלקס־קולטור שאַפן איינס און צוויי.

ער רעדט וועגן זײַן אייגענער טיפער פאַרוואַרצלטקייט אין ייִדישן כּלל. בײַ די נײַע שרײַבער זעט מען עס ניט. מען האָט אויסגעהרגעט זעקס מיליאָן, צוגענומען, אָוועקגעריבן גאַנצע קהילות. געווען, געווען, און פלוצלונג ניטאָ. און ניט דורך אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע, נאָר דורך פײַער און שווערד, דורך וואַסער און תּליה. דאָס איז ניט אַזוי פּשוט.

— ווען מיר וואָלטן געהאַט אַצינד יענע זעקס מיליאָן ייִדן, ווי אַנדערש אַלץ וואָלט אויסגעזען.

אין מדינת־ישׂראל זײַנען איצט דאָ נאָענט צו צוויי מיליאָן. דאָס איז ניט גענוג. מען לעבט אין אַן איבערגאַנגס־צײַט, און אין אַזאַ צײַט קאָן מען ניט פאַרלאַנגען, פאָדערן פון דער ליטעראַטור גרויסע אויפטוען. ער חזרט איבער זײַן פריִערדיקן געדאַנק, אָבער מיט מער באַטאָנונג:

— קולטור איז אריכת־ימים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך קומען מיר אין אונדזער שמועס צו דער באַ־ציִונג צווישן ביידע וועלטן אונדזערע — דער העברעיִשער און דער ייִדישער.

— געווען אַ מאָל אַ קאַמף — זאָגט ער — צווישן די ייִדישיסטן און די העברעיִסטן. יענער קאַמף איז מער ניטאָ.

נאָכן גרויסן אומגליק — דערציילט ער מיר — כאַפּט ער זיך אָפּט אויף אין די נעכט און עס חלומט זיך אים, אַז ער איז צוריק אין דער היים, און ער חלומט אויף ייִדיש.

—איך האָב אַ טיפע ווייטאָגדיקע און בענקענדיקע באַציִונג צו די פאַרברענטע ייִדן. איך חלום און וועגן זיי. ממש איך זע זיי. ייִדיש און העברעיִש איז ניט עפּעס אַ צוזאַמענקום פון צוויי ייִדן. עס איז אַ צוזאַמענקום פון צוויי ייִדישע וועלטן. דער קאָנפליקט צווישן די לשונות איז פאַרשוווּנדן. מיר, דער רוב פון אונדז, זײַנען אַלטע ייִדן. די יוגנט איז ווײַט אַוועק פון אונדז. וואָס איז די הײַנטיקע יוגנט? וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר? וואָס איז איר פּנים? איך קאָן נאָר זאָגן, אַז עס איז אַן איבערגאַנגס־דור.

ערשט איצט, ווען ייִדיש איז שוין באַלד ניטאָ, פילט מען, ווי שטאַרק ייִדיש איז געווען. ער האָט דעריבער פאַר זייער וויכטיק איבערצוגעבן די וויכטיקסטע ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין העברעיִשן לשון צום הײַנטיקן דור אין מדינת־ישׂראל. איך פרעג אים, צי ער קען די ייִדישע

ליטעראַטור, ווײַל אַ היפּשע צאָל העברעיִשע שרײַבער קענען זי גאָרניט.
ער ענטפֿערט אויף דעם אַזוי:

— איך לייען די ייִדישע ליטעראַטור. איך האָב זי געקענט און קען זי הײַנט.

אַט אַזוי שמועסן מיר וועגן ייִדיש לעבן, וועגן ייִדישע שרײַבער אין פֿאַרשיידענע לענדער אויף ביידע זײַטן ים. ביז איך קום צו אים פּערזענלעך, צו זײַן אייגן לעבן, זײַן געזונט־צושטאַנד, און ער זאָגט מיר, אַז:

— ביז 60 יאָר האָב איך ניט געוווּסט פֿון קיין קרענק, אָבער פֿון 60 יאָר אָן און ווײַטער האָב איך אָנגעהויבן זיך שלעכט צו פֿילן.

די סיבה?

פֿון יאָרן אַליין ווערט מען אַלט.

ער איז שוין צוואַנציק יאָר ניט אַרויס פֿון דער מדינה. ער וואָלט איצט וועלן אַ קוק טאָן „דאָרטן". ער קאָן עס אָבער ניט טאָן, ער איז ניט געזונט און טאָר ניט פֿאָרן.

— איך וואָלט געוואָלט ניט נאָר וויסן, נאָר זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס עס טוט זיך הײַנט בײַ אײַך אין אַמעריקע.

ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז אַ מאָל געשטאַנען אין ניו־יאָרק אויף דער צווייטער עוועניו, און ער זאָגט מיר אַזוי:

— איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט, ווי עס גייען און גייען ייִדן. געשטאַנען אויף די ניו־יאָרקער גאַסן און געזען ייִדן און ייִדן. געהערט דאָרטן ייִדיש ריידן. די באַרירונג, דער מגע־משׂא מיט די ייִדישע מאַסן אין ניו־יאָרק האָט אויף מיר געמאַכט דעם טיפֿסטן אײַנדרוק.

גוט צו פֿאַרמאַכן די אויגן און שטיל אין זיך זען די המונים ניו־יאָרקער ייִדן.

ווײַל איך וויסן עפּעס וועגן אים פּערזענלעך. פֿרעג איך אים:

— ווי לעבט זיך אײַך מאַטעריעל?

ענטפֿערט ער:

— איך בין געווען דרײַסיק יאָר אַן אַגראָנאָם. באַקום איך איצט אַ פּענסיע. וואָס איך פֿאַרדין פֿון ליטעראַרישע אַרבעטן, איז אַ צוגאָב צו דער פּרנסה. עס איז בײַ אונדז בעסער געוואָרן מיט האָנאָראַר. מען צאָלט פֿאַר ליטעראַרישער אַרבעט. אַ מאָל האָט מען וועגן דעם ניט געוווּסט. איך שרײַב אָפֿט אין „דבר" עסייען, קריטיק. דער „דבר" צאָלט פֿאַר אַ גרעסערן אַרטיקל הונדערט פֿונט.

ער האָט איין טאָכטער, אַן איידעם און צוויי אייניקלעך — דניאל און יורם. זײַן איידעם איז אַ לעקטאָר אין אוניווערסיטעט. זײַנען אין מיטן שמועס אַרײַנגעלאָפֿן די צוויי אייניקלעך און זיך אַ נעם געטאָן צום זיידן. איינער פֿון זיי האָט געהאַלטן קוקורוזע אין האַנט. עס איז אויך אַרײַנגעקומען זײַן טאָכטער —

— זיידע, טאָכטער, אייניקלעך.

איז געקומען אונדזער שמועס צום גרעסטן פּראָבלעם אין מדינת־ישראל — צו זיכערקייט, פּערספּעקטיוון אויף מאָרגן.

— מען דאַרף ענדיקן דעם אַראַבישן קאָנפליקט. — זאָגט מיר ש. צמח — שוין צען יאָר, און צען יאָר איז צו פיל. מענטשן געוויינען זיך צו צו אַזאַ צושטאַנד און דאָס איז שלעכט. מען טאָר זיך ניט צוגעוויינען צו דעם.

צום סוף פון שמועס פרעג איך אים וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער. דאַרף מען פריער מאַכן אַ סך־הכל פון זיינע ביז איצט געשאַפענע הויפּטווערק:

„אליהו מרגלית", אַ ראָמאַן; „בארצות נוד", קריטישע עסייען; תנחום מכפר ינוח", אַ דראַמע אין 5 בילדער; „17 סיפּורים"; „על היופי"; „בימי מסה", אַרטיקלען וועגן וועלט און ארץ־ישראל; „השחוק"; „עבודה ואדמה"; „שנה ראשונה"; „אדם עם אחרים"; „מסה וביקורת".

טראַכט ער ניט לאַנג און ענטפערט מיר, ווי ער וואָלט שוין האָבן דעם געדאַנק פון לאַנג:

— איך וואָלט געוואָלט עפּעס איבערלאָזן פאַר מיין שטאָט. איך קען מיין שטאָט. איך קען פּוילן אויסגעצייכנט. וואָלט איך געוואָלט שרייבן וועגן מיין שטאָט.

— וועט איר עס טאָן? — פרעג איך אים.

— איך ווייס, אַז איך וויל. צי איך וועל עס טאָן, ווייס איך נאָך ניט. עס איז אַ שווערע זאַך.

גיט ער נאָך צו:

— איך וואָלט עס געשריבן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט. איך וואָלט איבער־געגעבן דאָס וואָס איך ווייס, וואָס איך קען. איך האָב ליב דעם פּוילישן ייִדן. איך האָב ליב די ייִדן פון ליטע, פון גאַליציע. פּוילישע חסידות איז געווען אויסגעמישט מיט למדנות, אַנדערש ווי דאָס גאַליצישע חסידות.

— וואָס איז געווען דאָס אייגנטימלעכסטע פון דער פּויליש־ייִדישער שאַפונג?

— פריי!

חכמה און סענטימענט, קלוגשאַפט און געפיל. — שווימט אַוועק דער זכרון אין דער פאַרגאַנגענהייט. קומט אַהער צו אים אַ בילד פון אַ מאָל, און ער זאָגט צו מיר:

— איך דערמאָן זיך אין קאַנאַריקס קאַפע. שטייט דאָרטן ביי נאַכט אַן אַלטער ייִד מיט אַ קעסטעלע און פאַרקויפט שוועבעלעך, שפּילקעס. קומט אונטער אַ קויפער. נעמט ער אַ פּושקע שוועבעלעך און פרעגט דעם ייִדן:

— וויפל דאַרף איך צאָלן?

— אַ זעקסער.

— אַ זעקסער? אַזוי פיל?..

— פאַר וואָס זשע פרעגט איר מיך, טיפּש איינער?

ער האָט יאָרן געאַרבעט ווי אַן אַגראָנאָם, — זאָגט ער מיר ווייטער — אָבער אַן יצר־הרע. זיין קאָפּ און האַרץ איז געלעגן אין דער ליטעראַטור.

ער איז געווען פֿאַרטאָן אין ארבעט אין זיך. „מסתמא האַלט ער זיך גרויס", פֿלעגט מען בײַזווייליק זאָגן.

ליטעראַטור, העברעיִשע ליטעראַטור, העברעיִשע שרײַבער. — וואַרפֿן מיר דורך נעמען אין אונדזער שמועס, ווערק, און מען קאָן ניט ריידן וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור און ניט דערגיין צו ביאַליקן. זײַנען מיר טאַקע צו אים אָנגעקומען.

— ביאַליק! ביאַליק!.. — זאָגט ער מיט ליבשאַפֿט און יראת־הכּבֿוד — ווי קומען מיר צו אים? מיר זײַנען דאָך עפר תּחת רגליו — שטויב אונטער זײַנע פֿיס.

ער האָט זיך — דערציילט ער מיר — אָפּגערוקט פֿון ביאַליקן, זיך צוריקגעהאַלטן, און ביאַליק האָט געמיינט, אַז ער, צמח, האַלט זיך גרויס. דאָס האָט אים פֿאַרדראָסן, ווײַ געטאָן. האָט ער אים געשריבן, ביאַליקן, אַ בריוו און אַרײַנגעלייגט אין בריוו, ווי ער זאָגט, זײַן גאַנצע ליבשאַפֿט צו אים. „ער, ביאַליק, האָט געהאַט אַ גוטן חוש־הריח. ער האָט מײַן בריוו דערשפּירט. איז ער אַליין געקומען צו מיר."

— איך האָב דאָך גאָרניט געוווּסט... — האָט ער מיר געזאָגט.

— וואָס ניט געוווּסט?

האָט ביאַליק געזאָגט מיט זײַן וואָלינער אויסשפּראַך:

— אַז דו האָסט מיך אַזוי ליב.

מאַכט ער אין אַ פּאָר מינוט, אין דער שטיל, פֿאַר זיך, אַן איבערבליק איבער יאָרן און מענטשן, איבער שרײַבער, פּאָעטן, און זאָגט אַזוי ווי אין דער וועלט אַרײַן:

— איך בין אַ קריטיקער. נו, איז מיר שוין באַשערט צרות. פֿאַרפֿאַלן, עס איז כּדאַי.

◆

איך קוק אַרום זײַן דירה. פֿיר־פֿינף צימערן. איך זע אין אַלע צימערן פּאָליצעס מיט ביכער. ער זעט, אַז איך קוק אויף דעם. זאָגט ער צו מיר:

— איך צעוואַרף מײַנע ביכער אין פֿאַרשיידענע צימערן. איך וויל זיי ניט האַלטן צוזאַמען און זיך מאַכן פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר.

איך קוק אין די פּאָליצעס אַרײַן.

— וואָס קוקט איר?

— אויף די ייִדישע ביכער. — ענטפֿער איך מיט צופֿרידנקייט.

ער פֿאַרשטייט, פֿאַר וואָס. ער ווייס אַזוי ווי איך, אַז ניט אַלע העברעיִשע שרײַבער האָבן אויף זייערע פּאָליצעס ייִדישע ביכער.

מיר זעגענען זיך. עס זאָל הייסן, אַז מיר דאַרפֿן זיך באַגעגענען נאָך אַ מאָל. בײַם געזעגענען:

— זײַנען מיר דורכגעלאָפֿן, הייסט עס, אין פֿיר שעה אַ גרויסן מהלך לעבן.

אַבֿרהם קריבֿ

חיפה, די שיינע פאַרשטאָט

צופֿוסנס פֿון בארג כּרמל, מיט זעקס טויזנט פּאַרט־אַרבעטער, די שטאָט פֿון באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, פֿון אויפֿבוי — אפֿשר די שענסטע שטאָט פֿון ישׂראל.

ניט ווײַט פֿון דאַנען איז בת־גלים, קרית־חיים, קרית־ביאַליק. דאָ זײַנען פֿאַבריקן פֿון אייל, פֿון צעמענט. אין דער שטאָט האָט איר ראש־העיר, אַבאַ חושי, אויסגעבויט הײַזער פֿאַר שרײַבער־וווינונגען. פֿיר דירות אין אַ הויז. דירות מיט באַלקאָנען. די חיפֿהער שרײַבער־קאָלאָניע איז שוין מפֿורסם אין דער ייִדישער וועלט. אין אָט דער קאָלאָניע, אין איינעם פֿון די פֿיר־דירותדיקע הײַזער, וווינט אַבֿרהם קריבֿ — דער קריטיקער, דער עסייִסט און פּאָעט.

אַבֿרהם קריבֿ איז דער רעדאַקטאָר פֿון ליטעראַרישע זשורנאַלן, איבער־זעצער אויף העברעיִש פֿון אַ צאָל אייראָפּעיִשע קלאַסישע ווערק. מיט אַ צײַט צוריק — און דאָס איז געווען גוט באַקאַנט — איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפֿער קריטיק קעגן דעם קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור מענדעלע מוכר־ספֿרים, מחמת דעם וואָס, לויט זײַן מיינונג, איז דאָס אַמאָליקע ייִדישע לעבן בײַ מענדעלען אַרויסגעקומען ווי אַ קאַריקאַטור, פֿאַרקריפּלט געוואָרן. ער האָט עס באַוויזן אין אַ קרומען, סאַטירישן שפּיגל. כּל־ישׂראל איין קבצן.

אַבֿרהם קריבֿ האָט געפֿאָדערט, אַז די העברעיִשע ליטעראַטור זאָל נאָך אַ מאָל „איבערשאַצן די ווערטן פֿון גלות". זי זאָל דערזען דאָרטן די געוועזענע ייִדישע שיינקייט. ער איז אויך באַקאַנט מיט זײַן שאַרפֿער קריטיק איבער אַ צאָל העברעיִשע שרײַבער אין מדינת־ישׂראל. ער פֿאָדערט מער ייִדישן אינ־האַלט, מער פֿאַרטיפֿונג, מער גײַסט, מער אַחריות.

דאַרף מען מיט אים זיך דורכשמועסן.

אין די פֿרײַע שעהען פֿון אַ זומערטאָג בין איך צוגעקומען מיט אַ שרות־אויטאָ צו דער שרײַבער־קאָלאָניע. דער הימל איז בלוי, דער טאָג איז זוניק־ווײַס, דער שמאָלער שאָסיי איז שטויביק פֿון אויטאָמאָבילן און לאַסטוועגענער, וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ איינע נאָך די אַנדערע. איך קוק אויף די אויטאָבוסן, וואָס לויפֿן דורך קעגנאיבער די צווייִשטאָקיקע נײַע הײַזער פֿון דער שרײַבער־

שכונה, וואָס שטייען אויפֿן רוקן פֿון אַ בערגל. לויפֿן פֿאַרבײַ פֿאַר מײַנע אויגן שטיקער געשיכטע. אין מיטל־עלטער איז דאָ געווען אַ ייִדישער יישוב. דאָ האָבן געלעבט די אמוראים. די קרייציגלער האָבן געמאַכט חורבן. איצט שפּילן זיך קליינע קינדער אין די גערטנדלעך. זיי ווײַזן מיר צו ענטפֿערן אויף מײַן פֿראַגע, ווו עס וווינט דער שרײַבער אַבֿרהם קריבֿ.

— „סופֿר?" פֿרעגט אַ מיידעלע, „כּולם סופֿרים — אַלע זײַנען דאָ שרײַבער".

— וואָס טוט איצט דײַן טאַטע? — פֿרעג איך איר.

— כּותב... — ער שרײַבט.

זי ווייס דאָס אויך געווים.

דרײַ קינדער האָבן מיך געפֿירט צום הויז, ווו עס וווינט דער שרײַבער אַבֿרהם קריבֿ. אַ פֿרוי איז אַרויסגעקומען אין הייפֿל. זי איז אויך געוואָר געוואָרן, ווען איך זוך דאָ, און זי האָט געגעבן איר הסכּם:

— יאָ, די קינדער ווייסן ריכטיק.

אַבֿרהם קריבֿ וווינט אויפֿן צווייטן שטאָק. מען דאַרף זיך אַרויפֿהייבן צו אים אויף שמאָלע טרעפּ. איך עפֿן די טיר. דאָס הויז איז נײַ. די צימערלעך זײַנען פֿריש. אַנטקעגן דער טיר — דער אָפֿענער באַלקאָן.

— שלום!

עס איז צוגעקומען צו מיר אַ מיטליאָריקער מענטש מיט אַ גרויסן שטערן און גרויסע אויגן, מיט שאַרפֿע געזיכט־שטריכן און דיקע ברעמען איבער די אויגן. אַ צעקודלטער שוואַרצער קאָפּ. מיט אַ שטײַף צוגעמאַכטן מויל פֿון אַ שאַרפֿן ליטוואַק. אַ ווײַסע העמד, מיט אַן אָפֿענעם האַלדז.

— זײַט איר אַבֿרהם קריבֿ?

— אָט ווי איר קוקט מיך אָן.

ער ווייס פֿון פֿריִער, צוליב וואָס איך בין געקומען. איך האָב זיך מיט אים געהאַט פֿאַרשטענדיקט. לאָמיר זיך איצט אַ ביסל באַקענען, אַרומקוקן. לאָמיר אַרויסגיין אויף זײַן באַלקאָן, זיך באַקענען מיט זײַן פֿרוי, אַבֿיבֿה, די מאַמע פֿון זײַנע צוויי קינדער, אַן עקרת־הבית — איך זע גלײַך, אַז זי איז מיט אַלץ און מיט אַלעמען באַקאַנט, אויסגעמישט אין איר מאַנס שרײַבערשע ענינים.

— איר וועט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן? אַ קאַלטן טרונק? אַ פּרי?

— אדרבא.

אַבֿרהם קריבֿ שטעלט מיר פֿאָר זײַנע צוויי קינדער: אוהד און רעואל. די נעמען איז מיר לכתּחילה געווען שווער צו צעקײַען.

— נעמען פֿון חומש — זאָגט ער. — פֿון מײַנעט וועגן האָבן זיי געמעגט הייסן מענדל, חיים אָדער בערל.

זאָגט ער:

— איך בין ניט קיין שולל־הגלות.

זײַן פֿרוי איז אָבער אַ געבאָרענע אין ארץ־ישׂראל.

ער וויל פֿון מיר אַ ביסל הערן וועגן אַמעריקע — פֿון וואַנען איך קום, וועגן אַמעריקאַנער ייִדן. איך דערצייל אַ ביסל, אָבער איך טו אַלץ, אַז דער שמועס זאָל גיך אַריבערגיין צום עיקר פֿון מײַן קומען — צו אים, צו אַבֿרהם קריבֿן. ער האָט זיך אַ ביסל געוווּנדערט, וואָס איך ווייס וועגן זײַנע אַרויס־טרעטונגען אויף שרײַבער־פֿאַרזאַמלונגען אין די לעצטע יאָרן און ווייס וועגן זײַן מענדעלע־קריטיק. דערקלער איך אים:

— מיר זײַנען ניט קיין איזאָלאַציאָניסטן. איר ווילט ניט וויסן וועגן אונדז — און דאָס איז אַן עוולה. מיר אָבער ווילן וויסן וועגן אײַך. איך האָף, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען מיר וועלן וויסן מער איינע פֿון די אַנדערע.

אַזוי זײַנען מיר דערגאַנגען צום שמועס וועגן אים, וועגן זײַנע ווערק, וועגן זײַן לעבן, וועגן זײַן ביאָגראַפֿיע.

— לאָמיר קודם־כּל — לייג איך אים פֿאָר — פֿאַרשרײַבן די נעמען פֿון אײַערע ביכער.

אָט זײַנען זיי: „עיונים", „אמרי בקורת", „קול ובת־קול", „אדברה וירוח לי".

— לאָמיר אויך פֿאַרשרײַבן אײַערע איבערזעצונגען אויף העברעיִש.

— אדרבא:

פֿון אַלעקסיי טאָלסטאָי, וואַסילי גראָסמאַן, אַלעקסאַנדער גערצען, איגנאַציאָ סילאָנע.

— און אײַערע איבערזעצונגען פֿון ייִדיש? — פֿרעג איך.

— זכרונות פֿון אַבֿרהם ליעסין, פֿון דוד פּינסקי, פֿון ישׂראל יעפֿרויקין.

אַ היפּשער שעפֿערישער באַרג!

קוק איך אַרײַן אין זײַן לידערבוך „קול ובת־קול".

— איך האָב געשריבן אין פֿאַרלויף פֿון 25 יאָר, פֿון מאָל צו מאָל לידער. איצט איז געקומען די צײַט זיי צונויפֿצוזאַמלען אין אַ בוך. אַרום און אַרום האָב איך אָפּגעקליבן הונדערט לידער.

וואָס זאָגט ער אַליין וועגן זײַנע לידער?

— ווײַטע אָפּקלאַנגען פֿון יונגע, פֿון בחורשע יאָרן. שורות שעפּטשענ־דיקע און שורות וואָס ריידן מיט אַ קול, מיטן פֿולן מויל. נשמה־איבערלע־בונגען, שטימונגען, צײַט־איבערלעבונגען.

אָט האָט ער געשריבן אין דער קורצער הקדמה צו זײַן לידערבוך, אַז ווען ער האָט צונויפֿגענומען צוזאַמען זײַנע לידער פֿון 25 יאָר, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע. אָט פֿרייען זיי זיך, באַגעגענען זיך. אָט

וואַנדערן זיי זיך. אַט זײַנען זיי צוזאַמען, אין חבֿרותא, אײַנגעקלעפּט אין טאַוולען.

— אין די לידער — זאָגט ער — זײַנען דאָ עכאָס פֿון רוסלאַנד.

וועגן זײַן שעפֿערישקייט אין רוסלאַנד זאָגט ער, אַז ער האָט געהאַט אין זײַנע הענט נאָר 22 ייִדישע אותיות, אותיות שכולות, און מיט זייער הילף האָט ער, אונטער אַ פֿרעמדן הימל, אויף פֿרעמדער ערד, מצרף געווען צירופֿים צו זײַן נשמה. ער האָט דעמאָלט, אין רוסלאַנד, ניט געטראַכט, אַז ער וועט מיט יאָרן שפּעטער זיצן אויפֿן כּרמל־באַרג אין חיפֿה און שמועסן וועגן אַט יענער רוסישער, טרויעריקער צײַט.

— קוקט אַרײַן אין ליד „תּחנון".

עס איז אַ ליד פֿון צער און בענקשאַפֿט, פֿון טיפֿער עלנטקייט, אַליינקייט אין ווײַטן רוסלאַנד, אַ ליד פֿון אַ לעצטן פֿון אַ שבֿט, פֿון אַן אַליין געבלי־בענעם. דאָס ליד האָט איבער זיך אַ מאָטאָ אין דער ייִדישער שפּראַך: „דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק. באַהיט דײַן פֿאָלק ישׂראל!.." און איבער זײַנע לידער, שוין געשריבענע אויף ישׂראלס ערד:

— פֿרייד וועט אָנזאָגן דור צו דור. עס וועט נאָך זײַן ליכט איבער אונדז און פֿון אונדז.

מיר זיצן אויף זײַן באַלקאָן, בײַ אַ גרויסן טעלער ווײַנטרויבן. זײַן פֿרוי זעצט זיך אויך צו, ווערט אַ שותּף אין דעם שמועס. מיר בלאָנדזשען אַוועק ווײַט. און אַט ריידן מיר וועגן זײַנע קינדער־יאָרן.

— פֿאַראַן מענטשן, — זאָגט ער — וואָס קענען אייניקע דורות פֿאַר זיי: אָבֿות אָבֿותיו, זיידעס, עלטער־זיידעס, אורזיידעס, באָבעס, אורבאָבעס. איך אָבער קען נאָר איין דור.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין סלאָבאָדקע בײַ קאָוונע, בײַ דער ווילִיע און בײַם ניעמען, איז אַ משפּחה פֿון שוסטערס־ליטוואַקעס.

— שוסטערס? — פֿרעג איך איבער

— איר וווּנדערט זיך? — זאָגט ער.

— ניין, איך וווּנדער זיך גאָרנישט. עס איז מיר זייער היימיש. מײַן טאַטע איז געווען אַ בלעכער און מײַן מאַמע — אַ שנײַדערקע אין אַ טעקסטיל־פֿאַבריק. זײַנען מיר, הייסט עס, קרובֿים. צוויי בעל־מלאָכישע זין.

גיט ער צו:

— וואָס מער שוסטער אַלץ מער האָט ער געחלומט וועגן קינדער־רבנים. דער אידעאַל פֿון אַ ליטווישן בעל־מלאָכה איז געווען, אַז זײַנע קינדער זאָלן לערנען תּורה.

ער דערציילט מיר, אַז ער האָט געלערנט אין חדר ייִנגלווײַז, שפּעטער — אין ישיבֿה. ער האָט געלערנט אויך אין סלאָבאָדקער ישיבֿה. קאָן איך זיך ניט אײַנהאַלטן און זאָג אים ווידער:

— זײַנען מיר ווידער קרובֿים. איך האָב אויך געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבֿה.

דאָס איז אים טשיקאַווע. ער איז נײַגעריק צו וויסן ווען איך בין געווען אין סלאָבאָדקע.

— סלאָבאָדקער ישיבֿה, — זאָגט ער — זעט אויס, איז געווען צו ווייניק פֿאַר מיר. האָט מען מיך געשיקט אין טעלזשער ישיבֿה, אין מירער ישיבֿה.

דער טאַטע דער שוסטער האָט אָפּגעריסן אַ פּאָר רובל און געשיקט זײַן זון, דעם ישיבֿה־בחור, אויסצוקומען אין ישיבֿה.

— אין דער ישיבֿה, באַהאַלטענערהייט, האָב איך אַרײַנגעשמעקט אין דער השׂכּלה, אין „דור דור ודורשיו". דאָרטן בין איך „געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשׂה".

עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה, אין 1914. דער צאַרישער גענעראַל ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעטריבן די ייִדן פֿון די גרענעץ־געביטן און פֿאַרשיקט אין טיפֿן רוסלאַנד. „בין איך אויסגעריסן געוואָרן פֿון ליטע און אַוועק מיט די עלטערן אַזש ווײַט אין קרים. אַן אַנדער וועלט, אַנדערע מענטשן, אַן אַנדער לעבן."

שפּעטער איז ער אַוועק ווײַטער לערנען אין אָדעס. דאָרטן איז געווען אַ סעמינאַר פֿאַר לערער. ערשט דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן באַקומען זײַן סיסטעמאַטישע אַלגעמיינע און ייִדישע בילדונג. ער האָט געלערנט אין לערער־סעמינאַר פֿון תּרבות. צווישן זײַנע לערער זײַנען געווען ח.־נ. ביאַליק און ד"ר יוסף קלויזנער.

— איך האָב געלערנט אין סעמינאַר דרײַ יאָר, פֿון 1917טן יאָר אָן. באַקומען אַ לערער־דיפּלאָם אַקוראַט איידער די יעווסעקציע האָט געשלאָסן דעם סעמינאַר. דאָס איז געווען אין 1921.

ער איז געווען פֿאַרכאַפּט פֿון די שטימונגען פֿון יענער צײַט.

— איך האָב געגלייבט, — זאָגט ער מיר — אַז משיח קומט פֿון רוסלאַנד. איך בין פֿרײַוויליק אַוועק דינען אין דער רוסישער אַרמיי.

אין יאָר 1923 איז ער אַרויס פֿון דער אַרמיי. געקומען אין מאָסקווע לערנען, שטודירן. געלערנט מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפֿט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט.

— די סלאָבאָדקער ישיבֿה האָט זיך אָוועקגערוקט זייער ווײַט.

די אוניווערסיטעט־לימודים אין מאָסקווע האָט ער געענדיקט אין 1929. אָבער אין דער זעלבער צײַט איז ער געווען אַן אומלעגאַלער העברעיִשער לערער אין פּריוואַטע ייִדישע הײַזער. געלערנט בסוד מיט ייִדישע גרופּעס. געווען אַ מיטגליד פֿון „החלוץ".

— איך האָב ניט געטראַכט וועגן גיין אין ארץ־ישׂראל, זײַענדיק אַ ישיבֿה־בחור אין סלאָבאָדקע. איך האָב אָבער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, זײַענדיק אין מאָסקווע.

— וואָס איז געוואָרן מיט משיחן, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען פֿון רוסלאַנד?

— איך האָב שפּעטער דערקענט, — זאָגט ער מיר — זייער קלאָר און שאַרף, דערקענט דעם אמתן פּנים פֿון דער רעוואָלוציע.

אין רוסלאַנד האָט ער געשריבן, אין באַהעלטעניש, העברעיִשע שירים. זיך דאָרטן באַקענט מיטן פּאָעט דוד האָפשטיין, מיטן פּאָעט שמואל האַלקין.

די צוקונפֿט איז געוואָרן ארץ־ישׂראל.

דאָס איז געווען אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן.

— איך האָב משפּחה אין „פּאַלעסטינע" — האָט ער דערציילט אין „טאַרגסין".

דעמאָלט איז געווען אײַנגעשטעלט אַן אָפֿיציעלער פּרײַז פֿאַר אַ נסיעה פֿון אָדעס קיין „פּאַלעסטינע". אים האָט אָפּגעגליקט — ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן.

— אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַ געזעגענונג מיט מיר, — דערמאָנט ער זיך — זײַנען שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן. „וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבינדונג האָבן זיי געהאַט מיט קריבן?" עס האָט נאָך דעמאָלט געהאָלפֿן אויסקויפֿגעלט. מען האָט זיי אַרויסגעלאָזן, אָבער אַ ביסל שפּעטער — ווידער אַרעסטירט.

אַרויסגיין פֿון רוסלאַנד האָט ריכטיק געמיינט — זיך ראַטעווען. כּל־זמן מען איז ניט אויף יענער זײַט, איז נאָך אַלץ מורא, אומרו. עס האָט גענומען צײַט. ער איז דאָס איבערגעקומען, דורכגעמאַכט, און אין 1934 אָנגעקומען אין ארץ־ישׂראל.

— איך דערמאָן זיך — זאָגט ער — מײַנע אײַנדרוקן, מײַנע געפֿילן, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אויף אַן אָפּנעם, פּרײַען רעפֿעראַט פֿון יעקבֿ כּהן דעם פּאָעט. אין מיר איז נאָך געווען די שרעק און די קאָשמאַרן פֿון רוסלאַנד. איך האָב זיך באַגעגנט אויף דער גאַס אין תּל־אָבֿיבֿ מיט צוויי מיליציאָנערן. איז מיר אַרויסגעפֿאַלן דאָס האַרץ, איך האָב זיך דערשראָקן: „מען האָט מיך געכאַפּט!" עס האָט געדויערט, ביז די שרעק איז אַריבער, ביז איך האָב דערפֿילט, אַז עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

דאָס זײַנען איבערלעבונגען, וואָס בלײַבן אויף אייביק אין געמיט.

— די ערשטע צײַט — זאָגט ער — האָב איך געפּרוּווט זײַן אַ לערער אין ארץ־ישׂראל.

עס איז אים אָבער ניט געגאַנגען אין לערערײַ. געקומען אַ ייִד פֿון מאָסקווע, אָנגעהויבן לערערײַ אין ארץ־ישׂראל, האָבן די תּלמידים דער־שפּירט דעם מאָסקווער ייִדן, דעם „גרינעם". קודם־כּל האָט ניט געטויגט די דיסציפּלין אין קלאַס — די תּלמידים זײַנען אים געקראָכן אויפֿן קאָפּ. ער האָט שוין געהאַט געשריבן העברעיִש אין מאָסקווע. האָט ער אָנגעהויבן טאָן ליטעראַרישע אַרבעט אין ארץ־ישׂראל.

— געמאַכט איבערזעצונגען אויף העברעיִש. איבערגעזעצט פֿון דריַי שפּראַכן: פֿון רוסיש, פֿון דיַיטש און פֿון ייִדיש. איבערגעזעצט פֿון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. איבערזעצונגען אויף העברעיִש איז אין ארץ־ישׂראל אַ פֿאַך, אין וועלכן מען נייטיקט זיך.

דאָס האָט אָבער אַ חסרון פֿאַרן שריַיבער, וואָס ווערט אַן איבערזעצער. דאָס לאָזט אים ניט אָריגינעל אייגנס צו שריַיבן. עס נעמט צו כּוח און נעמט צו ציַיט. דאָס לאָזט אים ניט זיַין אַליין.

ער האָט רעדאַגירט פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע שריפֿטן. ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון ליטעראַרישן זשורנאַל „מאזנים". אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיַין ליטעראַריש לעבן, זיַין שעפֿערישע אַרבעט אין ארץ־ישׂראל, און זיך אָוועקגעצויגן אַ לאַנגע ציַיט. דערציילט ער מיר:

— איך האָב זיך לעצטנס אָפּגעזאָגט צו רעדאַגירן דעם „מאזנים". עס איז ניט פֿאַר מיַינע כּוחות.

זיַינע שריפֿטן, זיַינע אַרטיקלען און עסייען, זיַינען צעוואָרפֿן איבער זשורנאַלן און ציַיטונגען, צעזייט און צעשפּרייט.

— איך חלום זיך אומצוקערן צום שיר.

אונטער אַ גרעסערער צאָל פֿון זיַינע לידער איז פֿאַרצייכנט די שטאָט, ווו דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן. אַ היפּשע צאָל טראָגן דעם צייכן „מאָסקווע". עס זיַינען דאָ לידער, וואָס טראָגן צוויי צייכנס: „מאָסקווע און נהלל"; „מאָסקווע־תּל־אָבֿיבֿ" — ד"ה עס איז געשריבן אין צוויי מדינות.

— איך האָב געשריבן — דערציילט ער — אויף פֿילאָסאָפֿישע טעמעס, אויף ייִדיש־נאַציאָנאַלע טעמעס. קוקט אַריַין אין מיַינס אַ ליד אין וועלכן אַ ייִד טענהט זיך אויס מיט דער וועלט. אייראָפּע האָט געוואָלט דעם ייִדן פֿאַרטיליקן. האָט אייראָפּע עס ניט געקענט באַוויַיזן. טענהט אַ ייִד אין מיַין ליד צו אייראָפּע, און ניט נאָר צו אייראָפּע, נאָר צו דער וועלט דער גאַנצער. איך מיין, אַז דאָס איז איינס פֿון מיַינע שטאַרקסטע לידער. עס איז ניט קיין צופֿעליק ליד. עס איז אַ פּועל־יוצא פֿון איבערלעבונגען און טראַכטונגען.

מיש איך אויף אין זיַין לידערבוך דאָס ליד „ייִד און גוי". — דער גוי האָט גענומען פֿאַר זיך די גאַנצע וועלט — די טאָלן און די בערג, דאָס ליכט פֿון דער זון און דאָס צוויטשערן פֿון פֿייגל. ער האָט צוגענומען פֿאַר זיך אַפֿילו דעם שטיין פֿון דער ערד. טאָמער וועט דער ייִד לייגן דעם שטיין צוקאָפּנס, וועט קומען זיַין בעל־הבית, דער גוי, אים צונעמען און אים וואַרפֿן דעם ייִדן אין קאָפּ אַריַין.

— איין זאַך וואָס מען קאָן ניט צונעמען ביַים ייִדן איז דער קול־יעקבֿ.

זיַינע ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען זיַינען געשריבן עסייען־מעשׂיק. זיי זיַינען אויך שאַרפֿע אידעאָלאָגישע באַטראַכטונגען.

— מען מוז נעמען — זאָגט ער מיר — די ליטעראַטור ניט שטיקלעכוויַיז, ברעקלעכוויַיז, ניט שריַיבערוויַיז, נאָר זי נעמען ווי אַ סך־הכּל פֿון פֿאָלק.

מען וואַרפֿט אים אויף, אַז ער איז אַ מאַנער, אַ שאַרפֿער מאַנער, אַ שטאַרקער בעל־טענה. זאָגט ער מיר:

— קאָן זיין. איך בין אָבער אַן אָפּטימיסטישער בעל־טענה.

ער האָט טענות צו דער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל.

— געוויס — זאָגט ער — האָב איך מאַנונגען. מיר לעבן נאָך היינט פֿון די אַלטע העברעיִשע קלאַסיקער. עגנון איז אַ העברעיִשער קלאַסיקער. ער איז דער בעל־הבית פֿון דער אַלטער, געוועזענער, פֿאַרשווּנדענער ייִדישער שטאָט. עגנון איז אַרויסגעוואַקסן אַ פֿאַרצייטיקער ייִד און אַריינגעוואַקסן אין אונדזער צייט. עגנונס ווערק זיינען אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין יענע דורות, אין געדיכטער ייִדישקייט, אַז דער היינטיקער דור קאָן זיי שוין באַלד ניט פֿאַרדייען.

— חיים הזז איז אַ גרויסער קינסטלערישער כּוח. ער איז אַ טיף פֿאַרוואָרצלטער.

— און יעקבֿ כּהן? — פֿרעג איך.

— ער איז פֿון די גרויסע שעפֿער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. זיינע מאָטיוון זיינען אוניווערסאַל. זיינע דראַמעס זיינען פֿון גרויסער באַדייטונג.

— און די יונגע? — פֿרעג איך ווייטער.

— מיר האָבן צווישן זיי אַ סך טאַלאַנטן. טאַלאַנט — ווי בלאַטע, ווי גאָלד און זילבער אין שלמה המלכּס צייטן. טאַלאַנט אַליין איז אָבער ניט גענוג.

זיין טענה צום יונגן שרייבער איז אַזאַ:

— עס פֿעלן וואָרצלען. זייערע וואָרצלען שטעקן צו פֿלאַך, אויבן־אויף. זייער ערדשיכט איז אַ פֿלאַכער. אויף פֿלאַכע ערדשיכטן קאָנען ניט וואַקסן קיין דעמבעס.

— עס איז געשען אַן איבעררייס אין ייִדישן לעבן אין דער שאַפֿונג, און מיר זעען ניט קיין דירעקטן המשך. מען קאָן ניט שעפּן פֿון דער לופֿטן, פֿון ווינט. ווען מען שעפּט פֿון דאָרטן, קאָן מען ניט אַרויסשעפּן קיין גרויסע ווערק.

ער פֿילט אַ געוויסע פֿרעמדקייט צו די יונגע טאַלאַנטן. ער מיינט, אַז דער עיקר פֿעלט זיי איינגעוואָרצלטקייט אין פֿאָלק, אין דער געשיכטע, אין דער קולטור.

— נעמט משה שמירן מיט זיין „מלך בשׂר ודם". ער האָט שוין אויפֿגעדעקט אַ הינטערלאַנד. צו טיפֿע וואָרצלען האָט ער נאָך ניט דערגרייכט. ער האָט אָבער אַ סך טאַלאַנט, אַ סך כּוח. ער וועט נאָך דערגרייכן.

זאָגט ער נאָך עפּעס וועגן אים, וועגן משה שמירן:

— ער גייט נאָך אַלץ אַרום מיט די ברילן פֿון „השומר הצעיר".

ער שטרײַכט אָבער אונטער, אַז עס קומען פֿאָר פֿאַרענדערונגען, וויכ־טיקע אַנטוויקלונגען בײַ די יונגע.

פֿרעג איך אים וועגן זײַן באַציִונג צו העברעיִש. עס האָבן מיט מיר גערעדט שרײַבער — זאָג איך אים — וועגן זייערע געראַנגלען מיטן לשון, ווי שווער עס איז זיי געווען אים צו באַהערשן, צו פֿאַרהיימישן. ער פֿילט ניט אַזוי. ער זאָגט:

— בײַ מיר איז העברעיִש ווי אַ נאַטירלעכע סטיכיע. עס איז בײַ מיר אַ געלונגענער קאָנגזויַטיקער ראָמאַן מיט העברעיִש. העברעיִש האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ היפּש ביסל פֿון אירע אוצרות און חנען.

ער גיט נאָך צו:

— העברעיִש איז ניט בײַ מיר אַ בגד אַנצוטאָן. איך האָב אַ געפֿיל, אַז איך האָב אַרײַנגעזאַפּט אין זיך די העברעיִשע אוצרות.

שמועסן מיר אַזוי וועגן דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור, וועגן די אַלטע מקורים. קומט אונדזער שמועס צום תּנ״ך, וועגן וואָס אַבֿרהם קריבֿ האָט געשריבן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטן, און ער זאָגט אַזוי:

— מען לערנט דאָ בײַ אונדז אין די שולן דעם תּנ״ך וואָכעדיק, מען לערנט אים פֿלאַך, אויבן־אויפֿיק.

נאָך אַ לענגערן טראַכטן זאָגט ער ווײַטער:

— איך וויל פּרוּוון אויפֿדעקן די אידעען־וועלט פֿון תּנ״ך, פֿון דעם ספֿר וואָס האָט באַגײַסטערט די וועלט. איך וויל דערגיין צו די טיפֿענישן פֿון אָט דעם ספֿר.

— און די אידעען־וועלט פֿון מדרשים? — פֿרעג איך אים.

— וויפֿל מען האָט שוין ניט געשריבן וועגן אָט דער וועלט פֿון די מדרשים, — זאָגט ער — האָט מען נאָך אַלץ געשריבן צו ווייניק. די וועלט פֿון די מדרשים ליגט נאָך אַ פֿאַרשאָטנטע. מען דאַרף דורכפֿירן טיפֿע פֿאָר־שונגס־אַרבעטן.

פֿון תּנ״ך און מדרש צוריק צו דער העברעיִשער ליטעראַטור. רעדט ער וועגן דעם, אַז די גרינטלעכע רעוויזיע פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור שטייט נאָך אין פֿאָדערצימער. מיר זעען אַ תּהום צווישן די דורות פֿון פֿריִער און דעם דור פֿון הײַנט. מיר עסן נאָך הײַנט די פּירות פֿון יענע דורות. „וואָס זשע,״ — פֿרעגט ער מיט אַן אויפֿגעהויבענער שטים — „וואָס האָט שוין צוגעטראָגן אונדזער דור?״

דערמאָן איך אים, אַז דער הײַנטיקער יונגער העברעיִשער דור פֿון ישׂראל מיינט דאָך, אַז ער דאַרף און מוז זיך אָפּרײַסן ניט נאָר פֿון די פֿריִער־דיקע גלות־דורות, נאָר ער פֿילט אויך ניט קיין פֿאַרבינדונג, קיין שייכות צו די הײַנטיקע ייִדישע ישובֿים פֿון אַנדערע לענדער.

— ווער פֿרעגט דען דאָ, — פֿרעג איך — וועמען אינטערעסירט דאָ דער גורל פֿון ייִדישן ישובֿ אין אַמעריקע?

דאָס רודערט אויף אַבֿרהם קריבן. ער האַלט עס פֿאַר ניט גוט. עס מוז זײַן — מיינט ער — אַן ענגע פֿאַרבינדונג צווישן די ייִדישע יישובֿים, באַזונדערס צווישן די ייִדן אין אַמעריקע און די ייִדן אין מדינת־ישׂראל.

— וועגן דעם — זאָגט ער — דאַרף מען שטאַרק טראַכטן. מען דאַרף טראַכטן צוזאַמען און זוכן צוזאַמען.

ער האָט אַ חלום, און ער דריקט זיך אויס:

— ווען עס וואָלט געקאָנט קומען אַ גרויסע שעפֿערישע בשׂורה פֿון ארץ־ישׂראל, וואָס זאָל קאָנען גרייכן די ייִדן אין דער וועלט, קאָנען ווירקן אויפֿן ייִדישן לעבן, קאָנען אָנצינדן יעדן ייִדן, דאָס וואָלט געווען די ריכטיקע זאַך.

אָבער יענער וואָרט איז נאָך ניטאָ.

— גרויסע בשׂורות, — טענהט ער צו זיך אַליין — גרויסע ווערטן און גרויסע ווערטער באַשטעלט מען ניט. זיי מוזן קומען אַליין. אָבער דערווײַל קומען זיי נאָך ניט. דאַרף מען טאָן, אַרבעטן. דאַרף מען האָפֿן.

— דאַרף מען אַרבעטן בשותּפֿות. — זאָג איך.

ריידן מיר וועגן דעם, אַז אָפּקלאַנגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע דערגייען צו מדינת־ישׂראל גאַנץ ווייניק. ער רעדט וועגן דעם מיט באַדויער. זאָג איך אים:

— אַז איר האָט זיך אָפּגעשלאָסן פֿון אונדז דורך דעם לשון. מיר ריידן און שאַפֿן אויף צוויי לשונות.

ער איז מיט דעם ניט מסכּים, אַז דער עיקר איז לשון. ער גלייבט, אַז דער עיקר שטעקט אין אינהאַלט פֿון די ווערק. גרויסע אינהאַלטן וועלן איבערגיין ימען. שעפֿערישע בשׂורות, אויב זיי וועלן נאָר זײַן, וועלן זיי זיך שוין באַגעגענען. און ער פֿרעגט מיך מיט מאָנונג:

— נו, וואָס מיינט איר, וועט נאָך געבן די ייִדישע ליטעראַטור גרויסע ווערק? וועט זי אַרויסבריינגען גרויסע בשׂורות?

ער קאָן אויף דעם ניט ענטפֿערן. ער וואָלט געוואָלט, אָבער ער ווייס ניט.

— מען איז דאָך אַזוי קענגנזײַטיק דערווײַטערט.

וואָס שייך ישׂראל, גלייבט ער, אַז סוף כּל סוף וועט פֿון דאָרטן אַרויס אַ גרויסע בשׂורה צו די ייִדן איבער דער וועלט.

— און דעריבער טאַקע — זאָגט ער — פֿאָדער איך פֿאַרטיפֿונג, פֿאָדער איך אינהאַלט, זוך איך טיפֿע וואָרצלען.

— באַזאָרגט מיר — בעט ער מיך — אַ ביסל ייִדישע ביכער פֿון אַמעריקע.

מיר קוקן אויף זײַנע פּאַליצעס. קוקן אַ ביסל הינטער זיך, אויף די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. און ער רעכנט אויס:

— זיך באַטייליקט אין העברעיִשע זאַמלביכער אין רוסלאַנד: „צלי שמע" אין כאַרקאָוו, 1922; „בראשית" אין מאָסקווע, 1926. געשריבן אין „התקופה". געשריבן אין העברעיִשע אויסגאַבעס פֿון ארץ־ישׂראל. געווען יאָרן דער ליטעראַרישער קריטיקער פֿון „דבר". געווען יאָרן דער רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער הוספֿה צום „דבר", פֿון „מוסף". געווען רעדאַקטאָר פֿון צוויי־וואָכן־בלאַט „מאזנים". געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פֿון פֿאַר־לאַג „עם עובד". רעדאַגירט אין משך פֿון יאָרן, צוזאַמען מיט י. בורלאַ, די זאַמלביכער „מסורה" פֿון שרײַבער־פֿאַראיין.

— און איצט? — פֿרעג איך.

— איצט — אָפּגערוקט זיך אַ ביסל פֿון טומל. זיך באַזעצט אין דער שרײַבער־קאָלאָניע אין חיפֿה און פּלאַניר נײַע גרעסערע אַרבעטן.

— וועלן אַרויסקומען גרויסע שעפֿערישע אַרבעטן? וועלן אַרויס־קומען גוטע בשׂורות?

מיש איך אויף זײַן ליד „קול ובת־קול" און עס ריידן צו מיר זײַנע שורות וועגן „עני רוכב על חמור", וועגן משיחן, וועגן דעם אָרעמאַן וואָס רײַט אויף אַן אייזל, וועגן משיחן, וואָס וועט קומען.

— ער וועט קומען, ער וועט קומען. — זאָגט ער צו מיר.

איך קוק אויף זײַן שוואַרצן צעשויבערטן קאָפּ, וואָס זעט מיר אויס, ווי ער וואָלט אים אַרײַנשטעקן אין סאַמע בלויען הימל, וואָס הענגט איבער אונדז. דורות און האָבן געוואַרט אויף אים, אויף משיחן, געוואַרט אויפֿן אָנקומען פֿון דעם אָרעמאַן וואָס רײַט אויף אַן אייזל.

— ווען זשע וועט ער קומען?

— ער בלאָנדזשעט, געפֿינט ניט דעם וועג. ער בלאָנדזשעט איבער טאָלן און בערגלעך. מיר וועלן אָבער נאָך דערהערן די טריט פֿון דעם אָנזאָגער אויף די בערג פֿון ישׂראל.

ר׳ בנימין

ווען איך שרײַב וועגן מײַן שמועס

מיט ר׳ בנימינען, יהושע ראַדלער־פֿעלדמאַן, דער באַוווּסטער שרײַבער און פֿילאָסאָף, איז ער שוין אויף דער וועלט ניטאָ. אַ פּאָר וואָכן נאָך מײַן שמועס מיט אים איז ער געשטאָרבן אין עלטער פֿון 77 יאָר.

איך בין געגאַנגען אים זען, שמועסן מיט אים, ווײַל אַנדערש איז גאָר ניט מעגלעך געווען. ר׳ בנימין האָט געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע, גײַסט־רײַכסטע פּערזענלעכקייטן אין דער מדינה. ער איז געווען איינער פֿון די בעסטע העברעיִשע עסעיִסטן. ער האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אין פֿאַרלויף פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

איך האָב גוט געוווּסט וועגן די שאַרפֿע אַנפֿאַלן, מחלוקותן, אַטאַקעס אויף אים פֿאַר זײַנע אַרויסטרעטונגען קעגן דער פּאָליטיק פֿון דער מדינה, קעגן פֿאַרשיידענע פּאַרטייען; פֿאַר זײַן הייסער פֿאַרטיידיקונג פֿון די אַראַבער. אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט פֿאַרמינערן מײַן אינטערעס צו האָבן מיט אים אַ שמועס. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז איינער פֿון די אייגנאַרטיקסטע און זעלטנסטע געשטאַלטן. ער איז געווען די הויפּטפֿיגור אין דער אָרגאַניזאַציע „איחוד״, וועלכע האָט געפֿירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר ייִדיש־אַראַבי־שער דערנעענטערונג, — אַן אָרגאַניזאַציע, פֿון וועלכער דער פֿאַרשטאָרבענער ד״ר י.־ל. מאַגנעס איז געווען איינער פֿון די הויפּטגרינדערס.

ר׳ בנימין איז געווען איינער פֿון די הויפּטשרײַבערס און רעדאַקטאָרן פֿון דער חודש־שריפֿט „נר״. ער איז ניט נתפּעל געוואָרן פֿון די אַטאַקעס אויף אים, פֿון די בייזע און שאַרפֿע אַרויסטרעטונגען. ער איז געווען אַן עקשן, ער האָט געהאַלטן, אַז ער פֿירט אַ גערעכטן קאַמף, אַז נאָר מיט זײַן וועג דאַרפֿן גיין די ייִדן אין ארץ־ישׂראל. ער איז געווען פֿעסט בײַ זיך, אַז אַלץ וואָס דער „איחוד״ טוט, און ער מיט אים, איז פֿון ליבשאַפֿט צום ייִדישן פֿאָלק, צו ארץ־ישׂראל און צו גערעכטיקייט.

מיך האָט אָבער קודם־כּל אינטערעסירט ר׳ בנימין דער באַרימטער העברעיִשער שרײַבער, דער שאַרפֿזיניקער עסעיִסט, דער פֿעיִקער פּובליציסט און דענקער. ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז די לעצטע צײַט געווען קראַנק,

מערסטנס געלעגן אין בעט, האָט ער גערן געענטפֿערט אויף מײַן פֿאָרשלאָג צו זען זיך מיט אים. אונדזערע שמועסן האָבן זיך געצויגן דרײַ טעג איינע נאָך די אַנדערע אין זײַן וווינונג אויף 40 בית־המעלות אין ירושלים.

◆

אַז איך בין אַרײַן צו אים אין צימער, בין איך געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. דאָס בילד, וואָס איך האָב געזען, איז געווען אויסטערליש. איך האָב קודם־כּל דערזען אַ גרויסן גרויען קאָפּ מיט אַ יאַרמלקע איבער די לאַנגע געדיכטע האָר. איך בין צו נעענטער. פֿון אונטער זײַן הויכן גאונישן שטערן האָבן געקוקט צו מיר זײַנע גרויסע, טיפֿע אויגן הינטער גרויסע ברילן אין שוואַרצע רעמלעך. זײַן לאַנגע גרויע באָרד האָט ווי פֿאַרדעקט אים אין גאַנצן. אויפֿן טונקעלן צודעק האָט זיך באַזונדערס שאַרף אויסגעטיילט זײַן ווײַסע לאַנגע באָרד. לויטן קאָפּ האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אין בעט ליגט אַ ריזיקער ייִד. אָבער אַז ער האָט זיך שפּעטער אויפֿגעהויבן און אָנגעהויבן אַרומגיין איבער זײַן ליידיקער שטוב, וווּ ער האָט געוווינט איינער אַליין, אַרומגעקראָכן, אָנגעשפּאַרט אַן זײַן הויכן שטעקן, האָט מען געזען אַ קליינעם, נידעריק געוואַקסענעם ייִדן. זײַן קאָפּ האָט שווינגדיקערהייט ווי געקאָכט, געזאָדן מיט ייִדישע רעיונות, פֿאַנטאַזיעס און געפֿילן.

ער איז אַרויסגעקראָכן פֿון בעט, אַרומגעשלעפּט זיך אַ ביסל אַהין און צוריק. עס האָט אויף אים אַכטונג געגעבן זײַנער אַ פֿרײַנד, אויך אַן עלטערער ייִד. ר' בנימין האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין פֿאָטעל, אָנגעוויזן אויף עטלעכע עקזעמפּלאַרן פֿון זײַן זשורנאַל „נר", דעם אָרגאַן פֿון „איחוד", און מיך געפֿרעגט, צי איך קען זײַן זשורנאַל. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז איך קען אים גאַנץ גוט, איך לייען אים שוין אַ צאָל יאָרן. איך קען אָבער אויך ר' בנימינס זעלטענעם סטיל פֿון זײַנע ביכער, זײַנע פֿײַנע עסייען, און באַזונדערס קען איך זײַנע צוויי העברעיִשע ביכער: איינעם — „פֿון זבאָרעוו ביז כּנרת" און דעם צווייטן — עסייען און געשטאַלטן „על הגבולים". עס איז פֿאַר מיר געווען אַ פֿאַרגעניגן געוואָר צו ווערן, אַז אויך איך בין פֿאַר אים ניט קיין פֿרעמדער מענטש. ער האָט מיך געקאָנט און אויך געלייענט.

— פֿון וואַנען שטאַמט אײַער פּסעוודאָנים „ר' בנימין"? — האָב איך אים געפֿרעגט.

ער טוט מיר צוליב, ער דערמאָנט זיך אָן די פֿאַרגאַנגענע יאָרן און געשעענישן און דערציילט מיר וועגן דעם אַזוי:

— איך האָב צוזאַמען מיט י.־ח. ברענערן צונויפֿגעשטעלט דעם ערשטן העפֿט פֿון זשורנאַל „המעורר". ניט געווען דעמאָלט גענוג מיטאַרבעטער. האָבן מיר ביידע געדרוקט דאָרטן צו עטלעכע אַרטיקלען און געדאַרפֿט אויסטראַכטן עטלעכע פֿאַרשטעלטע נעמען. האָט ברענער אויסגעקליבן פֿאַר זיך דעם נאָמען „בר־יוחאי" אונטערצושרײַבן אַרטיקלען וועגן צײַטפֿראַגן און

„ח.־ב. צלאל״ אונטערצושרײַבן די ליטעראַרישע אַרטיקלען. איך האָב געהאַט אין יענעם ערשטן העפט דרײַ אַרטיקלען. אונטער אײנעם האָב איך זיך אונ־טערגעשריבן „ראַדלער״, אונטערן צווייטן „פעלדמאַן״. ווי שרײַבט מען זיך אונטער אונטערן דריטן? האָב איך זיך דערמאָנט אַז מײַן עלטער־זיידן ר׳ בונים, פון וועמען איך האָב זייער שטאַרק געהאַלטן. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אַז מענדעלע מוכר־ספרימס אַ העלד ר׳ בנימין, אין זײַן דערציילונג „לא נחת ביעקב״. איז געבליבן מײַן דריטע אונטערשריפט „ר׳ בנימין״. און אַזוי איז שוין געבליבן מײַן נאָמען אויף אַ סך יאָרן. ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר און איך האָב זיך צוגעקלעפּט צו אים.

טוט ר׳ בנימין אַ גלעט זײַן באָרד, אַ טאַפּ די יאַרמלקע אויף זײַן קאָפּ און ער גיט נאָך צו:

— צו ר׳ בנימין האָט זיך אויך צוגעקלעפּט זײַן באָרד און זײַן יאַרמלקע.

— יאָ, עס פּאַסט זיך.

— האָט איר געליענט מײַן „על הגבולים״?

— יאָ, איך האָב געליענט.

ער שלעפּט זיך צו, אַנגעשפּאַרט אויף זײַן שטעקן, צו זײַנע פּאָליצעס מיט ביכער, נעמט אַרוים דעם „על הגבולים״, ווי ער וואָלט טרעפן צו אים אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן, און איך הער פון אים אַזוי:

— צום ערשטן מאָל איז דער בוך געווען געדרוקט אין 1922. איך שטאַם פון גאַליציע, אָבער איך האָב שוין דעמאָלט געלעבט אין ירושלים. עס איז אַ בוך פון שילדערונגען, זעונגען און אָבסערוואַציעס.

ער וויל וויסן נאָך אַ מאָל, צי איך קען דעם בוך. זאָג איך אים בקיצור מײַן מיינונג:

— נאָך הײַנט קאָן מען לייענען אײַער „על הגבולים״ און האָבן דערבײַ אַ גײַסטיקן תענוג. די עסייען וועגן נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע ענינים, באַמער־קונגען און נאָטיצן וועגן שרײַבער, קינסטלער, פּאָליטישע פיגורן, זײַנען נאָך הײַנט נענגוג פריש.

ר׳ בנימין, זעט אויס, קאָן זײַן בוך אויסנווייניק און ער דערמאָנט אייניקע אַרבעטן פון דעם בוך:

— וועגן משה־לייב ליליענבלומען, וועגן י.־ל. פּרצן, וועגן וואָלטער סקאָטן, וועגן דאַנטען, וועגן ווינסטאָן טשוירטשילן, וועגן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרען און טאָלסטאָיען...

גיב איך צו:

— עסייען וועגן גאַליציע, וועגן רוים און ירושלים. איך האָב געהערט, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם דעמאָלטיקן העברעיִשן לייענער.

נעמט אַרוים ר׳ בנימין זײַנעם אַ צווייטן בוך פון אַן אַנדער פּאָליצע. ער ווײַזט מיר אַן אויף אַ קאַפּיטל וועגן שרײַבער. עס איז אַ שאַרף געשריבענער עסיי. ער רײַסט אין אים אַרונטער זייער אַ סך פון די ראָמאַנען־שרײַבער.

— דער שרייבער, — זאגט ר' בנימין — ווי ער וואלט ניט געקאנט איינהאלטן אין זיך דעם אינטימסטן סוד פון זיין אייגן לעבן — אלץ מוז ער אויסזאגן, דערציילן. עס שפארט אים. די גרעסטע שרייבער האבן אלץ ארויס־געפלוידערט — וועגן זייערע געליבטע, וועגן זייערע פרויען, אפילו וועגן זייערע אייגענע מאמעס. ווי עס וואלט אים, דעם שרייבער, א טייוול געצווינגען, ער זאל ניט באהאלטן אין זיך גארנישט. ווי ער וואלט געשטאנען פאר אן אויספארשער. אפשר וואלט גלייכער געווען, ער זאל זיך א מאל איינהילן אין א טלית און שווייגן? ניין, דאס קאן ער ניט. ער מוז פלאפלען, ער מוז פלויד־דערן, מוז דערציילן איין מאל און נאך א מאל און א דריטן מאל.

די בייזקייט פון זיינע אויסדרוקן דערגייט צו דעם, אז ער זאגט:

— ניטא קיין נבזה ווי דער שרייבער.

— אין איינער בוך — זאג איך אים — איז דאך אויך דא שיר־השירים וועגן שרייבער, סיי ווענן יידישע און סיי וועגן ניט־יידישע.

שטייט ער אין א ווינקל פון זיין צימער, ביי די פאליצעס מיט ביכער, אנגעשפארט אויף זיין שטעקן, טוט א גלעט זיין לאנגע גרויע באָרד, מאכט צו די אויגן, וויל זיך עפעס דערמאנען. יא, ער דערמאנט זיך און זאגט אזוי:

— איך האב געשריבן וועגן איבסענען, ווען איך האב הויך אפגע־שאצט; איך האב געשריבן וועגן סטרינדבערגן, ווען איך האב, פארקערט, געהאלטן פאר א קורצזיכטיקן.

ער הייסט מיר אריינקוקן אין זיין באשרייבונג פון יאסנאיא פאליאנא, טאלסטאיס דארף. ער האט עס געשריבן אין יוני 1896.

— איך האב געשריבן וועגן „א שלאפלאזע נאכט” פון טאלסטאי. דאס הארץ האט אים, טאלסטאיען, ווי געטאן אן אויפהער. ער ליגט די גאנצע נאכט און קאן זיך ניט, צוליב זיינע יסורים, אפגעבן צו גאט. „איך האב איין טרייסט.” — האט געזאגט טאלסטאי — „איך בין דאך ניט אליין, איך בין מיט גאט. און ניט געקוקט אויף אלע ווייטאגן געשעט עפעס, קומט עפעס פאר, וועט פארקומען. העלף מיר, טאטע מיינער.”

אזוי רײדנדיק וועגן טאלסטאיס ווייטאגן, האט זיך מסתמא ר' בנימין דערמאנט זיינע אייגענע ווייטאגן און האט זיך צוגעשלעפט אויף זיין שטעקן צו זיין בעט, זיך אריינגעלייגט און איבערגעחזרט טאלסטאיס ווערטער: „העלף מיר, טאטע מיינער”.

איך בין געזעסן לעבן זיין בעט, געקוקט אויף זיין ווייסער באָרד, זיין גרויען קאפ, די טרויעריקע אויגן און איך האב געוווסט, אז אים מאטערן איצט יסורים, ער איז דאך קראנק, אבער ער רעדט וועגן דעם קיין וואָרט ניט.

— מיין בוך „פון זבארעוו ביז כנרת” איז געדרוקט געווארן קאפיטלעב־ווייז אין משך פון א סך יארן. ווי א גאנצער בוך איז ער ארויס אין 1950. עס איז א בוך זכרונות וועגן אייגענעם לעבן.

„זבארעוו און כנרת". זבארעוו, דאָס שטעטל אין גאַליציע, וווּ ר׳ בנימין איז געבאָרן געוואָרן, און כנרת איז דאָס וווּנדערלעכע וואַסער אין גליל, וואָס איז זײַן בוך מיינט עס פאַר אים גאַנץ ארץ־ישׂראל. דאָס זײַנען ביאָגראַפישע עסייען, דערציילונגען וועגן זײַנע באַקאַנטע, וועגן באַגעגענישן מיט אַ גרויסער צאָל וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועגן דעם אויפקום און וועגן גרינדונג פון ייִדישע אינסטיטוציעס אין ישׂראל, וועגן די תימנער און ש. יבֿאליִן, וואָס איז געווען דער ערשטער שליח צו די תימנער.

— עס איז געווען אַ היסטאָרישע, אַ וווּנדערלעכע שליחות. יבֿאלי איז געגאַנגען אין שליחות שטיל און פרום, אָן טאַראַראַם.

דערמאָנט זיך ווײַטער ר׳ בנימין זײַנע שריפטן, עסייען און קריטישע אַרטיקלען, און ער זאָגט אַזוי:

— איך האָב געשריבן וועגן מענדעלע מוכר־ספרים, וועגן ד״ר שלמה שילער, וועגן די זשורנאַלן „השלח", „המעורר", „רביבים", אין וועלכע איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט. איך האָב געוואָלט אויפלעבן בילדער, געשטאַלטן פון אַ גרויסן דור צווישן זבארעוו און כנרת.

ר׳ בנימין רעדט פאַמעלעך, ציילט די ווערטער. דערמאָנט ער זיך אָן אַ מעשׂה מיט הלל צייטלינען און דערציילט אַזוי:

— צוויי יאָר איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט הלל צייטלין געשריבן, אין פאַרבינדונג מיט מײַנע זכרונות, ממש נבֿיאות וועגן דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע. אָט, קוקט אַרײַן, וואָס הלל צייטלין האָט געשריבן.

לייען איך אַזוי:

„דער אָפּגרונט עפנט זײַן מויל און וויל אַלץ אַרײַנשלינגען. ניטאָ קיין זיכערקייט פאַרן לעבן, פאַרן מאָרגן, אַפילו פאַר דער קומענדיקער שעה. האָסטו וואָס צו זאָגן, זאָג עס שוין, פאַרשפּעטיק ניט. זאָג עס אין וועלכער פאָרם דו ווילסט, אין וועלכן לשון דו קאָנסט. דו, ר׳ בנימין, האָסט געפונען גאַנצקייט אין ארץ־ישׂראל, איז הויז פון דײַנע קינדער און אייניקלעך. אָבער דײַנע ברידער אין גלות זיצן ווי אויף אַ ווולקאַן. אויך דו אין דײַן באַהעלטעניש זײַ ניט רויִק. ווער ווייס, וואָס אין די באַהעלטענישן שפּינט זיך פאַר אונדז. איצט האַלטן מיר נאָך די שרײַבערשע פעדער. ווער ווייס, צי מיר וועלן ניט דאַרפן פּלוצלונג האַלטן די שווערד און די שפּיז?"

איך דערלויב מיר צו דערמאָנען עפּעס פון די שאַרפע טענות און תּרעומות, וואָס ר׳ בנימין האָט געהאַט אין די לעצטע יאָרן. ניט געקוקט, צי גערעכט, צי ניט גערעכט, האָט אָבער געפלאַמט אין אים ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלק, צו ארץ־ישׂראל און טרײַשאַפט צו דער ייִדישער אמונה.

— מען האַלט מיך פאַר אַ שאַרפן, אויב ניט דעם שאַרפסטן קעגנער פון בן־גוריונען און זײַן פּאָליטיק — זאָגט ער — און דאָס איז ריכטיק. איך האָב געפּרעדיקט שלום מיט די אַראַבער אונטער אַלע באַדינגונגען.

— מען זאָגט דאָך, אַז די אַראַבער זײַנען פֿײַנד פֿון די ייִדן, שׂונאים פֿון דער ייִדישער מדינה, אַז זיי ווילן זיי אַרײַנוואַרפֿן אין ים אַרײַן. — קלײַב איך אויס די שאַרפֿסטע טענות, וואָס מען האָט צו זיי.

— עס איז ניט ריכטיק, — זאָגט ער — אַז די אַראַבער זײַנען אַנטי־סעמיטן. ווי וואָלט געווען צו ייִדן, ווען ניט די אַראַבער וואָלטן געווען זייערע שכנים, נאַר, חס־וחלילה, פּאָליאַקן אָדער אוקראַינער. ייִדן האָבן געלעבט צווישן די אַראַבער מער ווי צווישן די אייראָפּעער און דאָך איבער־געלעבט. די אייראָפּעער אָבער האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן ייִדן.

ער דערציילט מיר וועגן פּלענער, וואָס ער האָט געהאַט צו מאַכן שלום צווישן די ייִדן און די אַראַבער — פּלענער אַרײַנצולאָזן אַראַבישע פּליטים, צו מאַכן אַ בי־נאַציאָנאַלן שטאַט, פּלענער ווי אַזוי אַרויסצוגיין פֿון דער מיטל־מזרח־פּאָליטיק פֿון סכסוכים און מלחמות. ווען ער רעדט וועגן דעם אין זײַן קליינער דירהלע, מיט די פֿענצטער צו ירושלים, און מיט דער מחשבֿה פֿאַרקוקט אין דער ייִדישער אייביקייט, זעט עס אים אויס גאַנץ איינפֿאַך — גיי און מאַך שלום מיט די אַראַבער. זאָג איך צו אים:

— ר׳ בנימין, עס מאַטערט זיך די וועלט, מערבֿ און מזרח, מאָסקווע און וואַשינגטאָן, ירושלים און ניו־יאָרק, מיט די פּראָבלעמען פֿון מיטל־מזרח און איך זעט עס אויס איינפֿאַך צו מאַכן שלום. זײַט איר גרייט אַ מיליאָן ייִדן אַרויסצושיקן פֿון ארץ־ישׂראל? קיין נײַע ייִדן ניט אַרײַנצו־לאָזן? פֿאַרמאַכן די טירן? באַשר אַ ביסל ייִדן וועלן דאַרטן קאָנען לעבן רויִק? איז דאָס, לויט אײַער מיינונג, אַ גערעכטע זאַך?

אַנשטאָט צו ענטפֿערן דירעקט אויף מײַן פֿראַגע, האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן די סכּנות און אומגליקן, וועגן חורבן, וואָס קאָן חס־ושלום געשען, אויב מען וועט גיין, לויט זײַן אויסדרוק, „אויפֿן וועג פֿון די ממשלה־מענטשן".

— מען דאַרף זאָגן צו די אַראַבער: אחינו אַתּה, ביסט אונדזער ברודער.

— סטײַטש, ר׳ בנימין, — פֿרעג איך אים ווײַטער — עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אַלע ייִדן זײַנען משוגע און בלויז איר זײַט בײַם שׂכל. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז בלויז איין ייִד אין דער וועלט, ר׳ בנימין, וויל שלום און אַלע אַנדערע ווילן מלחמה. זאָגט זשע מיר, ווער איז מיט אײַך, וועלכע פּאַרטיי?

האָט ער מיך אָנגעקוקט, ווי עס האָט מיר אויסגעזען, מיט אַ איראָניע, מיט אַ ביסל ביטול, און ער האָט מיר געגעבן אַזאַ ענטפֿער וועגן זײַן פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט:

— איך געהער צו דער פּאַרטיי פֿון עשׂרת־הדברות, פֿון די צען געבאָט. פֿרעג איך אים ווײַטער:

— ווּ נעמט איר, ר׳ בנימין, דרייסטקייט, כּוח אַרויסצוטרעטן קעגן דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק?

האט מײַן פֿראַגע אים אַ רודער געטאָן. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן ווידער פֿון בעט, ווידער אַ כאַפּ געטאָן זײַן שטעקן און זיך ווידער צוגע־שלעפּט צו דער פּאָליצע מיט ספֿרים, און כמעט בלינדערהייט אַרויסגעשלעפּט אַ חומש, אים געעפֿנט און אָנגעוויזן אויפֿן פּסוק:

— עס איז געקומען דער פּליט און געזאָגט צו אַבֿרהם העבֿרי, וואָס האָט געוווינט אין אלוני ממרי... טײַטשט דער מדרש, אַז אַבֿרהם־אָבֿינו איז געווען אויף איין זײַט און די גאַנצע וועלט אויף דער צווייטער זײַט, און דאָך איז ער בײַ זיך ניט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דעם וואָס ער איז אַליין.

אַוועקגעלייגט דעם חומש צוריק אויף דער פּאָליצע, אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן פֿאָטערשטול, מיד צוגערופֿן נעענטער צו זיך און צו מיר גערעדט ווי דורך אַ מין שעפּטשען:

— מן השמים הייסט מען מיר.

און ער דערציילט מיר פּראָסט און פּשוט, אַז עס טרעפֿט בײַ נאַכט קלאַפּט מען אָן אין זײַן פֿענצטער און מען זאָגט אים, וואָס צו שרײַבן, און אַזוי שרײַבט ער.

— נבֿואה? — פֿרעג איך אים. זײַט איר אַ נבֿיא?

ענטפֿערט ער ניט דירעקט אויף מײַן פֿראַגע, שווײַגט אַ היפּשע ווײַלע — זאָל איך אַליין, הייסט עס, מיר מאַכן מײַן מיינונג. אָבער נאָך דעם ענטפֿערט ער אויף דעם אומדירעקט:

— פֿאַר וואָס איז מער ניטאָ קיין נבֿואה בײַ ייִדן? פֿאַר וואָס איז ניט געווען קיין נבֿיא אַפֿילו נאָך דעם ווי זעקס מיליאָן ייִדן זײַנען אומגעקומען?
— מען האָט אויסגעטראַכט, אַז אַ נאַר איז אַ נבֿיא, און קיינער וויל ניט זײַן קיין נאַר.

נעמט ער צו הילף דעם ספֿר ישעיה: הערט ישעיה דעם קול פֿון גאָט — „וועמען זאָל איך שיקן צום פֿאָלק, ער זאָל גיין פֿאַר מיר?" האָב איך געזאָגט: „שיק מיך".

איך זאָל דאַרפֿן פֿון דעם פֿאַרשטיין, אַז אַזוי האָט געטאָן ישעיה הנבֿיא און אַזוי טוט איצט ר' בנימין הנבֿיא. מען וועט זאָגן, אַז ער איז משוגע געוואָרן? — זאָל זײַן אַזוי. ער איז גרייט אויף דעם. דערציילט ער מיר, אַז איין מאָל האָט אים געזאָגט אוסישקין, נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט זײַנעם אַ שאַרפֿן אַרטיקל קעגן דער האַנדלונג פֿון די ייִדן אין ארץ־ישׂראל: „ר' בנימין, דאָס קאָן מען ניט דרוקן, דאָס טאָר מען ניט דרוקן, מעק עס אויס." האָט ער אים געענטפֿערט: „וואָס הייסט, איך זאָל עס אויסמעקן? איך האָב עס דען געשריבן? עס איז דאָך מן השמים."

איך הער אים אויס, איך פֿאַרצייכן אות באות זײַנע ווערטער.

זײַנען עס היצרייד? קומט עס אַרויס פֿון אַ קראַנקער פֿאַנטאַזיע פֿון דעם זקן ר' בנימין? ער איז ווידער אַרומגעקראָכן איבער זײַן צימער, מיט אַ סך אומרויִקייט געזוכט עפּעס, געפֿונען, אײַנגענומען עפּעס אַ רפֿואה, איין

מאָל און נאָך אַ מאָל, געבליבן שטיין, געקלאַפּט מיט זיין שטעקן אין דער פּאָדלאָגע:

— עס איז דאָ איין פּאַרטיי פֿאַר ייִדן, די פּאַרטיי פֿון די עשׂרת־הדברות.

ר׳ בנימין איז געווען דורכגענומען מיט אַ געפֿיל, אַז ער, דווקא ער, מוז זיך אָננעמען די עוולה פֿון די אַראַבער. איין ייִד, איין ייִד כאָטש אין ארץ־ישׂראל, דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן, לויט זיין אויסדרוק, דעם כּוח־השקר. „עס וועט געענדערט ווערן!..עס מוז געענדערט ווערן!..״ — רעדט ער צו מיר, און ער וויל מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל באַווייזן, אַז די אַראַבער זיינען ניט קיין אַנטיסעמיטן. והא ראיה — גרויסע ייִדישע ווערק זיינען דאָך געשריבן געוואָרן אין אַראַביש: דער רמבם, ר׳ סעדיה גאון, פֿילאָסאָפֿן, מאַטעמאַטיקער...

זיין ווייסער קאָפּ, זיין לאַנגע באָרד, זיינע אומרויִקע אויגן — אַזוי ווי זיי וואָלטן לויפֿן צו דער פֿאַרגאַנגענהייט. און ער זאָגט צו מיר מיט אַ התלהבֿות:

— צווישן די אַראַבער און די ייִדן איז געווען אַ צוזאַמענלעבן און ניט קיין שׂינאה.

ער האַלט, אַז די פֿירער פֿון מדינת־ישׂראל זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט. ער האַלט אויך, אַז די שׂינאה צווישן די ייִדן און מחמדן איז ניט געווען נייטיק. „מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען די היסטאָרישע באַדייטונג.״ נאָך אַ מאָל קומט ער צו זיין טענה:

— גירוש ספֿרד און טרעבלינקע האָבן געמאַכט אַנדערע פֿעלקער, ניט קיין אַראַבער.

אַז מען רעדט איצט צו די אַראַבער וועגן שלום, טייטשן זיי אויס, אַז מיר מיינען מלחמה.

בעת אונדזער שמועס קומט אַריין אַן אַלטער ייִד, זיינער אַ פֿריינד, וואָס קומט צו אים יעדן טאָג מיט אַ באַזונדערער טריישאַפֿט און פֿרומקייט, ווי אַ חסיד צו זיין רבין. ער שטעלט מיר אים פֿאָר. דער ייִד הייסט אריה־צבֿי, פֿון לאָדזש. ער איז אַ פּועל ביי „הדסה״. שוין 35 יאָר ווי ער איז פֿאַרבונדן אין פֿריינדשאַפֿט מיט ר׳ בנימינען. ער קומט אַריין אין שטוב, קוקט זיך אַרום און פֿרעגט שטומערהייט: — טאָמער דאַרף מען עפּעס. ער הערט זיך צו אַ ביסל צו אונדזער שמועס. איך פֿרעג ר׳ בנימינען:

— וווּ נעמט איר כּוח צו שטיין קעגן אַלעמען? צו שטיין אויף די אייגענע פֿיס? איך זע אַרום אייך איין איינציקן פֿריינד — אריה־צבֿין פֿון לאָדזש.

ר׳ בנימין זאָגט, אַז ער וועט ניט אָפּטרעטן, ער וועט ניט גיין צוריק. דערציילט ער מיר דערווייל עפּעס פֿון זיינע זכרונות:

— ווען איך בין געווען אַ 32יאָריקער בחור, האָב איך, זייענדיק אין בערלין, קאָרעספּאָנדירט מיט הערצלען. איך האָב אים דעמאָלט געשריבן

וועגן דעם וואס מיר האבן בשותפות און וואס ניט. איין מאל, א זייגער 5 אין דער פרי האט זיך מיר געחלומט, אז מען קלאפט אין פענצטער: „קום וכתב, יהושע!" דאס הייסט „שטיי אויף, יהושע, און שרייב!" בין איך אראפגעשפרונגען פון בעט און זיך געזעצט שרייבן. געשריבן צוויי וואכן טאג און נאכט. פארטיק געווארן, האב איך געשיקט צו ראובן בריינינען, געשיקט עקספרעס צו דוד פרישמאנען. פרישמאן האט געפרעגט: „ווו שטעקט אט דער האדלער?"

ער דערמאנט זיך, אז ער האט דעמאלט געשריבן צו אחד־העמען. ווען מען האט געפרעגט אחד־העמען, ווי דאס געפעלט אים, האט ער געענטפערט: „לכתחילה האב איך געמיינט, אז דאס שרייבט א שייגעץ. האב איך געלייענט א צווייטן מאל און א דריטן מאל, ביז איך האב געטראכט, אז דער מענטש האט וואס צו זאגן."

שווייגט א ווײַלע ר׳ בנימין, און עס שלאגט אין אים ווידער זײַן זכרון:

— מיט 50 יאר צוריק בין איך געווען אין בוקאווינע. עס איז געווען ביי טאג. שניי איז געפאלן. פלוצלונג האב איך דערהערט אין זיך א געשריי אין דער סאמע שטילקייט: „לויף אהיים שרייבן!" איך האב אזוי געטאן — געלאפן אהיים און געשריבן אן ארטיקל וועגן דער אראבישער פראגע. מאדנע, דעמאלט איז ביי מיר געווען דער זעלבער געדאנק ווי היינט.

ער האט געשיקט זײַן שרייבן צו י.־ח. ברענערן. ער האט עס געדרוקט אונטער א קאפ וואס ער, ברענער, האט אליין אנגעשריבן:

— „משא ערב".

ווען אוסישקין האט אים פארגעלייגט צו ענדערן עפעס אין זײַן ארטיקל וועגן די אראבער, האט ער געענטפערט:

— ניט איך האב עס געשריבן און ניט איך קאן עס ענדערן.

דער געדאנק, אז דאס זײַנען מחשבות מן השמים האט זיך אין אים פארשטארקט.

דער בארימטער פאעט שמעוני האט צו אים געשריבן:

— איך בין א מתנגד פון דײַנע געדאנקען, אבער איך בין דײַנער א פרײַנד.

אויך שמעוני האט אים א מאל געזאגט, ער זאל איבערשרײַבן א קאפיטל אין זײַן ארטיקל. פארשטייט זיך, אז ער האט אים ניט געפאלגט.

— ניט געקאנט אים פאלגן!

זאל איך ניט מיינען, אז ער האט עפעס אן אײַנריידעניש, אז ער האט זיך עפעס איבערגענומען, אז ער איז גרויס ביי זיך.

— ניין, זאגט ער, איך בין נאך אלץ דאס קליינע שײַעלע פון זבארעוו. אנדערש זײַן קאן איך ניט.

ער מוז זיך אָפּרוען פֿון מאָל צו מאָל, ווי אַריינצוזען אַטעם, קלאָרער מאַכן זײַן מחשבֿה פֿאַר זיך אַליין. טוט ער אַזוי, און ער זאָגט שפּעטער צו מיר:

— עס איז דאָ אַ קוק אויף יהדות וואָס שטאַמט פֿון „שפך חמתך על הגויים". ניין, דאָס איז ניט יהדות. „לא תחיה כל נשמה" איז ניט יהדות.

ער קאָן ניט אײַנזיצן אין זײַן ווייכן שטול. ווידער טוט ער אַ נעם דעם שטעקן, ווידער לאָזט ער זיך איבערן חדר, קלאַפּט מיטן שטעקן אַן דער פּאָדלאָגע, רעדט צו מיר, רעדט צו דער וועלט, רעדט צו זיך אַליין אַזוי:

— ניין, דאָס איז ניט ייִדישקייט!..

— שלום איז ייִדישקייט, עשׂרת־הדברות איז ייִדישקייט.

פֿרעג איך אים איבער:

— קאָן איך שרײַבן אין אײַער נאָמען אַלץ וואָס איר האָט מיר געזאָגט?

— שרײַבט! שרײַבט! — זאָגט ער צו מיר גאַנץ הויך — איך דאַרף ניט אָנקומען צו קיינעם און קאָן זאָגן, וואָס איך האַלט פֿאַר ריכטיק.

דאָס גאַנצע בילד האָט שוין אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווײַט־ווײַט פֿון ווירקלעכקייט, פֿון רעאַלן לעבן. עס איז געווען אַ סצענע פֿון אַ גרויסער ייִדישער דראַמע, „פֿון זבאַרעוו ביז כּנרת".

איך בין נײַגעריק עפּעס געוואָר צו ווערן וועגן זײַן פּריוואַטן לעבן. און אָט הער איך אויס:

ר' בנימין האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אַליין. מיט צוויי יאָר צוריק איז געשטאָרבן זײַן פֿרוי. צו די שלושים האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קליינעם ספֿרל אין העברעיִש, „צום אָנדענק פֿון דבֿורה ראַדלער־פֿעלדמאַן ע"ה".

עס שאַט ניט, איך זאָל אַרײַנקוקן אין דעם קליינעם ספֿרל, פֿון וועלכן עס שמעקט סײַ מיט יענער וועלט סײַ מיט דער וועלט. זאָל איך דאָרטן לייענען אַזוי: „דאַנערשטיק, דעם 5טן טאָג אין תּמוז, בין איך געזעסן לעבן איר בעט" — האָט געשריבן דאָרטן ר' בנימין — „מיט איין האַנט האָב איך געהאַלטן איר האַנט און מיט דער צווייטער האָב איך אָפּגעטריבן די אײַנגעגעסענע פֿליגן. ווען אירע ווייטאָגן זײַנען געוואָרן גרעסער און זי האָט געשריִען פֿון ווייטאָג, האָב איך איר געזאָגט: ‚האָב ניט מורא, דבֿורה.' און זי האָט געענטפֿערט: ‚איך האָב ניט מורא.' איר שטים האָט דעמאָלט צוויבערלעך געקלונגען. האָב איך צו איר געזאָגט: ‚דו הערסט, דבֿורה, אַז מען רופֿט דיך?'"

וועגן דעם, ווי זי איז נפֿטר געוואָרן, דערציילט ער אַזוי:

— מיר האָבן געזאָגט „שמע ישׂראל" און די פּרשה „ואהבֿת". זי האָט געעפֿנט איר רעכטע אויג, געקוקט גלײַך אויף מיר, נאָכדעם איר צוגעמאַכט און — געשלאָפֿן אויף אייביק. זי האָט אויסגעזען דעמאָלט אויסטערליש שיין. איך האָב זי קיין מאָל ניט געזען אַזוי שיין. זי איז געלעגן אויפֿן קישן און מען האָט שוין מער פֿון איר גאָרנישט געהערט. איר פּנים איז געוואָרן בלייכער און בלייכער. איבער איר האָט געשײַנט אַן אייבערשטע ליכטיקייט.

רופט מען דאָס ניט מיתת־נשיקה? עס איז געקומען אַ סוף צו אירע איוב־יסורים... יתגדל ויתקדש שמה רבא.

זע איך אין אַנדענקשריפט צו די שלושים פון זײַן פרוי, אַז ניט געקוקט אויף זײַן שאַרפער קריטיק אויף דער רעגירונג, זײַנע אייגענע געוועזענע חברים, ניט געקוקט אויף זײַן געוואַלדיקער אַפּיקורסות לגבי מדינת־ישׂראל, איז ער נאָכן טויט פון זײַן פרוי פאַרשאָטן געוואָרן מיט מיטגעפיל־אויסדרוקן פון די באַרימטסטע ישׂראל־פּערזענלעכקייטן, אַנגעהעריקע צו פאַרשיידענע ריכטונגען, פרומע און פרײַע. דער פּרעזידענט יצחק בן־צבי האָט אים געשריבן: „נעם אויף מײַן טרייסט און די טרייסטונג פון מײַן פרוי. עס איז צוגענומען געוואָרן פון דיר די פרוי פון דײַן יוגנט. זאָלסט צוזאַמען מיט אַלע אבלי־ציון וירושלים געטרייסט ווערן.״

זאָל איך זען דעם בריוו, וואָס צו אים האָט געשריבן דער פּאָעט יעקב פיכמאַן:

— זאָל גאָט דיר געבן כּוח איבערצוטראָגן דעם גרעסטן קלאַפּ.

דער גאון ר׳ צבי־יהודה הכּהן קוק האָט, צווישן אַנדערע זאַכן, צו אים געשריבן:

— זאָלסט געטרייסט ווערן פון גאָט, זאָלסט זוכה זײַן צו זען די בנין פון ליכט פון גאָט איבער ציון וירושלים.

דער באַרימטער גאון ר׳ יהודה מעלצער האָט אין זײַן בריוו צו ר׳ בנימינען געשריבן:

— צדיקים ווערן אָנגערופן לעבעדיקע בײַ זייער טויט. עס איז גרויס דאָס ליכט, וואָס דערהייבט זיך און שטאַרקט זיך איבער דער פינצטערניש.

ער האָט מיר געוויזן די בריוו וואָס ער האָט באַקומען נאָכן טויט פון זײַן דבורהן און אַזוי ווי פאַר זיך אַליין געמורמלט:

— אַליין זײַן איז זייער שווער.

◆

ר׳ בנימין איז אַוועק פון דער וועלט. עס האָט זיך אײַנגעשטילט דער טומל אַרום אים, די רייד וואָס זײַנען געווען. עס איז אַוועקגעשוווּמען דער שוים און עס איז אַרויסגעקומען אין זײַן ליכט איינער פון די אָריגינעלסטע יידן פון זײַן דור.

אַבֿרהם שלאָנסקי

תל־אָבֿיבֿ. שבת פֿרי.

מײַן גאַנג צו אבֿרהם שלאָנסקין איז דורך גאַסן וואָס טראָגן נעמען פֿון ייִדישע שרײַבער פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט:

— רחובֿ דוד פֿרישמאַן, רחובֿ י. גאָרדין, רחובֿ בן־יהודה...

קנאַפּע באַוועגונג אויף די גאַסן. עס איז שבת־מנוחה. איך וואָלט ניט מיד געוואָרן צו גיין איבער די גאַסן לאַנגע שעהען, אַזוי ווי די רחובֿות, זייערע געשיכטעס, זייערע נעמען וואָלטן אַרײַנגעדרונגען אינעווייניק אין געמיט. זיי גייען מיט מיר. אבֿרהם שלאָנסקי, דער באַרימטער העברעיִשער פּאָעט, דער עסעיִסט, דער פּעיִקער איבערזעצער, דער מפּ״מניק, דער „רוסישער", ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע מײַסטערס פֿון העברעיִשן לשון. באַלד וועל איך בײַ אים זײַן. דערווײַל קום איך אַרויף אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון רוסיש־ייִדישן פּאָעט:

שמעון פֿרוג.

האָבן זיך אָנגעטראָגן צו מיר אַלטע פֿערזן פֿון זײַנע לידער מיט זייערע פֿאַרשוווּמענע נגונים. ווי ווײַט עס זײַנען פֿון דאַנען די גאַסן פֿון שמעון פֿרוגס אָדעס און פּעטערבורג! וואָס זאָגט ער, שמעון פֿרוג, צו דעם וואָס אין פֿאַרלאָף פֿון דער צײַט פֿון זײַנע רוסישע לידער אין אָדעס ביז זײַן גאַס אין תל־אָבֿיבֿ?

דוד פֿרישמאַן פֿון וואַרשע און לאָדזש — ניטאָ מער זייערע גאַסן מיט ייִדן. וואָס וואָלט געזאָגט אַצינד דוד פֿרישמאַן, וואָס האָט זיך אַזוי שאַרף געקריגט מיט הערצלס באַזעלער קאָנגרעס, ניט געגלייבט, בטל געמאַכט און — נאָ דיר גאָר „רחובֿ דוד פֿרישמאַן" אין תל־אָבֿיבֿ!

וואָס ווייסן די סאַברעס, וואָס גייען אַצינד דורך דוד פֿרישמאַנס גאַס, פֿון יענעם ייִדן וואָס האָט געשריבן העברעיִש אין גלות, פֿעליעטאָנען און עסייען אין די גלותדיקע צײַטונגען, גערעדט אַ לאָדזשער דײַטשמעריש?.. אין זײַן וואַרשע האָבן אים ייִדן גערופֿן „פּאַני פֿרישמאַן". נאָך זײַן טויט איז זײַן פֿרוי אומגעגאַנגען איבער אַמעריקע צו פֿאַרקויפֿן זײַנע העברעיִשע ספֿרים. און ווער דאַרף אין אַמעריקע העברעיִשע ספֿרים?.. אַזוי ביז

איך געגאַנגען איבער זײַן גאַס אין תּל־אָבֿיבֿ און כּמעט אומבאַמערקט אַרײַנ־געקומען אין הויז פֿון פּאָעט אַבֿרהם שלאָנסקי.

— שלום!

— שלום!

אַבֿרהם שלאָנסקי זיצט בײַ זײַן טיש און אַרבעט. ער איז פֿאַרנומען מיט רעדאַגירן די איבערזעצונג פֿון פֿראַנצייזיש אויף העברעיִש פֿון גוסטאַוו פֿלאָבערס ראָמאַן „מאַדאַם באָוואַרי". די איבערזעצונג האָט געמאַכט די העברעיִשע שריפֿטשטעלערין דבֿורה באַראָן. דער העברעיִשער פֿאַרלעגער און זײַן שריפֿטזעצער וואַרטן אויפֿן מאַנוסקריפּט — אויסגעטאָן פֿלאָבערס פֿראַנ־צייזישע מלבושים און אָנגעטאָן העברעיִשע. איצט גלעט זיי אויס, פּרעסט זיי אויס, גלײַכט זיי אויס — דבֿורה באַראָנס העברעיִשע בגדים — אַבֿרהם שלאָנסקי. וועגן אים, וועגן אַבֿרהם שלאָנסקין, האָט אַ מאָל געהאַט געזאָגט חיים־נחמן ביאַליק:

— אין ישיבֿה האָט ער ניט געלערנט; קיין מתמיד אין וואָלאָזשין איז ער ניט געווען; בײַ די חכמי־אַדעס האָט ער אויך ניט געלערנט קיין לשון־קודש — פֿון וואַנען זשע קומט צו אים אַזאַ וווּנדערלעכער העברעיִשער לשון, אַזאַ מײַסטערשאַפֿט פֿון סגנון?

זוך דעם מקור. און וואָס איז דען דער אונטערשייד? אַבי ער האָט אים, דעם רײַכן לשון זײַנעם.

דערציילט מען אַזאַ מעשׂה: דער גרויסער בעל־לשון און בעל־סגנון נחום סאָקאָלאָוו האָט געהאַט געשריבן אַ פֿײַנעם עסיי וועגן דעם פֿילאָסאָף העברי בערגסאָן וואָס שטאַמט פֿון וואַרשע — אַ מין פּאָעמע אין פּראָזע. עס איז אַ לירישע השתּפּכות־הנפֿש וועגן וואַרשע, וועגן דעם דאַרטיקן אַלטן ייִדישן דור, אַ מין מוזיקאַלישע פּאָעמע אין פּראָזע. די פּאָעמע איז איבער־געדרוקט געוואָרן אין אַ סאָקאָלאָוו־בוך אין ארץ־ישׂראל. דער סטיל און לשון איז געווען אַ געמיש פֿון אַלטן העברעיִש פֿון תּנ"ך און גמרא מיטן נײַעם העברעיִש. „אַזאַ אײַגנאַרטיקן העברעיִשן סטיל האָט געהאַט נאָר נחום סאָקאָלאָוו!" — האָבן די לעזער באַוווּנדערט. וואָס האָט זיך אָבער אויסגע־לאָזן? נחום סאָקאָלאָוו האָט זײַן פּאָעמע אין פּראָזע וועגן העברי בערג־סאָנען געשריבן אין ייִדיש און אַבֿרהם שלאָנסקי האָט זי איבערגעזעצט אין העברעיִש. נחום סאָקאָלאָוו אַליין איז געווען אַזוי נתפּעל פֿון דער איבער־זעצונג, אַז ער האָט געגעבן אַבֿרהם שלאָנסקין אַ מתּנה אַ גאָלדענע פֿעדער.

אַזאַ מאדים איז ער, אַבֿרהם שלאָנסקי. דאַרף מען גענויער וויסן וועגן אים און, אויב גענויער, הייסט גיין צו זײַן אָנהייב.

— דערציילט מיר עפּעס, — האָב איך אים פֿאַרגעלייגט — אויב איר האָט חשק, וועגן אײַערע קינדער־יאָרן.

דערציילט ער מיר אַזוי:

— געבאָרן געוואָרן אין רוסלאַנד, אין קרעמענטשוג, אין יאָר 1900. איך בין געקומען אויף דער וועלט, ווען עס האָט זיך געענדיקט אַ שרעקלעכער יאָרהונדערט. איך בין אַלט געווען פֿינף יאָר, ווען עס איז פֿאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין קרעמענטשוג. דעמאָלט זײַנען מיר אַוועק פֿון קרעמענטשוג קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

רוסלאַנד, קרעמענטשוג, יעקאַטערינאָסלאַוו, ייִדישע פּאָגראָמען — דאָס איז אַרײַן אין זײַן קינדהייט און געבליבן אין אים אויף זײַן גאַנץ לעבן.

ווער און וואָס איז געווען זײַן טאַטע? דער טאַטע איז געווען אַ פּאַדריאַטשיק אין דער צאַרישער אַרמיי, אויסגעפֿירט באַשטעלונגען פֿאַר דער קאַזאַרמע, געמאַכט בײַ אים דורך אַפֿיצערן, גענעראַלן. וועגן דעם פֿלעגט אַ סך ריידן דער טאַטע אין שטוב. ער איז אָבער אויך געווען אַ משׂכּיל, אַ שפּראַכן־קענער, אַן אחד־העמיסט און אַ פֿידל־שפּילער.

— געלערנט אין חדר מתוקן און די קינדער־יאָרן. נאָכדעם אין גימנאַזיע.

זײַן טאַטע דער אחד־העמיסט דער משׂכּיל האָט געשיקט זײַן זון לערנען אין דער גימנאַזיע הרצליה אין תּל־אָבֿיבֿ. אַבֿרהם שלאָנסקי איז דעמאָלט געווען אַ בר־מצווהניק. געקומען אַ קליין ייִנגל אין ארץ־ישׂראל. געוואָרן אַ תּלמיד אין יענער צײַט אין דער ערשטער און איינציקער העברעיִשער גימנאַזיע אין דער וועלט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען דאָרט גערעדט לשון־קודש. זײַן טאַטע האָט ניט געוואָלט, אַז זײַן זון זאָל לערנען אין גוייִשע גימנאַזיעס אין רוסלאַנד. ער האָט געוואָלט אויסהאָדעווען אַ זון אַ גאַנצן ייִדן.

נאָכן ערשטן יאָר אין גימנאַזיע הרצליה איז ער געפֿאָרן אויף קאַניקולעס אַהיים קיין רוסלאַנד. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ער האָט ניט געקאָנט צוריקפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל צו דער גימנאַזיע הרצליה. פֿון ווילנע האָט זיך עוואַקויִרט קיין יעקאַטערינאָסלאַוו די „ווילענסקאַיאַ גימנאַזיאַ". אַבֿרהם שלאָנסקי איז געגאַנגען אין דער גימנאַזיע כּדי זי צו ענדיקן. אויס העברעיִש, צוריק רוסיש. ער האָט דאָרטן געלערנט ביזן אָנהייב פֿון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אין 1918, אין אָנהייב פֿון דער רעוואָלוציע, האָט ער געענדיקט די רוסישע גימנאַזיע.

— איך בין אַרײַנגעקומען אין געמיט פֿון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

ער איז אָבער דירעקט ניט געווען פֿאַרמישט אין רוסלאַנדס רעוואָלוציע. ער איז געווען נאָר איר עדות. ער האָט געזען, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט. אַ ביסל שפּעטער, אין 1921, האָט ער זיך געלאָזט אומלעגאַל פֿון רוסלאַנד קיין פּוילן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ גרופּע חלוצים אין סמאָלענסק. ער האָט געהאַט בײַ זיך פֿאַרשטעקט אַ צעטל, פֿון וועלכן מען האָט געקאָנט זען, אַז ער פֿאָרט קיין פּוילן צום מרכּז־החלוצים. ער האָט געדאַרפֿט דעם צעטל ברענגען אַהין ווי אַ סימן פֿון כּשרות. ער האָט

ביי זיך געהאַט אויך דריי פֿאַלשע פּאַספּאָרטן — וועט ער ניט קאָנען גיין אויף איינעם, וועט ער גיין אויפֿן צווייטן. אויך אַ ביסל אויסלענדישע וואַלוטע. מיט דעם איז ער אַרעסטירט געוואָרן.

— איך בין אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון אַ שוואַרצן גרוזין, אַ רשע, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט גערעדט כּלומרשט זיסלעך:

— פֿאָרסט קיין ארץ־ישׂראל?.. לערנען זיך ערדאַרבעט?.. איך בין אויך אַ יידישער בחור. מיר וועלן זיך טרעפֿן אין ארץ־ישׂראל.

ער איז געווען אַ ביטראַק. — זאָגט מיר אַבֿרהם שלאָנסקי.

אים האָט נאָך צוגעשפּילט דער מזל. ער איז געפֿירט געוואָרן קיין מינסק, קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, געגאַנגען קיין כאַרקאָוו, קיין וואָלאָזשין. עס האָט גענומען צייט און ער האָט זיך אַריינגעשמוגלט אין פּוילן. דאָרטן, אויף יענער זייט גרענעץ, איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן.

— אַ באָלשעוויק! — האָט געזאָגט דער פּוילישער סאָלדאַט.

אַרעסטירט, איז קודם־כּל טורמע. אַ חודש פּוילישע טורמע. געזעסן אין אַ מיליטער־טורמע אין לידע. מען האָט געפֿונען ביי אים פֿאַרשריבענע פּאַפּירן.

— וואָס איז דאָס? — פֿרעגט אים אַ פּאָליאַק מיט קרומע אויגן.

— לידער. — ענטפֿערט ער.

— אין וועלכן שפּראַך?

— ביבלשפּראַך.

פֿרעגט אים דער פּאָליאַק:

— קענסטו רוסיש?

— יאָ.

— שרייב אָן אַ ליד אויף רוסיש אין מיין אַלבאָם. שרייב פֿאַר מיר.

אַ ליד האָט זיך אים פֿאַרוואָלט, דעם פּאָליאַק מיט די קרומע אויגן, וואָס דאַרף היטן יושר און געזעץ ביי דער גרענעץ און אין טורמע.

אַ ברירה האָט געהאַט אַבֿרהם שלאָנסקי? אַ ליד? זאָל זיין אַ ליד אויף רוסיש. דאָס ליד, זעט אים איצט אויס, האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן, געווען פֿאַר אים אַ מליץ־יושר.

— מען האָט מיך געפֿירט אין ווילנע.

דאָקטאָר יעקבֿ וויגאָדסקי פֿון ווילנע האָט אים גענומען, לגבי דער פּוילישער מאַכט, אונטער זיין אַחריות. שלאָנסקי איז שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז דער פּאָליאַק, זיין שומר, איז גאָר געווען אַ משומד.

הכּלל, מען האָט אים אַרויסגעלאָזן אויף דער פֿריי. וואָס זשע טוט מען דעמאָלט? וואָס איז דער תּכלית פֿאַר אים צו זיצן אין פּוילן? זיין גאַנג איז דאָך געווען קיין ארץ־ישׂראל. דעמאָלט איז פֿאָרגעקומען דער יפֿוער פּאָגראָם.

מען האָט אָפּגעשטעלט די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. אַבֿרהם שלאָנסקי איז געבליבן שטעקן אין ווילנע.

— וואָס האָט איר דאָרטן געטאָן? — פֿרעג איך אים.

— געווען אַ חלוץ. געווען אַ האַלצהעקער אין ווילנע עטלעכע חדשים. געווען אַ יונגער בחור אין אָנהייב פֿון די צוואַנציקער. געזוכט אין פּאַלעסטינע־אַמט מײַן אויסלייזונג:

— לאָזט מיך פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל.

די ריי איז דאָרטן אַ לאַנגע. מען דאַרף לאַנג וואַרטן. מען רעדט אים אָפּ פֿון לאָזן זיך אַצינד קיין ארץ־ישׂראל.

— צו וואָס דאַרפֿסטו פֿאָרן? וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? ביסט אַן אינטעליגענטער מענטש. וועסט זיך בײַ אונדז אַן עצה געבן. וועסט דאָ געפֿינען וואָס צו טאָן.

זיי האָבן דאָך ניט געוווּסט, אַז דעם יונגן האַלצהעקער איז באַשערט צו זײַן אַ העברעיִשער פּאָעט.

ער דערמאָנט זיך אַצינד יענע ווײַטע צײַט פֿון זײַן יוגנט. הוליאַנקעס אין ווילנע בײַם אָפּפֿאָר פֿון די חלוצים. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז מען איז אים גאָר חושד, אַז ער איז אַ קוריער פֿון קאָמינטערן.

אין אונדזער שמועס ווילן מיר ניט בלײַבן צו לאַנג שטיין בײַ יענער צײַט. זאָגט אַבֿרהם שלאָנסקי:

— הכּלל, ווי איר זעט, בין איך דערגאַנגען קיין ארץ־ישׂראל. דאָס איז געווען אין סוף פֿון יאָר 1921.

— וואָס האָט איר געטאָן אין ארץ־ישׂראל די ערשטע צײַט?

— ניט געשריבן קיין לידער. געאַרבעט בײַ כּבֿישים. עס איז געווען דער פּעריאָד פֿון בויען כּבֿישים.

ער געדענקט זײַן אַרבעט אויפֿן כּבֿיש עפֿולה־נצרת. ער איז אויך געווען פֿאַרנומען בײַ בויאַרבעטן אין תּל־אָבֿיבֿ. געאַרבעט בײַם בויען הײַזער עטלעכע יאָר. געווען אַ בעטאָנשטשיק. עס איז געווען די צײַט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסלייזונג פֿון עמק".

— געאַרבעט אַ יאָר אין עין־חרוד.

— וואָס האָט איר געטאָן אין קיבוץ עין־חרוד?

— געווען אַ האַלבער לערער און אַ האַלבער ערדאַרבעטער.

דערמאָנט ער זיך מעשׂים פֿון יענער צײַט:

— זיך באַטייליקט אין אַ פֿוטבאָל־פֿאַרמעסטונג צווישן עין־חרוד און תּל־יוסף און איבערגעזעצט די ווערק פֿון קאַרל מאַרקס אויף העברעיִש.

די יוגנט איז דעמאָלט געווען בונטאַריש, זיך געבונטעוועט קעגן דער אינטעליגענץ. מען האָט געלעבט מיטן יוגנט־אידעאַל פֿון אַרבעט. אויפֿן דעמאָלטיקן לשון האָט עס געהייסן:

— זײַן אַ היפּער־גרוביאַן.

מען האָט זיך אַפילו געשעמט מיט לייענען ביכער. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן „אינטעליגענטע מאַניער". אַז מען האָט געהערט, אַז מען הייבט אָן ריידן צווישן זיך וועגן קונסט, האָט עס אויפֿן דעמאָלטיקן לשון געהייסן:

— מען רעדט שוין וועגן קאָסמעטיק.

שטילערהייט אָבער, ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט מען דאָך געהאַלטן פֿון שרײַבן. ער האָט שטילערהייט געשריבן פּאָעזיע.

— אין יענע יאָרן האָב איך געשריבן בסוד. קיינער האָט ניט געדאַרפֿט וויסן. איך האָב זיך געפֿילט בשעת מעשׂה ווי אַ מאַראַן. ווען מען וואָלט געוווּסט, אַז איך בין אַ „קאָסמעטיק", וואָלט מען מיך אויסגעלאַכט.

ער פֿלעגט בחשאי וויַזן עמעצן זײַנס אָן אָנגעשריבן ליד בתּנאי אַז יענער זאָל קיינעם ניט דערציילן. עס איז געווען ניט שיין צו שרײַבן לידער. ער דערמאָנט זיך זײַנס אַ ליד פֿון יענער צײַט:

„קרועים אנו, בלואים אנו..."

עס איז אַ ליד וועגן דעמאָלטיקע קרועים־בלואים — אָרומגעריסענע־אָרומגעפֿליקטע. שפּעטער האָט מען צו דעם ליד צוגעפּאַסט מוזיק, אַ מעלאָדיע פֿון אַ טאַטעריש ליד, וועלכע מען זינגט הײַנט איבער דער ראַדיאָ. עס איז מער ניט קיין סוד, אַז עס איז זײַנס אַ ליד.

לאַנג האָט ניט געקאָנט געהאַלטן ווערן דער סוד פֿון זײַן שרײַבן. די אַטמאָספֿער איז געווען אַ שאַרף קעגנערשע צו „קאָסמעטיק". ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ער שרײַבט לידער, האָט עס געהייסן, אַז ער רײַסט זיך אָפּ פֿון דעם אַלגעמיינעם שטייגער. ער איז אַוועק פֿון עין־חרוד קיין תּל־אָבֿיבֿ. די צוויי שרײַבער אשר בּאַראַש און יעקבֿ ראַבינאָוויטש האָבן אים מקרבֿ געווען. ער האָט געשריבן לידער, פֿאַרצייכענונגען, זיך באַטייליקט אין זאַמלביכער. אין גיכן איז געקומען די צײַט, אַז ער אַליין איז געוואָרן אַ צוזאַמענשטעלער פֿון זאַמלביכער. בכלל זײַנען באַקאַנט די שוועריקייטן פֿאַר אַ יונגן שרײַבער צו דערגרייכן אָנערקענונג. ער האָט אָבער אַזעלכע שוועריקייטן ניט געהאַט. מען האָט אים גיך אָנערקענט און אַפֿילו אָוועקגעשטעלט בײַ דער מזרח־וואַנט. ער איז געווען גאַנץ פּראָדוקטיוו.

— אָט איז די רשימה פֿון מײַנע ספֿרים: „צוי, לאבא ואמא", „בגלגל", „באלה הימים", „אבני בהו", „שירי המפּלת והפּיוס", „על מלאת".

דאָס זײַנען אָריגינעלע ביכער. ער האָט אָבער אַ סך איבערגעזעצט אויף העברעיִש: „יעווגעני אָניעגין" און „באָרים גאָדונאָוו" פֿון פּושקין, פֿינף קליינע טראַגעדיעס. ער האָט איבערגעזעצט שעקספּירס „האַמלעט" און „קעניג ליר"; מאַליערן, גאָרקין, טשעכאָוון, שאָלאָכאָוון. איבערגעזעצט פֿון יִידיש ה. לייוויקס „גולם", „גאולה־חלום".

אַז מען לייענט זײַן איבערזעצונג פֿון שעקספּירס „האַמלעט", האָט מען דעם אײַנדרוק, אַז דער פּירשט פֿון דענעמאַרק האָט גערעדט העברעיִש; אַז מען לייענט זײַן „יעווגעני אָניעגין", האָט מען דעם אײַנדרוק, אַז טאַטיאַנאַ האָט גערעדט צו אָניעגינען ניט רוסיש, נאָר העברעיִש, אַז אירע בריוו צו איר געליבטן האָט זי געשריבן אויף העברעיִש, — זאָגן זײַנע פֿאַרערער.

ער האָט אויך צונויפֿגעשטעלט אין העברעיִש אַן אַנטאָלאָגיע פֿון רוסישער ליריק — וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, אַלעקסאַנדער בלאָק.

— רופֿט מיר אָן דאָס בעסטע פֿון אײַערע ווערק. — ווענד איך זיך צו אים.

— דאָס בעסטע דאַרף מען נאָך שרײַבן.

איך האָב אַרויסגעגעבן — דערציילט ער מיר — אויף העברעיִש אַ מין „מיקי מאַוז". עס איז אַ מין יאַריד פֿון שטיפֿערײַען, בליצן, און עס איז געוואָרן אַ באַליבט בוך בײַ אונדזערע קינדער.

— פֿון וואַנען ווייסט איר עס? — פֿרעג איך.

שמייכלט ער:

— עס איז שוין פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין דרײַסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

ווייל איך אויך דערגיין צו די ווײַטערדיקע וואָרצלען פֿון זײַן משפּחה־בוים. ווו שטעקן זיי?

— אַן אָפּשטאַם פֿון גזע חב"ד פֿון זײַן טאַטנס צד. זײַן פֿאָטער, אַבא שלאָנסקי, איז געווען דער שאַפֿער פֿון ניגון צו טשערניכאָווסקיס ליד „אני מאמין". זײַן מאַמעס זיידע איז געווען אַבֿרהם־דוד לאַוואַוט, דער חוזר פֿון ליבאַוויטשער רבין. ער פֿלעגט אויסהערן די ליבאַוויטשער תּורה און זי איבערחזרן צווישן קהל־חסידים. מען האָט אים דעריבער גערופֿן: דער חוזר. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בײַ די ליובאַוויטשער חסידים.

— דער טאַטע — זאָגט ער — איז געווען אַ מאמין אין רמבם און די מאַמע — אין באַקונינען.

זיצט בײַם טיש מיט מיר אַבֿרהם שלאָנסקי אָדער דער אשל־אַבֿרהם, אָדער אַבֿרהם־דוד שלאָנסקי, נאָך זײַן זיידן, מיטן מאַנוסקריפּט פֿון „מאַדאַם באָוואַרי" פֿון גוסטאַוו פֿלאָבער און מישט אין מײַן קאָפּ און האַרץ רוסישע ליטעראַטור, פֿראַנצייזישע ליטעראַטור, העברעיִשע ליטעראַטור, אגדה, גמבֿא, מפֿרשים, חסידות. און אַזוי קומט ער צוריק צו דער ערשטער צײַט זײַנער אין עין־חרוד, ווו מען האָט געלאַכט פֿון פּאָעזיע, געלאַכט פֿון „קאָסמעטיק" און געהאַלטן, אַז מען דאַרף האָבן „כּוח" און ניט „מוח".

ער איז אַרײַן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. גײַסטיק האָט ער זיך געפֿונען אין דער מסיבה פֿון אַלעקסאַנדער בלאָקן, פֿון יעווגעני יעסענינען, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין. ער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דעם אופֿן פֿון דער־מאָלטיקן שרײַבן אויף העברעיִש, ווו מען פֿלעגט שרײַבן לויט דעם אָדער

יענעם שרײַבער, ניט אָריגינעל, לויט זיך, נאָר לויט יענעם, על־פּי פּלוני־אַלמוני. אַבֿרהם שלאָנסקי האָט גערופֿן יענע שרײַבער:

— די על־פּי־ניסטן.

זײַן לידערבוך „אבני בהו" איז אַן אָפּקלאַנג פֿון יענעם פּעריאָד. מען איז געווען יונג, מען איז געווען די „יונגע" אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. די תּקופֿה פֿון „כּתובים" און „טורים". מען איז געווען פֿאַר ח.־נ. ביאַליקן און קעגן ח.־נ. ביאַליקן, מיט שטײנמאַנען און אַן שטײנמאַנען.

אין יענער צײַט — דערציילט ער מיר — איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין תּל־אָבֿיבֿ אַ קבלת־פּנים פֿאַר שלום אַשן און פּרץ הירשבײַנען. דעמאָלט האָט געזאָגט חיים־נחמן ביאַליק, דער ריז פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע, אַז אים גייט ניט אָן, וועלכע שפּראַך עס זאָל הערשן אין ארץ־ישׂראל, העברעיִש אָדער ייִדיש, אַבי נאָר ייִדן זאָלן זײַן. דעמאָלט איז געקומען די שפּאַלטונג, די צעריסנקייט אין דער שרײַבער־מסיבה. אין יענער צײַט איז געשטאַנען אויף דער בימה אַן אַלטער העברעיִשער שרײַבער — ניט דערמאָנענדיק איצט זײַן נאָמען — און האָט געשאָטן פּעך און שוועבל אויף שלאָנסקיס פּאָעזיע און זײַן חבֿריא. ער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי:

— עס איז אַ פּאָעזיע, וואָס איז ניט ווערט אַפֿילו, אַז אַ הונט זאָל זי פֿאַרזוכן.

— פֿאַרזוך ניט! — האָט אויסגעשריִען אַבֿרהם שלאָנסקי, וועלכער איז געווען אין זאַל.

זײַנע ווערטלעך, זײַן שאַרפֿזין, זײַן שפּראַך־כּישוף איז גוט באַקאַנט.

דאָך האָט מען אים אויסגעקליבן אין דער העברעיִשער שפּראַך־אַקאַדעמיע. ער האָט אַ באַזונדערע שפּראַך־מײַסטערשאַפֿט אַרויסגעוויזן אין זײַן בוך פֿאַר קינדער „מיכּו מהו", געשריבן אין אַ קינדערשן לשון:

— אך מפליא הוא קונצים מונצים שמיום קונצצנו קונצים לא קונצצנו עוד קונץ כּזה.

ער האָט באַוויזן דעם וווּנדער איבערצוזעצן „האַמלעט", און אויף אַ מײַסטערישן אופֿן, מיט דער הילף פֿון פֿערצן איבערזעצונגען אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן, ניט קענענדיק קיין ענגליש.

— גייסטו איבערזעצן אויף העברעיִש, טראַכטסטו, ווי וואָלט זיך אויסגעדריקט דער מחבר, ווען ער וואָלט געשריבן העברעיִש.

— גרייט איר אַ נײַעם בוך? — פֿרעג איך.

ניט נאָר גרייט ער, נאָר ער האָט שוין פֿאַרטיק. ער האָט שוין אַפֿילו אַ נאָמען פֿאַרן בוך: „אבני גויל" — „ניט אָרומגעשניצטע שטיינער".

„ניט אָרומגעשניצטע שטיינער" דאַרף מיינען די ייִדן וואָס קומען איצט קיין ישׂראל פֿון פֿאַרשיידענע לענדער; וואָס דאַרפֿן זיך אַרײַנפּאַסן אין דעם אַלגעמיינעם בנין פֿון לאַנד, און זײַנען דערווײַל ניט אָרומגעשניצטע שטיינער.

מען דאַרף גיין איבערן לאַנד, גיין איבער ירושלים, חיפה, תּל־אָבֿיבֿ, אויפֿן הר־הכּרמל, און דערשפּירן דעם טעם פֿון די ווערטער „אבני גויל". מען דאַרף זען די קליינע תּימנער ייִדעלעך, ווי זיי שניצן די ווײַסע שטיינער פֿון די שטיינערנע בערג פֿון ירושלים.

ווילט זיך וויסן, ווי אַזוי עס לעבט, ווי עס מאַכט אַ לעבן אַ שרײַבער אין ישׂראל, און אַזאַ שרײַבער, פּאָעט, איבערזעצער, רעדאַקטאָר, ווי אַבֿרהם שלאָנסקי, דער חבֿ"ד־אייניקל, דער זון פֿון אַחד־העמס אַ תּלמיד, אַ מאַדים אין דער רוסישער ליטעראַטור, אַנגעלאָדן מיט רוסישע סימפּאַטיעס.

— איך אַרבעט אין פֿאַרלאַג פֿון ספרית־הפּועלים פֿון השומר הצעיר. בין רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פֿון פֿאַרלאַג. איך אַרבעט מערסטנס אין דער היים, אין מײַן אַרבעט־צימער. ווער איך פֿאַרטיק מיט אַ בוך און גיב עס איבער דעם פֿאַרלאַג, נעם איך האַנטגעלט אויף מײַנע פּופּצן פּראָצענט האָנאָראַר.

— אין וויפֿל עקזעמפּלאַרן דרוקט זיך אײַערע אַ בוך?

די ערשטע אויפֿלאַגע אין פֿינף־זעקס טויזנט עקזעמפּלאַרן.

— אין וועלכער שפּראַך טראַכט איר? — פֿרעג איך אים — איר קענט דאָך אַזוי גוט רוסיש. דאָס איז די שפּראַך פֿון אײַערע קינדער־יאָרן. טראַכט איר אויף רוסיש?

— רוסיש איז מיר טאַקע נאָענט, — ענטפֿערט ער — אָבער איך טראַכט אויף העברעיִש.

דערבײַ גיט ער צו:

— פֿון אַלע מינים ליטעראַרישע שאַפֿונגען זײַנען מיר צום נאָענטסטן די פּאָעטישע. יעדע נײַע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט שירים — פֿאַר־לאַנגען, רעיונות, וואָס זײַנען נאָך ניט קלאָר קריסטאַליזירט. די פּראָזע קאָן זיי נאָך ניט אַרויסברענגען. דאָס קאָן אָבער די פּאָעזיע. דאָס גוטע ליד קאָן אַרויסברענגען אַפֿילו דאָס נאָך ניט קלאָרע. אַ ליד הייבט אָן אַ תּקופֿה.

ער ברענגט אילוסטראַציעס פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות אין דער וועלט — רעוואָלוציעס, אמונות, זעונגען זײַנען קודם־כּל אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין ליד.

— די נײַע העברעיִשע ליטעראַטור — זאָגט ער — איז אַלט אין גאַנצן דרײַסיק יאָר. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ נײַער העברעיִשער דיכטונג.

ער איז געווען פֿון די ראשונים, פֿון די וואָס האָבן אָנגעהויבן אַ נײַעם דרך, אָנגעהויבן מיט אַ נײַעם אינהאַלט. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ ליטעראַרישער איבערקערעניש און עס איז געוואָרן אַ היסטאָרישע איבער־קערעניש בכלל.

— נײַע געפֿילן, נײַע מחשבֿות, אַ נײַ לעבן, חלוצים, אַ נײַער בנין, אַ נײַער סדר און — אַ נײַע דיכטערישע שפּראַך. די אַלטע פֿאָרם, דער נוסח פֿון אַדעס און וואַרשע איז מער ניט געווען צוגעפּאַסט. מיר האָבן געמוזט

זוכן נײַע פֿאָרמען, נײַע מיטלען, אַ נײַעם ריטעם, נײַע שפּראַך־אויסדרוקן און נײַע פֿאַרבן.

און אָט איז אַ משל:

— מען האָט געשריבן וועגן שומרון, אָבער געזען האָט מען בײַם שרײַבן באַסאַראַביע. די ליטעראַטור האָט אָבער געפֿאָדערט: רייד דעם לשון פֿון שומרון.

פֿרעג איך אים וועגן די צוויי חבֿרות — אשכּנזית און ספרדית. זאָגט ער מיר:

— איך האָב אָנגעהויבן, פֿאַרשטייט זיך, מיט חבֿרה אשכּנזית, אָבער איך האָב זיך דערפֿילט קאַמיש. מען האָט געמוזט אַריבערגיין אויף ספרדית. לכתּחילה איז עס געווען אַ שווערער איבערגאַנג. ספרדית איז די ריכטיקע חבֿרה פֿאַר העברעיִש. איין איינציקער שניאור איז נאָך געבליבן ביז הײַנט בײַ דער אשכּנזישער חבֿרה.

רעדט ער ווײַטער אַזוי וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור:

— ליטעראַטור קאָן ניט לעבן מיט איין לונג, קאָן ניט לעבן בלויז מיט פּאָעזיע. זי מוז לעבן אויך אין פּראָזע. די העברעיִשע פּראָזע איז אויסגעוואַקסן. עגנון איז געווען דער סוף פּסוק פֿון אַן אַלטער וועלט. עס איז געווען אַ צײַט, ווען די פֿאַרגאַנגענהייט האָט זיך געקרישלט, געבראָכן, געברעקלט.

עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ גרופּע יונגע פּראָזאִיקער. זיי זײַנען אַלע אַרויס פֿון די רייען פֿון פּלמ״ח. עס איז אַ גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע דערגרייכונג. אַ מחנה יונגע בחורים, וועמעס קינדהייט עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ־ישׂראל. זייער נעכטן, זייער הײַנט און זייער מאָרגן — אַלץ איז דאָ אויף דער ערד.

ער דערמאָנט נעמען פֿון די געקומענע, די נײַע דערפֿאָלגרײַכע העברעיִשע שרײַבער:

— ס. יזהר, משה שמיר.

און אָט טוט ער אַ שפּרונג פֿון העברעער משה שמיר צום רוס אַלעקסעי טאָלסטאָי:

— אַלעקסעי טאָלסטאָי האָט אַ סך יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע ניט געקאָנט שרײַבן. פּשוט ניט געקאָנט. נאָך לאַנגע יאָרן שווײַגן איז ער אַוועק צו דער רוסישער געשיכטע, צום צאַר פּיאָטער. ניט יעדער איינער — זאָגט ער — וואָס רופֿט אָן זײַן ראָמאַן „היסטאָרישער ראָמאַן", איז טאַקע זײַן ראָמאַן היסטאָריש פֿאַר דער ליטעראַטור, איז ער שוין עפּעס.

— נתן שהם, דער זון פֿון אליעזר שטיינמאַן, לעבט אין אַ קיבוץ. אַ טאַלאַנטירטער שרײַבער סײַ פֿון נאָוועלן און סײַ פֿון ראָמאַנען.

די טעמאַטיק איז אַ נײַע, דאָס לעבן, די סבֿיבֿה איז נײַ. אַלץ איז ישׂראלדיק, נאָך־מלחמהדיק.

עס איז דאָ אַ שפע פון טעמאַטיק. דער פּלמ"חישער דור, די נייַע עולים. די נייַע שאַפונגען האָבן אויך אַ שליחות, אַ וואָרט צום פאָלק.

מיר ריידן וועגן דעם אומרו אין די נשמות ביַי דעם נייַעם דור שרייַבער. ער האָט דאָך אַזוי פיל דורכגעמאַכט, אַזוי פיל געזען און געהערט — מלחמות, הריגות, רציחות, סאָלדאַטן, אַראַבער. מען טאָר אָבער ניט פאַרפּלייצט ווערן מיט דער טאָג־טעגלעכער טעמאַטיק, מיט טאָג־טעגלעכע לאָזונגען און שליחותן. מען מוז איינהאַלטן אין זיך די מאָראַל, די גייַסטיקע שטאַרקייט.

ווי זאָל מען זיך באַציִען צו אונדזערע שכנים, די אַראַבער? — פרעגט ער און רעדט ווייַטער אַזוי:

— עס איז אַ דראַמע, אַן אמתע טראַגעדיע. מיר קאָנען דערווייַל בלויז מורמלען, שרייַען, טענהן, פרעגן פראַגעס, אָבער ניט געבן קיין ענטפערס. מיר זייַנען אומרויִק. און אַזוי זייַנען אומרויִק אונדזערע ליטעראַרישע שאַפונגען, אונדזערע לידער, נאָוועלן, ראָמאַנען.

די דיכטונג מוז ריידן מיט אַ ריינעם, מענטשלעכן קול. ווען די דיכטונג רעדט מיט אַ מענטשלעכער שטים, דריקט זי שוין ממילא אויס די נאַציאָנאַלע מאָראַל. און ער פרעגט זיך אַליין און ענטפערט:

— וואָס מיינט עס נאַציאָנאַלע מאָראַל? און וואָס איז מענטשלעכע מאָראַל? קאָן מען דען אָפּטיילן איינע פון דער צווייטער?

— אָט זעט איר דאָך אורי־צבֿי גרינבערגן. איר הערט דאָך זייַנע מאָנונגען נאָך אָפּרעכענונג און נאָך נקמה. ער, אורי־צבֿי גרינבערג, האָט זיך נאָך ניט געגנוג אויסגעוויינט נאָך די זעקס מיליאָן. נאָך אַן אומגליק לויפט מען אָדער צו זיך אַליין אָדער לעתיד לבֿוא. עס טרעפט, אַז איבערגעטריבענע אַהבֿת־ישׂראל ברענגט אַפילו צו שׂנאת־ישׂראל.

— וואָס איז אַהבֿת־ישׂראל? — פרעגט ער זיך אַליין און זוכט אַן ענטפער, און גיט אים מיר:

ליב האָבן דעם ייִדן וואָס לעבט. מען קאָן ניט דעם לעבעדיקן ייִדן, ווו ער זאָל ניט זייַן, נעגירן, מבֿטל זייַן.

— ליב האָבן דעם ייִדן, וואָס איז לעבן געבליבן נאָך אַלע אומגליקן.

איך הער זייַנע רייד — אַן אַפּלייקענונג פון דער פילאָסאָפיע פון שלילת־הגלות. פרעג איך אים:

— וואָס זשע איז אייַער באַציִונג צו ייִדיש, וואָס לעבט, צום ייִדישן לשון, וואָס מען וויל אַפּלייקענען, מבֿטל מאַכן, אומברענגען?

זאָגט ער זייער שאַרף:

— מען טאָר ניט שרייַבן קיין רעצעפּטן פון אונטערגאַנג. חס־ושלום. אַ דאָקטער וואָס האָט מאָראַל דערציילט ניט דעם חולה וועגן זייַן געפערלעכער קראַנקייט. אַפילו ווען ער ווייס, אַז זי איז געפערלעך. פאַרקערט, עס טרעפט, אַז דאָס באַהאַלטן דעם שרעקלעכן אמת העלפט אַ מאָל דעם קראַנקן. עס טרעפט, אַז דער חולה ווערט געזונט.

ער גיט אָבער צו:

— דער דאָקטער מוז אָבער בײַ זיך וויסן, אַז עס איז דאָ אַ סכּנה. דער דאָקטער וואָס וויים נים די סכּנה פֿון זײַן חולה, וועט אים קיין מאָל נים אויסהיילן. מען האָרף נים ריידן וועגן אַ קראַנקייט. מען דאַרף אָבער וויסן וועגן דער קראַנקייט און זוכן רפֿואות. דאָס ייִדישע גײַסטיקע לעבן אין די תּפֿוצות איז קראַנק. דאָס ייִדישע לשון איז קראַנק. מוזן מיר קלאָר וויסן, וואָס מיר ווילן, וואָס מיר וועלן טאָן, וואָס עס קאָן זײַן און וואָס עס וועט זײַן. און נאָך עפּעס: וואָס גייען מיר טאָן, עס זאָל זײַן?

ער הערט מײַנע אַ באַמערקונג וועגן זײַן שלילת־הגלות און זאָגט זייער קלאָר:

— שלילת־הגלות איז אַ געלעכטער, איז נים פּראַקטיש, נים היסטאָריש, איז קעגן דער ייִדישער געשיכטע.

ייִדיש פֿאָלק זײַנען מיר אַלע. ייִדיש זײַנען מיר אַלע. „דו מוזסט זיך ענדיקן" קאָן נאָר זאָגן צו זיך אַן אַכזר וואָס איז אויך אַ חסר־דעה.

— וועלן ייִדן קאָנען לעבן ווײַטער אין די גלותן?

— הײַנט לעבן אַז אַן אײגן לאַנד איז זייער שווער, — זאָגט ער — איז ערגער ווי אַ מאָל. אפֿשר וועלן ייִדן נים קאָנען לעבן נאָך צוויי טויזנט יאָר אין די גלותן, ווי זיי האָבן שוין געלעבט.

— מען רעדט דאָך דאָ וועגן אײַך ווי וועגן אַן אַנטי־ייִדישניק. — זאָג איך צו אים.

— איך — פֿרעגט ער מיט כּעס — אַן אַנטי־ייִדישניק? איך האָב דאָך אַזוי פֿיל איבערגעזעצט פֿון ייִדיש אויף העברעיִש.

מיר האָבן צוויי שפּראַכן. יאָ, צוויי שפּראַכן. די ענגלענדער, וואָס האָבן נאָר איין שפּראַך, דאַרפֿן אונדז מקנא זײַן.

די מעגלעכקייט, אַז ייִדן זאָלן קאָנען לעבן ווי ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער, ווי זיי האָבן געלעבט אַ מאָל, גייט אַוועק. וואָס מער ייִדן עס וועלן זײַן אין ארץ־ישׂראל און לעבן ווי ייִדן, וועט אויך לײַכטער זײַן די ייִדן אין אַנדערע לענדער צו לעבן ווי ייִדן. וואָס מער און וואָס שטאַרקער מיר וועלן זײַן דאָ, וועט אונדז אַלע לײַכטער זײַן צו לעבן דאָ און אײַך דאָרטן.

— ייִדישקייט? וואָס איז ייִדישקייט? — פֿרעגט ער. — איך גליב נים אין ריטואַל־ייִדישקייט. איך גליב נים אין דער וויכטיקייט צו שפּילן פֿוטבאָל אויף העברעיִש. דאָס מיינט נאָך נים צו זײַן אַ ייִד. יונגע ייִדן פֿון חוץ־לאָרץ וועלן קומען קיין ישׂראל שפּילן בייזבאָל? פֿײַן, זאָלן זיי קומען, זאָלן זיי שפּילן. אָבער אויף דעם אַליין קאָן זיך נים האַלטן קיין ייִדישקייט. קומען פֿון גלות צו פּראַוועז חתונות אין ארץ־ישׂראל? פֿײַן, זאָלן זײַן חתונות בײַ ייִדן. זאָל מען פּראַוועז חתונות אין ארץ־ישׂראל. זאָלן זײַן חתונות אַנשטאָט אין ניו־יאָרק אין ירושלים. זאָלן זיי זײַן. פֿײַן. אָבער מיט דעם אַליין קאָן מען נים לעבן. מען דאַרף קומען דאָ לעבן, דאָ זײַן און ווירקן. מען דאַרף

אויך בײַ אײַך אין אַמעריקע לעבן. לעבן ייִדיש. וואָס טוט איר פֿאַר דעם? וואָס זײַנען אײַערע דערגרייכונגען? וועלכע זײַנען אײַערע וועגן?

ייִדישע ליטעראַטור, העברעיִשע ליטעראַטור. מען דאַרף זיי צוזאַמענ־נעמען, צונויפֿמישן. מען דאַרף קעגנזײַטיק איבערזעצן פֿון העברעיִש אויף ייִדיש און פֿון ייִדיש אויף העברעיִש. מיר דאַרפֿן זיך קעגנזײַטיק לערנען, משפּיע זײַן.

גיי איך אַוועק אין אונדזער שמועס פֿון אַט די ענינים און באַריר פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צו רוסלאַנד, צו מאָסקווע, צום קאָמוניזם, צו כרושטשאָווס דערקלערונגען. אויף דעם ענטפֿערט ער אַזוי:

— די געשעענישן אין רוסלאַנד און אַרום רוסלאַנד האָבן מיך אויפֿ־געשטורעמט. ליקווידאַציע, פֿאַרניכטונג, מאָרד, דאָס אומברענגען די ייִדישע שרײַבער. עס קלינגען מיר אָפּטער אין די אויערן די דערקלערונגען, וואָס קומען פֿון דאָרטן ווי די באַקאַנטע רוסישע מעשׂה: „אַז מעניאַ כאַטיעל זאַרעזאַט, נאָ יאַ ניע כאַטיעל.“ פֿאַר וואָס האָסטו זיי דערהרגעט? פֿאַר וואָס?

דאָ איז פֿאַר מיר געווען אַ געלעגנהייט צו פּאָלעמיזירן מיט אַבֿרהם שלאָנסקין און רעדן ניט נאָר וועגן דער טראַגישקייט פֿון אַ צאָל דערמאָר־דונגען, נאָר וועגן דער טראַגישקייט און ביטערניש פֿון טאָטאַלן סיסטעם פֿון דיקטאַטור. און ער, שלאָנסקי, איז דאָך אַ פֿירנדיקער מענטש אין מפּ״ם, ער איז דאָך פֿון הפּועל הצעיר. אָבער איך בין דאָך ניט געקומען צו פֿירן דיס־קוסיעס מיט אים. איך בין געקומען צו הערן, און געהערט האָב איך פֿון אים, און איך פֿאַרצייכן דאָ:

— די געשעענישן האָבן מיך אויפֿגעטרייסלט.

אונדזער שמועס וועט ניט זײַן פֿול, אויב איך וועל ניט הערן פֿון אים אַ פּאָר משפּחה־פּרטים.

זײַן פֿרוי איז די טאָכטער פֿון אַ וויכטיקן בויער פֿון הסתּדרות. זי אַרבעט בײַ דער סאָציאַלער הילף פֿון דער שטאָט תּל־אָבֿיבֿ. זײַן טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פֿון קיבוץ שער־הגולן בײַ דגניה. איצט גייען זיי זאַלבע זעכציקסט בויען אַ נײַעם קיבוץ בײַ אשקלון.

— צוזאַמען מיט אונדז אין הויז לעבט מײַן מוטער צפּורה, מײַן שוועסטער מרים. אַ צווייטע שוועסטער מײַנע איז אַ קאָמפּאָזיטאָרין. שוין אַ יאָר ווי זי איז אין פּאַריז, גיט דאָרטן קאָנצערטן. דער זון פֿון מײַן שוועס־טער איז אַ וווּנדערלעכער פּיאַניסט, יהל וואַגמאַן. איצט אָרגאַניזירט ער אַן אָרקעסטער פֿון אַלע קיבוצים, פֿון אַלע ריכטונגען. אַלע וועלן זיי שפּילן אין איין אָרקעסטער.

דער דיכטער טאָר זיך ניט באַהאַלטן אין זײַנע ד׳ אַמות. ער איז דאָך, ער לעבט דאָך אין דער וועלט, אין פֿאָלק, אין דער מענטשהייט. ער קאָן ניט שטיין אַן אַ זײַט.

זעט אויס, אַז ער קאָן ניט אַוועקגיין פֿון דער פֿריִערדיקער טעמע — רוסלאַנד, און ער גיט צו:

— דאָס וואָס איז געשען אין סאָוועט־רוסלאַנד, די לעצטע אויפֿדעקונגען און אַנטפּלעקונגען, ווערן פֿאַר מיר אַ ווענדפּונקט. אָט — זאָגט ער — זײַנען געקומען צו אונדז צוריק אונדזערע סאַברעס פֿון זייער קאָנצערט אין מאָסקווע. וואָס זיי דערציילן, וואָס זיי האָבן דאָרטן געזען און געהערט, זייערע אײַנ־דרוקן — איז גרויס און טיף. זייערע איבערלעבונגען רירן אונדז טיף אָן. אָט האָט געוואָלט אַ יונגער רוסישער ייִד אויסדריקן מיט איין וואָרט אַלץ וואָס ער האָט געפֿילט בײַם קאָנצערט פֿון די סאַברעס אין מאָסקווע. האָט ער עס געטאָן דורך אַ וואָרט וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַנע טיפֿענישן — אפֿשר האָט ער אַליין דאָס וואָרט ניט גוט געוווּסט, ווער ווייס פֿון וואַנען עס איז געקומען צו אים. דאָס וואָרט איז געווען:

— „ביאַליק".

בלויז איין וואָרט, אַזוי ווי אַ שם־המפֿורש, אַ היעראָגליף. אין מאָסקווער זאַל האָט אויסגעבראַכן אַ געוויין. אַ ייִדישער געוויין. די סאַברעס וואָס זײַנען געקומען פֿון דאָרטן דערציילן וועגן דעם און קאָנען עס ניט דערציילן ניט וויינענדיק אַליין. אַזוי ווי אַ ייִדישע היסטאָריע. איין וואָרט, איין געשריי אין מאָסקווער טעאַטער פֿון אַ ייִדן, וואָס האָט אפֿשר אַליין ניט געוווּסט, וואָס דאָס וואָרט באַטײַט — ביאַליק. דאָס וואָרט איז דורכגעגאַנגען ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, געטראָגן זיך אויף אומגעזעענע כוואַליעס און זיך דערטראָגן צו אונדז, צו אונדזער טיש. אָט דער זעלבער ביאַליק, וואָס האָט באַרטאַכט אַבֿרהם שלאָנסקיס פּאָעזיע, זײַן רײַכן העברעיִשן לשון ווי אַ וווּנדער, פֿון וואַנען און ווי אַזוי איז עס צו אים געקומען, אָט דאָס וואָרט „ביאַליק" האָט ווידער אויפֿגעפֿלאַטערט דאָ צווישן אונדז, ווי עס פֿלאַטערט אַרום איבער דער ייִדישער וועלט.

דער טאָג איז באַלד אַריבער. מען דאַרף זיך זעגענען.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מײַנע פּאַליצעס? — פֿרעגט ער מיר.

— עס איז מיר גוט צו זען — האָב איך אים געענטפֿערט — אויף אײַערע פּאַליצעס אַזוי פֿיל ייִדישע ביכער.

— איז דאָס פֿאַר אײַך אַ וווּנדער? — פֿרעגט ער.

— וווּנדער, ניט וווּנדער... — זאָג איך אים. ניט קיין סך פּאַליצעס מיט ייִדישע ביכער האָב איך געזען בײַ העברעיִשע שרײַבער אין ישׂראל. איר געהערט צו די אויסנאַמען.

מיר האָבן נאָך ניט אַלץ אויסגעשעפּט. מיר פֿילן ביידע, אַז מען דאַרף נאָך אַ סך שמועסן און שמועסן. און ער זאָגט צו מיר:

— אפֿשר וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אַ צווייטן מאָל?

— אפֿשר.

— שלום!

— שלום!

משה שמיר

— ווילט איר זיך באַקענען

מיט אַן עכטן פֿאָרשטייער פֿון יונגן דור העברעיִשע שרײַבער, מיט אַ סאַברע־שרײַבער, מוזט איר זיך זען מיט משה שמירן. — אַזוי האָט מען מיר געעצהט.

ער האָט אַ סך טאַלאַנט. ער איז דער באַליבטסטער בײַ דער יוגנט. זײַנע דראַמעס ווערן געשפּילט אין אונדזער טעאַטער מיט גרויס הצלחה. ער איז פֿון פּלמ״ח, ער איז פֿון מפּ״ם.

אויף מײַן בריוו צו משה שמירן וועגן אַ באַגעגעניש האָב איך באַקומען אַזאַ ענטפֿער: „איך וועל זיך גערן מיט אײַך באַגעגענען, מיט אײַך שמועסן, אָבער איך קאָן ריידן נאָר עבֿרית אָדער ענגליש. ייִדיש קען איך זייער שוואַך.״

האָב איך אים געענטפֿערט: „איך קום. מיט די לשונות וועלן מיר זיך שוין אַן עצה געבן.״

ער וווינט אייניקע מײַל פֿון תּל־אָבֿיבֿ, אין אַן אייגענעם נײַ געבויטן איין־פֿאַמיליע־הויז, וואָס שטייט אין אַ שטילער בהרחבֿהדיקער נײַער וווינגעגנט. אַרום זײַן הויז — אַ גאָרטן ביימער. איבער אים — דער בלויער הימל פֿון ארץ־ישׂראל. אַנטקעגן — בערג, ווײַטע האָריזאָנטן. אין זײַן הויז, ווען איך בין צו אים צוגעקומען — אָפֿענע באַלקאָנען, אָפֿענע טירן און פֿענצטער, אַ שפּע זון, ליכטיקייט.

— שלום, משה שמיר!

איך בין געבליבן שטיין בײַם אַרײַנגאַנג פֿאַרגאַפֿט. עס זײַנען מיר אַנטקעגנגעקומען די פּריוואַטע פֿאַמיליע־הײַזער, די עלעגאַנטע וווינונגען, וואָס איך זע אין דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע, וואָס ווערן וויזיטירט פֿון עד מאַראָו, ווען ער גייט צו קינסטלער, שרײַבער, אַקטיאָרן, צו האָבן מיט זיי שמועסן. משה שמירס וווינונג איז אַקוראַט אַזאַ. מערניט יענע וווינונגען זײַנען אין די קינסטלערישע שכונות פֿון קאַליפֿאָרניע און פֿלאָרידע, און די — אין דער סבֿיבֿה פֿון תּל־אָבֿיבֿ. די אויסשטאַטונג, דאָס מעבל, די באַקוועמע שטולן און טישלעך — אַקוראַט סטיל אַמעריקע!

משה שמיר איז יונג. זײַן אייבערהעמד — פֿון אַ ספּאָרטלער. זײַנע לײַכטע מלבושים, זײַן פֿרײַנדלעכער „שלום!״, דער ערשטער געטראַנק־כּיבוד, זײַן יונגע פֿרוי, וואָס איז אַרויסגעקומען מיטן ספֿרדישן העברעיִש —

אַלץ, אַלץ צוזאַמען האָט מיך אַריינגענומען אין אַ נייער וועלט אויף דער ערד פֿון ישׂראל. עס איז ניט די סבֿיבֿה פֿון עגנונען, ניט די סבֿיבֿה פֿון יעקבֿ כּהנען, ניט פֿון י.־ד. בערקאָוויטשן, אין וועמעס הײַזער איך בין שוין געווען. עס איז דאָס נײַע און דאָס יונגע.

— איך זע ניט בײַ אײַך אין הויז, קיבעץ איך, קיין סימן פֿון מלך בשׂר ודם, פֿון אורי החתּי, פֿון אלישע בן אבֿויה.

— זיי זײַנען דאָ אינעווייניק פֿאַראַן. — ווײַזט ער אויף זיך.

ער האָט געוווּסט נאָך וואָס איך בין געקומען, און מיר האָבן קודם־כּל אָנגעהויבן פֿון זײַן אַפּשטאַם.

געבאָרן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1921 אין דער הויפּטשטאָט פֿון גליל־העליון, אין צפֿת, בײַ עלטערן וואָס זײַנען געווען מיטגלידער אין אַ קיבוץ.

זײַן בילדונג?

געענדיקט די גימנאַזיע הרצליה אין תּל־אָבֿיבֿ אין 1939.

אַוועק אין אַ קיבוץ, אָפּגעאַרבעט זיבן יאָר — ביז זומער 1946; זיך אָנגעשלאָסן אין דער הגנה, אין דער פֿאָרמירונג פֿון פּלמ"ח. אַרײַן אין מיליטער פֿון ישׂראל. געווען דאָרטן אַן אָפֿיציר. אין 1949 אַרויס פֿון מיליטער און זיך אָפּגעגעבן אין גאַנצן דער ליטעראַטור און פּרעסע.

צום ערשטן מאָל געדרוקט אַ דערציילונג אין 1942. געווען צווישן די גרינדערס פֿון דער ערשטער פֿאַראייניקונג פֿון שרײַבערס־סאַברעס. געשאַפֿן די מיליטער־צײַטונג „במחנה". מיטגעאַרבעט אין פֿאַרשיידענע אַנדערע צײַטונגען. לאָמיר פֿאַרשרײַבן זײַנע געשאַפֿענע ווערק: די ראָמאַנען „הוא הלך בשׂדות", 1948 (פּרעמירט געוואָרן מיט דער אוסישקין־פּרעמיע); „תּחת השמש", 1950; „במו ידיו", 1951 (באַקומען פֿאַר דעם די ברענער־פּרעמיע אין 1953); „מלך בשׂר ודם", אַ היסטאָרישער ראָמאַן, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע בוך־פֿאַרשפּרייטונג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, באַקומען פֿאַר אים די ביאַליק־פּרעמיע אין 1956; כּבשׂת הרש", אַרויס אין 1957.

— און פּיעסן?

— „הוא הלך בשׂדות", „בית הלל", „ליל סופה", „סוף העולם", „מלחמה בני אור".

זײַנע פּיעסן זײַנען געשפּילט געוואָרן פֿון קאַמער־טעאַטער, הבימה, אהל. ער האָט באַקומען פּרעמיעס פֿאַר זיי. זײַן פּיעסע „הוא הלך בשׂדות" איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג אין פּאַריז בעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן טעאַטער־פֿעסטיוואַל.

משה שמיר איז אויך געווען אַ גאַסט אין אַמעריקע. אײַנגעלאַדן געוואָרן פֿון ראָקעפֿעלער־פֿאָנד צו זײַן אַ גאַסט פֿון אַמעריקאַנער טעאַטער. אין 1955 האָט ער געהאַלטן לעקציעס וועגן דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור אין קעימ־

ברידזשער אוניווערסיטעט אין ענגלאַנד. זײַנע ווערק זײַנען שוין איבערגע־זעצט געוואָרן אין פראַנצייזיש, ענגליש, איטאַליעניש, שפּאַניש.

— וועלכע זײַנען דערווײַל אײַערע וויכטיקסטע ווערק?

— „מלך בשר ודם” און „כבשת הרש”.

„מלך בשר ודם” איז געווען פון טאָג פון זײַן דערשײַנונג ביז אַ סך שפּעטער אַ גרויסע געשעעניש אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

אַ סאַבּרע־שרײַבער איז אַוועק פון דער סביבה פון די סאַברעס צו די חשמונאים, צום קעניג אַלעקסאַנדער ינאי. שמיר האָט אַרויסגעוויזן אַ סך באַהאַוונטקייט אין דער חשמונאים־עפּאָכע, רײַכקייט פון לשון און פאַנטאַזיע.

דער ראָמאַן „מלך בשר ודם” דערציילט וועגן דעם מלך יהונתן אַלעק־סאַנדער, וועמען מען האָט גערופן ינאי. ער איז געווען 23 יאָר אַ מלך. געהאַט נצחונות און מפּלות. ער האָט געשטרעבט אויסצוברייטערן די גרענעצן פון דער חשמונאים־מלוכה און אײַנצושטעלן אַ ייִדישע מלוכה לויט דעם מוסטער פון די גריכן.

געראַנגל פון קלאַסן, קאַמף פאַר מאַכט, קאָנפליקטן צווישן מלוכה און רעליגיע, צווישן יחיד און כלל. קאָנפליקטן צווישן מאָראַל און פּאָליטיק.

די דעמאָלטיקע סעקטעס אין ארץ־ישראל וואָלט מען הײַנט גערופן פּאַרטייען. די אינטערעסן פון די ייִדישע יישובים אין די שכנותדיקע לענדער — זעען מיר דאָרט — זײַנען ניט שטענדיק געווען די זעלבע ווי פון די חשמונאים.

די צײַט פון ינאי המלך איז געווען זייער אַ שפּאַנענדיקע, אַן אַנגעלאָדענע. ר' שמעון בן שטח, דער פירער פון די פּרושים, אַ סעקטע פון יענער צײַט, וואָס האָט באַקעמפט דעם העלעניזם פון די רײַכע שיכטן אין יהודה, האָט אַ נאָמען געגעבן דעם מלך ינאי — „מלך בשר ודם”. ינאי האָט זיך מער געשטיצט אויף די צדוקים, וועמעס אָנהענגער האָבן געשטאַמט פון די רײַכע קלאַסן, פון די כהנים, וואָס האָבן טאָלערירט די גריכישע מידות און די פרעמדע מנהגים.

עס האָט זיך אויסגעטיילט אַ דריטע סעקטע, די אסיים — די דעקלאַ־סירטע עלעמענטן, וואָס פלעגן אַנטלויפן אין מדבר צוליב אָרעמקייט און שטײַערן. דאָס פאָלק האָט געקאָכט, זיך מתווכח געווען. געווען אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע מדינות. אין אַט דער סביבה, דער סביבה פון צדוקים, פּרושים און אסיים, האָט זיך אַרויסגערוקט דער מאַכטדאַרשטיקער מלך ינאי. פון איין זײַט גלייבט ער אין דער ייִדישער מאָראַל, אין נאַציאָנאַלן חשמונאים־שטאַלץ. פון דער צווייטער זײַט ברויזט אין אים דער חשק נאָך גריכישע לעבנס־פאָרמען, דער גלאַנץ פון דער אומבאַגרענעצטער מאַכט פון די אַרומיקע הערשער. ער וויל ווערן אַ גרויסער מלחמה־פירער און אײַננעמער, ווערן אַ גרויסער מלך. ער האָט געוואָלט אַז זײַן אַ כהן־גדול אַז זיך ניט אָפּזאָגן פון עולם־הזה. היפּוכדיקע אַמביציעס, פול מיט קאָנפליקטן מיט די שכנים, בלוטיקע קאָנפליקטן מיטן אייגענעם פאָלק.

— ער האָט זײַן פֿאָלק ליב געהאַט אויף זײַן שטײגער און אין דער זעלבער צײַט געהאַסט עס צוליב זײַן ווידערשפּעניקײט. ער האָט געוואָלט זײַן באַליבט בײַם פֿאָלק און האָט ניט געזען דעם פֿאָלקס יסורים.

ווער זאָגט עס, אַז די סאַבּרעס רײַסן זיך אָפּ פֿון דער פֿאַרגאַנגענ־הײט? אָט איז דער שרײַבער פֿון די סאַבּרעס דער ערשטער מחבר פֿון אַ גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן מיט אַן אײגענער שאַרפֿער באַלײַכטונג פֿון דער חשמונאים־עפּאָכע.

נאָכדעם קומט דער ראָמאַן „כּבֿשׂת הרש".

ער איז אַוועק נאָך ווײַטער און טיפֿער אין דער ביבלישער געשיכטע. ער איז דערגאַנגען צו דוד־המלך.

אין תּנ"ך איז עס נאָר אַן עפּיזאָד: דוד־המלך האָט געגלוסט צו בת־שבֿען, אוריה החתּים ווײַב. האָט ער אַוועקגעשיקט איר מאַן צום זיכערן טויט אויפֿן קריגספֿעלד, כּדי בת־שבֿע, זײַן ווײַב, זאָל בלײַבן פֿאַר אים, פֿאַר דודן.

אוריה־החתּי שרײַבט פֿינף נעכט אַ טאָגבוך. — לויט משה שמירן — און זײַן טאָגבוך איז משה שמירס ווערק. דער גורל פֿון יחיד, קאָנפֿליקטן צווישן מאַכט און גערעכטיקײט, די השפּעה פֿון דער אַרמײ, מלחמה, ליבע, טרײַקײט, בגידה, פֿאַרברעכן און שטראָף, יחיד און כּלל. — מיט דעם אַלעמען איז דורכגענומען זײַן ראָמאַן.

— מײַן היסטאָרישער ראָמאַן דויערט פֿאָרמעל פֿינף טעג און פֿינף נעכט. ער הײבט זיך אָן, ווען אוריה קומט פֿון ירושלים, פֿון קינגס הויף, צו זײַן מיליטער־לאַגער אין רבת־עמון, מיט אַ פֿאַרזיגלטן בריוו צום שׂר־צבא יואבֿ, אין וועלכן עס איז דאָ דער אַכזריותדיקער באַפֿעל פֿון מלך דוד אים אומצוברענגען.

— הגם די העלדן פֿון ראָמאַן, די געשעענישן שטײען אָפּגערוקט אויף אַ פּאָר טויזנט יאָר, דאָך שלאָגט פֿון דעם ראָמאַן מיט שאַרפֿער הײַנט־צײַטיקײט.

מיר זיצן בײַ זײַן טיש. אויף אים ליגט זײַן „כּבֿשׂת הרש". איך קוק אויף דער הילע פֿון בוך, אויף וועלכער עס איז געדרוקט די מעשׂה פֿון שמואל ב' פּרק יב, ווי אַזוי עס קומט נתן הנבֿיא צו דוד־המלך און דער־ציילט אים, אַז דער גבֿיר, וואָס האָט געהאַט גענוג אײגענע שאָף און רינדער, האָט צוגענומען בײַם אָרעמאַן זײַן אײנציקע טרײַע שאָף, וועלכע איז בײַ אים געווען אַזוי ווי אַ טאָכטער, זי געקוילעט און געמאַכט אַ מאָלצײַט פֿאַר זײַן גאַסט. דוד־המלך האָט דאָס געהערט און איז אין כּעס געוואָרן און געזאָגט צום נבֿיא, אַז דער גבֿיר איז אַ בן־מוות. הערט נתן־הנבֿיא ווי דוד־המלך האָט געפּסקנט וועגן דעם גבֿיר דעם אַכזר, זאָגט ער צו אים: „דאָס ביסטו דער מענטש".

„כּבֿשׂת הרש" פֿון משה שמיר איז געטײלט אין פֿינף קאַפּיטלען, לויט די פֿינף נעכט, אין וועלכע עס איז כּלומרשט געשריבן געוואָרן דאָס טאָגבוך

פון אוריה־החתי. דער לעזער ווערט פאַרכאַפּט. די לופט פון ראָמאַן איז א הייסע, דער סטיל איז כולו פלאַטער. אין תנ"ך ווערט למשל דערציילט א מעשה וועגן דעם ווי אַזוי דוד האָט זיך פאַרשטעלט פאַר א משוגענעם אין אכיש׳ס שטאָט. אין קאַפּיטל כא פון שמואל א׳ לייענען מיר אַזוי: שאול המלך האָט געררודפט דודן. איז דוד אַנטלאָפן אין דער שטאָט גת, אין לאַנד פון די פלישתים. די קנעכט פון אכיש מלך גת האָבן דערקענט דודן און אים געבראַכט צו זייער מלך. „וישנו את־טעמו" — האָט זיך דוד געמאַכט פאַר א משוגענעם. „צי פעלן מיר משוגעים? צו וואָס האָט איר געבראַכט נאָך איינעם?" — האָט געזאָגט דער מלך.

אין שמירס בוך לעבט אויף דמשק מיט די פלישתים, די כנענים, דער ערב־רב. עס איז גרויס די סצענע ביים פאַרשלאָסענעם טויער פון שטאָט, ביי וועלכן דוד שפּילט די ראָלע פון משוגענעם. עס איז א סצענע, וואָס געהערט צו די גרויסע בילדער אין דער וועלט־ליטעראַטור. טויט לויערט אַרום און אַרום אויף דעם וואָס האָט געהרגעט „אונדזער ברודער גלית". דוד — דער פאַרשטעלטער אלחנן — איז געוועזן דעמאָלט דער גיבור, וואָס מוז געראַטעוועט ווערן. ער וועט דאָך נאָך דאַרפן שפּאַנען פאַרויס, ווען ער וועט פירן זיינע העלדן אין שלאַכטן, עס איז אַנגעגרייט פאַר אים די קרוין, ער וועט דאַרפן ווערן דוד־המלך.

אלחנן־דוד, וואָס שפּילט דאָס גורל־שפּיל פון א משוגענעם, איז דורך משה שמירן דערהויבן געוואָרן קינסטלעריש צו א גרויסער געשטאַלט. עס ברענט מיט דראַמע.

זיצן מיר ביים לעצטן קאַפּיטל פון ראָמאַן, וואָס הייסט „מקץ ימים רבים" — אין א צייט אַרום. אויב די ערשטע פינף קאַפּיטלען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער ערשטער נאַכט, אין דער צווייטער נאַכט, ביז דער פינפטער, געשריבן, ווי עס דערציילט משה שמיר, פון אוריה־החתין אַליין, איז דער לעצטער קאַפּיטל געשריבן א סך שפּעטער דורך אחימלך־החתין, א גוטן פריינד פון טויטן אוריה. ער זאָל האָבן אים געשריבן אין זיבעטן יאָר פון שלמה־המלכס קיניגן — שלמה־המלך, וואָס איז געוועזן דער זון פון בת־שבען און דודן.

— אז מען האָט געבראַכט דעם גוף פון טויטן אוריה, האָט יואב באַפוילן, מען זאָל אים אַוועקלייגן אין זיין געצעלט און קיינעם דאָרטן ניט אַריינלאָזן. מען האָט געדאַרפט פריער באַגראָבן אַלע טויטע. איז יואב אַריין אַליין אין צימער פון טויטן אוריה־החתי, אויסגעלייזדיקט זיינע קעשענעס, און נאָכדעם אַנגעצונדן דעם געצעלט און אַלץ און אויך דעם מת פאַר־ברענט. זאָל קיין זכר ניט בלייבן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט שלמה בן דוד יואבן געהרגעט, ווי ער האָט געהרגעט אַלע גדולים פון מלכות פון זיין טאַטן. ער האָט דאָס געטאָן לויטן אָנזאָג פון זיין מאַמען, בת־שבע, די געוועזענע ווייב פון אוריה־החתין.

פֿאַרענדיקט אחימלך־החתּי אַזוי: „אַזוי האָט גאָט באַשאַפֿן די וועלט —שלעכטס רינגלט אַרום דאָס גוטס, פֿון גוטס קומט אַרויס שלעכטס, און ווידער ווערט געבאָרן גוטס און שלעכטס."

פֿרעג איך שמירן, ווי אַזוי עס נעמען אויף זײַנע לעזער זײַן בוך, „כּבֿשׂת הרש"? נעמט ער אַרויס אַ בריוו וואָס איז צו אים געשריבן געוואָרן דעם 8טן יולי. דער בריוושרײַבער הייסט יהודה קאַלאַדני. ער שרײַבט אים אין נאָמען פֿון אַ קולטור־קאָמיטעט, וואָס גרייט אַ משפּט איבער דעם ספֿר „כּבֿשׂת הרש". אָבער איידער זיי גייען צום משפּט, ווילן זיי געוואָר ווערן עטלעכע גרונטזאַכן, עטלעכע פּרטים, בײַם מחבר. זיי ווילן וויסן, צי אוריה־החתּי שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון שרײַבער גופֿא. זיי פֿאָדערן אַן ענטפֿער, פֿאַר וואָס איז ער מבֿטל דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס. איז עס טאַקע אַזוי, אַז פֿון גוטס קומט אַרויס שלעכטס און פֿון שלעכטס — גוטס? אַז ניט נאָר גוטס דינט דעם ווילן פֿון גאָט, נאָר אויך שלעכטס? וואָס זאָל דאָס מיינען?

— האָט דאָך דער בעל־שם־טובֿ, דער געוועזענער דאָרף־מלמד און אַפּ־שפּרעכער פֿון פּאָדאָליע, מיט מער ווי אַנדערט האַלבן יאָרהונדערט צוריק געזאָגט זײַנע חסידים, אַז דאָס אַבסאָלוט שלעכטע איז גאָרניט בנמצא. דאָס שלעכטע איז דאָס פֿוסבענקל פֿאַרן גוטן. אויך ליכט און פֿינצטערניש זײַנען איינס.

זײַנע לעזער ווילן אויך וויסן, צי מען קאָן אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן אַרײַנברענגען געשטאַלטן, וואָס לויט זייער מענטאַליטעט, ווי עס שילדערט זיי דער מחבר, פּאַסן זיי זיך בעסער אַרײַן אין 20סטן יאָרהונדערט. נאָך און נאָך פֿראַגעס ווערן אים געשטעלט פֿון זײַנע אַקטיווע לעזער. פֿראַגעס ברענענדיקע. מען בעט, ער זאָל באַלד ענטפֿערן, ווײַל „דער משפּט וועט פֿאָרקומען פּרײַטיק צו נאַכטס, דעם 12טן יולי 1957. צו דער שעה דאַרף זײַן זײַן ענטפֿער".

— נו, און איר האָט זיי געענטפֿערט? — פֿרעג איך אים.

— פֿאַרשטייט זיך. — זאָגט ער — זיי זײַנען דאָך מײַנע לייענער.

— מען האָט געהאַט טענות צו אײַך, — זאָג איך אים — צו אײַער „מלך בשׂר ודם", אַז איר האָט זיך דערלויבט צו פֿיל פֿרײַקייט באַנוצנדיק זיך מיט היסטאָרישע געשטאַלטן. עס מוז דאָך זײַן אַ גרענעץ — האָט מען געזאָגט — צו פּאָעטישער פֿרײַקייט.

— די גרענעץ ליגט אין פּאָעט.

גייט אַריבער אונדזער שמועס צו זײַנע טעאַטער־ווערק. ער דער־ציילט מיר, אַז מען גייט שפּילן אין תּל־אָבֿיבֿ זײַנע אַ נײַע דראַמע.

— וואָס איז איר אינהאַלט?

— עס איז אַ מעשׂה וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף איין הויף. דאָס הויז האָט געהערט פֿאַר דער באַפֿרײַונגס־מלחמה צו אַן אַראַבער. אין דער צײַט

פון דער מלחמה איז דער אראבער אוועק אויס מורא, געלאזן זיין הויז אויף הפקר. יידן האבן זיך אהין אריינגעצויגן. אין א פאר חדשים ארום איז דער אראבער צוריקגעקומען. ער איז דאך דער בעל־הבית. וואס וועט זיין מיט אים? וואס וועט ער טאן? וואס וועלן די שכנים טאן מיט אים? אן אומרויקייט, א פראבלעם. וואס זשע לאזט זיך אויס? מען קומט דורך. מען געפינט א פשרה. אלע זיינען דאך מענטשן. דער אראבער איז אויך א מענטש. מען לעבט זיך צונויף צוזאמען. מען צאלט קליינע דירה־געלט לויטן געזעץ און דער אראבישער בעל־הבית בארויקט זיך. עס שטעלן זיך איין גוטע באציונגען צווישן די יידן און דעם אראבער. עס איז דא א פארשטענדעניש צווישן מענטשן, צווישן פעלקער.

— מיינט איר, אז מען קאן אזוי דורכקומען מיט אלע אראבער? מיינט איר, אז מען דארף זיי אלע אריינלאזן, אפגעבן זייערע הייזער, זייערע פעלדער, זייערע פארמעגנס? דארף זיין אייער דראמע אן אנווייז ווי אזוי צו האנדלען? העלפן שאפן א געהעריקע אטמאספער פאר דעם?

— דאס זאג איך ניט. — ענטפערט משה שמיר — דאס איז שוין איצט אוממעגלעך.

— האט איר אן אנדערן וועג ווי צו קומען צו א טאלק?

אויף דעם באקום איך ניט קיין קלארן ענטפער, חוץ:

— עס איז א שווער פראבלעם. מען מוז אבער געפינען אן אויסוועג.

אט גרייט מען זיך צום יום־טוב פון צען יאר מדינת־ישראל. משה שמיר האלט, אז עס וועט זיין א גרויסער יום־טוב. עס גרייט זיך צו דעם אויך די ליטעראטור. עס ווערט געגרייט א גרויסע אנטאלאגיע פון דער יונגער העברעישער ליטעראטור.

— צוואנציק נאוועלן, — זאגט מיר משה שמיר — ארום צוואנציק פאעטן וועלן זיך באטייליקן. עס וועט זיין ממש א געשעעניש. עס וועלן זיין ניט נאר גוטע, נאר גרויסע שרייבער. אזעלכע זיינען זייערע ווערק, וואס קומען אריין אין דער אנטאלאגיע.

— מען קריטיקירט, מען רייסט דאך ארונטער די נייע, די יונגע? —פרעג איך.

ענטפערט ער אזוי:

— עס וועלן זיין אויסגעצייכנטע לידער, פיינע ווערק. עס איז שוין אזוי דער שטייגער אין דער וועלט — די עלטערע רייסן ארונטער די יינגערע, און פארקערט, די יינגערע רייסן ארונטער די עלטערע.

מיר ריידן וועגן בילדונגס־פראבלעמען, דערציונגס־פראבלעמען, סאָ־ציאלע ענינים, יוגנט־פראבלעמען אין מדינת־ישראל. זאג איך צו אים: „מען באשולדיקט דאך די ישראל־יוגנט, אז זי לייענט נאר ביליקע ליטעראַ־טור, אמעריקאנער 'בעסט סעלערס'".

ענטפערט ער מיר מיט א פאקט:

— נו, אַט זעט איר דאָך, מײַן בוך „מלך בשׂר ודם" איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין דרײַסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

— דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער פֿאַקט. דער פֿאַקט לייקנט אָפּ, אַז עס זײַנען דאָ לייענער נאָר פֿאַר ביליקער ליטעראַטור.

דורך זײַן פֿענצטער זעט מען, ווי עס לויפֿט פֿאַרבײַ די באַן. ווען מען זאָל לאָזן, ווען די גרענעצן וואָלטן ניט זײַן קיין פֿאַרשטעלטע, וואָלט די באַן געקאָנט לויפֿן ווײַט, לויפֿן פֿון דאַנען קיין קאַירע, און ווײַטער און ווײַטער. זײַנען אָבער דאָ גרענעצן, זײַנען דאָ אַראַבישע שׂונאים. לויפֿט פֿאַרבײַ די באַן נאָר אַ קורצע שטרעקע. דערציילט ער ווען זײַנעם אַ שכן, אַן אַלטן לאָקאָמאָטיוו־פֿירער, וואָס פֿלעגט פֿירן אַ מאָל זײַן לאָקאָמאָטיוו ווײַט־ווײַט אין די לענדער פֿון מיטעלן מזרח. ער קאָן דאָס ניט פֿאַרגעסן, דער געוועזענער לאָקאָמאָטיוו־פֿירער:

— ווען וועט שוין אַרויספֿאָרן די באַן פֿון לוד נאָך אַ מאָל אין דער ווײַט?

אַז מען קוקט אַרויס פֿון שמירס פֿענצטער, זעט מען אין דער ווײַטקייט ניט נאָר די שכנותדיקע לענדער. מען זעט אויך דעם היסטאָרישן שטח פֿון דער ייִדישער געשיכטע, דעם שטח פֿון תנ"ך. אַרום און אַרום איז דאָך געווען ארץ־ישׂראל.

— מורא... — זאָג איך צו אים — לאַנגער קריגס־צושטאַנד, שטענדיקע אומרויִקייט. מצרים, סיריע, ירדן — אַנשטאָט שכנים זײַנען עס שׂונאים. ווי לאַנג קאָן מען לעבן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון אומרויִקייט?

פֿלעפֿט ער מיך מיט זײַן ענטפֿער:

— אומרויִקייט? אומרויִקייט?.. — פֿרעגט ער איבער און זאָגט — קיין זאַך איז ניט אַזוי זיכער ווי מדינת־ישׂראל.

— זיכער? — פֿרעג איך איבער.

— זיכער ווי דער אויפֿגאַנג פֿון דער זון יעדן טאָג. — ענטפֿערט ער מיר.

— ווו נעמט איר די זיכערקייט? — פֿרעג איך אים — איר קוקט אין די צײַטונגען — ניטאָ דאָרט קיין זיכערקייט; איר הערט די ראַדיאָס — ניטאָ דאָרט קיין זיכערקייט; איר הערט די רעדעס — ניטאָ אין זיי קיין זיכערקייט. טאָ וווּ זשע נעמט איר פֿאָרט די זיכערקייט?

— אין זיך. — זאָגט ער, און חזרט איבער נאָך אַמאָל — אין זיך. אין זיך איז די גרעסטע זיכערקייט. די זיכערסטע.

— אָבער בן־גוריון רעדט דאָך — זאָג איך צו אים — וועגן אומזיכערקייט, וועגן נייטיקן וואָפֿן, וועגן שוץ פֿון די גרענעצן, וועגן סכּנות פֿון שׂונאים.

— בן־גוריון דאַרף אַזוי ריידן יעדן טאָג. — זאָגט משה שמיר — עס איז אָבער זיכער און עס וועט זײַן זיכער.

זאָל איך ניט מאַכן קיין טעות. עס איז ניט סתם אַזוי ביַי אים אַ בלינדע זיכערקייט. ער ווייס גוט, אַז עס זיַינען דאָ שטערונגען, שונאים, עס איז דאָ אַ פֿינצטערע וועלט־פּאָליטיק. „איר קאָנט ניט מבֿטל מאַכן קאַמאַרעס וואָס ביַיסן אייַך.” — זאָגט ער — „נח וואָלט עס געוווּן געקאָנט, ווען ער וואָלט געוווּן אומגעבראַכט די פּאָר קאַמאַרעס ביַי זיך אין דער תּיבֿה. נו, זיַינען זיי דאָ, די קאַמאַרעס. נו, ביַיסן זיי פֿון מאָל צו מאָל. איז וואָס? לעבט מען ניט? ווערט מען אומרויִק צוליב דעם? מוז מען עפּעס טאָן קעגן זייער ביַיסן. אָבער עס איז ניטאָ קיין אומרויִקייט וועגן עקסיסטענץ. עס איז נאָר אַ פֿראַגע וועגן אופֿן פֿון אונדזער לעבן. ווי וועלן מיר אויסזען אין דער צוקונפֿט? אָבער געדענקט, עס איז ניט קיין פֿראַגע וועגן עצם פֿון אונדזער עקזיסטענץ.

נאָך אַ וויַילע טראַכטעניש גיט ער צו:

— געוויס מוזן מיר האָבן שלום, שלום־אָפּמאַכן. מיר מוזן איינ־שטעלן קאָאָפּעראַציע מיט דער אַראַבישער וועלט. מיר מוזן האָבן אויך קולטורעלע קאָאָפּעראַציע.

— ווי אַזוי וועט איר עס מאַכן? — פֿרעג איך אים.

— אויף דעם קאָן איך ניט ענטפֿערן. דאָס ווייס איך ניט איצט. איך ווייס נאָר, אַז מיר מוזן עס האָבן.

ער ברענגט אויך אַרויס זיַין קעגנערשאַפֿט צו בן־גוריונס אַ ריי האַנד־לונגען, און ער זאָגט אַזוי:

— יאָ, מיר מוזן האָבן שלום. ווי אַזוי? ווי געזאָגט שוין, ווייס איך ניט, אָבער ווייסן ווייס איך יאָ, אַז בן־גוריון טוט ניט דאָס ריכטיקע פֿאַר דעם, פֿאַרן קומענדיקן שלום. מען דאַרף וועלן שלום נאָך שטאַרקער ווי מען וויל נצחון אין אַ מלחמה.

ער זאָגט מיר עפּעס וועגן די טענות וואָס מען האָט צו דער ישׂראלער יוגנט:

— זאָל מען נאָר ניט שלעכט ריידן אויף אונדזער יוגנט. מיר האָבן אַ יוגנט, און אַ גוטע יוגנט. אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר פֿאַרן צוזאַמענגאָס פֿון דער יוגנט איז די אַרמיי. די יונגע מחנות אין דער אַרמיי גליַיכן אויס, גיסן צוזאַמען די פֿאַרשיידענע מינים ייִדן, די פֿאַרשיידענע אָפּשטאַמען. פֿון זיי אַלעמען ווערט איינס.

פֿרעג איך אים וועגן דער ראָלע פֿון דער אַרבעטער־יוגנט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. לאָזט מען צו די יוגנט צו דער אָנפֿירונג? לעבן זיך צונויף דאָרטן די דורות? ענטפֿערט ער מיר:

— אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז די יוגנט גענוג גרויס אין צאָל, מער ווי די עלטערע. נאָר די אַלטע פֿירער לאָזן ניט צו צו דער פֿירערשאַפֿט די נייַע, די יונגע. אַנדערש איז אָבער אין דער אַרמיי. דאָרטן מוז מען צולאָזן די יוגנט. דער ענין איז צו ערנצט. מלחמה־סכּנות איז ניט קיין

שפּילכל. דאַרף די אַרמײ זײַן גרייט. מען מוז האָבן יונגע סאָלדאַטן, יונגע אָפיצירן, יונגע קאָמאַנדירן, יונגע גענעראַלן. יוגנט.

— האַלט איר ניט, — פֿרעג איך אים — אַז די אַרמײ, די קאַזאַרמע, די אַרמײ־דיסציפּלין קאָן שלעכט ווירקן אויף דער יוגנט?

— מיר האָבן פֿאַר דעם ניט קיין מורא. בײַ אונדז איז פֿאַראַן אַ גוטער אַרמײישיכט. בײַ אונדז וועלן קיין „דײַטשע יונקערס" ניט זײַן. מיר זײַנען נײַ. מיר זײַנען יונג. מיר זײַנען פֿאָלק!

ער אַליין איז געווען אין דער אַרמײ.

— האָט איר זיך באַטייליקט אין שלאַכטן? — פֿרעג איך אים.

— יאָ, זיך באַטייליקט, — ענטפֿערט ער — אָבער ניט אין קיין סד.

ריידן מיר וועגן נאָענטן מזרח, וועגן סאָציאַליסטישע עלעמענטן בײַ אַראַבישע פֿעלקער, וועגן סאָציאַליסטישע ריכטונגען און קאַמפֿן צווישן סאָציאַליסטן אין מדינת־ישׂראל. ער רעדט וועגן די ענינים ווי אַ היימישער. ער קען אויך די פּראָבלעמען פֿון דער ווירטשאַפֿט פֿון מדינת־ישׂראל, פֿון ווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען, פֿון דער באַטייליקונג פֿון דער הסתּדרות אין דער ווירטשאַפֿט, פֿון אירע פֿעלערן. האַלטן מיר דערבײַ, באַריר איך אַן ענין וואָס האָט אַ שייכות צו דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מדינת־ישׂראל — דעם ענין רוסלאַנד, מפּ"ם, „פֿרײַנד פֿון סאָוועטישע שלום־פֿראָנטן".

— אײַער נאָמען — זאָג איך אים — איז דאָך געווען פֿאַרבונדן מיט אָט די פֿראָנטן.

אויף אָט דער פֿראַגע ענטפֿערט ער ניט גלײַך. טראַכט אַ היפּשע ווײַלע. נאָכדעם ווען ער גיט מיר זײַנע ענטפֿערס, קורצע און שאַרפֿע, זע איך, אַז אין אים איז פֿאָרגעקומען אַ טיפֿע ענדערונג אין דער באַציִונג. ער האָט געמאַכט אַן אייגענעם חשבון־הנפֿש. ער האָט דורכגעקוקט די מעשׂים פֿון קאָמוניזם, אויך די מעשׂים פֿון מפּ"ם. אויף אים האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק די מעשׂה כרושטשאָוו, די ווידוים פֿון געוועזענע סאָוועטישע באַרימטע שרײַבערס. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער אַרויסגעקומען מיט זײַן ווידוי אין „על המשמר", אין דער צײַטונג פֿון מפּ"ם — אַ ווידוי וואָס טראָגט דעם נאָמען „לוחות שבורים". אָט איז עפּעס פֿון דעם וואָס ער האָט געזאָגט:

— אין אונדזערע גרונט־השקפֿות וועגן וועלט, וועגן סאָציאַליזם, איז פֿאָרגעקומען אַ טיפֿע אויפֿטרייסלונג, אַן ערד־ציטערניש. מיר מוזן איצט דורכמאַכן אַ גרינטלעכע זעלבסטקריטיק. מיר קענען מער ניט זײַן ווי נעכטן און אייערנעכטן.

אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן האָבן זיך די חסידים פֿון סאָוועט־רוסלאַנד, פֿון קאָמוניזם, צוגעווינט צו אויפֿטרייסלונגען, צו ערד־ציטערנישן. די לעצטע ערד־ציטערניש, כרושטשאָווס, איז אויך אויפֿגענומען געוואָרן

לכתחילה ווי א נאטור־אומגליק — ערגעץ ווו אַן אויפטרייסלונג, ערגעץ ווו א שריפה. אין מאָסקווע האָט מען אַראָפגעזעצט אַ פּאָר פירער, ארויפגעזעצט אַנדערע. עס וועט זיך סוף כל סוף איינשטעלן, איינאָרדענען. אַזוי האָט עס לכתחילה אויסגעזען. אָבער שוין ניט איצט אַזוי.

עס קאָן מער אַזוי ניט גיין. — זאָגט שמיר — מען קאָן ניט ביי דעם בלייבן שטיין.

— אין גיכן וועט ווידער איין וואָלף שטאַרקער ווערן פון צוויטן, אַ נייער וואָלף וועט צעפּליקן אַן אַלטן וואָלף. אויב מען וועט רופן די וועלף שעפּסן, אָדער ווייסע שעפּסן, אָדער שוואַרצע שעפּסן, וועט עס גאָרנישט בייטן דעם עצם פון דער לאַגע. מער קאָן אַזוי ניט גיין. וועלף זיינען וועלף!

ער קומט צו אַזאַ אויספיר:

— דער וואָרצל פון שלעכטס שטעקט ניט אין סטאַליניזם, נאָר אין סאַמע עיקר, אין שורש, אין לעניניזם.

ער גייט נאָך ווייטער:

— ניט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט פּלעקן, פעלערן, ניין — די עצם טעאָריע פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז אין גרונט געשלאָגן. זי איז אין גרונט שלעכט.

— די דיקטאַטור דערוועקט פיינד און פיינד, פּראָלעטאַריער און בורזשואַזיע; צעשטערט דעם שקר מיטן אמת צוזאַמען; פאַרשטיקט די שטים פון דעם אַרבעטנדיקן און די שטים פון זיינע שונאים. אַלע, אַלע ווערן דערשטיקט.

ער האַלט, אַז עס איז נייטיק אַ שאַרפע רעוויזיע אין די ביזאיצטיקע אינווייניקסטע באַציִונגען אין ישראל גופא:

— דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור, — זאָגט ער — אַ דיקטאַטאָרישער רעזשים איז שלעכט פאַר די באַהערשטע. אַ דעמאָקראַטישער רעזשים קאָן טאַקע זיין שווער פאַר די רעגירער, אָבער ער איז גוט פאַר די רעגירטע.

גוטס און שלעכטס זיינען צוויי וועגן. גיין מיטן וועג פון גוטס קאָן זיין דער גאַנג שווערער, קאָמפּליצירטער. עס קאָן זיין איינפאַכער צו גיין מיטן וועג פון שלעכטס. אָבער מען טאָר מיט אים ניט גיין. עס איז דאָ נאָר איין וועג, און דאָס איז דער וועג פון גוטס. מען קאָן ניט זיין היינט שלעכט און אָפּלייגן דאָס גוטע אויף מאָרגן, אויף שפּעטער. דאָס גוטע וועט זיין גוט היינט אָדער קיין מאָל ניט. דער וואָס לייגט אָפּ די וועלט פון טוב אויף דער צוקונפט איז אָדער אַ רוצח אָדער אַן אַגענט פון רוצח.

— דער וואָס נעמט צו מיין קינד פון מיר היינט צוליב דעם וואָס אין קומענדיקן יאָר וועלן אַלע מענטשן זיין ברידער, צו דעם זאָג איך: „זייט ברידער היינט. גייט אַרויס אויף דער גאַס און זייט שוין היינט ברידער, זייט שוין גוט. לייגט עס ניט אָפּ אויף שפּעטער."

זיין אויספיר איז אַזאַ:

— אין דעם וואָס איך האָב געזאָגט איז דאָ מער ברוכשטיקער ווי לוחות. אָבער איין זאַך איז קלאָר, איז אויסער יעדן ספק: מיר מוזן מאַכן חשבון־הנפש, און אַ גרינטלעכן און אַ טיפן.

אונדזער שמועס גייט אַריבער צו די באַציִונגען צו דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור, צום ייִדישן לשון בכלל.

אָט הער איך:

ער איז מיט אַ צייַט צוריק אַרויסגעטראָטן אויף אַ שרייַבער־קאָנפערענץ אין תּל־אָבֿיבֿ מיט אַ רעדע וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור. זייַן רעדע האָט געהאַט סיי שאַרפע טענות סיי אַ היפּש ביסל אָפּטימיזם. ער האָט גערעדט לכתחילה וועגן אַ באַרג־אַראָפּ פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, אַז די וועטעראַנען האָבן כמעט אויפגעהערט צו שרייַבן נייַע ווערק. ווען ניט די ליטעראַרישע פּרעמיעס, וואָס זיי באַקומען פון מאָל צו מאָל, וואָלטן זיי שוין פאַרגעסן געוואָרן.

ער האָט אויך קריטיקירט די ייִנגערע. „חיים הזז" — האָט ער געזאָגט — „שרייַבט איבער נאָך אַ מאָל און אַרבעט איבער זייַנע אַלטע דערציי־לונגען." ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז מען שרייַבט נאָך, אָבער ניט ממשותדיק. ער האָט אויך קריטיקירט די וואָס קערן זיך צו רעליגיע, און האָט דערבייַ געזאָגט, אַז די ייִדישע ירושה פאַר דער ישׂראל־יוגנט וועט מער ניט זייַן רעליגיעזע איבערלעבונג. אַ ביטערער געפיל פון זעלבסט־אַנטוישונג — האָט ער געזאָגט — האָט אַרומגענומען שרייַבער פון דער יונגער גוואַרדיע.

און דאָך —

דאָך האַלט ער, אַז מען געפינט זיך איצט אין מיטן אַ רענעסאַנס־עפּאָכע, וואָס וועט שטעלן אין שאָטן די עפּאָכע פון חיים־נחמן ביאַליק. אויב עס מערקט זיך אַ ירידה, איז עס אַ ירידה וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן עליה. אַ ריח פון רענעסאַנס האָט זיך אָנגעטראָגן אין דער לופטן. מיר שטייען בייַ דער עפּאָכע פון לייגן יסודות.

— ווו מערקט מען דאָס?

— אין דער אַנטוויקלונג און אין חינוך, אין וווּקס פון יישובֿ, אין דער וויסנשאַפט. טויזנטער געזונטע קערנער זייַנען שוין באַהאַלטן אין אונדזער באָדן. זיי וואַקסן שטילערהייט און קיינער זעט זיי ניט. מיר קאָנען דורכטראָגן אַפילו אַ צייַטווייַליקן שטילשטאַנד אָדער אַן אָפּשוואַכונג אין דער ליטעראַרישער שאַפונג, עס וועט אָבער אַרויסקומען נייַס.

זייַן אָפּטימיזם גרייכט צו דעם:

— די אויפלעבונגס־צייַט פון ביאַליקס דור וועט אויסזען אין דער צוקונפט ווי אַ באַשיידענע סובטראָפּישע פלאַנץ אין צפון־קלימאַט אין פאַר־גלייַך מיט די וועלדער וואָס וועלן זיך צעוואַקסן אין אונדזער ליטעראַטור. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן דעם איטאַליענישן רענעסאַנס אָן דעם אוניווערסיטעט פון פלאָרענץ? קאָנסטו זיך פאָרשטעלן דעם ענגלישן רענעסאַנס אָן אָקס־

פֿאָרד און קעימברידזש? אַזוי וועט אויסזען דער אָרט פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין אונדזער דור.

איך פֿיל אין שמועס זײַן ווײַטקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי די ייִדישע און העברעיִשע ליטעראַטורן וואָלטן זײַן צוויי ווײַטע לענדער וואָס ליגן איבער ימען.

— איך קען אַזוי ווייניק די ייִדישע ליטעראַטור. — זאָגט ער — איך קען זי ניט לייענען אין אָריגינאַל. איך קען ניט קיין ייִדיש. איך האָב קיין מאָל ניט געלערנט קיין ייִדיש.

דאָס פֿאַרדריסט אים אָבער. ער זעט איצט, אַז עס איז געווען אַ גרויסער פֿעלער. אַזוי האָט ניט געדאַרפֿט זײַן. מען מוז קענען ייִדיש!

— עס איז אַן אויסטראַכטעניש, — זאָגט ער — אַז אונדזער אינטערעס האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון די געוועזענע דורות. מײַן אינטערעס גייט אַלץ טיפֿער אין גלות אַרײַן. ער גייט צום רמבם, צו יהודה הלוין, צו חסידות, צו קבלה. עס איז געווען אַ פֿעלער אין מײַן לעבן, וואָס בלויז לעצטנס האָב איך געקערט מײַן אינטערעס צו דעם.

ניט נאָר צום תנ"ך, ניט נאָר צו דער ווײַטער ייִדישער געשיכטע, נאָר צו אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט אונדזער פֿאָלק אין זײַן גלות. ער מוז זיך נעמען לערנען ייִדיש, לערנען מער די פֿאַרגאַנגענהייט. און אָט זאָגט ער מיר זײַנעם אַ נײַעם שרײַבערשן פּלאַן:

— איך קלײַב זיך צו שרײַבן אַ ווערק וועגן ייִדישן שטעטל.

— איר? איר זײַט דאָך קיין מאָל אין אַ שטעטל ניט געווען. ניט געווען אין בעטשאַטש, ניט געווען אין קוטנע. איר קענט דאָך זיי ניט. עס איז דאָך פֿאַר אײַך געווים פֿרעמד.

— נו, — ענטפֿערט ער מיר — און ינאַי־המלך האָב איך געקענט? נו, און אין אוריה־החתים שטעטל בין איך געווען? איך וועל פּרובירן זען בעטשאַטש מיט די אויגן פֿון אַ סאַברע, דערפֿילן דאָס שטעטל מיטן האַרץ פֿון אַ סאַברע.

בין איך טשיקאַווע צו וויסן:

— איר זײַט געווען אַ תּלמיד אין דער גימנאַזיע הרצליה. פֿון וואַנען קענט איר די אַלטע ייִדישקייט, די אַלטע מנהגים? ווו האָט איר זיי גע־לערנט? אין קיין ישיבֿה זײַט איר דאָך ניט געווען?

— איך בין אַן אַליין־לערנער, — ענטפֿערט ער — אַן אויטאָדידאַקט. איך פֿאַרבינד זיך מיט תּלמידי־חכמים, לערן בײַ זיי. איך פֿאַרבינד זיך מיט יונגע מלומדים, מיט יונגע ייִדישע געלערנטע, געבאָרענע אין ארץ־ישׂראל, אָדער למדנים, ניט געבאָרענע אין ארץ־ישׂראל, געקומענע פֿון דער ווײַטנס, אָבער וואָס זײַנען גײַסטיק ארץ־ישׂראלדיקע.

— למשל, יזהר סמיליאַנסקי, מען האָט צו אים אויך טענות, פֿאַר וואָס ער גייט אַוועק אין זײַנע ווערק פֿון די ברענענדיקע הײַנטיקע פּראָבלעמען,

גייט אוועק אין דער ווײַטער געשיכטע, און עס קאָן מאַכן אַן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון הײַנט.

— עס איז אָבער ניט ריכטיק. — זאָגט ער — איך אַנטלויף ניט. מען קאָן ניט אַנטלויפֿן. ווען די טעמאַטיק פֿון אַ בוך איז אַפֿילו די ווײַטסטע געשיכטע, איז אָבער אין דעם בוך דאָ דעם שרײַבערס הײַנט.

ער דערציילט מיר אַגבֿ אויך, אַז ער קלײַבט זיך צו שרײַבן אַ ווערק, אין וועלכן עס זאָל זײַן ישׂראל פֿון יאָר 1957.

— עס איז דאָך איצט אין ישׂראל אַזאַ פֿאַרביקע, אַזאַ פֿאַרשיידנאַרטיקע ייִדישע וועלט. אין דער שכונות פֿון תּל־אָבֿיבֿ זײַנען דאָך דאָ אַלע מינים ייִדישע וועלטן. עס איז אַ שאָד פֿאַרן שרײַבער.

כּדי צו באַווײַזן, אַז ער רײַסט זיך ניט אָפּ פֿון הײַנט, דערמאָנט ער מיר:

— אין נאָוועמבער וועט מען דאָך שפּילן מײַן נײַע דראַמע „מאַגדות לוד". איז עס דאָך אַ ווערק פֿון דער הײַנטיקער ווירקלעכקייט.

משה שמיר פֿירט מיך אַרויס פֿון זײַן שכונה. דאַרפֿן מיר שטיין בײַם וועג און וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. עס לויפֿן אויטאָמאָבילן, לאַסטוועגענער, אויטאָבוסן. און אָט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל.

— שלום, משה!

עס זײַנען אָנגעפֿאָרן אומגעריכט זײַנע טאַטע־מאַמע מיט באַקאַנטע. זיי פֿאָרן אין אַ קיבוץ. פֿאַרבײַגעפֿאָרן די שכונה פֿון זייער זון, אומגעריכט דערזען אים בײַם וועג און זיך אָפּגעשטעלט. טאַטע־מאַמע און זון האָבן זיך דערפֿרייט:

— שלום! און שלום!

זיי האָבן ניט קיין צײַט צו בלײַבן לענגער שטיין. אַ פּאָר ווערטער אַהער, אַ פּאָר ווערטער אַהין. אַ שלום־עליכם צו מיר, איך — צו זיי. און זיי דאַרפֿן פֿאָרן ווײַטער. געזעגנט מען זיך. אָוועקגעפֿאָרן די עלטערן מיט זייערע פֿרײַנד, דאַרף איך זיך אויך זעגענען. זאָג איך אים צום סוף:

— שמיר, איך וואַרט אויף אײַער נײַ ווערק וועגן ייִדישן שטעטל. און נאָך עפּעס: איך האָף, אַז בײַ דער צווייטער באַגעגעניש וועלן מיר שוין קאָנען ריידן אויך ייִדיש, אויפֿן לשון פֿון די קדושים.

— לאָמיר האָפֿן. — איז געווען זײַן ענטפֿער.

געזעצט און געדרוקט ביַי
מאַרסטין פּרעס, אינק',
228 איסט 45 סט', ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן